STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05156

TSVISHN ALT UN NAY

Shmuel Yosef Agnon

Permanent preservation of this book was made possible
by Herman & Rosalie Rosenbaum
in memory of
Anna & Louis Rosenbaum of Spring Valley, NY

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל יוסף עגנון

צווישן אַלט און ניי

ייִדיש: חיים גורט

שמואל יוסף עגנון

צווישן אַלט און ניי

אויסדערוויילטע דערציילונגען

ייִדיש: חיים גורט

אַריינפֿיר-וואָרט: דב סדן

פֿאַרלאַג „ישׂראל-בוך“
תל-אביב, תשל״ט — 1978

BETWEEN OLD AND NEW

Selected Stories

By **S. Y. Agnon**

Yiddish: **Chaim Gurt**

Publishing-House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

צווישן אַלט און ניי

אויסגעוויילטע דערציילונגען

פון שמואל יוסף עגנון

יידיש: **חיים גורט**

פאַרלאַג „ישראל-בוך", תל-אביב, רח' איתמר בן-אבי 4

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון:
קרן תל-אביב לספרות ולאמנות;
און קרן אליעזר פינס לתרבות ולספרות.

©

כל הזכויות שמורות להוצאת שוקן בע"מ, תל-אביב

Copyright by Schocken Publishing House Ltd., Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel 1978 — נדפס בישראל תשל"ט

דפוס „להב", רח' המסגר 60, תל-אביב, טל. 36564

דאָס בוך דערשיינט לזכרון פונעם
איבערזעצער חיים גורט —
געב. 22.7.1906; געשט. 24.8.1975.

דער פאַרלאַג

דב סדן

אַריינפיר־וואָרט

וועגן חיים גורט און זיין אַרום

א

איך וויל אָנהייבן מיט אַ מעשׂה שהיה כּך היה: צוויי ברידער, וואָס זענען אַוועק פון אונדזער דאָרף, בראָד ישן, און זענען פאַר־וואָגלט ערגעץ ווייט־ווייט, און מען האָט זיי פאַרגעסן, האָבן זיך אָבער פּלוצים געיאָוועט אויף אַ צוויי־דריי טאָג, און זענען שבת געקומען אין בית־מדרש אַרײַן — צוויי הויכע זקנים, דאַר און קוואַר, ממש הויט און ביין, אַזוי אַז מען האָט אַרויסגעזען די בולטע שטשאָקעס פון די גלאַט געגאָלטע באַקן, האָבן, אָבער, בעיקר ביי אונדז, יונגוואַרג, אויסגענומען מיט זייערע געפּאַסטע געקעסטלטע הויזן און זייערע הויכע ברוינע צילינדערס. בלויז די עלטסטע דריי ייִדן, וואָס האָבן יעדער איינער געהאַלטן איבער די הונדערט, האָבן עפּעס מער געוווּסט וועגן די געסט, און האָבן זיך מסתּמא נישט געחידושט, וואָס מען האָט זיי געמוזט אויסלײַען טליתים, און ווען מען האָט דעם עלטערן פון די צוויי ברידער אויפגערופן צו דער תּורה, האָט ער מער נישט געקענט מאַכן די ברכה, נישט אויסנ־ווייניק און נישט אינעווייניק, אַזוי אַז דער גבאי פון דער עמידה האָט אים געמוזט פּירזאָגן, וואָרט ביי וואָרט, ווי עס איז זיך נוהג דער מסדר־קידושין, פּירזאָגנדיק דעם חתן דעם הרי את. אָבער דער איבעריקער עולם, טאַטעס און קינדער, איז געווען כּולו חידוש, און כּדי די געסט נישט מבייש צו זײַן, האָט ער זיך נישט דער־לויבט, וואָס עס האָבן זיך דערלויבט די דריי עלטסטע מתפּללים — אַ פּינטל מיטן אויג, אַ האַלבן קרעכץ, אַ שעפּטש: אוי, אַז אַ ייִד שפּאַרט אָן עק וועלט; און אין בית־מדרש איז געווען שטיל ווי אין אויער. ערשט נאָכן דאַווענען, ווען די צוויי ברידער האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרבעטן צו דער שבתדיקער סעודה בײַם גבאי, און האָבן זיך געלאָזט אין דער נאָענטער שטאָט אַריין, בראָד, ווו זיי

זענען איינגעשטאַנען אין האָטעל גאָט (אַזוי האָט דער בעל־בית געהייסן), האָט דער עולם אויפן וועג אַהיים — אַ שמאָלע און לענגלעכע סטעזשקע צווישן פעלדער — זיך צעשמועסט, ווי ער פלעגט דאָס טאָן אַ יעדן שבת, וועגן כּלערליי ענינים און בעיקר וועגן די צוויי ברידער און זיך בעיקר געחידושט, ווי עס איז זיי איינגעפאַלן זיך צו פּאַרוואַלגערן ווייט־ווייט, ווו זיי זענען אַזוי פון ייִדישקייט אָפּגעפרעמדט געוואָרן. דאָ האָט זיך, ווי געוויינטלעך, מיט אַ מענטאַרישן טאָן, אַריינגעמישט אונדזער היימישער משׂכּיל — אַ ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד און אין אַ לאַנגן שוואַרצן ראָק און אַ נאָך שוואַרצערן האַלב־צילינדער, און גענומען אויסברייטן, אַז ייִדן מוזן זיין צעשפּרייט אומעטום, דען אַזוי האָט דאָך געטענהט ר׳ מנשה בן ישׂראל אין זיין ספר „מקוה ישׂראל״ — (און דאָס איז גאָר אַ וואָזשנע ספר, אַ סימן אַז ר׳ משה מענדעלסאָן אַליין האָט עס איבערגעזעצט), — און האָט אויסגעפירט: אַזוי לאַנג עס איז נאָך דאָ אַ ווינקל אויף דער וועלט אָן אַ ייִדן, קען משיח נישט קומען, און קאָנקלודירט: היינט ווייטער, אַז ייִדן געפינען זיך אַפילו אין אויסטראַליע, מעג ער שוין קומען.

דער באַטאָן פון וואָרט: אַ פּ י ל ו, האָט געמיינט: באמת עק וועלט. איז עס דאָך דער סיי ייִנגסטער סיי ווייטסטער וועלט־טייל אויפן ערד־קיילער.

ב

אָט די מעשׂה שהיה האָב איך דערציילט, ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט חיים ג ו ר ט, ווען ער איז געקומען פון אויסטראַ־ליע — אַ ז ש פון אויסטראַליע — זיך באַזעצן ביי אונדז אין לאַנד (1958), תּחילת אין ירושלים און שפּעטער אין תּל־אָביב, ווו ער איז אויך נפטר געוואָרן (1975). ביי דער באַגעגעניש האָב איך געהאַט דריי טעותים. ערשטנס — געזען אַ מאַן פון אַ ברייטלעכער און נידעריקער סטאַטור, די אויגן אונטער דיקלעכע גלעזער, וואָס האָבן געקוקט שאַרף אָבער מיד, ווי עס איז דער בליק פון די, וואָס האָבן אייביק צו טאָן מיט די קליינע אותיות, האָב איך אים געהאַלטן אַ סך עלטער פון מיר, און ערשט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז ייִנגער מיט פיר יאָר. צווייטנס, פון זיין חיתּוך הדיבור, וואָס האָט געהאַט אַ בפירוש ליטווישע דאָמינאַנטע, האָט ער זיך מיר אויסגעוויזן אַ ליטוואַק, און ערשט שפּעטער האָט

זיך אַרויסגעשטעלט אַז ער איז געבוירן (1906) אין סאַמע האַרצן פון פּוילן — בזשעזשין, פון וואַנעט עס האָט געשטאַמט זיין מוטער, (משפּחת הערשנבערג, פון וועלכער עס האָט אויך געשטאַמט דער באַרימטער מאָלער שמואל הירשנבערג), און האָט זיך געכאָוועט אין שטעטל גלאָוונאָ, וואָס אין איר סביבה, אין דאָרף קוזשעלאָק, האָט זיין זיידע געהאַט אַ גוט, און זייענדיק אַ פאַרמעגלעכער בן־תּורה, האָט ער געהאַלטן גוטע מלמדים פאַר זיינע צוויי זין; און איינער פון זיי איז געווען חיימס פאָטער, בערל גורט. דריטנס, האָב איך, לויטן רושם פון זיין למדנישן געדאַנקען־גאַנג און דעם אופן זיך אויסצודריקן, און אַפילו לויט זיין שרייב־סטיל, אים, אין דער געוויינלעכער טיפּאָלאָגיע, פאַררעכנט פאַר אַ מתנגד, און ערשט שפּעטער האָב איך פאַרנומען, אַז דער זיידע איז גאָר געווען אַ חסיד, און אַ גראַדזשיסקער דערצו, און פלעגט, יאָר־יערלעך, פאָרן צום רבין אויף ימים נוראים, מיטנעמענדיק זיינע ביידע זין.

וואָס שייך חיימס כּלל־ביאָגראַפיע, — לאָזט זי זיך נישט אָפּזוכן אין לעקסיקאָן, וואָס האָט אים מיט אומרעכט איבערגעהיפּערט. וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט אירע עיקר־שטריכן: נאָך אַ קינד, איז אים די מאַמע פּרי געשטאָרבן, און ער האָט זיך געדאַרפט כאָ־ווען ביי זיין מאַמעס אַ שוועסטער, איז אָבער גיך צוריק צום טאַטן, קיין גלאָוונאָ, און אַזוי ווי דער טאַטע האָט פאַרלוירן זיין ירושה אין קוזשעלאָק און איז בדיל־הדל געוואָרן, האָט אים דער יונגעטשקער חיים געמוזט צוהעלפן צו דער פּרנסה. אָבער דאָס האָט נישט פאַר־מינדערט כּהוא־זה זיין איינגעבוירענע תּאווה צו לערנען, און ער האָט טאַקע געלערנט — גמרא ביי אַ מלמד, תּנ״ך ביי זיך אַליין, און תּנ״ך האָט שוין ממילא געפירט צו השׂכּלה־ליטעראַטור, מאָ־דערנע ליטעראַטור. אויך אין כּלל־לימודים איז ער צומערשט גע־ווען, ווי אַ סך פון זיין דור, אַן אויטאָדידאַקט, אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך דערוועגט צו זיין אַ לערער אין שטעטל לובראַניעץ, פון וואַנעט ער איז צוריקגעקומען קיין גלאָוונאָ און באַשלאָסן זיינע לימודים צו סיסטעמאַטיזירן — איז ער אַוועק אין העברעישן סעמי־נאַר אין גראָדנע, וואָס ער האָט געמוזט נאָך אַ יאָר, מחמת זיין לינקער פּאָליטישער אַקטיוויטעט, פאַרלאָזן, און איז אַוועק קיין ווילנע, ווו ער האָט געלערנט, ווי אַ פרייער הערער אין עטלעכע אינסטיטוטן. ווייזט אויס, אַז דאָס ווילנער יאָר זיינס האָט אויף אים געהאַט אַ היפּשע השפּעה, און עס איז גריילער מעגלעך, אַז אַלע מיינע דריי טעותים וועגן אים, האָבן אַ שייכות דערצו.

ג

ווידער צוריק אין גלאָוונאַ, האָט ער חתונה געהאַט (1931) מיט מרת פרידע קאָוואַדלאָ, וואָס לויטן נאָמען ווייזט עס אָן אויף אַן אָפּשטאַם פון קאָוואַליעס אָדער אייזן־סוחרים, אָבער איר טאַטע איז געווען דער שטעטלשער שוחט און חזן. זעקס יאָר שפּעטער (1937) האָט ער עמיגרירט קיין אויסטראַליע, ווו ער האָט זיך, עט־לעכע יאָר, פאַרנומען מיט לערעריי, בעיקר לעקציעס אין יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור, און שפּעטער זיך גענומען צו אַן אַנ־דערער פּרנסה — פּאַק־פּאַפּיר, צומערשט ווי אַן אַרבעטער, דער־נאָך ווי אַ סוחר. איצט איז דער לערער־שבעל־פּה געוואָרן אַ לערער שבכתב — בעיקר ווי אַ יידישער איבערזעצער פון דער העברעיִשער ליטעראַטור — סײַ דער אַלטער (תהלים), סײַ דער נייער (ביאַליק, עגנון, שאָפּמאַן וכדומה). זײַן פאַרבונד מיט דער שאַפערישער יידיש־ליטעראַטור האָט זיך געשטאַרקט מכּוח זײַן פרײַנדשאַפט מיט דער גרופּע יידיש־שרײַבער, וואָס האָבן געשאַפן אַ ליטעראַטור־צענטער אין אויסטראַליע, וועלכער פאַרדינט אַ באַ־זונדערן אויפמערק — אויף אַ יידן־אינדזעלע פון עפּעס איבער דרײַסיק טויזנט, אַ יידיש־אינדזעלע, מיט שרײַבערס, ביכער, צײַט־שריפטן, טאָג־בלעטער. דער זעניט איז געווען אין די פערציקער יאָרן, און אַז מען בלעטערט, אַ שטייגער, נאָך אין זאַמלבוך „צו־שטײַער" (מעלבורן, 1944), געפינט מען נעמען פון שרײַבערס, וואָס אויסטראַליע איז פאַר זיי געווען אַ מין מקלט־לילה, אָבער עס זע־נען בולט די, וואָס זענען געווען פאַר זיי און געבליבן נאָך זיי, און האָבן דאָס יידיש־אינדזעלע מיט כל אמצי־כּוח געשטאַרקט. צו זיי געהערן בעיקר די צוויי קרעפטיקע פּראָזאיקערס — פּנחס גאָלדהאַר, וואָס האָט אַפילו אָנגעהויבן ווי אַ ליריקער, האָט אָבער זיין עיקר־כּוח אַנטפּלעקט ווי אַ דערציילער, און דאָס ווי אַ באַוווסטזיניקער, בכּיוונדיקער דערציילער אויף דער נייער יונגער און קליינער יידן־יבשה און וועגן איר, און האָט זיך טעמאַטיש ערשט שפּעטער אומ־געקערט צו דער אַלטער היים, און עס פּאַסט אויף אים דער אָפּשאַץ פון צווייטן פּראָזאיקער, הערץ בערגנער, וואָס ענדיקט אַזוי זיין מאָנאָגראַפיע וועגן אים: „גאָלדהאַר האָט מיט זײַן שאַפן דער ערשטער אַרויפגעשטעלט אויסטראַליע אויף דער מאַפּע פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור און זיך אַליין פאַרשאַפט אין איר אַ חשוב אָרט".

רעדנדיק וועגן חיים גורטס פרײַנדשאַפט מיט די יידיש־

אויסטראַלישע שרײַבערס, דאַרף מען געדענקען, אַז דער לאָדזשער פּנחס גאָלדהאַר איז פריער געקומען (1928) פון אַנדערע קיין אויסטראַליע — נײַן יאָר פאַר חיים גורט, און דער צד־השווה צווישן זיי איז אָבער, אַז זיי זענען ביידע געקומען פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ·בשעת דער רעדעמער הערץ בערגנער איז געקומען אַהין מיט אַ יאָר שפּעטער, און דער דריטער וואַגיקער פּראָזאַיקער, דער יונגעטשקער ביאַלאַ־פּאָדלאַסקער יאָסל בירשטיין — מיט נאָך אַ יאָר שפּעטער. מיר האָבן בכיוון דערמאָנט דעם דרײַלינג, ווייל ער איז מרמז אויף דער טעמאַטישער צוויי־רעלסיקייט פון דער דאָזיקער ליטעראַטור, בעיקר פון איר פּראָזע, דאָ און דאָרט, — ביי די ערשטע צוויי פּראָזאַיקער, עליהם השלום, בעיקר פּוילן און אויס־טראַליע, ביים דריטן פּראָזאַיקער, זאָל לעבן, קומט צו ארץ־ישׂראל, בעיקר דער קיבוץ, וווּ ער האָט זיך באַזעצט. מיר האָבן, לעבן זיי און צווישן זיי, דערמאָנט חיים גורט, כּדי אויסצובולטן אַן אַנדערע צוויי־רעלסיקייט — און דאָס אויפן איבערזעצערישן פּראָנט — בשעת פּנחס גאָלדהאַר האָט זיך באַמיט צו פאַרייִדישן נאָוועלעס פון דער ענגליש־אויסטראַלישער ליטעראַטור און זיי זענען, מיט אַן עסיי וועגן דער דאָזיקער ליטעראַטור, אַריין אין זיינע גע־זאַמלטע שריפטן (1949, ז. 323—448), וואָס זענען אַרויס צוויי יאָר נאָך זײַן פּטירה, האָט זיך חיים גורט באַמיט צו פאַרייִדישן די העב־רעישע ליטעראַטור, אַזוי אַז דער באַמי אויסצובדייטערן דאָס אויס־דרוק־יכולת פון ייִדיש כּלפּי פּנים, זענען זיך משלים, דען אויב דאָס פרעמדע און ווײַטע דאַרף ווערן אייגנס, איז דאָך אַ קל וחומר, אַז דאָס היימישע און נאָענטע טאָר נישט ווערן פרעמד. בפרט אַז דאָס אויער לגבי דער ענגליש־אויסטראַלישער ליטעראַטור איז, אין דעם קליינעם ייִדיש־צענטער, געוועזן און געבליבן אָפן — איך בין מסתּמא נישט דער איינציקער ייִדיש־לייענער, וואָס פאַרדאַנקט זײַן ידיעה וועגן דער דאָזיקער ליטעראַטור די דאָרטיקע שרייבערס, און דאָס אַפילו ביז איצט — זע די עסייען פון יצחק קאַהן, דעם וואָגיקסטן קריטיקער, וואָס אין דעם דאָזיקן ייִדיש־צענטער, וואָס מיר הערן זיך עד היום, מיט אַן ערנצטן אויער צו צו זיינע אַרבעטן.

אָבער צוריק צו דער איבערזעצערישער צוויי־רעלסיקייט: ווי ווײַט די צוויי פאַרשיידענע באַמיִען זאָלן זיך נישט משלים זיין, איז פאַראַן צווישן זיי אַ גרויסער חילוק, בעיקר הלכה־למעשׂה. אין פלוג דאַכט זיך, אַז דאָס פאַרייִדישן דאָס פרעמדע און ווײַטע, ווי עס איז, למשל, אַ נאָוועלע פון הענרי לאָוסאָן, דאַוועל אַ׳ריילי איז שווערער

ווי צו פאַרייִדישן אַ נאָוועלע פון שאַפּמאַן אָדער עגנון, אָבער באמת איז עס נישט אַזוי, און פון שמועסן מיט חיים גורט האָב איך אָפּגעלערנט, ווי ווייט ער האָט זיך אין דעם ענין אַריינגעקלערט און אים פאָדראָבנע נאָכגעגאַנגען, אויפן גרונט פון אַ דורכקוק און אַנאַליז פון די איבערזעץ־שיטות אין דער רעם פון אונדזער איינע־נער צוויי־שפּראַכיקער ליטעראַטור. מילא, — האָט ער געטענהט — ווען מענדעלע אָדער זלמן שניאור האָבן זייער אייגענעם ייִדיש־טעקסט געגעבן אַ העברעיִשן נוסח, זענען זיי דאָ געווען די בעלי־בתים פון זייער אייגענער שאַפונג און האָבן זייער רעכט, לויט זייער ווילן, טעם און יכולת, אויסגענוצט, כּדי צו שאַפן אַ רעלאַטיוו אַדעקוואַטן פּאַראַלעל; אַפילו י. ד. בערקאָוויטש איז דעם וועג גע־גאַנגען, דען כאָטש ער איז נישט געווען דער בעל־הבית פון שלום־עליכמס כּתבים, האָט אים אָבער זײַן שווער אויסגעשטאַט מיט אַזעלכע פּלעניפּאָטענציעס, אַז ער האָט נישט געמוזט זײַן, וואָס מיר אַנדערע זענען מחויב צו זײַן — סײַ געטרײַע סײַ ראַפינירטע שמשים; געטרײַע, ווי עס פאָדערט די שפּראַך, פון וועלכער מיר זעצן איבער; ראַפינירטע, ווי עס דערלויבט די שפּראַך, אין וועלכער מיר זעצן איבער. און עס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס, איז אָבער פאָרט אַזוי: דאָס ווײַטע און פרעמדע איז לײַכטער איידער דאָס נאָענטע און היימישע, בפרט ווען עס האַנדלט זיך אין צוויי שפּראַכן פון איין פאָלק, וואָס האָבן דורות־לאַנג געהאַט באַזונדערע פונקציעס, און די באַזונדערקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין זייערע צוויי לי־טעראַטורן. און צו דער שוועריקייט קומט נאָך צו אַן אַנדערע — דער בײַט פון די איבערזעץ־מעטאָדעס אין די לעצטע דורות, — שטאָט אַ פּעריאָד קעגן אַ פּעריאָד, אַ פּאַסוס קעגן אַ פּאַסוס, פאָ־דערט זיך, אַלץ מער און מער, אויב נישט אַ וואָרט קעגן אַ וואָרט, וואָס פּירט, גאָר אָפט, צו אַן אומזין — טאָ דאָס מינימאַלסטע סינ־טאַקטישע טיילעכל קעגן מינימאַלסטן סינטאַקטישן טיילעכל, און חיים גורט האָט זיך פאַרופן אויף כאַראַקטעריסטישע, צומאָל פּי־קאַנטע, דוגמות.

און דאָ איז אַ חוב צו באַמערקן, אַז בײַ אַזאַ איינשטעל איז עגנון פאַר זײַן איבערזעצער בכלל, און פאַר זײַן פאַרייִדישער בפרט, אַ קאָמפּליצירט פּראָבלעם. אַוודאי האָט חיים גורט געדענקט, אַז עגנון איז, כאָטש בלויז עטלעכע יאָר, אַליין געווען אַ צוויי־שפּראַכיקער שרײַבער, האָט אָבער נישט נאָכגעזוכט זיינע ייִדיש־כּתבים, נייערט די איינציקע נאָוועלע, „טויטן־טאַנץ״, וואָס איך האָב

אים געגעבן, איז פּאַר אים געװוג געווען, זיך אין דעם קאָמפּלעקס צו אָריענטירן. נו, יאָ, — האָט ער געזאָגט — עס איז אַ פּראָדוקט פון אַ יונגן בחור, און ווען עס וואָלט נישט געווען זײַן לעצטע ייִדיש־געשריבענע זאַך, און ווען ער וואָלט ווייטער געבליבן צוויי־שפּראַ־כיק, און זיך געראַנגלט צו דערגרייכן, אין ביידע, דאָס העכסטע סטיליסטישע שלימות, און זיך דערגרונטעווען, אין ביידע, צו די טיפסטע שפּראַכלעכע מקורים, וואָלטן מיר, איבערזעצער, פּטור געווען פון אַלעמען, אָבער אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן בלויז העב־רעיִש, האָט ער זײַן ייִדיש־איבערזעצער געגעבן אַ צו האַרטע נוס צו קנאַקן, אַ שטייגער ער וואָלט אים, דעם איבערזעצער, קונדסיש אַ צווינקער געטאָן: און איצט טו דו, וואָס איך האָב נישט געטאָן.

דאָ האָט חיים גורט אַ שמייכל געטאָן און דערמאָנט אַ בתמיהה, ווי מיר האָבן זי ביי קהלת: מה האדם אשר יבוא אחרי המלך, טייטש: וואָס איז עס דער מענטש וועלכער קומט נאָכן קיניג. עס איז די קשיא, וועלכע איך האָב געפּרוּווט צו פאַרענטפערן אין מיינס אַ וואָרט לכבוד עגנון, אין הויז פון אונדזער נשיא, זלמן שזר. איך האָב די קשיא געבראַכט, ווי זי גייט אָן אין דער מליצה: מי יבוא אחרי המלך, טייטש: ווער קומט נאָכן קיניג און געענטפערט: השליש אשר המלך נשען על ידו, טייטש: דער אַדיוטאַנט, וואָס דער קיניג שפּאַרט זיך אָן אויף אים; און דער נמשל צו אונדזער משל איז דער קריטיקער און דער איבערזעצער.

ד

אַוודאי, נישט לייכט צו זיין אַ שליש ביי אַזאַ מלך ווי עגנון — בפרט נאָך אַז וואָס שייך איבערזעצערס, איז ער געווען אַ גרויסער מפונק. איר געפינט צווישן זײַנע איבערזעצערס אין פאַרשיידענע שפּראַכן (זע די ביבליאָגראַפיע פון יוחנן ארנון, תשל"א, ז"ז 82—95), פאַרשוינען פון פאַרמאַט, ווי עס זענען, אַ שטייגער, געווען דייטשיש — גרשם שלום, מאַקס שטראַוס, קאַרל שטיינשניידער; פּויליש — יהושע טילעמאַן, ענגליש — י. מ. לאַסק, שוועדיש — מרדכי ערנפּרייז וכדומה. וואָס שייך ווייטער ייִדיש, האָבן מיר דאָך דעם גרויסן אויפטו פון אליעזר רובינשטיין, וואָס לאָזט זיך נישט לייכט פאַרקאָנקורירן, און אויב חיים גורט, וואָס האָט דאָס געוווּסט, האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַזאַ געראַנגל, האָט ער עס געטאָן, מאָדולירנדיק אַ באַקאַנטן זאָג, אַזוי צו זאָגן: אין שני

תורגמנים מתנבאים בסגנון אחד, וואָס מיינט, בערך, אַז צוויי אי־בערזעצערס, כאָטש זיי ברענגען אַפּיר דעם זעלבן אמת, ברענגען זיי אים אַנדערש, און אַז עס וועט קומען די צײַט, ווען די עגנון־קריטיק, וואָס איז ממש אויסגעוואַקסן צו אַ מין וויסנשאַפטלעכן צווײַג, וועט זיך נעמען אויך צו זײַן בת־קול אין ייִדיש, וועלן מיר מסתּמא וועגן דער אַנדערשקייט קריגן אַ סך אינטערעסאַנטס צו הערן.

ה

חיים גורט האָט זיך, דאָ אין לאַנד, דערוואָרבן פרײַנד און פאַר־ערערס — צווישן זיי זענען, בעיקר, געווען שמואל הוגא בערגמאַן און יצחק צימערמאַן, וואָס האָבן זיך דעמלט, צוזאַמען מיט מיר, באַמיט אַרום דער צײַטשריפט פאַר רעליגיעזן געדאַנק „פּרוזדור״; אליעזר שטיינמאַן, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט זיינע גרויסע אַנ־טאָלאָגיעס (חז״ל, חסידות), און פון די ייִדיש־שרייבערס, בעיקר ישעיהו שפּיגל און לייב ראָכמאַן, די גרויסע עדות פון אונדזער אומקום און אונדזער אויפקום דאָ. איך האָב מיך תּמיד געפרייט אויף אַ שמועס מיט אים, און לויט זײַן בקשה, אים געהאָלפן שליסן קאָנטשאַפט מיט ש״י עגנון, און אַ שאָד, וואָס די שמועסן צווישן זיי זענען נישט אויפגעצייכנט געוואָרן. אָבער איך האָב אַמאָל עגנונען אַ פרעג געטאָן וועגן די דאָזיקע צוויי גרעסערע פּרוּוון אים צו פאַרייִדישן, האָט ער אַ שמייכל געטאָן: ווייזט אויס, אַז, להבדיל בין קודש לחול, אין דער ליטעראַטור, גילט איצט אַ פאַרקערטע הלכה: אחד מקרא ושניים תּרגום, אָבער ווער עס איז דאָ אונקלוס און ווער יונתן בן עוזיאל, זאָלט איר, קריטיקער, זיך דאַרן דעם קאָפּ, און אַנטשיידן.

ירושלים, אלול תשל״ח

אַ מעשׂה מיט אַ ציג

מעשׂה בזקן אחד, אַ מעשׂה מיט איינעם אַן אַלטן מאַן וואָס האָט געהוסט מיט בלוט. איז מען געגאַנגען צו דאָקטוירים. האָבן זיי געזאָגט ער זאָל טרינקען ציגן־מילך. איז ער געגאַנגען און האָט געקויפט אַ ציג און האָט זי אַריינגעשטעלט אין אַ שטעלכל. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און די ציג איז פאַרשוווּנדן. איז מען געגאַנגען זי זוכן און מען האָט זי נישט געפונען נישט אין הויף און נישט אין גאָרטן, נישט אויפן דאַך פון בית־מדרש און נישט ביים טייכל, נישט אויפן באַרג און נישט אין פעלד.

אין עטלעכע טעג אַרום איז זי צוריקגעקומען און צוריקקומענדיק זענען אירע אייטערס געווען פול מיט מילך און די מילך האָט געהאַט טעם גן־עדן.

און נישט בלויז דאָס מאָל, נאָר אַ סך מאָל האָט זי געפלעגט פאַר־שווינדן. מען איז זי געגאַנגען זוכן און מען האָט זי נישט געפונען ביז זי איז אַליין צוריקגעקומען און אירע אייטערס זענען געווען פול מיט מילך, און די מילך איז געווען זיס ווי האָניק און האָט געהאַט טעם גן־עדן.

זאָגט איין מאָל דער אַלטער מאַן צו זיין זון, קינד מיינס איך באַגער שטאַרק צו וויסן וווּהין די ציג גייט און פון וואַנען זי ברענגט די מילך וואָס איז זיס פאַר מיין גומען און איז אַ היילונג פאַר מיינעביינער.

זאָגט דער זון, טאַטע עס איז דאָ אַן עצה צו דעם. פרעגט ער אים וואָס? איז געגאַנגען דער זון און האָט גענומען אַ שנירל און עס צוגעבונדן צום וויידל פון דער ציג. זאָגט דער טאַטע, וואָס טוסטו מיין זון? ענטפערט ער, איך בינד־צו אַ שנירל צום וויידל פון דער ציג און אַז איך וועל זען אַז זי האַלט ביי גיין וועל איך אָננעמען דאָס שנירל ביים עק און וועל גיין מיט איר. שאָקלט דער אַלטער מיטן קאָפּ און זאָגט, אַז דו ביסט אַזוי קלוג פרייט זיך מיין האַרץ.

האָט דער בחור אָנגעבונדן אַ שיין שנירל ביים ווײַדל פֿון דער ציג און האָט אַכטונג געגעבן אויף איר. אַזוי ווי זי האָט געהאַלטן ביי גיין האָט ער אָנגענומען דאָס שנירל און עס נישט אָפּגעלאָזט ביז זי האָט אָנגעהויבן צו גיין און ער איז איר נאָכגעגאַנגען. ער גייט און גייט ביז זי קומט־צו צו אַ הייל. גייט די ציג אַריין אין דער הייל און דער בחור גייט איר נאָך מיטן שנירל אין דער האַנט. און אַזוי גייען זיי אַ שעה און צוויי, און אפשר אַ טאָג אָדער צוויי. די ציג לויפֿט און מעקעט אַלע ווייל ביז עס ענדיקט זיך די הייל. אַז זיי זענען אַרויס פֿון דער הייל האָט ער געזען הויכע בערג און נידעריקע בערג מיט פֿרוכטביימער און קוואַליק וואַסער פֿליסט פֿון די בערג און די לופֿט שמעקט מיט כּלערליי בשמים און די ציג גייט אַרויף אויף אַ בוים און נעמט אָן די צווייגן, און באַקסער פֿול מיט האָניק פֿאַלט אַראָפּ פֿון דעם בוים און זי עסט און זי טרינקט פֿון די קוואַלן.

שטייט דער בחור און רופֿט אויס צו די פֿאַרבייגייער אויפֿן וועג, איך באַשווער אייך, גוטע מענטשן, זאָגט מיר ווו בין איך און ווי הייסט דאָס אָרט? זאָגן זיי, אין ארץ־ישראל ביסטו און נעבן צפֿת ביסטו. הייבט דער בחור אויף די אויגן זיינע צום הימל און זאָגט, געלויבט איז גאָט ברוך הוא וואָס האָט מיך געברענגט קיין ארץ־ישראל. און ער האָט געקושט די ערד און זיך געזעצט אונטער אַ בוים. ער האָט געזאָגט ביז דער טאָג וועט אַ ביסל קילער ווערן און די שאָטנס וועלן פֿאַרשווינדן, וועל איך זיצן אויפֿן באַרג אונטערן בוים, דערנאָך וועל איך אַהיימגיין און וועל ברענגען טאַטע־מאַמע קיין ארץ־ישראל.

אַזוי ווי ער זיצט און זיין אויג קוויקט זיך מיט דער הייליקייט פֿון ארץ־ישראל, הערט ער ווי מען רופֿט אויס, בואו ונלכה לקראת שבת המלכּה. און ער זעט מענטשן ווי מלאכים איינגעהילט אין ווייסע קיטלען און הדס־צווייגן אין זייערע הענט און אין אַלע הייזער ברענען אַ סך ליכט. האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז עס איז פֿרייטיק פֿאַר נאַכט און אַז ער קאָן שוין נישט צוריקגיין. האָט ער אַרויסגעריסן אַ שטיקל הושענא־ריטל און עס איינגעטונקען אין גאַליש וואָס מען מאַכט דערפֿון טינט צו שרייבן ספֿר־תּורות און האָט גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און געשריבן אַ בריוול צום טאַטן: פֿון ווייט לאָז איך הערן אַ געזאַנג אַז איך בין בשלום קיין

ארץ־ישראל געקומען און איך זיץ נעבן צפת די הייליקע שטאָט און איך בין באַרוישט פון איר הייליקייט. און פרעג מיך נישט ווי איך בין אַהער געקומען נאָר נעם אָן דאָס שנירל וואָס איז אָנגעבונדן ביים וויידל פון דער ציג און לאָז דיך גיין נאָך אירע טריט און דעמאָלט וועסטו זיכער אָנקומען קיין ארץ־ישׂראל.

דער בחור האָט איינגעוויקלט דאָס בריוועלע און עס אַריינגעלייגט דער ציג אין אויער אַריין. געטראַכט האָט ער, ווען די ציג קומט אַהיים וועט דער טאַטע גלעטן איר קאָפּ, און זי שאָקלט מיט די אויערן און דאָס בריוועלע פאַלט אַרויס. דער טאַטע לייענט עס איבער און זעט וואָס דאָרט שטייט געשריבן און ער נעמט דאָס שנירל און גייט מיט איר קיין ארץ־ישׂראל.

געקומען איז די ציג אַהיים, אָבער מיט די אויערן האָט זי נישט געשאָקלט און דאָס בריוול איז נישט אַרויסגעפאַלן. אַז דער טאַטע האָט געזען די ציג, און זיין זון איז נישטאָ, האָט ער זיך גענומען קלאַפּן אין קאָפּ און וויינען און שרייען, מיין זון, מיין זון, ווו ביסטו? וואָלט איך בעסער געשטאָרבן פאַר דיר, מיין זון, מיין זון. און ער הערט נישט אויף צו וויינען און צו טרויערן אויף זיין זון און ער זאָגט, אַ בייזע חיה האָט אים אויפגעגעסן, פאַרצוקט איז געוואָרן מיין זון. און ער האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן. און ער האָט געזאָגט איך וועל זיך אויך לייגן מיט מיין זון אין קבר אַריין. און ווען נאָר ער האָט געזען די ציג האָט ער געזאָגט, וויי איז דעם טאַטן וואָס האָט פאַרטריבן זיין זון און אַ קלאָג צו איר וואָס זי האָט אים פאַרפּטרט פון דער וועלט.

און עס האָט דער אַלטער מאַן זיך נישט באַרויִקט ביז ער האָט געשיקט נאָך דעם שוחט זי צו שעכטן. איז געקומען דער שוחט און געשאָכטן די ציג. האָט מען אָפּגעשונדן די פעל און דאָס בריוול איז אַרויסגעפאַלן פון אויער. האָט דער אַלטער מאַן גענומען דאָס בריוול און געזאָגט, ס'איז מיין זונס כתב. און ער האָט געלייענט אַלץ וואָס זיין זון האָט אים געשריבן. האָט ער גענומען זיך קלאַפּן אין קאָפּ און געוויינט, וויי איז מיר, ווי דער מענטש פאַרטרייבט דאָס גליק מיט די אייגענע הענט, און וויי דעם מענטש וואָס דינט־אָפּ מיט שלעכטס פאַר דעם וואָס טוט אים גוטס.

ער האָט לאַנג געטרויערט נאָך דער ציג און נישט געלאָזט זיך טרייסטן און ער האָט געזאָגט, ווי געשריען, איך האָב דאָך געקאָנט זיין אין ארץ־ישראל מיט איין שפרונג און איצט וועל איך מוזן אָפּקומען מיינע טעג אין דאָזיקן גלות.

פון דעמאָלט אָן זעט מען נישט די הייל, און קיין קורצער וועג נישטאָ דערוויל. און יענער בחור, אויב ער לעבט, איז אים זיכער ווויל און פיין, אַז בעסער קאָן נישט זיין.

דער עסיקמאַכער

ערגעץ אין אַ שטעטל אין פּוילן האָט געוווינט אַן אַלטער ייִד, אַן עסיקמאַכער. געשטאַמט האָט ער פון דור־דורות באַוווּסטע וויין־סוחרים נאָר אין משך פון דער צייט זענען זיי אַראָפּ פון דער מדרגה און פון זייער גאַנץ עשירות איז אים איבערגעבליבן עפּעס צעבראָכענע פעסער מ׳ט אַ שטיקל הייזל און פאַרזויערטער וויין. אין אָט דער דירה האָט דער ייִד קיין גוטס נישט מיטגעמאַכט, ס׳ווייב זײַנס איז אים אָפּגעשטאָרבן ווען די קינדער זענען געווען קליין און אַז די קינדער זענען גרעסער געוואָרן האָט מען זיי צוגענומען צו די זעלנער און זענען געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה. איז דער ייִד געזעסן אַליין און געמאַכט עסיק. פינף טאָג אין דער וואָך האָט ער געטאָן זײַן אַרבעט און פרייטיק האָט ער אָנגעגאָסן אַ פולן עמער און אַרויסגעגאַנגען איבער דער שטאָט. אַ סך מאָל האָט ער זיך געטראַכט, נאָך וואָס מ׳שטיינסגעזאָגט? פינף טאָג מאַך איך עסיק צום פאַרקויפן און דערנאָך ווידער מאַכן און ווידער פאַרקויפן. און דאָס אַלץ כּדי צו דערהאַלטן מיין שטיקל גוף. וואָלטן געלעבט מיין ווייב, די קינדער, וואָלט איך זיי מפרנס געווען בכבוד, אָבער איצט אַז איך בין געבליבן איינער אַליין, אָן אַ קינד, אָן אַ ריבד, טאָ וואָס יאָג איך אַזוי, וואָס לויף איך?

ער האָט נעבעך ביטער געקרעכצט און באַווייַנט זייַנע יאָרן, ביז עס איז אים נימאס געוואָרן די אַרבעט. אַזוי ווייט אַז אַפילו דאָס לייגן טלית און תּפילין איז אים נישט אָנגעגאַנגען. נאָר היות ווי ער האָט געהאַט אין האַרץ אַ שטיקל ליבע צו ארץ־ישראל האָט ער געקלערט צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל און אויב ער וועט זוכה זיין וועט ער אין איר ערד געפונען זיין רו. האָט ער אָנגעהויבן צו שפּאָרן זיך דעם ביסן אין מויל אַריין און באַגיין זיך ווי ווייט מעגלעך אַזוי אַז אַפילו פּירות וואָס זענען געלעגן ביי אים אויף צו מאַכן עסיק האָט ער נישט טועם געווען,

אַבי נאָר ער האָט געגעסן אַ שטיקל ברויט איינגעטונקען אין אַ ביסל וואַסערדיק ביר, און פּשוט נישט דערעסן. און אַלע מאָנטיק און דאָנער־שטיק האָט ער געפאַסט ביז ער האָט זיך צוגעוווינט צו לעבן מיט אַבי־וואָס. און אַלע פרייטיק אַז ער האָט פאַרקויפט דעם עסיק און איז צוריק־געגאַנגען פון שטאָט האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און אַרויסגענומען דאָס געלט פון טאַש, אַ העלפט האָט ער גענומען אויף פּרנסה און אַ העלפט האָט ער אַריינגעלייגט אין אַזאַ קעסטל וואָס אין יענער געגנט שטעלן די גויִים אַוועק ביי די וועגן צווישן ביידע הענט פון דעם יויזל. כ׳האָב געהערט אַז ער איז געווען אַן איש־תּמים און ער האָט נישט געוווּסט צו וואָס דאָס קעסטל איז. און איך האָב געהערט ער האָט געמיינט אַז קיין בעסער אָרט פון דעם איז נישטאָ. קופּערנע מטבעות האָט ער גענומען צום לעבן און זילבערנע מטבעות צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל. און אַ ריץ האָט ער געמאַכט אין עמער צו האָבן אַ סימן. פון דעמאָלט אָן האָט ער געאַרבעט מיט פרייד. זע נאָר דאָס ווונדער, האָט ער געזאָגט צו זיך, ביז איצט איז מיר די אַרבעט מיאוס געווען און איצט קאָן איך זיך נישט אָפּרייסן פון איר. די זעלבע כלים און דער זעלבער עסיק און איך פיל נישט ווי דער טאָג קומט מיר אַהין. און אין מיטן דער נאַכט האָט ער געפלעגט אויפשטיין און גענומען דעם עמער און געטאַנצט מיט אים ביז ס׳איז שוין געווען צייט צו דאַווענען. און ווייל ער איז געווען פאַרנומען מיטן באַרעכענען וויפל ריצן ער האָט שוין אין דעם עמער, וויפל געלט ער האָט שוין אָנגעזאַמלט אין קעסטל האָט ער נישט אַזוי שטאַרק מדקדק געווען ביים דאַווענען. און געזאָגט האָט ער אַזוי: רבונו של עולם דו ווייסט דאָך אַז די אַלע חשבונות וואָס איך חשבון איז דאָך נאָר כדי איך זאָל קאָנען עולה זיין אין דיין הייליק לאַנד אַריין, נעם מיך דאָרט אַהין וועל איך דיר דאָרט שוין אָפּדאַווענען.

דערווייל זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר. דער זקן האָט פלייסיק געאַרבעט און אַרומגעגאַנגען מיט דעם עסיק און צעטיילט דאָס פאַרדינסט, אַ העלפט האָט ער גענומען צום לעבן און אַ העלפט אויף הוצאות, דערנאָך גייט ער און מאַכט ווידער עסיק, טראָגט עס אַרום איבער דער שטאָט און צעטיילט דאָס געלט, אַ העלפט נעמט ער צום לעבן און אַ העלפט וואַרפט ער אַריין אין יענעם קעסטל. אַזוי איז דער שטייגער פון תּמימותדיקע

מענטשן, זיי קאָנען טאָן אַ זאַך יאָרנלאַנג און וואַרפן עס נישט אַוועק. אַזוי זענען אַדורך עטלעכע יאָר. די ווענט פון זיין שטיבל האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיילן. לעכער זענען אַריינגעקומען אין דאַך און שפּאַלטן אין די מויערן. און ווען עס הייבן זיך אָן די רעגנס פאַרנעצט עס אים זיין לייב אַפּילו אונטער דער דעק. און שטייערן צו צאָלן ווערט וואָס אַ מאָל מער. אויב ער וועט דאָ נאָך באַלעמוטשען וועט דאָס מלכות צונעמען זיין הויז אָדער דאָס הויז וועט ווערן זיין קבר. און דער עסיק־מאַכער ליגט אַזוי ביי נאַכט אויף זיין געלעגער און הערט זיך צו ווי דער טינק שיילט זיך פון די ווענט. עס שיילן זיך שטיקלעך און פאַלן. קוים וואָס מען הערט, צוליב דער פייכטקייט. אָבער דאָס האַרץ פון דעם זקן קלינגט א״ן אים ווי אַ גלאָק פאַר פרייד אַז גאָט יתברך דערהאַלט אין אים זיין נשמה און לאָזט אים נישט שטאַרבן אין חוץ־לאַרץ. אַז דער האָן האָט געקרייט וואַשט ער זיך די הענט און דאָס פּנים און צינדט אָן אַ ליכט און זעצט זיך אַנידער נעבן דער טיר און הילט זיך איין ווי אַן אָבל און וויינט אויפן גלות. און ווי ער זעט וויפל ריצן עס איז שוין דאָ אין דעם עמער ווייס ער וויפל געלט ער האָט שוין אַריינגעלייגט אין דעם קעסטל אויף הוצאות הדרך און ער נעמט דעם עמער און קלאַפּט אויס אויף אים מיט די פינגער שירים ותשבחות, איין האַנט פאַרלייגט ער איבער זיינע לענדן און איין אַקסל הייבט ער אַרויף און רופט אויס וויפל צייכנס ער האָט שוין אויף דעם עמער, צוויי פיר פערציק פופציק הונדערט, און ער טאַנצט פון פרייד. נישט ווי די וואָס שפּרינגען אין דער הייך ביים טאַנצן און נישט ווי די וואָס וואַרפן זיך פון איין ווינקל צום צווייטן נאָר ווי די וואָס טאַנצן אַרום זיך און זייערע אַקסלען דרייען זיך מיט. און אַזוי טאַנצט ער ביז דער שמש רופט צו עבודת־הבורא. און ווי ער הערט ווי דער שמש רופט צו עבודת־הבורא זאָגט ער צו זיך, גו לאָמיר גיין דאַוונען, זאָגט שטיל דער אַלטער און פאַרשעמט זיך וואָס ער האָט זיך געפרייט אויף דער וועלט און נעמט דעם טלית און תפילין. ווי צעריסן זיין טלית איז, ממש צעפוילט פון טרערן. געלויבט איז גאָט וואָס ער איז עולה קיין ירושלים וווּ מען איז קובר אָן אַ טלית. נאָכן אָפּדאַוונען, אויב עס פאַלט דעם טאָג נישט אויס קיין תענית, טונקט ער איין אַ שטיקל ברויט אין אַ ביסל שוואַך ביר און גיט אַ לעק אַ ביסל ערד מיט דער צונג כדי נישט

צו קומען צו קיין גלוסטונג פון פלייש און וויין און זעצט זיך אַוועק מאַכן עסיק. פינף טאָג אין דער וואָך מאַכט ער עסיק און ערב שבת גיסט ער אָן דעם עמער און גייט מיט אים אַרום אין שטאָט. ער גייט צוריק פון שטאָט, צעטיילט ער דאָס געלט, אַ העלפט נעמט ער צום לעבן און אַ העלפט אויף הוצאות הדרך. און ווען קיינער זעט נישט שטעקט ער אַריין אַ פינגער און צענעמט דאָס שפּינוועבס וואָס האָט אָנגעוואַקסן אין משך פון דער וואָך ביי דעם שפּאַלט פון דעם קעסטל וואָס הענגט צווישן די הענט פון דעם אותו איש און ער וואַרפט אַריין דאָס געלט. אַ נאַיִוער מענטש געווען און ער האָט נישט געוווסט צו וואָס דאָס קעסטל איז. אַריינגעוואָרפן דאָס געלט מאַכט ער אַ ריץ אין דעם עמער אויף אַ סימן.

און אַזוי זענען אַוועק יאָרן. זיין גוף איז שוין איינגעבויגן ווי אַ שופר און ער הוסט מיט בלוט. דער עסיק האָט אים שוין האַלב אויסגעגעסן די לונגען, און קוים וואָס ער עטעמט. ער פּאַסט מער ווי ער עסט און קוים וואָס אַ שטיקל מלבוש האַלט זיך שוין אויף אים. אָבער יעדן פרייטיק קומט צו אַ ריץ אין דעם עמער. דער עמער זייַנער ממש פּלאַצט שוין פון ריצן. און ער האָט שוין געזאָגט ס׳איז שוין געקומען די צייט כ׳זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל, דעם לעצטן פרייטיק ווען כ׳האָב אַריינגעוואָרפן דאָס געלט האָבן שוין די מטבעות אַרויסגעשטאַרט פון קעסטל. אָבער ווי לאַנג דער עמער איז נאָך גאַנץ איז שווער זיך צו שיידן מיט אים. איין מאָל האָט ער אַריינגעגאָסן עסיק און ער איז געפּלאַצט. צי ער האָט פאַרקויפט נאָך עסיק האָב איך נישט געהערט. נאָר געהערט האָב איך אַז ער איז געגאַנגען צו דעם צלם מיט דעם אותו איש און ער האָט גענומען אַ שטיין אויפצוהאַקן דאָס קעסטל און אַרויסצונעמען דאָס געלט. און כ׳האָב געהערט אַז אין יענעם טאָג זענען געקומען גלחים פון רוים אויפצועפענען דאָס קעסטל האָבן זיי אים געטראָפן שטיין נעבן דעם קעסטל מיט אַ שטיין אין דער האַנט. האָבן זיי אים געכאַפּט און אַריינגעזעצט אין תפיסה, און די גאַנצע שטאָט האָט געקאָכט ווי אַ גיהנום. די זאָגן, וועלט איז אויס וועלט און מען קאָן שוין קיינעם נישט גלייבן. און די זאָגן, וואָס איינער טוט דאָס איז ער. פונקט ווי עסיק איז וויין וואָס איז געוואָרן ווערעמדיק אַזוי איז דער זקן צום סוף געוואָרן אַ רשע. סיי די און סיי די האָבן אַראָפּגעלאָזט די פּנימער פאַר חרפּה און געקרעכצט אויף דעם חילול־השם

און געזאָגט, אוי עסיק בלייבט עסיק. איז דער אַלטער געזעסן אין תּפיסה געבונדן מיט אייזערנע קייטן, אָבער די הענט זיינע זענען דין ווי שטע־קעלעך און די קייטן קוועלן זיי נישט. אַז דער אייבערשטער ברענגט אַ צרה אויף אַ מענטש פּאַרזיסט ער די ביטערניש כּדי עס זאָל מעגלעך זיין אויסצוהאַלטן די יסורים. דער זקן איז געזעסן אין תּפיסה געבונדן מיט אייזערנע קייטן און יעדעס מאָל ווען ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיט די קייטן זענען אָנגעלאָפן גאַנצע מחנות מיט ווערעם און ער האָט מורא געהאַט אַנידערצולייגן זיינע ביינער און ער איז געזעסן מיטן קאָפּ צווישן די קניִען ווי איינער בעתן פאָרן אויף אַ וואָגן, ביז מען האָט אים געברענגט פאַרן ריכטער. זאָגט צו אים דער ריכטער, ביסטו זיך מודה אַז דו ביסט געגאַנגען אויפהאַקן דאָס קעסטל ? זאָגט אים דער אַלטער, כ׳בין געגאַנגען אויפמאַכן דאָס קעסטל ווייל דאָס געלט... ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן ווי דער ריכטער האָט אַ געשריי געטאָן אויף אים און געזאָגט, דער באַשולדיקטער איז זיך מודה אַז ער האָט געוואָלט אויפמאַכן דאָס קעסטל. האָט דער זקן געוואָלט מסביר זיין דעם ריכטער אַז ער האָט דאָ נישט געטאָן קיין שום אומריכטיקע זאַך ווייל דאָס געלט איז דאָך זיינס און מיט זיין אייגן געלט קאָן דאָך אַ מענטש טאָן וואָס ער וויל. אָבער עס איז שוין אַן אַלטער כּלל אַז וואָס מער איינער וויל זאָגן דעם אמת אַלץ מער איז מען אים חושד אַז ער זאָגט ליגנט. האָט דער ריכטער גערופן די עדות. זענען אַריינגעקומען די גלחים און אַרויסגענומען דעם צלם פון בוזעם און אים געקושט און עדות געזאָגט אַז אין דעם און דעם טאָג און אין דעם און דעם חודש און אין דער און דער שעה זענען זיי געגאַנגען אויפעפענען יענץ קעסטל און זיי האָבן געטראָפן דעם ייִד ווי ער שטייט מיט אַ שטיין אין האַנט און גייט אויפהאַקן דאָס קעסטל. פרעגט דער ריכטער די עדות, איר דערקענט דעם זקן אַז ער איז דאָס דער וואָס איז געגאַנגען אויפהאַקן דאָס קעסטל, און זיי ענטפערן און זאָגן, מיר דערקלערן אַז דאָס איז דער זקן וואָס איז געגאַנגען אויפהאַקן דאָס קעסטל. שטייט דער זקן און וווּנדערט זיך וואָס חשובע לייט שטעלן זיך אַוועק און שווערן אויף אַ זאַך וואָס בייטיקט זיך נישט אין קיין שבועה. ער האָט געוואָרפן מיט די הענט און די קייטן האָבן זיך צעקלונגען און געמאַכט אַ גרויסן רעש. זאָגט דער ריכטער צו אים, וואָס ווילסטו זאָגן

אַז אַט די חשובֿע עדות זאָגן ליגנט קעגן דיר? חס־ושלום. דעם זקן פֿאַלט דאָס גאָרנישט איין. ער איז דאָך באמת געגאַנגען אויפֿהאַקן דאָס קעסטל. און וואָס עפּעס זאָל אַ שופֿט לערנען זאָגן ליגנט. אָבער ער וועט קיין ליגנט נישט זאָגן, ער וויל נאָר מען זאָל אים אָפּגעבן זיין געלט. זיינע הענט און פֿיס זענען געבונדן אין אייזערנע קייטן און יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט ברענגט ער זיך שאָדן דערמיט. אָבער זיינע אויגן האָט ער נאָך. ער הייבט אויף זיינע אויגן און קוקט אויף די ריכטער, אויף די עדות. מעשׂה כּישוף, אַלע זאָגן דעם אמת און אַלע האַלטן אים פֿאַר שולדיק. מיט איין אויג קוקט ער אַראָפּ אויף די קייטן און מיט איין אויג קוקט ער אַריבער זייערע קעפּ. ער האָט פּלוצלינג דערזען די צורה פֿון דעם אותו איש הענגען אויף דער וואַנט, זאָגט ער אין זיך דו שמייכלסט צו מיר און ער האָט גענומען קלאַפּן מיט ביידע הענט אויפֿן טיש ביז דאָס גאַנצע הויז איז פֿול געוואָרן מיט דעם געקלאַנג פֿון די קייטן און ער האָט געשריגן, לאָזט מיך אָפּ און גיט מיר אָפּ מיין געלט. האָט מען אים געשלאָגן און אים צוריקגעפֿירט אין דער תּפֿיסה.

איז דער זקן געזעסן אויף דעם שטרוי־זאַק און געוויינט, רבונו של עולם ס'איז דאָך אַנטפּלעקט און אָפֿן פֿאַר דיר וויפֿל יאָרן איך האָב מיך אַנגעפּייניקט אין דעם גלות, קיין גוטע מאכלים האָב איך נישט געגעסן און קיין שיינע מלבושים האָב איך נישט געטראָגן און אין קיין שיינער דירה בין איך נישט געזעסן און אַלע מיינע יאָרן זענען מיר געווען זויער ווי עסיק און איך האָב אַלץ מקבל באהבה געווען אַבי איך זאָל קאָנען עולה זיין אין דיין הייליק לאַנד אַריין, און איצט אַז ס'איז געקומען די שעה איך זאָל עולה זיין האָט מען מיך באַפֿאַלן און מיר צוגענומען מיין געלט און מיך איינגעזעצט אין תּפֿיסה. און אַזוי איז ער געזעסן און געוויינט ביז ער איז אַנטדרימלט געוואָרן. אַז ס'איז געקומען האַלבע נאַכט האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט. אין דער תּפֿיסה־קאַמער איז נישטאָ קיין מזוזה און נישט קיין וואַסער. האָט ער אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די קייטן און צו זינגען מיט אַ טרויעריק קול לויב־געזאַנגען און תּפֿילות וואָס ער איז געוווינט געווען צו זינגען ביי נאַכט ביז ער איז איינגעשלאָפֿן. האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון דער תּפֿיסה. האָט דער זקן אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געזען ווי עפּעס אַ געשטאַלט פֿון אַ מענטש שטייט פֿאַר אים מיט

אַ שטיינערן קעסטל אין דער האַנט און ווי אַ מין שמייכל וואָס טרעט נישט אָפּ פון זײַנע ליפּן. האָט דער זקן אַוועקגענומען די אויגן פון אים און איז ווידער אײַנגעשלאָפן. האָט דער אותו איש אים געשטעלט אויף די פיס און צו אים געזאָגט, נעם מיך אָן און איך וועל דיך ברענגען דאָרט אַהין וווּ דו ווילסט גיין. האָט דער זקן אויסגעשטרעקט זײַנע הענט צו דעם אותו איש און געזאָגט, ווי אַזוי זאָל איך דיך אָננעמען אַז מײַנע הענט זענען געבונדן אין אײַזערנע קייטן? זאָגט ער פון דעסטוועגן. האָט דער זקן אויסגעשטרעקט זײַנע פינגער און מיט זיי אַרומגענומען דעם האַלדז פון דעם אותו איש. שמייכלט צו אים דער אותו איש און זאָגט, באַלד ברענג איך דיר קיין ארץ־ישׂראל. האָט דער זקן אַרומגעקלאַמערט דעם האַלדז פון דעם אותו איש און מכוון געווען זײַן פּנים צו ירושלים. זענען זיי געפלויגן איין פלי און ס׳איז פאַרשוווּנדן דער שמייכל פון דעם אותו איש. זענען זיי געפלויגן נאָך אַ פלי און די הענט פון דעם זקן זענען געוואָרן קאַלט. זענען זיי געפלויגן אַ דריטן פלי און ער האָט געפילט אַז ער נעמט אַרום אַ קאַלטן שטיין. איז אים דאָס האַרץ אַנטגאַנגען און זײַנע הענט זענען שוואַך געוואָרן. איז ער אַראָפּגעפאַלן פון אים און געפאַלן צו דער ערד. צו מאָרגנס זענען אַרײַנגעקומען די אויפזעערס און האָבן אים נישט געפונען.

מ׳זאָגט אַז אין יענער נאַכט האָט מען געהערט קלעפּ בײַ דעם כּולל אין ירושלים. און מ׳האָט געזען ווי אַ כּיתּה מיט מלאכים קומען אָנצופליִען פון גלות און טראָגן אַ געשטאַלט פון אַ מענטש. און מען האָט גענומען און קובר געווען אים אין דער זעלבער נאַכט ווייל אין ירושלים לאָזט מען נישט איבערנעכטיקן קיין מת.

אַ משל מיט אַ נימשל

קאַפּיטל איינס

איידער איך קום דערציילן וועגן די ניכבדים וואָס האָבן געקיניגט איינער נאָכן אַנדערן ביי אונדז אין שטאָט, קער איך זיך אום צו רבנו הגאון החסיד ר׳ משה, וואָס איז ביי זיין לעבן אויך דערגאַנגען צום גיהנום כדי מתּיר צו זיין אַן עגונה. און צוויי כּוונות האָב איך געהאַט ביים שרייבן דעם סיפּור. איינע, כּדי צו דערציילן די גרויסקייט פון דעם חסיד און איינע, ווי שוין געזאָגט, כּדי צו וואָרענען גרויס און קליין וואָס דערלויבן זיך רעדן בשעתן דאַווענען און קריאת־התּורה. און אין ביטשאַטש פּירט מען זיך נישט אַזוי צו רעדן בשעתן דאַווענען און קריאת־התּורה, נאָר נישטאָ אַ שטאָט, וואָס אין איר זאָל נישט זיין אַ מענטש פון אַן אַנדער שטאָט. איז איינער געווען אין דער שטאָט פון אַן אַנדערער שטאָט, וואָס האָט נישט לויט די אָרטיקע מינהגים, יאָ גערעדט בשעת קריאת־התּורה. איז וועגן אים דערציילן מיר דעם דאָזיקן סיפּור פון וועלכן מיר קאָנען זיך אָפּלערנען דעם עונש פאַר די וואָס שמועסן בשעתן דאַווענען און ביי קריאת־התּורה. און פאַר די וואָס לאָזן זאָגן אַז אויף ביטשאַטש איז נישט חל געווען די גזירה חמי״ל, און פאַר וועמען דאָס אַלץ איז נישט אַזוי אָנגענומען. וועט דער וואָס איז מסדר אַלע ענינים אויך מסדר זיין דעם ענין.

אַן אַלטער שמש איז געווען אין אַלטן בית־מדרש, און טייל זאָגן אין דער גרויסער שול, און פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן אַז ר׳ ירוחם בן ר׳ תּנחום האָט ער געהייסן, וואָס מ׳פאַרציילט וועגן אים די זאַך. אַנדערע זאָגן, ניין, נישט אַזוי, די מעשה מיטן שמש האָט גאָר פּאַסירט מיט איינעם וואָס האָט געהייסן אַזוי אָדער אַזוי. איך, וואָס איך ווייס בלויז די נעמען פון די שמשים וואָס האָבן געלעבט ביי אונדז אין שטאָט צען דורות

אײדער איך בין פֿון דאָרט אַוועק, קאָן איך נישט פֿסקענען נאָר פֿאַרציילן. צו דעם עצם ענין גיט דער נאָמען דאָ גאָרנישט צו, כאָטשיק ס'איז אַ קלאָרע זאַך, אַז אין אַ נאָמען ליגט דער מהות פֿון דעם מענטש און אַפֿילו די גילגולים פֿון זײַן נשמה.

איך לאָז איבער דאָס וואָס איך קאָן נישט קלאָר מאַכן און איך פֿאַרצייל דאָס וואָס איך קאָן פֿאַרציילן.

אײנער פֿון די נגידים פֿון אונדזער שטאָט האָט זיך גענומען פֿאַר אַן אײדעם אַ יונגערמאַן פֿון גרויס ייִחוס און אַ בן־תּורה, וואָס אומעטום האָט ער געקאָנט עפּעס מחדש זײַן, אַפֿילו אין אַזעלכע ערטער וואָס מען קאָן זיי אויפֿן וואָרט פֿאַרשטיין.

צו מאָל, ווען ער האָט זיך נאָך אין דער זאַך נישט אײַנגעביסן, דער שׂכל האָט עס נאָך רעכט נישט צעקײַעט און שוין גײען די ווערטער פֿון מויל. איך זאָג דאָ גאָרנישט װעגן זײַנע חידושים, נאָר װעגן זײַן גוואַל־דיקער תּאווה צו חידושים, וואָס ער האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט אײַנהאַלטן. דאָס איז דער ענין און די פּרטים זענען אַזוי:

איין מאָל אין אַ שבת בשעת קריאת התּורה זיצט ער אויף זײַן שטאָט אין דער מיזרח־וואַנט, וואָס דער שווער האָט פֿאַר אים אָפּגעקויפֿט פֿון אײנעם אַ זקן וואָס איז געפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, און אין דער האַנט האַלט ער אַ חומשל מיט פּירושים. דער בעל־קורא לײענט און אַלע זיצן און הערן זיך צו מיט אימה און מיט ייִראה צו יעדן וואָרט פֿון דער תּורה. פֿאַלט אים אײַן עפּעס אַ חידוש אין דער פּרשה פֿון דער וואָך און אין אירע פּירושים. נעמט ער און הייבט אויף דעם טלית פֿון איבער די אויגן און בייגט זיך צו צו דעם וואָס זיצט אים פֿון דער רעכטער זײַט אָדער פֿון דער לינקער זײַט און וויל אים זאָגן דעם חידוש. קוקט אים יענער אָן און וווּנדערט זיך, אַז אַ מענטש רעדט אין מיטן פֿון קריאת־התּורה, ווי אַ שטײגער די רייד פֿון אַ מענטש זענען שענער ווי די רייד פֿון גאָט אַליין.

און וווּנדער זיך נישט אויף דעם, וואָס יענער האָט זיך אַזוי געוווּנ־דערט, ווײַל בײַ אונדז אין שטאָט האָט מען נישט גערעדט בײַם דאַווענען, ווער שמועסט בײַ קריאת־התּורה. פֿון זינט מ'עפֿנט דאָס ספֿר ביז מ'ענדיקט די גאַנצע פּרשה זיצן אַלע שטיל און הערן זיך צו מיט כּוונה צו יעדן וואָרט וואָס מען לײענט. אַלטע לײַט פֿאַרציילן, אַז זיי האָבן געהערט פֿון זייערע

עלטערן און זייערע עלטערן ווידער פון זייערע עלטערן, אַז אין אַמאָליקע צייטן האָט מען אַפילו נישט מפסיק געווען צו מאַכן אַ מי שבירך, נאָר דריי מאָל אין יאָר, נאָכן לייענען מתנת יד, האָט דער ניכבד פון בית־הכּנסת גענומען דאָס ספר און יעדער איינער איז געקומען און געזאָגט ווי ער הייסט און ווי זיין פאָטער הייסט און וויפל ער איז מנדר און ער האָט געבענטשט זיי און זייער הויזגעזינד און ער האָט אין גאַנצן נישט דערמאָנט קיין געלט און נאָך יום־טוב האָט יעדער געברענגט זיין נדר. דערנאָך, אַז מען האָט געברויכט מער געלט האָט מען איינגעפירט צו מאַכן אַ מי שבירך יעדן שבת. און מען האָט נאָך אַלץ ביים ספר נישט דערמאָנט קיין געלט. דערנאָך, אַז מענטשן האָבן מער אָנגעהויבן צו געבן צדקה בפרהסיא, האָט מען אָנגעהויבן אויסצורופן יעדע פּרוטה וואָס עמעצער האָט מנדר געווען. דערנאָך ווידער, אַז מען האָט אָנגעהויבן צו ברויכן געלטער אויף אומנייטיקע זאַכן, ווי אַ שטייגער אויף חזנים וואָס גאָרגלען זיך און מאַכן קאָמעדיעס פון דאַווענען, איז מען אַוועק פון די אַמאָליקע מינהגים און מען האָט אָנגעהויבן מפסיק צו זיין צווישן די פּרשיות און צו מאַכן מי שבירך פאַר יעדן איינעם. און נישט בלויז דאָס, נאָר מען רופט אויף צו דער תּורה מער ווי זיבן עליות און מען נעמט און מען צעשניידט די פּרשיות אויף כּזיתן. נישט בלויז מען ברענגט אַריין קינאה־שינאה ביים טיילן די עליות, נאָר עס ווערט אַ געלייען פון נעמען וואָס זענען גאָרנישט דאָ אין דער סדרה.

זיצט אַלזאָ יענער תּלמיד־חכם בשעתן לייענען און עס פאַלט אים איין אַ חידוש אין דער פּרשה. בייגט ער זיך אָן אין אַ זייט צו דעם וואָס זיצט נעבן אים און וויל אים זאָגן דעם חידוש. זעט דער שמש און קוקט אַהין צו אים מיט אַ בייז פּנים. אַז יענער מאַכט זיך נישט דערפון, ווערט דער בליק זיינער בייזער. אַז יענער הערט נישט אויף קנאַקט ער צו אים מיטן פינגער און זאָגט, נו, נו. אַז יענער הערט נישט אויף קלאַפּט דער שמש ווידער מיטן פינגער כּדי אים שטיל צו מאַכן. אַז יענער הערט נישט אויף גייט דער שמש אַראָפּ פון דער בימה און גייט צו צו אים אויף דער מיזרח־וואַנט און נעמט אים אָן און פירט אים אַרויס אין דרויסן.

האָט זיך געמאַכט אַ קאָך אין שטאָט. פון זינט ביטשאַטש שטייט האָט נאָך נישט געטראָפן אַז מען זאָל אַ מענטש מבייש זיין אין אַ מקום־קדוש,

און ווער שמועסט אַרויסוואַרפן עמעצן, בפרט אַן אָרעמער שמש זאָל אַזעלכעס טאָן מיט אַ תּלמיד־חכם פון גרויס יִחוס און דעם גבירס איידעם. און הגם מען האָט געוווּסט אַז ער האָט דאָס געטאָן לשם שמים, האָבן אָבער אַלע געהאַלטן אַז מען דאַרף אים דערפאַר באַשטראָפן און אפילו מאַכן אים אויס שמש.

ס׳איז געקומען מאַנטיק האָט מען דעם שמש גערופן צום בית דין. האָט דער גאָון אב בית־דין געזאָגט, איך בין פּסול פאַר דער דין־תּורה, וואָרן פון גרויס ליבשאַפט צו אַ תּלמיד־חכם האָב איך מורא טאָמער וועל איך נוטה זיין צו פּסקענען לטובת אים. איז מען געגאַנגען און מען האָט אָוועקגעזעצט אַן אַנדער בית דין.

פרעגט דער דיין דעם שמש, צי ער קאָן עפּעס מלמד־זכות זיין אויף זיך. ענטפערט דער שמש, ברויך איך דען מער צו זאָגן ווי דאָס, אַז איך האָב נישט געשאַנעוועט קיין תּלמיד־חכם און בן־גדולים ווען יענער האָט אַריינגערעדט דעמאָלט ווען גאָטס וואָרט רעדט.

זאָגט דער דיין, ער האָט דאָך גערעדט דברי־תּורה. זאָגט דער שמש, אָבער בשעת קריאת־התּורה האָט ער גערעדט. זאָגט דער דיין, גענוג אַז איר האָט אים איבערגעריסן, האָט איר אים נאָך מבייש געווען ברבים? זאָגט דער שמש, פון גרויס רחמנות וואָס כ׳האָב געהאַט איבער אים האָב איך אים אַרויסגענומען פון בית־מדרש. ווייל איך האָב געזען דעם עונש פאַר רעדן אין מיטן דאַווענען און אין מיטן קריאת־התּורה. טויזנט בושות אויף דער וועלט און נישט קיין איין עונש אויף יענער וועלט.

זאָגט צו אים דער דיין, איר האָט געזען און קיינער האָט נישט געזען? אַלע ספרים רעדן דאָך וועגן דער דאָזיקער זינד, און אַלע מוסרן דאָך וועגן דער דאָזיקער זינד, און טייל האַלטן דאָך, אַז די גזירת שנת ת״ח קומט פון רעדן ביים דאַווענען.

זאָגט דער שמש, ספרים זענען ספרים און ס׳קומט נישט צו דעם וואָס די אויגן זעען. קוקט אים דער דיין אָן און זאָגט, וואָס הייסט אַזעלכעס די אויגן זעען. קיינער זעט נישט נאָר איר אַליין זעט? און די אימה וואָס איר וואַרפט אויף אונדז אָן, וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס דאָ?

לאָזט דער שמש אַראָפּ די אויגן און שווייגט.

זאָגט דער דיין ווידער, וואָס ענטפערט איר אויף דעם?

הייבט דער שמש אויף די אויגן און מאַכט זיי צו, ווי איינער וואָס זעט עפּעס און דערשרעקט זיך. און וואָס איז דאָס די זאַך פאַר וועלכער ער דערשרעקט זיך, דאָס זענען די בילדער וואָס וועגן זיי גיי איך פאַרציילן, און וואָס טויכן ביי אים אויף און שטייען אים פאַר די אויגן.

דער דיין קוקט און זעט, אַז כל מיני שרעקן פאַרקריצן זיך אויף זיין פּנים. זאָגט דער דיין צו זיך, דאָ איז עפּעס, ס׳איז נישט גלאַטיק. זאָגט ער צום שמש, אפשר קאָנט איר אונדז מפרש זיין אייערע רייד.

דער שמש לאָזט ווידער אַראָפּ די אויגן און זאָגט, איין זאַך בעט איך ביי גאָט און מער גאָרנישט, אַז איך זאָל מיך נישט אַרויסכאַפּן מיט עפּעס וואָס איך דאַרף נישט. און הלוואי יענע זאַך וואָלט נישט געטראָפן, און ס׳וואָלט נישט געקומען דערצו איך זאָל דאָ ברויכן צו פאַרציילן. אָבער ס׳איז דאָך זיכער, שווייגן איז שטענדיק גוט. ווי ער האָט געזאָגט, שווייגן איז שטענדיק גוט, איז ער געשטאַנען און געשוויגן.

זאָגט צו אים דער דיין, איר האָט דוכט זיך געוואָלט עפּעס זאָגן.

איז דעם שמש נעבעך געוואָרן ענג און ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די וואָס זיצן און משפטן אים און ער האָט אָנגעהויבן רעדן. ער זאָגט, נישט כדי איך זאָל זוכה זיין ביים בית־דין של מטה און נישט כדי זיך אויסצופיינען פאַר באַלעבאַטים בינד איך אויף מיין צונג צו פאַרציילן גרויסע און פורכטבאַרע סודות, נאָר כדי איר זאָלט וויסן די שטראָף פון דעם וואָס מענטשן מאַכן אַזוי אַוועק מיט דער האַנט.

קאַפּיטל צוויי

האָט דער שמש זיך איינגעקוקט אין די וואָס האָבן זיך אַוועקגעזעצט אים מישפּטן און אין די וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויסצוהערן דעם גאַנצן דין ודברים, און ער האָט געזאָגט, זקנים פון אונדזער דור האָבן געהערט פון זייערע אָבות, אַז איך האָב משמש געווען אונדזער רב מורנו הגאב״ד רבנו ר׳ משה, גאָט זאָל באַלייכטן זיין גן־עדן ביז ביאת הגואל און ער זאָל זיך משתדל זיין פאַר אונדז און פאַר כל ישׂראל. איך בין נישט ראָוי צו דערציילן די גרויסקייט פון דעם בקי אין תורה און אין חסידות. אָבער דאָס וואָס איז אַלעמען באַקאַנט וועל איך יאָ

דערציילן. רבנו ר׳ משה ווי איר ווייסט איז געווען פון די תּלמידים פון דעם קדוש ר׳ מיכל פון נעמיראָוו. וואָס איז צוליב אונדזערע גרויסע זינד אומגעקומען אין גזירת ת״ח, און אין זכות פון דעם סוד פון איין וואָרט פון דער תּורה, וואָס דער קדוש האָט איבערגעגעבן אונדזער רבי משה, איז אונדזער רבי ניצול געוואָרן פון דער שווערד פון חמי״ל הרשע ימח שמו. טייל זאָגן, אַז אין פּרשת ואלה המשפּטים איז דאָס וואָרט. און טייל זאָגן אַז אין פּרשת האזינו. אַנדערע זאָגן, נישט קיין וואָרט האָט ער אים איבערגעגעבן, נאָר איין נקודה פון די ניסתּרות און ניגלות האָט ער אים איבערגעגעבן. ווער קאָן אַזעלכע זאַכן דערגיין. פּאַר אַזאַ איינעם ווי איך איז גענוג אַז ער לערנט אַדורך די סדרה מיט תּרגום און מיט רש״י.

האָט אונדזער רבי געהאַט איינע אַ קרובה, זלאַטע האָט זי געהייסן, וואָס זי איז איינע אַליין איבערגעבליבן פון איר גאַנצער משפּחה וואָס איז אויסגעשאָכטן געוואָרן אין די צייטן פון חמי״ל הרשע, די ערד זאָל אים דאָרט אַרויסוואַרפן. די זלאַטע איז געווען אַן אייניקל פון ר׳ נפתּלי ווייַנצ̣יער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער שתּדלן אין זיין דור און ער האָט געטאָן אַ סך טובות פאַר קהילות און פאַר יחידים. צום סוף איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון איינעם פון די הויכע לייט פון מלכות, וועלכער איז אים שולדיק געבליבן פאַר פיר הונדערט פעסער וויין. האָט ער אָנגערייצט אויף אים זיינע הינט, מיט וועלכע ער איז געגאַנגען אויף געיעג און זיי האָבן אים צעריסן אויף שטיקער. ה׳ ינקום דמו. גאָט זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר זיין בלוט.

די מעשׂה מיט ר׳ נפתּלין האָט פּאַסירט האַרט פאַר גזירת ת״ח. און ווען די גזירה איז געקומען איז אומגעקומען זיין גאַנצע משפּחה, מי באש ומי במים, מי בחניקה ומי בסקילה, ווער אין פייער און ווער אין וואַסער, ווער דורך הענגען און ווער דורך שיסן, ממש ווי עס שטייט אין דעם פּיוט ונתנה תוקף. און ווער ס׳איז ניצול געוואָרן פון די מיתות משונות איז געשטאָרבן פון הונגער אָדער פון דאָרשט. און יענץ מיידעלע האָט מיט גאָטס חסד איבער איר זיך געראַטעוועט פון טויט דורכן אויסבאַהאַלטן זיך אין וועלדער און געגערט האָט זי זיך פון גרעזער ווי אַן אומשולדיק שעפּסעלע און זי האָט שוין באַלד געהאַט פאַרגעסן דאָס מענטשלעכע לשון. עס האָבן זי געפונען אַנדערע אַנטרונענע פון דער שווערד וואָס

זענען אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן נאָך דעם ווי ס׳איז אַביסל שטילער געוואָרן. זיי האָבן זי מיטגענומען מיט זיך און זיי האָבן אַרומ־געבלאָנדזשעט פון שטאָט צו שטאָט און פון איין קהילה צו דער צווייטער. טייל פון די מענטשן האָבן געוואָלט צוריקגיין אין זייער שטאָט אַריין און זיי האָבן די שטאָט נישט געקאָנט געפינען, ווייל די מערסטע קהילות זענען אויסגעריסן געוואָרן פון זייער אָרט און ס׳איז קיין סימן נישט געווען צו דערקענען צוליבן חורבן, טייל ווידער האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צום וואַנדערן און האָבן אין קיין שום אָרט נישט געקאָנט איינזיצן. און אַזוי גייענדיק זענען זיי אָנגעקומען קיין ביטשאָטש און זיי זענען אַריינגעקומען צו אונדזער רבין.

האָט די רביצין געזען דאָס מיידעלע און זי האָט נאָך נישט געוווּסט ווער זי איז, נאָר צוליב איר גרויסן חן האָט זי זי שטאַרק ליב געקריגן, און זי האָט גענומען און איר געגעבן צו עסן און באַקליידט און באַשיכט, וואָרן די גאַנצע יאָרן איז זי אַרומגעגאַנגען באָרוועס. די רביצין האָט אָנגעהויבן איבערצורעדן מיט די מענטשן און זיי געגעבן געלט זיי זאָלן איבערלאָזן דאָס קינד ביי איר. האָבן זיי זי איבערגעלאָזט ביי דער רביצין. האָט די רביצין אויסגעפרעגט דאָס מיידעלע ווער זי איז און פון וואַנען זי שטאַמט. האָט זי פאַרציילט אַלץ וואָס זי ווייס און וואָס זי געדענקט.

דערנאָך איז די רביצין געקומען צו אונדזער רבין און אים פאַרציילט אַלץ וואָס דאָס מיידעלע האָט איר פאַרציילט.

הערט דער רבי און זאָגט, דאָס איז דאָך פון אונדזער משפחה. זי איז דאָך נפתּלי אונדזער קרובס אַן אייניקל. האָט דער רבי אויפגעהויבן זיינע צוויי הייליקע הענט און געזאָגט, ברוך המיטיב לרעים ולטובים, געלויבט איז גאָט פאַר דעם חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט נפתּליס אייניקל, וואָס זי איז געקומען אין די הענט אַריין פון אירע קרובים, און געלויבט איז גאָט וואָס גיט אונדז דעם זכות מגדל צו זיין די יתומה ביי אונדז אין הויז, זי איז דאָך די איינציקע לעבנגעבליבענע פון אונדזערע קרובים.

האָט אונדזער רבי זי צוגענומען פאַר אַ טאָכטער און ער האָט איר געגעבן אַלץ וואָס זי האָט געדאַרפט, עסן און טרינקען, אַ דירה און אַ מלבוש. אונדזער רבי וואָס האָט נישט מקפּיד געווען אויף זיין לבוש, חוץ פון טלית און תּפילין, האָט מיט זיינע אייגענע הענט אויסגעקליבן סחורה

פּאַר איר אויף אַ קלייד און ער האָט געשיקט נאָכן שוסטער ער זאָל איר מאַכן אַ פּאָר שיך, און אַלע פּריטיק גייענדיק אין דער מיקווה טרעט ער אָפּ אין דער קיך און פרעגט זיך, נו, מ׳האָט זי שיין אָפּגעוואַשן? מ׳האָט זי שוין אויסגעקעמט? און טייל מאָל איז ער געשטאַנען און אָכטונג געגעבן מען זאָל איר נישט טאָן ביי קעמען די האָר, וואָרן פון דעם ווינען אין די וועלדער זענען איר די האָר געוואָרן איין שטיק, מען האָט קוים געקאָנט אַריינשטעקן אַ קאַם.

אַז ס׳האָט זיך דערנענטערט די צייט און זי האָט געהאַלטן ביים ווערן אַ כלה־מיידל, האָט אונדזער רבי געוואָרפן אַן אויג פאַר איר אויף זיין באַליבטן תּלמיד, אַ קענער און אַ לערנער און אַ ביסל אויך אַ בקי אין גויִישע לשונות. דער תּלמיד איז געווען זבולון בשׂמים־הענדלערס אַ זון. דער זבולון האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אין כּתב־־יד אַ ספר אויף תּפילת הדרך, וואָס דאָרט ווערן געברענגט אומגעהייערע זאַכן וועגן אַפּיקורסים מיט וועלכע ער האָט זיך מתווכּח געווען אין טערקיי. כ׳האָב געהערט, אַז ער האָט געוואָלט פון אונדזער רבין אַ הסכּמה אויף דעם ספר און דער רבי האָט אים אָפּגעזאָגט. ער האָט געזאָגט, כ׳בין מוותּר אויף די שאלות און כ׳דאַרף נישט די תּשובות.

האָט אונדזער רבי חתונה געמאַכט זיין קרובה זלאַטע מיט אהרנען דעם זון פוּן זבולון בשׂמים־הענדלער. פון גרויס ליבשאַפט וועגן האָט דער רבי בכבודו געבענטשט די גאַנצע צייט פון די שבע־ברכות. און איך געדענק אַז אין זיבעטן טאָג פון די שבע־ברכות זענען די אַלע פון פריִער געזעסן ביים מאַלצייט. ס׳האָט זיך געעפנט די טיר און איינער אַ בחור איז אַריין מיט אַ מסכתּא קידושין אויף די הענט און האָט געבענטשט די שבע־ברכות. האָט דאָרט איינער אַ וויצלערישער תּלמיד־חכם געזאָגט צו אהרנען, דו זעסט, חתן, די מסכתּא קידושין אַליין האָט דיך אַזוי באַשיינט אַז דו זאָלסט דורך אַלע זיבן טעג בענטשן די שבע־ברכות.

וועגן דעם בחור וואָס איז אַריין מיט דער מסכתּא קידושין האָב איך נישט וואָס צו דערציילן, אָבער בנוגע דער גמרא האָב איך געזען אין ספר כּפתור ופרח אַ מעשׂה מיט אַ תּלמיד־חכם וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר געלערנט מסכתּא חגיגה און אַז ער איז ניפטר געוואָרן האָט קיינער נישט געוווּסט וועגן זיין פּטירה ביז ס׳איז נישט געקומען אַן אישה מיט אַ גרויס

געשריי גלייך ווי זי וואָלט באַקלאָגט איר מאַן און דאָס איז געווען די מסכתּא חגיגה וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּרויענצימער, ווייל אויף איר האָט ער זיך געפּלייסט דאָס גאַנצע לעבן.

האָט דער רבי זיי געגעבן עסן און אַן אָרט צו וווינען ביי זיך אין הויז און מיט אהרנען איז ער געזעסן און געלערנט צוויי מאָל אַ טאָג, איין שיעור פאַר טאָג און איין שיעור נאָך מעריב. ווער עס האָט נישט געזען אונדזער רבי זיצן און לערנען מיט זיין תּלמיד דער ווייס נישט וואָס עס הייסט צוגעבונדנקייט פון אַ רבי צו אַ תּלמיד. אַפילו זאַכן ביי וועלכע אונדזער רבי האָט קיין מאָל נישט געפּלעגט מאריך זיין האָט ער זיך מיט אים אַריינגעלאָזט אין כּלערליי פּרטים. דער רבי האָט געהאָפט אַז פון דעם זיווג וועט אַרויסקומען אַ דור פאַר גאָט און פאַר לייט, פאַר די עלטערן וואָס דער שונא האָט אומגעברענגט.

שווער איז דאָס אומגליק און שווער זענען די נאָכווייען פון דעם אומגליק. פון די געברענטע צרות וואָס קומען אויף ייִדן האָט אהרן אָנגעהויבן אַריינצוקלערן וואָס גאָט טוט מיט זיין פאָלק, וואָס פאַראַ גרויסער צאָרן דאָס איז איבערצוגעבן אונדז אין די הענט פון די גויִים, זיי זאָלן אונדז אומברענגען חס ושלום.

איין ספק ברענגט נאָך ספקות, ווי איין מויז רופט צוזאַמען נאָך מייז ביז זיי קומען אַלע אין איין כּנופיא און צעבייסן אַלץ וואָס געפינט זיך אין זייער גבול. און אַנשטאָט וואָס ער האָט באַדאַרפט וויסן, אַז פון ליבשאַפט צו אונדז טוט גאָט ברוך הוא אונדז לייטערן אין יסורים, כּדי אונדז צו רייניקן פון דער קליפּה וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אונדז אין די לענדער פון דער וועלט און גרייט צו מאַכן אונדזער האַרץ פאַר דעם טאָג ווען ער וועט אונדז אויסלייזן, איז ער דערגאַנגען צו מחשבות פון שקר, אַז גאָט ברוך הוא האָט חס־ושלום אַוועקגענומען זיין ליבשאַפט פון אונדז.

אַז אַ מענטש לאָזט זיך אַריין אין חקירות — איז ער זוכה און טוט תּשובה, טוט גאָט ברוך הוא באַרויִקן זיין האַרץ און באַפרייט אים פון זיי. נאָך אַ גרעסערן זכות האָט דער וואָס קומט בכלל נישט צו קיין ספקות. שוין נישט צו רעדן אַז זיי וועלן נישט קומען אַפילו פאַרבאָרגענערהייט. דער תּלמיד האָט נישט זוכה געווען. נישט בלויז וואָס ער האָט נישט

דערוויטערט זײַנע קרומע געדאַנקען נאָר זיי האָבן זיך וואָס אַ מאָל מער צעוואַקסן. ער האָט אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן תּורה און מיצוות. דאָס גאַנצע לעבן האָט שוין ביי אים מער קיין טעם נישט געהאַט. אַז ער האָט געטאָן אַ מיצווה האָט ער זי נישט געטאָן מיט ציטער, מיט ליבשאַפט, מיט געזאַנג פון דער נשמה און ווייל די תּורה האָט אַזוי געהייסן, נאָר ווייל ער איז דערגאַנגען, אַז די חקירות גיבן זייער הסכּמה אויף דער מיצווה. דאָס לערנען זיינס, וואָס ער האָט געלערנט, איז נישט געווען פון פרייד פון קדושה, פון והגית בו, פון זיין אַרייַנגעטאָן אין דער תּורה מיט לייב און לעבן, נאָר ווייל דאָס לערנען שאַרפט דעם שׂכל. ווי געשריגן, ווי איז צו דער בושה און ווי צו דער חרפה, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס מיינען, אַז דאָס לעבעדיקע וואָרט פון גאָט ברויך זיך שטיצן אויפן מענטשלעכן שׂכל, און דערנאָכדעם קומט ביי זיי אויס, אַז די תּורה איז נישט דער עיקר נאָר די חכמה פון דעם מענטש איז דער עיקר.

אַז דער מענטש לערנט תּורה, באַשיצט אים די תּורה. טוט ער אַ מיצווה, ראַטעוועט אים די מיצווה אָפּ פון אַן עבירה. אָבער ווער עס לערנט תּורה און ער האָט נישט די פרייד פון לערנען פרייט זיך די תּורה אויך נישט מיט אים. ער פילט נישט קיין טעם אין לערנען און ער האָט נישט קיין הנאה פון דער מיצווה, דעריבער זוכט ער פאַר זיך אַן אחיזה ערגעץ אַנדערש, און ער פילט נישט אַז עס האָבן אים שוין אַרייַנגעקריגן די קליפּות וואָס קומען פון פאַלש לערנען. אָבער גאָטס רחמנות איז גרויס און ווען ער וואָלט תּשובה געטאָן וואָלט ער נאָך געפונען אַ וועג, אָבער צוליב זייַנע קרומע געדאַנקען ווערט אים דער שׂכל פאַרפינצטערט און ער ווערט אַ פאַרפאַלענער מענטש.

קאַפּיטל דרײַ

איין מאָל אין אַ פאַרטאָג, אין דרויסן איז נאָך געווען גוט פינצטער, קומט דער רבי אַריין אין בית־מדרש און ער זעט אַז אהרן איז נישטאָ. זעט דער רבי מיך און פרעגט מיך, וואָס איז דאָס? זאָג איך, כ׳וועל גיין אַ קוק געבן. זאָגט דער רבי, ניין, איך וועל גיין. הערט זלאַטע דעם רבינס טריט און נעמט און גייט אראָפּ פון בעט און קומט אַרויס. זאָגט

דער רבי, ווו איז אהרן? גייט זי צוריק אין שטוב אַריין און זעט אַז זיין בעט איז נישט גערירט פון נעכטן אָן, ס׳הייסט אהרן האָט זיך אין גאַנצן נישט געלייגט שלאָפן. ענטפערט זלאַטע און זאָגט, אהרן איז נישטאָ. און אַזוי ווי זי רעדט פאַלט זי אין חלשות.

דערהערט די רביצין און קומט אַרויס, און נאָך איר נאָך שכנים, און דערנאָך כּמעט די גאַנצע שטאָט. הייבט מען אָן קלערן, טראַכטן, זאָגן. אָבער קלער אַהין, קלער אַהער — אהרן איז נישטאָ.

אַז מען האָט אויפגעהערט מיט די השערות און ס׳איז נישט גוט, איז אין שטאָט געוואָרן אַ גערודער, אַזאַ אומגליק. נעכטן האָט מען אים געזען ביים דאַוונען און היינט איז ער נישטאָ. צי ער איז אַהיימגעגאַנגען פון מעריב צי אויפן וועג אַהיים איז ער פאַרשוווּנדן, דאָס איז אונדז שוין נישט קיין גרויסער חילוק. דער רב זעט אויס ווי איינער וואָס זעט נישט און הערט נישט. צום סוף בייגט ער זיך אַראָפּ און זאָגט, עולם, צייט צו דאַוונען שחרית.

די טעג גייען און קיין האָפענונג זעט מען נישט. דער רב האָט אויסגעהערט אַלץ וואָס מ׳איז אים געקומען פאַרציילן און ער האָט די מענטשן זייער פריינדלעך אויפגענומען און זיי געזאָגט, אַז למען השם, וואָס נאָר זיי וועלן עפּעס הערן זאָלן זיי אים קומען פאַרציילן. און גאָר אַ סך האָט ער געשמועסט מיט די גויִים, הגם מען האָט געזען אַז זיי קומען צוליב דעם גלעזל בראָנפן וואָס ער גיט זיי. און וואָס אומוואַרשיינלעכער ס׳איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן פאַרציילט אַלץ מער האָט זיך דער רב צוגעהערט צו זיי. און איין מאָל האָט אַ גוי פאַרציילט אין שיכּרות, אַז איינער אַ ייִד האָט פאַרברענט אַ ייִדיש ספר, און דער רב איז געזעסן און פאַמעלעך זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט.

אונדזער רב האָט נעבעך וויי געטאָן דאָס האַרץ פאַר זיין קרובה וואָס איז איצט געבליבן אַן עגונה און זי איז נאָך אַפילו קיין פופצן יאָר נישט אַלט געווען. ער האָט אָפּגעלאָזט אַלע קהלישע עסקים וואָס זענען געלעגן אויף אים ווי אויך זיינע טעגלעכע שיעורים אין אלפס און אין רמב״ם און ער האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרנעמען מיטן מתּיר מאַכן די עגונה. מען האָט געזען אַז דער רב איז זיך מייאש דערפון אַז זלאַטעס מאַן זאָל ווען

אַ מאָל צוריקקומען און ער האָט געזוכט אַ צד־היתּר ווי אַזוי צו באַפרײַען די פרוי פון איר עגונהשאַפט. קיין צד־היתּר האָט ער נישט געפונען.

אונדזער רב זכר צדיק לברכה איז געווען אַ בעל רוח־הקודש. מיטן רוח־הקודש האָט ער געזען און געזאָגט, אהרן איז טויט, וואָרן ווען ער לעבט וואָלט איך אָנגענומען די דעה פון די פּוסקים לויטן מיין פון דער תּורה, און איך וואָלט נישט געזוכט קיין היתּר דאָרט ווו זיי קאָנען קיין היתּר נישט געפינען. און נאָך האָט אונדזער רבי געזאָגט, אַז איך קלער אַריין אין דעם דין פון דעם אומגליקלעכן מיידל, אַמפּערן זיך די אויגן מיטן האַרץ, די אויגן גייען נאָך די ספרים, און דאָס האַרץ זאָגט מיר טאָמער און אפשר האָט זי נישט קיין דין־עגונה. אָבער כּל־זמן עס קומט נישט קיינער און זאָגט, כ׳האָב אים קובר געווען אָדער כ׳האָב אים געזען טויט, איז זי בחזקת אשת־איש און ס׳איז נישטאָ קיין שום אופן ווי זי אַ מאָל מתּיר צו זיין. היינט שטעלט אייך פאָר דעם צער וואָס דער צדיק האָט געהאַט אויף זיין קרובה, וואָס זי איז אים איינציק אַליין געבליבן פון זיין גאַנצער משפּחה, און זי איז נאָך קיין פופצן יאָר נישט אַלט און עס שטייט איר פאָר צו זיין אַן עגונה דאָס גאַנצע לעבן, און זיין האַרץ זאָגט אים, אַז איר מאַן לעבט נישט. אָבער וואָס זאָל ער טאָן, סתּם אַ גוי וואָס רעדט קאָן יאָ מתּיר מאַכן אַן עגונה, און דער רוח־הקודש קאָן נישט מ׳תּיר מאַכן. אונדזער רבי האָט זיך געוואָנדן צו די גרעסטע גאונים פון פּוילן און ליטע און אַרומגערעדט מיט זיי אין בריוו, און זיי אַלע צוזאַמען האָבן נישט באַפרייט דאָס מיידל פון די קייטן פון עגונהשאַפט.

קאַפּיטל פיר

מאָנטיק פּרשת בחוקותי ווען מ׳האָט אויפגערופן דעם רב צו דער תּורה און איך העלף אים אַרויפגיין אויף דער בימה, איך קוק אים אָן זע איך, אַז ער איז פאַרטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט, אָבער ער באַמיט זיך אַרויסצוקריגן פון דער פאַרטראָגנקייט. כ׳טראַכט מיר, דער רב וויל מסיח דעת זיין פון איר אומגליק כּדי צו מאַכן די ברכה מיט כּוונה.

נאָכן לייענען, ווען כ׳האָב אים געהאָלפן אַראָפּגיין פון די טרעפּ און צוריקגעפירט אים אויף זיין אָרט, האָב איך געזען אַז ער וויל מיר עפּעס

זאָגן. אַז ער האָט אָפּגעלייגט די תּפילין בין איך צוגעגאַנגען צו אים. הייבט
ער אויף די אויגן און זאָגט, ביסט דאָ. ער נעמט און לייגט אַריין די תּפילין
אין זעקל און דעם טלית גייט ער נאָך אָנגעטאָן. ער קוקט מיך ווידער אָן
און זאָגט מיר בזה הלשון, איך ווייס אַז דו האָסט נישט קיין מורא פאַר
קיינעם. גיי עס עפּעס און דערנאָך קום אַריין צו מיר. היות ווי ער האָט
מיר געזאָגט כ׳זאָל גיין עסן האָב איך נישט געקאָנט זאָגן כ׳וועל שטיין
און וואַרטן ביז דער רבי וועט מיך רופן.

בין איך אַהיימגעגאַנגען. מיין ערשט ווייב עליה השלום האָט נאָך
דעמאָלט געלעבט. ביים עסן זאָגט זי מיר, ביסט עפּעס צעטראָגן. האָב איך
געוואָלט פאַרציילן וואָס ס׳האָט פּאַסירט, אָבער נישט אַלץ וואָס פּאַסירט
מיט אַ מענטש אין בית־מדרש מוז ער פאַרציילן דעם ווייב. זאָג איך, כ׳אייל
מיך. פאַר וואָס, דער רב וואַרט אויף מיר. פאַר וואָס, כ׳דאַרף גיין ערגעץ
אין אַ שליחות. קוקט זי מיך אָן און שווייגט. אַז כ׳האָב מיך אויפגעשטעלט
צום גיין זאָגט זי, דו געדענקסט די מעשׂה פון דעם אַרענדאַר מיט דעם
מלמד? זאָג איך, אַזאַ מעשׂה פאַרגעסט מען נישט. זאָגט זי, ווידער איז
מען געקומען מיט אַזאַ מעשׂה צום רב און ער וויל אויף דיר אַרויפלייגן
די שליחות. זאָג איך צו מיין ווייב, ווען ביי אונדז וואָלט פּאַסירט אַזאַ
מעשׂה וואָלט איך דער ערשטער דערפון געוווּסט נאָך אַפילו פאַר דיר. און
חוץ דעם לייגט מען קיינעם נישט אַריין אין חרם ביז מען האָט אים גערופן
צוויי מאָל און ער האָט נישט געוואָלט קומען. און אויך, נאָך דעם ווי
יענער אַרענדאַר האָט געקריגן זיין שטראָף אויף דער וועלט, חוץ וואָס
ער וועט קריגן אויף יענער וועלט, וואַגט שוין קיינער נישט אַזעלכעס
צו טאָן, און אַז דער רב שיקט דעם שמש נאָך עמעצן ער זאָל קומען
קומט ער.

וואָס איז געווען די מעשׂה מיט יענעם אַרענדאַר? אַ רייכער אַרענדאַר
האָט געדונגען אַ מלמד פאַר זיין זון. האָט דער מלמד אָפּגעאַרבעט מיט
אים אַ גאַנצן ווינטער, מיט חודש ניסן האָט ער געזאָלט אַהיימפאָרן צום
ווייב, האָט ער געוואָלט ער זאָל אים באַצאָלן. זאָגט דער אַרענדאַר, לאָמיר
נאָר זען צי מיין זון האָט זיך עפּעס אויסגעלערנט. נעמט ער און הייסט
אים זאָגן קדיש און ער קען נישט. מה דאָך דאָס וואָס דער מלמד האָט אים
געלערנט קען ער נישט, בפרט נאָך אַז ער האָט דאָס אין גאַנצן מיט אים

נישט געלערנט. איז דער אַרענדאַר אַרויס פון די כּלים אויפן מלמד און אים נישט באַצאָלט קיין איין פּרוטה. האָט דער מלמד אויפגעהויבן אַ געשריי. זאָגט דער אַרענדאַר, אויב דו ווילסט דיין לוין טאָ באַדיר אים, און ער האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. האָט דער מלמד אים גערופן צום רב און יענער איז נישט געקומען. האָט דער רב מיך געשיקט אים זאָגן, אַז אויב ס׳איז נישטאָ קיין דין אויף דער וועלט איז דאָ אַ דין אויף יענער וועלט, און אויב ער וועט נישט קומען צו דעם בית־דין וועט מען אים פירן צום בית־דין אין גיהנום. כ׳בין אַהינגעגאַנגען צו אים און איך האָב נישט מורא געהאַט נישט פאַר אים און נישט פאַר זיינע הינט און נישט פאַר זיינע משרתים. זאָג איך צו מיין ווייב, פון די מעשה קאָנסטו זען, אַז אויב דער רב אַליין איז מקיים דעם ולא תגורו מפּני איש, האָבן זיינע שמשים אויך נישט מורא פאַר קיינעם. כ׳האָב מיט אַ כּיוון געזאָגט שמשים בלשון רבים, אַז מיין ווייב זאָל זיך נישט צו פיל גרייסן מיט מיר, וואָרן טייל מאָל אַז אַ ווייב גרייסט זיך מיטן מאַן ברענגט דאָס אים אַריין אין גאווה און אין הויכהאַלטערישקייט.

כ׳בין צוריקגעגאַנגען צום רב. מ׳האָט אים אַריינגעברענגט אַ גלאָז מילך מיט אַ בייגל. דער רב האָט אָפּגעלייגט די רבנו תּמס תּפילין און ער האָט זיי מיר געגעבן צונויפצולייגן, אַ זאַך וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געטאָן. האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס האַרץ חלשט אים און ער וויל עפּעס טועם זיין. שמייכלט דער רב און זאָגט, ס׳האָט גאָרנישט קיין שיעור ווי מענטשן קאָנען פאַרגעסן, הייַנט ברענגט מען מיר צו עסן. כ׳האָב געוואָלט זאָגן, אויך איך האָב פאַרגעסן אַז דער רב פאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק, נאָר כ׳האָב געשוויגן, ווייל מיר האָבן קיין מאָל נישט אַרויס־גערעדט פאַרן רב קיין איבעריק וואָרט.

זאָגט דער רב צו מיר, כ׳האָב בדעה צו גיין ערגעץ. ווילסט מיט מיר מיטגיין? וווּ־דער איך מיך. דער רב וואָס יעדער איינער רייסט זיך צו זיין נעבן אים פרעגט צי איך וויל אים באַגלייטן? וואָרן ווען ער זאָגט מיר כ׳זאָל גיין מיט אים אין די הרי־חושך גיי איך נישט? זייער אָפט האָט זיך מיר געדאַכט אַז מיטן בליק זאָגט ער מיר וואָס ער וויל מיר זאָגן. און דער רב גיט צו, דאָרט ווו איך וויל גיין גייט נישט קיין לעבעדיקער

מענטש. אַז די מידת־הדין איז אַזוי גרויס מוז מען זיך פאַרלאָזן אויף גאָטס רחמים.

זעט דער רב אַז איך פאַרשטיי נישט וואָס ער רעדט, דערקלערט ער מיר און ער זאָגט, כ׳האָב אַזוי פיל אַריינגעאַרבעט אין דעם אומגליקלעכן מיידל, וואָס אַלע פּוסקים מאַכן איר פאַר אַן אייביקער עגונה. און היות ווי ס׳איז נאָך נישט געקומען קיינער וואָס זאָל זאָגן, מיר האָבן אים קובר געווען אָדער מיר האָבן אים געזען טויט, וויל איך זען צי ער לעבט אָדער ער איז געשטאָרבן.

איז מיר אַדורך אַ ציטער איבער די ביינער און איך שטיי און ווייס נישט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. זאָגט דער רבי ווידער, אויב ער לעבט וועט ער זיכער טאָן תשובה, און אויב ער איז טויט איז ער אין גיהנום, ווי אַלע פּושעי־ישׂראל וואָס גייען אין גיהנום אַריין. כ׳וועל גיין אים זען דאָרט. גייסט מיט מיט מיר?

זאָג איך צו אונדזער רב, וואָס פאַר אַ תּפילות זאָל איך זאָגן? קוקט דער רב אויף מיר און זאָגט, אַ מענטש דאַרף שטענדיק זען אַז דאָס גיהנום איז פאַר אים אָפן, אַז דו שטייסט און דאַוונסט זאָל זיך דיר דוכטן אַז דו שטייסט אויף די טיר פון גיהנום, און די גאַנצע צייט ביים דאַוונען זאָל זיך דיר דוכטן אַז דו דאַוונסט איצט דאָס לעצטע מאָל אויף דער וועלט, טאָמער וועט מען דיך מער נישט לאָזן מתפּלל זיין, וואָרן ס׳איז אַ חסד וואָס מען טוט מיט דעם מענטש וואָס מען לאָזט אים מתפּלל זיין איין מאָל אין זיין לעבן, און ווען איז דאָס אייגע מאָל, איצט ווען ער שטייט און דאַוונט. האָב איך ווידער געפרעגט, און וואָס פאַראַ כּוונות זאָל איך מכוון זיין? קוקט דער רב מיך אָן און זאָגט, זיי מכוון מיט די אויגן, אַז טאָמער באַהאַלט ער זיך אויס פון מיר און איך זע אים נישט זאָלן דיינע אויגן זיין אָפן צו זען ווי ער באַהאַלט זיך.

קאַפּיטל פינף

פרייטיק אין דער פרי פאַר שבת־תּשובה בין איך געקומען צום רב פרעגן ווען ער וועט האַלטן די דרשה, כּדי איך זאָל גיין אויסרופן. אין פלוג איז געווען איבעריק צו פרעגן, וואָרן ס׳איז שוין פון לאַנג דער

שטייגער, אַז אין שבת־שובה באַלד נאָכן עסן קומען זיך אַלע צוזאַמען אין דער גרויסער שול און מען זיצט און מען זאָגט תּהלים ביז דער רבֿ הייבט אָן די דרשה. נאָר אין די צייטן פֿון אונדזער רבֿ האָט מען זיך נוהג געווען אַז קיין שום זאַך איז נישט געטאָן געוואָרן אין שטאָט איידער מען האָט אים געפֿרעגט. צו ערשט האָב איך געמיינט אַז פֿון דרך־ארץ וועגן טוט מען דאָס, ביז איך האָב געהערט פֿון אונדזער רבֿ, אַז יעדע זאַך מוז האָבן אַ הכנה, בפֿרט תּשובה, און אַ דרשה וועגן תּשובה. צו וועלכער מענטשן מוזן זיין גרייט, דער רבי האָט באַשטימט דעם זמן. אַז כ'בין שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען האָט ער מיך צוריקגערופֿן. האָב איך געמיינט, ער האָט מיך צוריקגערופֿן כּדי מיר צו זאָגן ווען מיר גייען דאָרט אַהין, ס'הייסט אין גיהנום אַריין. קוקט דער רבֿ מיך אָן און זאָגט, בשעת דו וועסט אויסרופֿן די דרשה זאָלסטו זיי זאָגן אין מיין נאָמען אַז יעדער זאָל זיין געהיטן און נישט מאַכן די סוכּה אין אָן אומריין אָרט.

זעט דער רבי אַז איך וווּנדער מיך אויף אַ זאַך וואָס קיין שום רבֿ האָט ביז אַהער נישט געטאָן. און אויך אונדזער רבֿ זאָל לעבן טראַכט געוויינטלעך נישט וועגן אַזעלכעס און אויך נישט די רבנים פֿון אַנדערע קהילות.

זאָגט דער רבי צו מיר, צוליב אונדזער גרויסער זינד זיצן מיר נאָך דאָ און מיר גייען ווי מיר גייען און אַ מענטש ווייס נישט ווו ער שטעלט אַוועק זיין פֿוס און ווו ער געפֿינט זיך. אָבער אַ סוכּה וואָס איז דער סוד פֿון די ענני כּבֿוד מיט וועלכע גאָט האָט אַרומגענומען די ייִדן אין דער מידבר דאַרף האָבן אָן אָרט פֿון טהרה און מען דאַרף שטאַרק ניזהר זיין דערין. אין מיטן רעדן וועגן גייען ווו מיר גייען איז מיר אַדורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק, אַז אָט באַלד גייען מיר אַהין דאָרט ווו ס'געפֿינט זיך דער מאַן פֿון דער אומגליקלעכער עגונה. גיט מיך דער רבי אַ קוק אָן מיט אַ פֿריינדלעכן בליק און איז מרמז, אַז ער האָט געענדיקט רעדן.

אויפֿן וועג אַהיים האָב איך מיר איבערגעטראַכט יעדעס וואָרט וואָס כ'האָב געהערט פֿון זיין מויל. דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר געפֿרייט וואָס מיר האָבן אַזעלכע גוטע וועגווייזערס, וואָס מיט זייער ליכטיק וואָרט פֿירן זיי אונדז אויפֿן גלייכן וועג און גיבן אונדז אַ האַפּט אין דעם גלות.

כ'בין געקומען אַהיים כּדי צו גרייטן שבת סיי אין דער שול און אין

דער היים, וואָרן זי — עליה השלום איז געווען שוואַך און קוים וואָס זי איז געשטאַנען אויף די פיס. און נאָך שבת האָב איך מיך געגרייט אויף יום־כיפור. און גאָט האָט זיך דערבאַרעמט איבער אונדז און דער טאָג איז אַריבער בשלום. עס האָט קיינער נישט געחלשט און די בעלי־תפילה האָבן זיך נישט טועה געווען ביים דאַווענען און דער בעל־קורא האָט זיך נישט טועה געווען ביים לייענען. און קיין ליכט האָט זיך נישט אויסגע־לאָשן נישט קיין נשמה־ליכט און נישט קיין ליכט פון די לעבעדיקע. און ס'איז דאָך געווען אַזוי פיל ליכט, ממש איין ליכט נעבן אַנדערן, וואָרן עס זענען געווען אַזוי פיל מתים וואָס זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן ביי דער גרויסער שחיטה, און יעדער וואָס ס'איז געבליבן נאָך אים אַ קרוב האָט אָנגעצונדן אַ ליכט פאַר זיין נשמה. באַזונדערס פיל זענען געווען דעם רבס ליכט, וואָרן ס'איז קיינער נישט געבליבן מער פון זיין משפחה ווי דאָס מיידעלע וואָס גייט איין צוליב דער זינד פון איר מאַן.

צו מאָרגנס נאָך יום־כיפור האָב איך געברענגט דעם רב די פושקע פון אתרוג. מיין ערשט ווייב עליה השלום האָט שוין געהאַט אַ חזקה אָפּצופוצן די אתרוג־פושקע לכבוד יום־טוב. אַלע יאָר האָט זי דאָס געטאָן אין די עשׂרת ימי תשובה, דאָס יאָר האָט זי דאָס אָפּגעלייגט ביז נאָך יום־כיפור צוליב איר שוואַכקייט. דער רב האָט נישט מקפיד געווען דערויף, הגם צוליב דעם האָט ער געמוזט אָראָפּגיין פון זיין מינהג וואָס ער האָט זיך נוהג געווען, אַז מוצאי־יום־כיפור נאָך דער הבדלה האָט ער גענומען דעם אתרוג און אַריינגעלייגט אין דער פושקע.

אַז כ'בין אַריינגעקומען צום רב האָב איך דאָרט געטראָפן דעם חשובן גביר ר' עקיבא ש״ס, וועלכער האָט זוכה געווען און זיך געקויפט גאַנץ ש״ס, אויך איז דאָרט געווען נאָך איינער, גלייך מיט אים אין חשיבות און אין מידות אָבער נישט מיט עשירות, ר' משולם פון דייטשלאַנד וואָס האָט געשטאַמט פון דעם מחבר אקדמות לשבועות. צוליב זייער טיפן עלטער זענען זיי נישט געקומען צום רב מוצאי־יום־כיפור, נאָר צו מאָרגנס נאָך יום־כיפור.

כ'האָב אָוועקגעשטעלט די פושקע פאַרן רב. זעט דער רב די פושקע און זאָגט צו מיר, כ'הער אַז דיין ווייב ברויך רחמים. זאָג איך, זי איז לאָ עלינו קראַנק און כ'האָב אַ שטוב קיין עין הרע מיט קליינע קינדער.

אין האַרצן האָב איך געהאָפט אַז דער רב וועט איר געבן אַ ברכה, אַ רפואה שלימה, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. אין אַ צייט אַרום האָב איך פאַרשטאַנען פאַר וואָס, דער רב האָט געוווסט וואָס מיר האָבן נישט געוווסט, דער גזר האָט שוין געהאָנגען איבער איר און נאָך איידער דאָס יאָר האָט זיך געענדיקט איז זי אַוועק פון דער וועלט. דערנאָך האָט דער רב אַריינגעלייגט דעם אתרוג אין דער פושקע און די פושקע האָט ער געלאָזט אָפן.

דער אתרוג האָט געשמעקט און דער רב האָט ווידער אָנגעהויבן שמועסן מיט די צוויי זקנים וועגן אַמאָליקע צייטן. און אין דעם שמועס עפּעס אַ מעשׂה־נורא. ס׳האָט אַמאָל פּאַסירט אַז אין משך פון יאָרן האָבן זיי נישט געזען קיין אתרוג. האָבן זיי אָנגעהויבן קלערן טאָמער וועלן ייִדן פאַרגעסן ווי אַן אתרוג זעט אויס. איין מאָל צווישן ראש־השנה און יום־כּיפּור זענען אָנגעקומען צוויי ייִדן וואָס האָבן געבראַנגט פון ערגעץ אַ ווייט לאַנד אתרוגים צו פאַרקויפן. האָט קהל געקויפט אַן אתרוג פאַר אַ מטמון מיט געלט כאָטש זיי זענען געווען איינגעבאָדן אין חובות, וואָרן זיי האָבן געבאָרגט געלט ביי די גלחים אויסצולייזן געפאַנגענע ייִדן. אַ סך האָבן געצווייפלט צי מען קאָן מיט דעם אתרוג יוצא זיין די מיצווה אתרוג, און צי מען מעג איבער אים מאַכן אַ ברכה, אָבער טראָץ דעם, צוליב מיצוות אתרוג, האָבן אַלע איבער אים געמאַכט אַ ברכה. נאָך יום־טוב איז איינעם איינגעפאַלן בודק צו זיין דעם אתרוג. איז גאַנץ קהל זיך צוזאַמענגעקומען. מ׳האָט אויפגעשניטן דעם אתרוג און מען האָט געזען אַז דאָס איז אַזאַ פּרי וואָס מ׳רופט לימינע און אַז אַלע האָבן געמאַכט אַ ברכה לבטלה. נאָענט פאַר פּסח, ווען די שנייען האָבן געלאָזט, האָט מען געפונען אין וואַלד צוויי הרוגים וואָס די וועלף האָבן שוין געהאַט אויפגעפרעסן און עס זענען בלויז געבליבן די ביינער און די בגדים. מ׳האָט נאָכגעקוקט און מען האָט געזען אַז דאָס זענען געווען די וואָס מ׳האָט ביי זיי געקויפט דעם אתרוג. מען האָט זיי נישט חושד געווען אַז זיי האָבן געוווסט אַז זיי האָבן פאַרקויפט אַ לימינע פאַר אַן אתרוג און מ׳האָט נישט חושד געווען אַז דער אייבערשטער טוט אַן דין און אַן מישפּט. האָט מען געזעצט אַ בית־דין צו פּסקענען וועגן זייערע ווייבער וואָס זענען געבליבן עגונות, צי מען קאָן אַרויסגעבן אַ היתר אויפן סמך

פון דעם וואָס מ׳האָט געפונען. דער בית־דין האָט נישט באַוויזן אַריינ־צוגיין אין די פּרטים און ס׳איז געקומען חמי״ל הרשע און געמאַכט די שחיטות אויף יידן און אַ סך פרויען זענען גענומען געוואָרן געפאַנגען און צווישן זיי די אלמנות פון יענע צוויי יידן.

נאָך דעם ווי די צוויי זקנים זענען אַוועקגעגאַנגען האָט דער רב מיר געוויזן אין דער גמרא עירובין דעם מאמר חז״ל, גימל פּתחים יש לגיהנום, דריי טירן זענען פאַראַן צום גיהנום, איין טיר אין דער מידבר, איינע אין ים, און איינע אין ירושלים. ער האָט מיר אויך געוויזן ז׳ שמות יש לגיהנום, זיבן נעמען האָט דער גיהנום, און ער האָט מיר גענוי דערקלערט די אונטערשיידן פון די אַלע נעמען. צום סוף זאָגט מיר אונדזער רב, פון זינט ירושלים איז חרוב געוואָרן איז נישט יעדער רשע זוכה מען זאָל אים אַריינגעמען אין גיהנום דורך ירושלים, נאָר די מערסטע רשעים עפנט זיך פאַר זיי דאָס גיהנום פאַר זייערע פיס, ממש פאַר זייערע פיס. צום סוף האָט דער רב מיט מיר געלערנט אַ ביסל הלכות גיהנום. אָבער פון דעם גיין אין גיהנום אַריין האָט ער נישט דערמאָנט.

ביי נאַכט נאָך מעריב האָב איך געזען אַז דער רב קוקט אויף מיר. בין איך צוגעגאַנגען נעענטער צו אים, אָבער ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. איך שטיי און איך קוק אויף אים. איך זע אַז דאָס פּנים זיינס גליט און די ווייסע לאָקן בלאַנקען פון שוויס. צוליבן קאַפּעווייטיק וואָס איז אים געבליבן פון אַ קלאַפּ מיט אַ שווערד האָט אונדזער רב זיך נישט אָפּגע־שוירן אַפילו אויף יום־כיפור.

כ׳בין געשטאַנען נעבן רב, אָבער ער האָט זיך נישט אומגעקוקט. איך בין אָבער פון אים נישט אָפּגעטרעטן. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דער רב קוקט אויף מיר איז עס נישט גלאַט אַזוי. גיט ער ווידער אַ קוק אויף מיר און זאָגט, נעם די לאַמטער און מיר וועלן גיין. און כאָטש ער האָט נישט געזאָגט ווו, האָב איך אָבער געוווסט וווהין מיר גייען. און ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז ווען דער רבי האָט געהייסן גיין, האָט ער פריער דערמאָנט דעם אייבערשטן אַז אין נאָמען פון זיין ליבן נאָמען וועלן מיר זיך לאָזן גיין. אלא וואָס דען דערמאָן איך נישט, ווייל יעדער בר־דעה ווייס, אַז מען טוט נישט קיין זאַך פריִער ביז מ׳בעט צו ערשט גאָטס הילף.

ווייל איז דעם וואָס ווייס צו בעטן און ווייל איז דעם וואָס מ׳הערט זיין געבעט.

איך קער זיך אום צום עיקר פון דער מעשׂה. אין דער האַנט האָב איך געהאַלטן די ליכט וואָס מען מאַכט פון דעם וואַקס וואָס טריפט אַראָפּ פון די יום־כּיפּור ליכט וואָס מען צינדט אָן אין דער גרויסער שול. אַ טייל פון די ליכט צינד איך אָן הושענא רבא, אַ טייל צינד איך אָן כ׳ סיון. אין דער צייט פון אונדזער רב האָט קיינער נישט געכאַפּט קיין שטיקער וואַקס מוצאי־יום־כּיפּור פון די ליכט וואָס האָבן געברענט יום־כּיפּור ביים דאַווענען, וואָרן אַלע האָבן זיך געריסן צוצוגיין צום רב און קריגן פון אים אַ ברכה באַלד נאָך מעריב און במילא איז דער גאַנצער וואַקס געבליבן ביי מיר. כ׳האָב מיטגענומען אַלע ליכט, און טאָמער וועט דאָס זיין אַ לאַנגער וועג זאָל די פינצטערניש אונדז נישט איינשלינגען. כּל־זמן אַ מענטש לעבט זעט ער נישט אַז דאָס גיהנום איז פאַר אים אָפן און ער פילט גאָרנישט און ער ווייס גאָרנישט ווי נאָענט דאָס גיהנום איז. כ׳האָב אַריינגעשטעקט אַ ליכט אין דער לאָמטער און איך האָב עס נישט אָנגעצונדן, מיר האָבן זיך נישט גענייטיקט אין זיין באַלייכטונג ווייל ס׳איז געווען צווישן יום־כּיפּור און סוכּות און די נעכט זענען געווען ליכטיק.

מיר זענען אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף פון דער שול און דער רב האָט זיך אָוועקגעשטעלט און זיך איינגעהערט אין ווינט. ער האָט אַ צי געטאָן מיט דער נאָז און אויסגעשמעקט דעם וועג. און ער האָט געזאָגט, לאָמיר גיין.

מיר זענען געגאַנגען אַרום די שולן און אַרויסגעקומען אויף דער קצבים־גאַס פון יענער זייט סטריפּאַ, און פון דאָרט צו דער גאַס שור שנגח, די גאַס האָט מען אַזוי גערופן ווייל אַן אָקס האָט דאָרט אויפגעכאַפּט אַ פּרוי מיט קינדער. איצט רופט מען די גאַס קעניגשטראַסע. פון דאָרט האָבן מיר זיך געלאָזט אויף צפון־מערב פון דער וועלט.

ווי לאַנג מיר זענען געווען אין שטאָט איז אונדזער רב געגאַנגען אַ טראָט און אָפּגעשטעלט זיך, געגאַנגען אַ טראָט און אָפּגעשטעלט זיך. כ׳האָב מיר געטראַכט אַז ס׳איז אים שווער דאָס גיין, ווייל ער האָט שוין פאַרגעסן ווי צו שטעלן אַ טראָט, וואָרן ער איז אַרויסגעגאַנגען נאָר צוויי

מאָל אַ יאָר, איין מאָל אַנצושעפּן מים שלנו און איין מאָל צו תּשליך. און אויב דער ערשטער טאָג שבועות איז געווען שיין האָט ער געפּלעגט אַרויסגיין אַנקוקן די בערג ווי אַ זכר פון מעמד הר סיני. עס ליגט נאָך דער שטיין אויף וועלכן דער רב האָט זיך געפּלעגט אַוועקזעצן אָפּרוען.

די לבנה שיינט און אַרום איז שטיל. און פון דער שטילקייט הערט זיך פון צייט צו צייט אַ קלאַפּ פון אַ האַמער פון די וואָס שטעלן אויף סוכּות. איין מאָל צוויי מאָל שטעלט זיך דער רב אָפּ זאָגנדיק אין דער שטיל קול דודי דופק. און כ׳האָב געוווּסט אַז דאָס שטעלט ער זיך אַלע מאָל אָפּ כּדי אַנצוזעטיקן דאָס אויג מיט די סוכּות. דער רב האָט אין זיבען געהאָט די ביטערע צייטן ווען מ׳האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר חמי״לס חיילות און מ׳האָט נישט געקאָנט מקיים זיין די מיצווה פון סוכּה.

אַז מיר זענען אַרויס פון שטאָט איז די לבנה פאַרשוווּנדן און דער וועג איז געוואָרן שווערער. כ׳האָב גיך אָנגעצונדן דאָס ליכט און האָב געהאַלטן די לאַמטער מיט אַלע כּוחות. עס האָט זיך מיר געדוכט אַז מען וויל מיר אַרויסרייסן די לאַמטער פון האַנט, און טייל מאָל האָט זיך מיר געדוכט אַז מ׳וויל אויסלעשן דאָס ליכט, כאָטש קיין ווינט האָט נישט געבלאָזן, און בשעת מעשׂה האָט מיר עפּעס געשעפּטשעט אין אויער אַריין, וואָס איך האָב נישט געהערט. דער מיחוש וואָס איז מיר געבליבן אין די אויערן איז פון די שעפּטשעניש. דאָס ציטערן וואָס איך האָב אין די פינגער איז פון דער לאַמטער וואָס איך האָב אָנגעהאַלטן מיט אַלע כּוחות, מען זאָל מיר נישט אַרויסרייסן פון דער האַנט.

מיר זענען געגאַנגען און געשוויגן. אַז דער רב האָט געשוויגן האָב איך אַוודאי געשוויגן. גרויס איז געווען דער כּבוד וואָס מיר האָבן אָפּגע־געבן אונדזער רב, און עס האָט קיינער זיך נישט אַנטוועגט צו רעדן פאַר אים, סיידן ער האָט געקריגן רשות דערצו. כ׳ווייס נישט ווי לאַנג מיר זענען געגאַנגען. פון זינט מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט האָט דער רב פון מיר אַוועקגענומען דאָס געפיל פון צייט. ס׳איז אין מיר נישט געבליבן קיין שום געפיל חוץ שרעק און אימה. און ווען דער רב וואָלט מיר נישט מיט אַ שטילער תּנועה אָנגעוויזן כ׳זאָל זיך אָנהאַלטן ביי דער פּאָלע פון זיין בגד וואָלט איך געשטאָרבן פון שרעק. צו ערשט האָב איך געמיינט אַז ער זכר צדיק לברכה האָט זיך אַרומגענומען מיט קמיעות,

נאָר אַז כ׳האָב געהערט ווי ער זאָגט שטיל, גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי, האָב איך געוווּסט אַז ער לייגט אַרויף זיין בטחון אויף השם יתברך אַליין.

קאַפּיטל זעקס

אַז איך זאָל אייך גיין פאַרציילן אַלץ וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט מיט דעם רב אויפן וועג וועלן מיר נישט פאַרטיק ווערן. און אַז איך זאָל גיין אויסרעכענען די אַלע מקומות ווו מיר זענען אויסגעווען וועלן מיר פאַרפאַלן ווערן. באמת האָט דער רב פון מיר אַוועקגענומען נישט בלויז די הרגשה פון זמן נאָר אויך די הרגשה פון חלל. נאָר זינט כ׳בין צוריק־געקומען פון דאָרט הייבן צוריק אויפטויכן די אַלע ערטער און טרעטן נישט אָפּ פון מיר. טייל מאָל זענען זיי אויסגעמישט און טייל מאָל הענגען זיי איבער קנוילן בערג, און דער הימל הענגט נידעריק איבער זיי. אַ האָר פעלט דער הימל זאָל אָנרירן די ערד. טייל מאָל הייבט זיך די ערד אויף און שטופּט זיך אין הימל אַריין און טייל מאָל לייגט זיך דער הימל צו דער ערד. שטיי איך אויבן דוכט זיך מיר כ׳בין אונטן, שטיי איך אונטן בין איך אויבן. און גענוג דערוועגן.

און דער שמש זאָגט, עס האָבן אַ טעות די וואָס מיינען אַז יעדן געשטאָרבענעם רשע לאָזט מען אַריין אין גיהנום, זיי ווייסן גאָרנישט אַז עס איז פאַראַן עפּעס ערגערס ווי ס׳גיהנום. און וואָס איז דאָס, דאָס איז דער כף־הקלע, נישט דער וואָס די ספרים ברענגען אַז ס׳איז אַ נאָמען פון אַן אָרט, ס׳איז אַ מין שליידערניש אין וועלכן דער מענטש קומט אָפּ פאַר זיינע זינד. ער ליידט אַזעלכע יסורים אַז ער וויל אַנטלויפן אין גיהנום אַריין. און אַז ער קומט צו נאָענט צום גיהנום שליידערט מען אים אַוועק אויף דעם אָרט ווו ער האָט געזינדיקט און אויף די ערטער ווו ער האָט געוואָלט טאָן אַן עבירה. ער גייט אַרום און זוכט די ערטער און ער קאָן זיי נישט געפינען, ווייל זיי האָבן זיך פאַרענדערט צוליב די עבירות, און די וואָס האָבן זיך נישט פאַרענדערט רוקן זיך אים אַוועק פון אונטער די פיס און ער טאָפּטשעט פוס־איין פוס־אויס. קומען אַן בייזע הינט און בייסן אים די פיענטעס. פאַראַן אַ חוטא וואָס די ערד שליידערט

זיך אַוועק פון אים, די ערד שלײדערט זיך אַוועק און ער בלײבט הענגען אין דער לופט. פאַראַן אײנער וואָס קומט צוריק צו די טויערן פון גיהנום. און פאַראַן אײנער וואָס קומט דאָרט קײן מאָל נישט צוריק. שווער איז די שטראָף פון דעם זינדיקן, שווערער אָבער איז די שטראָף פון אײנעם וואָס האָט געוואָלט זינדיקן און האָט נישט געזינדיקט, נאָר ער האָט געהאַט אַ זינדיקע מחשבה. דער וואָס האָט געזינדיקט דעם ווערט זײן זינד אַ ביסל געלײטערט דורך חרטה, דורך יסורים און דורך זײן צעבראָכן האַרץ, דער אָבער וואָס האָט געוואָלט זינדיקן און האָט נישט געזינדיקט, עס איז אים די עבירה נישט אונטערגעקומען, איז מאַכט די גאווה פון אים אַ תל, דאָס אײנרעדעניש וואָס ער רעדט זיך אײַן אַז ער איז אַ צדיק און באמת ברענט אין אים די גאווה ווי ווילד פײַער. און נאָך ערגער פון זײ זענען די מענטשן פון אָנשטעל, וואָס קלאַפּן זיך על־חטא מיט אַ פרומער מינע, און אינעווייניק זענען זײ פול מיט זינדיקע געדאַנקען, און ס'טוט זײ אַ הנאה צו טראַכטן וועגן דער הנאה פון דער זינד. ס'וועט מיך קײנער נישט חושד זײַן אַז כ'האָב ליב די בעלי־עבירה. ווען כ'האָב געזען די אַלע געשלײדערטע אין כף־הקלע בין איך גרייט געווען זיך צו פאַרדינגען פאַר אַ שמש אין גיהנום כדי כ'זאָל קאָנען אויפמאַכן פאַר זײ די טירן און זײ אַרײַנלאָזן.

און דער שמש זאָגט, פאַראַן גדולים וואָס מײנען אַז ווי נאָר זײ שטאַרבן לאָזט מען זײ גלײַך אַרײַן אין גן־עדן. אַז כ'בין געגאַנגען מיטן רב איבערן גיהנום האָב איך געזען אַז דאָס גיהנום איז פול מיט זײ. אָבער איך מוז דאָ זאָגן געגנוי מיט וועלכע פון זײ איז דאָס גיהנום פול, די וואָס מען האָט פאַר זײ געפונען אַ זכות. אָבער די וואָס מען האָט פאַר זײ קײן זכות נישט געפונען, פאַלן אַרײַן אין שאול־תחתיה. און שאול־תחתיה קעגן גיהנום איז ווי ס'גיהנום קעגן גן־עדן. צוליבן כבוד פון די משפחות וויל איך דאָ נישט פורש בשמם זײַן. ס'איז בײַ מיר קלאָר, אַז דאָס וואָס אונדזער רב האָט כסדר געלערנט משניות, אַ זאַך וואָס ער האָט נישט געטאָן פריִער, וואָרן חוץ די טעגלעכע שיעורים פון הלכה האָט ער בעיקר געפּלעגט לערנען זוהר און די כתבי האר״י, איז געווען לעלוי נשמותיהם פון די וואָס זענען געגאַנגען אין גיהנום אַרײַן, וואָס בײַם לעבן האָבן זײ אויסגעזען ווי צדיקים. אויך איך, יעדע פרוטה וואָס פאַלט מיר אַרײַן פון

זייערע קינדער אָדער זייערע אייניקלעך, צי פון זייערע קרובים, צינד איך אָן דערפֿאַר אַ ליכט פֿאַר זייערע נשמות.

קאַפּיטל זיבן

נאָך דעם ווי דער שמשׂ איז אַוועק פון ענין איז ער צוריקגעקומען צום ענין. צו ערשט צו דער מעשׂה מיט אהרנען, דערנאָך צו דעם וואָס זיי האָבן מיטגעמאַכט אויפֿן וועג, דערנאָך צו דעם וואָס זיי האָבן געזען, וואָס דאָס אַלץ האָט אים געברענגט אָפּצוטאָן אַ זאַך וואָס ביטשאַטש האָט וועגן דעם קיין מאָל נישט געהערט, צו נעמען און אַרויספֿירן פֿון שול אַ תּלמיד־חכם פֿון גרויסן ייִחוס צוליב דעם וואָס ער האָט גערעדט בשעת קריאת־התורה.

איך ווער אויס איך און ווער מגולגל אין דעם בעל המעשׂה און איך רעד זיין לשון, נאָר כּדי מען זאָל זיך נישט טועה זיין און מען זאָל מיינען אַז איך בין ער הייב איך טייל מאָל אָן מיט דעם לשון, זאָגט דער שמשׂ.

איז אַלזאָ זאָגט דער שמשׂ, גיטס נאָר אַ קוק דאָס עניוות פֿון אונדזער רב זכר צדיק לברכה. אונדזער רב זכר צדיק לברכה האָט מיך מיטגענומען איך זאָל אים העלפֿן זען, און צום סוף האָט ער אים געזען דער ערשטער. און אַז יענער רשע האָט אים דערזען איז ער אויפֿגעשפּרונגען און אים געזאָגט, רבי איר זענט דאָ. כ׳האָב געוווּסט אַז דער רבי וועט קומען, שתּלמיד חכם שגלה מגלין רבו עמו, אַ תּלמיד־חכם וואָס גייט אין גלות אַריין שיקט מען אים נאָך דעם רבי. שאָקלט אונדזער רב מיטן קאָפּ און זאָגט, מכּות דף יוד עמוד אלף, אַ ביסל אַראָפּצו פֿון דער מיט פֿון בלאַט, וואָרן אַזוי האָט אונדזער רב זכר צדיק לברכה זיך נוהג געווען, אַז מ׳האָט געזאָגט פֿאַר אים עפּעס פֿון דער גמרא האָט ער עס באַלד געגעבן אַ וואָרף אַדורך אין געדאַנק און ער האָט געזאָגט די מסכתּא און דעם דף און דעם עמוד און טייל מאָל אַפֿילו די שורה, צי זי איז אין דעם אייבערשטן טייל פֿון עמוד אָדער אין אונטערשטן טייל. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן מיט אים מיט גוטן.

זאָגט דער רב צו אהרנען, זון מייַנער, ווי פֿאַלסטו אויס איבערצולאָזן

אַ פרוי וואָס דו האָסט מקדש געווען כדת משה וישׂראל, און אויב דו האָסט געזינדיקט, וואָס האָט זי אַזעלכעס געטאָן, וואָס דו נעמסט און לאָזט זי איבער אַ וויסטע עגונה, און עס פעלט דיר נישט איין עפּעס צו טאָן כדי זי אויפצובינדן. ווי ביטער איז די זינד, וואָס עס האָט זיך פון דיר אָפּגעטאָן יעדעס ביסל רחמנות, וואָס דאָס איז די ערשטע מידה פון אַ ייִד.

איז אהרן אַרויס מיט אַ געוויין און מיט אַ גרויס און ביטער געשריי, מ׳האָט מיך נישט געלאָזט, מ׳האָט מיך נישט געלאָזט קומען, אין זייערע קברים האָבן זיי מיך באַגראָבן, אין גוייִשע קברים. אַ צלם האָט מען אַרויפגעשטעלט אויף מיין קבר, אַ שתי וערב, אַ מחיצה האָט מען געמאַכט צווישן מיר און צווישן עם ישׂראל, אַז מען זאָל מיר נישט געבן קיין רשות אַריינצוקומען אין אַ ייִדישער שטוב. אַז איך בין אַרויס פון קבר און געוואָלט קומען מיין ווייב זאָגן אין חלום, אַז איך בין טויט און אַז זי איז פריי אויף אייביק, האָט דער צלם זיך מיר געשטעלט אין וועג און מיך נישט געלאָזט צו איר קומען. רבי, ביטער איז דאָס גיהנום, אָבער דער צער פאַר מיין ווייב וואָס איך האָב זי איבערגעלאָזט אַן עגונה איז פיל ביטערער.

כ׳האָב געזען אַז אונדזער רב האָט געהאַט אַ טרער אין אויג און איך הער ווי ער פרעגט, זון מיינער, ווי קומסטו דאָ אַהער און צוליב וואָס פאַראַ זינד איז געקומען דיין טויט? און איך הער ווי אהרן ענט־פערט: פון גרויס שרעק געדענק איך נישט דאָס לשון, אָבער איך געדענק דעם ענין. און אויב עס איז דאָ אַ חילוק צווישן זיין לשון און מיין לשון איז אָבער אין דעם עיקר ענין נישטאָ קיין חילוק. נאָר ער האָט גערעדט בלשון אני, וואָס די בעלי דיקדוק רופן דאָס מדבר בעדו, און איך זאָג עס איבער בלשון הוא, ער האָט געזאָגט. ער האָט געזאָגט און געוויינט, גערעדט און געזיפצט און געהעשעט און איך פאַרצייל עס ווי מען פאַרציילט עפּעס אַ ווייטע זאַך.

איז בכן, ווען אהרן האָט געזען די צרות וואָס קומען כסדר אויף ייִדן האָט ער אָנגעהויבן אַריינקלערן וואָס גאָט טוט אַזעלכעס מיט דעם פאָלק. וואָס איז דער גרויסער צאָרן. ער האָט אָנגעהויבן אַריינקלערן און ער האָט קיין ענטפער נישט געפונען. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין חקירת־ספרים און אין קבלה, אין קנה און אין פליאה. אַ צדיק אַז ער פאַרטיפט

זיך אין קבלה קומט אים צו מער צידקות. אַ מענטש וואָס איז נישט געניט דערוואַקסן און ער לאָזט זיך אַריין אין קבלה ברענגט ער אַריין אַ מהומה אין זיין נשמה, ווער שמועסט אַז ער פּאַקט זיך אָן אַ פולן בויך מיט ספרי־חקירה. נישט בלויז ער דערהייבט נישט זיין נשמה מיט יראת־השם נאָר ער פאַלט אַריין אין דער נעץ פון די קליפּות. אַזוי איז געווען מיט אהרנען. נישט בלויז זיין האַרץ האָט זיך נישט באַרויִקט, נאָר ער האָט זיך אַריינ־געלאָזט אין אַ געפערלעכן געדאַנק, אַז גאָט האָט חס־ושלום פאַרלאָזט זיין פאָלק און איז אונדז חס־ושלום געוואָרן אַ שונא.

בא לטהר מסייעין לו, זוכט איינער דאָס גוטע פירט מען אים אויפן גוטן וועג, וויל איינער אַראָפּנידערן, פאַלט ער. דער פאַרשוין זאָגט, כ׳וועל גיין זען וואָס עס זאָגן די חכמי האומות. ער האָט אָנגעהויבן אַריינצו־אַרבעטן אין דעם לשון לאַטיין און ער האָט געלערנט אין איין יאָר דאָס וואָס אַלע גלחים צוזאַמען לערנען נישט אין זיבן יאָר. ער האָט זיך אַריינ־געטאָן אין זייערע ביכער, זיי פלייסיק געלערנט, און זייערע אַלע תורות האָבן אים נישט צופרידנגעשטעלט. אַז אַ מענטש גייט אַראָפּ פון זיין אייגענעם וועג נעמט דער שׂטן אים פירן.

איז געקומען דער שׂטן און האָט אים געפירט צום גלח. די גלחים האָבן ספרים וואָס זענען עוסק אין מה למטה ומה למעלה, מה לפנים ומה לאחור, און זיי ברענגען תירוצים וואָס האָבן קיין זין אויף אַלע ספקות פון דער וועלט, אַז נאָך דעם ווי די לשונות זענען צעטיילט געוואָרן האָט דער אייבערשטער באַשאַפן אַזעלכע מיני באַשעפענישן מיט הענט ווי שוועדן און זיי האָבן געקריצט אותיות פאַר ספרים. טייל פון זיי זענען געמאַכט געוואָרן אין מזל מאדים און גבריאל איז ממונה איבער זיי, און דאָס איז אַ שקר גמור, וואָרן גבריאל האָט ליב יידן און רעדט גוטס אויף יידן, און טייל פון זיי זענען געמאַכט אין מזל נוגה און די בנות האדם וואָס האָבן געזינדיקט מיט די בני אלהים זענען ממונה איבער זיי און דאָס איז אַ ביסל קרוב לאמת, אָבער מען דאַרף דאָס קלאָרער מאַכן, וואָרן איינע פון זיי איז אַנטלאָפן פון דער זינד און אַרויף אין הימל און איז איינגעפאַסט געוואָרן אין מזל כימה. מ׳בינדט איין די ספרים אין חזיר־לעדער און מ׳לייענט זיי און דאָס פאַרפינצטערט די נשמה און ציט זי אַראָפּ אין אַ תהום, ווי ס׳איז אָנגעוויזן אין דעם פסוק וחושך על פני תהום,

דאָס איז דער תהום וואָס עס זענען די אותיות פון טויט, וואָס מען רופט דער עולם הקליפות.

האָט אהרן געגומען פון די דאָזיקע ספרים, וואָס דער גלח האָט אים געבאָרגט, און ער האָט זיך געהאַלטן מיט זיי ווי אַ סוטה און זיך אָנגעטרונקען מיט דעם ביטערן וואַסער, וואָס האָט אים פאַרביטערט זיין לייב און לעבן. צוויי נשמות זענען פאַראַנען אין אַ מענטש, איינע אַ דרויסנדיקע און איינע אַן אינעווייניקסטע. זינדיקט אַ מענטש רחמנא־לצלן גייט זיין נשמה הפנימית אַראָפּ אין תהום בשעת ער לעבט נאָך.

איין מאָל אַ פרייטיק צו נאַכטס איז אהרן אַליין געבליבן אין דער היים. און זיין ווייב ווּ איז געווען, זיין ווייב איז געפאָרן זוכן איר פאָטערס קבר. ווי מיר ווייסן איז זלאַטעס פאָטער פאַרשוווּנדן באַלד נאָך דער מעשה מיט זיין שווער ר׳ נפתלי. און דאָס איז דאָך געווען האַרט פאַר די געשעעניש פון שנת ת״ח. אַז די וועלט איז געוואָרן פול מיט הרוגים איז דער ענין פאַרגעסן געוואָרן.

האָט זיך געמאַכט, אַז איינער אַ קצב פון אונדזער שטאָט איז געפאָרן ערגעץ קויפן בהמות. האָט זיך איין ערל פאַר אים באַרימט, אַז זיינע בהמות זענען שענער פון אַלע בהמות, ווייל זיי פאַשען זיך אויף אַ פעלד ווּ ס׳זענען באַגראָבן יידן. הערט דאָס דער קצב און ער מאַכט זיך ווי איינער וואָס גלייבט נישט. רופט דער ערל צו זיין מוטער. זאָגט די ערלית, איך האָב געדינט אין הויז פון נפתלי ווייַנציער און זיין איידעם האָט אים צוגעהאָלפן אין די געשעפטן. איין מאָל איז ער געקומען אין דאָרף אַריין מיט אַ וואָגן פול מיט פעסער וויין און די נאַכט איז צוגעפאַלן. האָט ער געגעכטיקט אין גאַס נעבן וואָגן. האָט דער פּריץ פון דאָרף געהאַט ביי זיך יונגע פּריצישע שקצים וואָס האָבן זיך ביי אים אויפגעהאַלטן. האָבן זיי דערשמעקט דעם ריח פון וויין און האָבן גענומען און אויפגעריסן די פעסער און האָבן זיך אָנגעשיכּורט. אַז זיי האָבן זיך אַ ביסל אָפּגעקילט האָבן זיי מורא געקריגן טאָמער וועט דער פּריץ זיי באַשטראָפן, וואָרן ער איז ערב למלכות אַז מען זאָל ביי אים אין דאָרף נישט טשעפּען קיין דורכפאָרנדיקע סוחרים, און אויך איז עס נישט פאַרן כבוד פון אַזאַ פּריץ אַז מען זאָל ביי אים אין דאָרף טוען עפּעס אָן זיין וויסן. האָבן זיי גענומען און זיי האָבן דערהרגעט דעם סוחר. האָבן די פּויערים פון דאָרף

גערוווסט אַז מען וועט מאַכן אויף זיי אַ בילבול דאָס זיי האָבן אים געהרגעט, וואָרן אַזוי איז דער דרך פון די פּריצים, אָדער זיי מאַכן אַ בילבול אויף די ייִדן אָדער אויף די פּויערים. זענען זיי געגאַנגען און זיי האָבן אים באַגראָבן אויפן פעלד ווו עס זענען געווען קברים פון נאָך ייִדן. האָט זלאַטע געהערט און איז געפאָרן מיט דעם קצבס ווייב אין דעם דאָרף אַרײַן צו זוכן איר פאַטערס קבר. האָט זי זיך דאָרט אויפגעהאַלטן און נישט אַהיימגעקומען אויף שבת.

אהרן האָט געגעסן ביים רבס טיש און נאָכן אָפּעסן איז ער צוריק אַרײַן און ער האָט פאַרגעסן אַז מען טאָר נישט שלאָפן ביחידות. דער רבי האָט עס אים נישט דערמאָנט, ווייל ער האָט געמיינט אַז ער נעמט מיט מיט זיך נאָך אַ בחור צום נעכטיקן מיט אים צוזאַמען. דעריבער איז ער אַהיימגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען די פּרשה פון דער וואָך. נאָך דער פּרשה, אַז ער איז צוגעקומען צו דער הפטורה איז אים אײַנגעפאַלן אַ ספק אין אַ פּסוק פון נביא. ער האָט געזוכט אין די פּירושים און נישט געפונען. האָט ער געוואָלט זען וואָס עס זאָגן וועגן דעם די חכמי הגויים איז ער געגאַנגען און האָט אַרויסגענומען פון אונטערן בעט אַ בוך פון זײַערע ביכער וואָס ער האָט אויסגעבאָרגט ביים גלח. ער האָט אַרײַנגעקוקט און נישט געקאָנט לייענען, און געמיינט האָט ער אַז ס'איז צוליב דעם צו־נידעריקן ליכט וואָס פאַרטונקלט זײַן ראיה, און ער האָט נישט גערוווסט אַז ס'איז ווייל אַ ייִדיש אויג אין שבת־קודש קאָן נישט סובל זײַן קיין גוייִש כּתב. אויף וועמען עס גרייטן זיך פּורעניות גייט אַראָפּ פון זינען און פאַרגעסט אין שבת. האָט ער גענומען דאָס ליכט און האָט עס אַנגעטריפט אויף אַ בוך פון זײַערע ביכער און זיך אַוועקגעזעצט לייענען. דער שׂטן האָט געטאָן דאָס זײַניקע און אהרנס אויגן האָבן געטאָן דאָס זײַעריקע. ער האָט געלייענט און געלייענט ביז דאָס ליכט האָט זיך אויס־געברענט און ער האָט גאָר נישט געפילט. האָט דאָס ליכט אויסגעברענט אַ לאָך אין ספר, אין סאַמע מיטן, ווי אַ מין עיגול. דערנאָך האָט ער צוריקגעגעבן דעם גלח זײַן בוך. האָט דער גלח עס דערזען און אויף אים געמאַכט אַ בילבול און געזאָגט, אַז ער האָט עס געטאָן מיט אַ כּוונה און ס'איז קרוב לוודאי אַז זיי וואָלטן אים פאַרמישפּט צו צעשנײַדן אים אויף פיר שטיקער און צו וואַרפן פאַר די הינט. האָט דער גלח אים געגעבן

אַז עצה ער זאָל אָננעמען זייער דת און אַזוי אַרום וועט ער זיך ראַטעווען פֿון טויט. און חוץ דעם וועט ער ווערן פֿריי פֿון אַלע ייִדישע צרות. און אויב האָסט מורא פֿאַר די ייִדן, קאָן מען דיך אַוועקפֿירן ערגעץ ווייט ווו ס'איז נישטאָ קיין ייִדן און קיינער וועט וועגן דיר גאָר נישט וויסן. ער האָט אויסגעקליבן אַ לעבן וואָס איז ערגער ווי טויט און ער האָט פֿאַרטוישט חיי־עולם אויף חיי־שעה. און אין האַרץ האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט אַנטלויפֿן אין אַן אַנדערער מדינה אַריין און דאָרט וועט ער זיך אומקערן צו אלקי ישׂראל און ער וועט לאָזן וויסן זיין ווייב אַז זי זאָל צו אים קומען. האָט ער מורא געהאַט טאָמער וועלן די גויִים זען אויף אים מיט וואָס פֿאַראַ געדאַנקען ער טראָגט זיך אַרום. איז ער אַריין אין מעשׂים רעים כּדי צו ווייזן אַז ער גייט אין זייער דרך. האָט עס אים געטאָטשעט אין דער נשמה. האָט ער זיך אָנגעהויבן פּייניקן מיט תּעניתים, כאָטש ער האָט געוווסט אַז תּענית אָן תּשובה איז גאָרנישט. איז ער איינגעגאַנגען אין דעם פֿאַסטן, און מער נאָך פֿון דעם צער און די יסורים, ביז ער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. אַז ער איז געשטאָרבן האָבן זיי אים באַגראָבן צווישן זייערע קברים און געשטעלט אַ צלם אויף זיין קבר. איז געוואָרן אַ מחיצה צווישן אים און צווישן ייִדן און ער האָט נישט געקאָנט גיין און מודיע זיין זיין ווייב אין חלום אַז ער איז געשטאָרבן און אַז זי איז פֿריי אויף אייביק. אַז דער ייִד דינט די עבודה־זרה גיט כּביכול אַריין אַ כּוח אין דער עבודה־זרה אים שלעכטס צו טאָן.

דאָס איז דאָס קאַפּיטל אהרן. כ'דאַרף נאָך צוגעבן אַ זאַך וואָס ס'איז בעסער כ'זאָל עס פֿריִער מסביר זיין.

יענץ יאָר, אין שבת־תּשובה, איידער מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, ס'הייסט צו גיין אין גיהנום אַריין, האָט אונדזער רב אָנגעהויבן זיין דרשה בזה הלשון, דער דרך פֿון די דרשנים איז אַז זיי הייבן אָן מיטן פּסוק פֿון דער פּרשה און ענדיקן מיטן פּסוק ובא לציון גואל. אָבער איך וועל אָנהייבן מיטן פּסוק ובא לציון גואל, ווייל פֿון דעם פּסוק איז דער יסוד פֿון דער אמונה און דער יסוד פֿון תּשובה, ווייל אַז מען זעט כּסדר די אַלע צרות און מען וואַרט אויף דער גאולה און מען ווערט נישט פֿאַר־לוירן צווישן די אומות, גיט דאָס צו כּוח און גבורה צו טאָן תּשובה מיטן גאַנצן האַרץ. דאָס וואָס איך זאָג, אונדזער רב איז געווען אַ בעל רוח־

הקודש, און נאָך איידער ער האָט גערעדט מיט אהרנען אין גיהנום האָט ער שוין געוווּסט, אַז יענעמס זינד איז געקומען נישט פון עפּעס אַנדערש נאָר פון דעם וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין אמונה אין אחרית הימים.

דאָס איז די מעשׂה פון דעם אהרנען, זלאַטעס מאַן, וואָס דורך אים בין איך געקומען צו זען די האַרבע שטראָף די וואָס רעדן ביים דאַווענען און ביי קריאַת־התורה.

די הקדמה איז לענגער פון דער מעשׂה, ערגער איז אָבער די מעשׂה גופא. הלוואַי וואָלט איך עס נישט געברויכט צו פאַרציילן, און איצט אַז איך פאַרצייל עס, איז הלוואַי עס זאָל נישט אויסזען ווי קיין מעשׂה, נאָר מען זאָל זיך אַראָפּלערנען דערפון ווי אָפּגעהיטן מ׳דאַרף זיין נישט צו רעדן ביים דאַווענען און ספּעציעל ביי קריאַת־התורה.

קאַפּיטל אַכט

צוליב דער מעשׂה מיט אהרנען האָבן זיי פאַרגעסן די מעשׂה מיטן שמשׂ. אָבער דער שמשׂ האָט זיי צוריקגעברענגט צום ענין. אויב איר זענט וויליק צו הערן וועל איך אייך פאַרציילן, נאָר איך דאַרף צו ערשט מקדים זיין אַ צוויי־דריי ווערטער.

דער שמשׂ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון צווישן די אַקסלען און אַ גרויסע עצבות איז פון אים אַרויס און זיך געשטעלט ווי אַ מויער צווישן אים און צווישן די עדה ייִדן. און ווען ער וואָלט נישט ווידער אָנגעהויבן רעדן וואָלטן זיי אים נישט דערמאָנט אַז זיי ווילן הערן דעם סיפּור המעשׂה.

זאָגט דער שמשׂ, ווי איז מיר וואָס כ׳האָב עובר געווען אויף די דברי־חכמים וואָס זיי האָבן געזאָגט, המלבין פּני חברו ברבים אין לו חלק לעולם הבא, אַז איינער פאַרשעמט עמעצן פאַר אַלעמען אין די אויגן ווערט ער אָן זיין חלק אויף יענער וועלט, און נישט בלויז דאָס נאָר כ׳האָב פּוגע כּבוד געווען אַ תּלמיד־חכם אַ בן־גדולים און אַן איידעם פון אַ נגיד, וואָס אַ האַלב בית־הכּנסת לעבט פון זיינע נדבות, און נישט צוליב פּוסטע רייד האָב איך אים מבייש געווען, נאָר צוליב דברי־תורה, און נישט אויף אַ מאַרק מיט גויים, נאָר אין אַ מקום־קדוש פאַרן אָפענעם ספר, און ווען,

אום שבת־קודש, ווען גאָט אַליין איז פּורס סוכּת שלום על כּל ישׂראל, האָב איך דאָך גענבּרויכט חרטה צו האָבן, איז לאָ די וואָס כ׳האָב נישט חרטה, נאָר כ׳בין זיכער אַז נאָך מיין פּטירה וועלן מיר אַקעגן גיין גוטע מלאכים און וועלן זאָגן, קומט לאָמיר זיך מזדווג זיין מיט דעם מענטש וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט און האָט מפקיר געווען זיין חלק לעולם הבא כּדי אָפּצוראַטעווען אַ ייִד פון אַ שווערן דין און פון אַ הארבן עונש. אַז איך זאָל גיין ברענגען ראיות פון ספרים זענען דאָ דאָ לומדים וואָס די גאַנצע תורה ליגט זיי אויף דער צונג. נאָר איך וועל פאַרציילן פון דעם וואָס מיינע אויגן האָבן געזען. טוב מראה עינים מהלך נפש, זאָגט שלמה. ס׳איז בעסער דאָס וואָס דער מענטש זעט מיט זיינע אייגענע אויגן ווי די געגנג פון דער נשמה, וואָרן די נשמה גייט אַרויף אויף בערג און אַראָפּ אין טאָלן, קומט אַריין אין שפּאַלטן און אין פעלדזן און זאָגט ס׳איז אומעטום אַלץ איינס.

פון דער מעשה מיט אהרנען האָט איר געהערט אַז אונדזער רב זכר צדיק לברכה האָט מיך מיטגענומען מיט זיך. איך קאָן נישט פאַרציילן אַלץ וואָס איך האָב דאָרט געזען און איך וויל נישט פאַרציילן אַלץ וואָס איך האָב דאָרט געזען. אַ ביסל פון דער וואָס איך האָב געזען מיט די אַלטע אויגן מיינע דעמאָלט, ווען זיי זענען נאָך געווען יונג, בין איך גרייט צו פאַרציילן.

איך היפּער איבער יעדן אוי און יעדן וויי פון דעם זקן און איך פאַרצייל בלויז דעם סיפּור המעשׂה. טייל מאָל וואָרט ביי וואָרט און טייל מאָל בערך. און טייל מאָל נעם איך אַרום אַ סך זאַכן אין צוויי דריי ווערטער וואָס גיבן אונדז איבער דעם עיקר. אָבער דאָס דאַרף איך זאָגן, נאָך דעם ווי דער שמש האָט מאריך געווען מיט דער מעשׂה אהרן, וואָס איז נישט מער ווי אַ פונדאַמענט פאַר אַ מעשׂה, האָט ער מקצר געווען אין דעם ענין גופא. ס׳איז לייכטער צו פאַרציילן וואָס מ׳הערט פון אַן אַנדערן ווי צו פאַרציילן דאָס וואָס מ׳זעט אַליין. ס׳איז דעם זקן געווען לייכטער צו פאַרציילן דאָס וואָס ער האָט געהערט פון אהרנען ווי צו פאַרציילן דאָס וואָס ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן. פון דעסטוועגן בעסער ווייניק פאַרציילט ווי גאָרנישט פאַרציילט.

כּדי צו מאַכן אַ חילוק צווישן מיינע רייד און זיינע רייד זאָג איך

יעדעס מאָל ווען ער הייבט אָן, זאָגט דער שמש, חוץ פון דאָ וואָס מען זעט אַליין אַז דאָס רעדט דער שמש.

קאַפּיטל נײַן

איין קאַמער איז פאַראַן אין גיהנום וואָס רופט זיך צלמוות. לאַנג איז עס ווי ס׳גלות און פונקט אַזוי ברייט. נישטאָ נאָך אַזאַ היפּוכדיקע זאַך ווי אָט די קאַמער. איזן איז זי קיילעכדיק, און דוכטן דוכט זיך אַז זי איז פּירקאַנטיק, און ווו פּירקאַנטיק דוכט זיך אַז קיילעכדיק. די אויגן זאָגן אַזוי און די מחשבה זאָגט אַזוי, און דערווייל לאָזט זיך אַראָפּ דאָרט אַ מרה־שחורה אַז מ׳פאַרשפּאַרט צו זען און צו טראַכטן.

אין יענער אָפּטיילונג איז נישט הייס און נישט קאַלט און נישט לווילעך. קיין שום לופט אין דאָרט נישטאָ, חוץ אַ פאַרשטאָפּטע לופט, וואָס איז טויט־קאַלט און טרוקן. און אַ לאַנגער מלאך וואָס מען ווייסט נישט זיין נאָמען איז אַ ממונה איבער דער אָפּטיילונג, און דער מלאך טוט גאָרנישט, נאָר דאָס מויל זיינס איז אָפן ווי איינער וואָס ס׳איז אים שטאַרק פּוסט און וויל גענעצן.

עס זיצן דאָרט אין דער אָפּטיילונג כּפלים מיוצאי מצרים, מענטשן אָן אַ שיעור, אַלע זענען אַזוי גרויס ווי די תּפילין פון אַ רב הגליל, פון אַ ראש ישיבה און אָפּגערוקט זענען זיי איינער פון אַנדערן אַ תּחום שבת. און אַלע זענען זיי חריפים און בקיאים אין ש״ס און אין פּוסקים אין ראשונים און אין אחרונים. יעדער איינער זיצט פאַר זיך, אַנגעטאָן אין טלית און תּפילין און פול אָנגעפּאַקט מיט תּורה. ער וויל עפּעס אַרויס־ברענגען פון זיך. ער קוקט זיך אום דאָ און דאָרט און ער זעט נישט קיין מענטש, וואָרן פון זיין כּסדר אַריינגעטאָן אין ספרים איז אים טונקל אין די אויגן און ער זעט נישט אַז ס׳זענען דאָרט דאָ טויזנטער לערנערס ווי ער. בלאָזט ער זיך אָן און זאָגט, איך בין אַ יחיד אין דער וועלט, מיט מיר פאַרשווינדט די חכמה. ער הייבט זיך אויף פון אָרט און נעמט און קוקט זיך אַרום און ער זעט מענטשן פיל און קליין ווי מאָן. טראַכט ער, פון די תּפילין אויף זייערע קעפּ זעט מען אַז זיי שטאַמען פון מענטשן. כ׳וועל גיין און זאָגן זיי פּילפּול. באַפאַלט אים אַ שלאָף און ער שלאָפט

אַ שלאָף פון אַן אַנדרוגינוס אָן תּענוג און לוסט, אָן צופרידנקייט, אָן אַ גוטן חלום, ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, און ער ווייס נישט צי ער איז אויפגעקומען, אָדער ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט. ער זעט ווי עפּעס איינער גייט. הייבט ער זיך אויף און גייט אים אַנטקעגן. זיי קומען נאָענט איינער צום צווייטן. זאָגט איינער צום אַנדערן, ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ גרויסער פּילפּול וואָס ס׳איז נאָך נישט איינגעפאַלן קיין שום מענטש פון דער וועלט. זאָגט דער אַנדערער, כאַפּסט מיר אַרויס דאָס וואָרט פון מויל, דער פּילפּול וואָס איז מיר איינגעפאַלן וואָלטן זיך דיר פון גרויס תּאווה די אָדערן צעעפענט אים צו הערן. נאָר אַזוי ווי איר ווילט זאָגן בין איך מבטל מיין ווילן פאַר אייער ווילן. היינט אַז איך בין מבטל מיין ווילן פאַר אייער ווילן איז רעכט אַז אויך איר זאָלט מבטל מאַכן אייער ווילן פאַר מיין ווילן, און איצט היות ווי איך האָב דער ערשטער מבטל געמאַכט מיין ווילן פאַר אייער ווילן, קומט מיר צו זיין דער ערשטער. און אויב אַזוי דאַרף איך זאָגן דער ערשטער. ער באַווייזט נישש אַנצוהייבן און דאָס מויל ווערט אים ברייט ווי דעם גלחס הויף. זאָגט יענער, אַזאַ פּילפּול וואַלגערט זיך ביי מיר אונטערן אויער און איך הייב עס נישט אויף. ווערן אים די אויערן גרויס און ציִען זיך אים אויס ביז זיי באַדעקן זיין גאַנצן גוף. שטייען זיי איינער קעגנאיבער דעם צווייטן דערשראָקן און צעטומלט און ווילן שרייען. און זייער געשריי הערט זיך נישט, דערווייל ווערט עס ביי אים פאַרלוירן צווישן די ליפּן און דערווייל זיינע אויערן דעקן אים צו. אין דעם מאָמענט שאָקלט זיך דער מלאך אַהין און אַהער און דאָס איז דאָס איינציקע מאָל וואָס ער באַוועגט זיך. ער זיצט און קוקט זיי ביידע אָן מיט אַ מאָל און ער קוקט נישט אויף זיי מיט די אויגן נאָר מיטן מויל. און ווען נישט דאָס וואָס ער וויל געגעצן וואָלטן זיי אומגעקומען פון דעם בליק פון זיין מויל.

קאַפּיטל צען

כדי צו געבן אַן איבערררייס פון איין אומגליק צום צווייטן רייס איך איבער אין דער מיט און מאַך עס אין קאַפּיטלעך, כאָטש דער בעל־המעשׂה האָט נישט מפסיק געווען צווישן איין אומגליק און צווייטן, חוץ פון אוי

און ווײַ, אל רחום וחנון, רבונו של עולם, אדון כל העולמים, און נאָך אַזעלכע אויסגעשרייען פון צער און תּחנונים.

ער האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן און זיי האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו וווּנדערן. אַלע ווייסן אַז אַ צדיק גייט אין גן־עדן אַרײַן און אַ רשע גייט אין גיהנום אַרײַן, און עס זענען פֿאַראַן צדיקים וואָס גייען לעבע־דיקערהייט אין גן־עדן אַרײַן. אָבער עס האָט נאָך קיינער נישט געהערט אַז אַ מענטש זאָל לעבעדיקערהייט גיין אין גיהנום אַרײַן און צוריק אַרויסקומען פון דאָרט בשלום. ביז זיי האָבן דערהערט פון דעם זקן אַז ער האָט געזען דעם גיהנום ביים לעבן, דאָרט אַרומשפּאַצירט ווי ביי זיך אין דער היים און אַפילו די פּאָלעס נישט פֿאַרסמאַליעט. אפשר איז דאָס איינער וואָס איז גרויס אין תּורה און חכמה און חסידות און מעשׂים טובים, ניין, נאָר דווקא אַן אָרעמער שמש וואָס איז מיט גאָרנישט אַנדערש פון אַלע אַנדערע מענטשן פון ביטשאַטש חוץ מיט זיין בייזקייט. אפשר האָט אים זכות אָבות צוגעהאָלפן, דאָס וואָס זיינע עלטערן זענען אומגעקומען בשעת די גזירות. אין דער זאַך איז ער נישט געווען מער מיוחס ווי די אַנדערע מענטשן אין שטאָט, וואָס כּמעט יעדער איינער פון זיי האָט געזען זיין פֿאָטער אָדער זיין מוטער אומקומען מיט האַרבע אכזריותדיקע מיתות. איז עס דאָך באמת אַ וווּנדער.

אַ סך פֿאַרהוילענע זאַכן געפינען מיר וואָס ס׳איז שווער צו פֿאַרשטיין. אין דעריבער וועל איך בעסער צוריקגיין צום סיפּור־המעשׂה און וועל ווידער אָנהייבן, זאָגט דער שמש.

קאַפּיטל עלף

זאָגט דער שמש, אונטער יענער אָפּטיילונג געפינט זיך נאָך אַן אָפּטיילונג וואָס רופט זיך דאָך אויף דאָך. די אָפּטיילונג איז פיל גרעסער פון דער ערשטער און פיל ברייטער. ס׳איז אַזוי ברייט אַז דאָס אויג קאָן עס גאָר נישט אַרומנעמען, נישט די ווענט נישט דעם סופיט נישט די פּאָדלאָגע, ווי ס׳וואָלט אַלץ געהאָנגען אויף גאָרנישט. איי די גאַנצע וועלט הענגט דאָך אויף גאָרנישט, נאָר דער פּסוק האָט שוין געזאָגט, והארץ נתן לבני אדם, און אַז גאָט גיט — גיט ער מיט רחמים, אַז דער מענטש

זאָל האָבן אַ תקומה, און דאָ איז אַ גאָרנישט וואָס האָט נישט קיין תקומה. עס זיצן דאָרט מענטשן מיט ברייטע שטערנס, מיט הויכע שטערנס, מיט געקנייטשטע שטערנס, מיט אויגן קליינע וואָס מ׳זעט זיי קוים אַרויס פון צווישן שטערן און די נאָז צוליב דעם קנויל מחשבות וואָס טוט זיך דאָרט. טייל האַלטן זיך ביי די בערד און טייל רייסן אַ האָר נאָך אַ האָר און לאָזן זיי אַוועקפליִען אין דער לופט און דאָס אויג זעט נישט וואָס די האַנט טוט. און אַנדערש איז די אָפּטיילונג פון דער ערשטער אָפּטיילונג. אין דער ערשטער אָפּטיילונג זיצט איינער אָפּגערוקט פון צווייטן אַ מהלך פון אַ תחום־שבת און דאָ זיצן זיי געדיכט איינער נעבן אַנדערן, זיצן און מאַכן חידושים. פונקט ווי זיי האָבן זיך געפּילפּולט ביים לעבן אַזוי פּילפּלען זיי זיך איצט. און דער מלאך וואָס איז ממונה איבער זיי הייסט אוטם. און דאָס איז נישט גבריאל וועלכער שטופּט אַוועק די זינד פון ייִדן, נאָר אַ שלעכטער מלאך. צו ערשט איז ער געווען אַ גוטער מלאך, נאָר צוליב פיל פאַלשע חידושים איז ער געוואָרן פון גוט שלעכט. דאָס אַלץ האָב איך געלערנט פון אונדזער רב זכרון צדיק לברכה.

אַזוי ווי זיי טוען אויף די וועלט אַזוי טוען זיי אויף יענער וועלט, זיי האַלטן אין איין מאַכן חידושים, נאָר אויף די וועלט אַז איינער זעט אַז ער האָט זיך טועה געווען, וויל ער זאָגט ער, כ׳האָב געהאָט אַ טעות, וויל ער זאָגט ער, לא דובים ולא יער, אָבער דאָרט יעדעס וואָרט וואָס אַ מענטש רעדט דאָ אַרויס איז אויסגעקריצט דאָרט אין דער הייך און ער אַליין איז אונטערגעהתמעט דערויף, און אַ געשטאָרבענער קאָן נישט אָפּלייקענען דעם לעבעדיקן.

אַ מענטש לערנט אַ בלאַט גמרא, און ער לערנט פּשוט, גלייך, אַזוי ווי עס שטייט, איז וואָס אמתדיקער דער פּשט איז אַלץ ווייניקער זוכט ער צו באַרימען זיך דערמיט פאַר מענטשן. אַז איינער מאַכט אַ חידוש, וואָס ווייטער דער חידוש איז פון שׂכל, אַלץ מער וויל ער זיך דערמיט באַווייזן. ער בייגט זיך צו צו איינעם און וויל אים איבערזאָגן דעם חידוש, צעלויפן זיך אים די ליפּן איינע פון די אַנדערע. שטעקט ער אַרויס די צונג צו זוכן די ליפּן, שפּיצן זיך אים אויס די ציין און שטעקן זיך אַריין אין דער צונג, און די צונג לויפט אים אָן ווי אַ באַרג. איך בין אַן אַלטער מענטש און האָב נישט ליב קיין גוזמאות. און אויב כ׳וועל זאָגן אַז די צונג ווערט

אַזוי גראָב ווי דער גלאָק פון זייער געבעט־הויז וועט עס נישט זיין ווייט פון אמת. און פאַר וואָס גלייך איך זי צו צו אַ גלאָק, נאָר אַזוי ווי אַ גלאָק קלינגט און ווייס נישט וואָס, אַזוי אויך די צונג. זעט יענער און הייבט אָן שרייען. ווערט זיין געשריי פאַרשלונגען צווישן דעם אַנדערנס ליפּן. איך בין אָן אַלטער מענטש און האָב מיך שוין אַ סך אָנגעזען. נאָר אַזעלכעס האָב איך נאָך נישט געזען.

כ׳האָב מיר פאַרדעקט דאָס פּנים מיט אונדזער רבס פּאָלע כּדי כ׳זאָל נישט זען זייערע יסורים. די אויגן האָב איך מיר פאַרדעקט אָבער נישט דעם צער. כ׳בין געשטאַנען און געטראַכט, פאַר וואָס קומט זיי אַזאַ שטראָף?

קאַפּיטל צוועלף

כ׳האָב נאָכגעקוקט דעם עונש פון עבירות וואָס ספרים ברענגען און כ׳האָב נישט געפונען קיין שום עבירה פאַר וועלכער עס זאָל קומען אַזאַ עונש. און גאָטס רחמנות איז דאָך גרעסער ווי דאָס רחמנות פון אַ בשׂר־ודם.

איז מיר באַפאַלן אַ פּחד, טאָמער האָט זיך מיר דאָס מויל אויסגעצויגן, טאָמער האָבן זיך מיר די ליפּן צעלאָפן. כ׳האָב מורא געהאַט אויפצוהייבן אַ האַנט צו זען. נאָך אַ פּחד האָב איך געהאַט, טאָמער האָבן זיך מיר די אויערן אויסגעצויגן און באַדעקט מיין גאַנצן גוף.

קומט אָן אַ שרעק קומט די נאַטור צוצוהעלפן אין דער שרעק. און אַז כ׳האָב אַריבערגענומען איבער זיך די פּאָלעס פון רבינס כאַלאַט, האָט זיך מיר געדוכט אַז מיינע אויערן פאַרהילן מיך. מיין גאַנצער קערפּער האָט אָנגעהויבן ציטערן. אויב כ׳וועל זאָגן אַז מיין יעדער אבר האָט געקלאַפּט איינער אין אַנדערן איז עס קרוב לאמת.

אונדזער רב האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיך אָנגעקוקט. האָט עס מיך אָנגערירט. האָב איך אים געוואָלט פרעגן וואָס זענען די צורות. האָב איך נישט געעפנט דאָס מויל. האָב איך געטאָן אַ נדר ביי זיך, אַז אויב גאָט וועט מיר צוריק געבן דעם כּוח־הדיבור וועל איך היטן מיין מויל און מיין צונג נישט צו רעדן קיין איבעריק וואָרט.

האָט אונדזער רב ווידער אַ קוק געטאָן אויף מיר. דער רב האָט

געוואַלט זען וויפל איך קאָן הערן. אונדזער רב האָט שטענדיק מדקדק געווען אַז ער רעדט עפּעס זאָל עס זיין לויטן אויער פון דעם וואָס הערט. כ׳האָב געהערט פון ר׳ יצחק מוכיח וועלכער האָט נאָכגעזאָגט פון זיין פאָטער ר׳ ידידיה ליבערמאַן אַ שוועסטער־זון פון ר׳ מיכל נעמיראָווער, השם ינקום דמו, וואָס ער האָט געהערט אין נאָמען פון קדוש רבי שמשון פון אָסטראָפּאָליע, השם ינקום דמו, אַז ער האָט געזאָגט, ר׳ משה ביטשאַ־טשער איז אַ צורף־זהב, וואָס מ׳האָט אים איבערגעגעבן פון קיסרס אוצרות טייערע שטיינער און פּערל צו מאַכן אוירינגלעך פאַרן קיסרס טאָכטער. ער וועגט די אוירינגלעך לויט דער מאָס פון אירע אויערן און פּרוּווט די אויערן וויפל זיי קאָנען טראָגן.

דער רב נעמט און גיט ווידער אַ קוק אויף מיר און זאָגט וואָס האָסטו געפרעגט? ער האָט געוואָלט זען ווי וויכטיק מיין פרעגן איז ביי מיר, וואָרן טייל מאָל פרעגט דאָס מויל מער ווי דאָס האַרץ וויל וויסן.

פרעגן האָב איך נישט געוואָגט און כ׳האָב געחלשט צו וויסן. כ׳האָב אַרויסגעברענגט מיין פראַגע מיט די אויגן, ווי איינער וואָס הייבט אויף די אויגן און פרעגט.

שווייגט דער רב אַ ביסל און זאָגט מיר שטיל, די מענטשן וואָס דו זעסט דאָס זענען גרויסע לייט, רבנים, ראשי ישיבות, מנהיגים און ראשי מדינה. פון גרויס חשיבות האָט מען זיי געמאַכט אַ באַזונדערע אָפּטיילונג. און דער רב זאָגט, רשעים אין גיהנום ווערן געשטראָפט מיט דער זעלבער זאַך וואָס זיי האָבן געזינדיקט. און זיי שטראָפט מען פונקט פאַרקערט. זיי האָבן געזינדיקט מיט רעדן און זיי ווערן געמישפּט מיט שווייגן.

דאָ האָט אונדזער רב מפסיק געווען און ער האָט אַ ווייז געטאָן אויף דער לאָמטער אין מיין האַנט. כ׳גיב אַ קוק זע איך אַז דאָס ליכט האָט זיך אויסגעברענט. נעם איך שנעל אַרויס אַן אַנדער ליכט און צינד עס אָן ביים ליכט וואָס האַלט זיך ביים אויסברענען און שטעק אַריין דאָס נייע ליכט אין אַלטן ליכט.

דער רב קוקט זיך צו און זאָגט, נר ה׳ נשמות אדם. און שווייגט אַ ביסל, ווי ער איז זיך נוהג שטענדיק נאָך דעם ווי ער זאָגט אַ פּסוק, כדי צו לאָזן אַ ביסל אָרט צווישן אַ פּסוק און צווישן דעם וואָס ער זאָגט. און ער זאָגט צו מיר אַזוי: פאַראַן אַ ליכט וואָס ברענט זיך אויס ביז צום

סוף און אַפֿילו ביים אויסגיין פּלעמלט עס. און פֿאַראַן אַ ליכט וואָס מ׳לעשט עס אויס אין מיטן ברענען. ווייל איז דעם וואָס זיין נשמה לייכט אויף דער וועלט און איר ליכט שיינט אויף יענער וועלט. און וועגן דעם וואָס דו פֿרעגסט, די וואָס דו זעסט דאָרט זענען ווייט איינער פֿון צווייטן, זענען ביים לעבן געווען נאָענט איינער פֿון צווייטן און אַלע שולן און בתי־מדרשים זענען געווען פֿול מיט זייער לערנען. און איצט קאָנען זיי נישט אַרויסברענגען קיין וואָרט פֿון מויל. נישט ווייל זיי זענען טויט, ובמתים חפשי, נאָר ווייל זיי האָבן גערעדט ביים דאַוונען און זיי האָבן גערעדט ביי קריאת־התורה. און אויף דעם ווערן זיי געשטראָפֿט, וואָס מען לאָזט זיי מחדש זיין חידושים, און ווי נאָר זיי גייען דאָס אַרויסברענגען צעלויפֿן זיך זיי די ליפּן און די ציין שטעקן זיך זיי אַריין אין דער צונג. זעען דאָס די אַנדערע און ווילן שרייען. ווי נאָר זיי עפֿענען אויף דאָס מויל פֿאַרלירט זיך זייער געשריי אין מויל.

און דער רב זאָגט צו מיר, אפֿשר מיינסטו אַז דאָס זענען מענטשן פֿון היינט, זאָלסטו וויסן אַז צווישן זיי זענען דאָ תּלמידי־חכמים וואָס זיצן שוין דאָ פֿון דור דורות, טייל נאָך פֿון פֿאַר גירוש ספֿרד, טייל פֿון די צייטן פֿון דער גמרא. אשרי אדם לא יחשב ה׳ לו עוון, ווייל איז דעם מענטש וואָס גאָט קוקט אַוועק פֿון זיין זינד, אָבער ס׳איז פֿאַראַן אַן עבֿירה איבער וועלכער גאָט איז שטאַרק מקפּיד, דאָס איז דאָס רעדן ביים דאַוונען און ביי קריאת־התורה. באמת, גאָט איז אַ רחום וחנון און פֿאַרטראָגט די זינד, נאָר די מלאכים וואָס ווערן באַשאַפֿן פֿון די עבֿירות זענען מחמיר. ווייל איז דעם וואָס רעדט נישט בשעתן דאַוונען און זיין תּפֿילה גייט אַרויף אין די שערי־רחמים און עס ווערט פֿון איר אַ קרוין פֿאַרן בורא־עולם.

קאַפּיטל דרייצן

מער נאָך ווי עס האָבן מיך געשראָקן די בילדער וואָס איך האָב געזען האָבן מיך געשראָקן די רייד פֿון אונדזער רבֿ. כ׳האָב געוווסט אַז רעדן ביים דאַוונען און ביי קריאת־התורה איז אַ האַרבע זינד אָבער אַזוי ווייט האָב איך נישט געוווסט.

עס איז אָנגעפֿאַלן אויף מיר אַן אימה. ווער קאָן דאָס עפּעס זאָגן

אַז ער איז ריין פון דער זינד. ווער איז דאָס אַזוי אָפּגעהיטן און ווער רעדט נישט בשעתן דאַווענען און בשעתן לייענען. און אויב מענטשן פון תורה ווערן אַזוי באַשטראָפט וואָס איז שוין מיט אַנדערע מענטשן? און מענטשן פון תורה ווען אַפילו די כוונה פון זייערע חידושים איז נישט אין גאַנצן לשם שמים, אָבער אַ שמינית שבשמינית איז דאָך זיכער לשם שמים. פרעגט גאָרנישט, ייִדן פון ביטשאַטש, וואָס פאַראַ שרעק מיך האָט אַרומגענומען.

און צו דער גאַנצער שרעק נאָך האָט מיך געשראָקן די האַרבקייט פון דעם עונש, אַז צוליב רעדן ביים דאַווענען אָדער ביי קריאת־התורה באַשטראָפט מען מיט אַזאַ שטראָף. און ווען מען זאָל שוין זאָגן אַז דאָס איז צוליב דער איבעריקער אַרבעט וואָס די מלאכים האָבן, וואָס זיי מוזן אַרויסקלייבן די תפילות פון די רייד, און צוליב דעם קומט די שטראָף, איז די זאַך נאָך אַלץ נישט קלאָר.

ס׳איז מיר אַריינגעפאַלן אַ פסוק אין מויל, וחרב לא תעבור בארצכם, און איך האָב מיר דאָס אויסגעטייטשט אויף די חקירות, נישט בלויז זיי זאָלן נישט ברענגען קיין שאָדן, נאָר זיי זאָלן נישט אַריין אין האַרץ כּדי צו שטאַרקן די אמונה. כ׳האָב געזאָגט מיט גרויס כּוונה, דלפה נפשי מתוגה קיימינו כדבריך. דער רב האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און שטיל געזאָגט, מ׳דאַרף צוריקגיין. דאָס האַרץ איז מיר געווען זייער צעבראָכן און כ׳בין נאָכגעגאַנגען דעם רב.

דער שמש האָט פּלוצלינג איבערגעריסן און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף אַ גרופּע פון תלמידי־חכמים און דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף אַן אַנדערער גרופּע וואָס זענען נישט קיין גרויסע לומדים אָבער מאַכן אַ טומל אין שטאָט. און קוקנדיק אויף זיי זאָגט ער, הערט אַלע, גאַנץ ביטשאַטש. איר מיינט אַז דאָס גיהנום איז באַשאַפן געוואָרן בלויז פאַר תלמידי־חכמים, איז דעריבער כּדאי איר זאָלט וויסן. איין אָפּטיילונג איז דאָרט פאַראַנען, איז דאָס גאַנצע גיהנום אַ גן־עדן קעגן דעם. צו ערשט האָב איך עס נישט געזען ווייל עס איז געווען באַדעקט מיט שטויב. אָבער פון די קולות וואָס האָבן זיך פון דאָרט אַרויס־געריסן האָט מען געהערט אַז עס זענען לעבעדיקע באַשעפענישן. און איך האָב נאָך אַלץ נישט געוווּסט צי דאָס זענען מענטשן אָדער בהמות חיות

ועופות, ביז כ׳בין אַרײַנגעגאַנגען אינעווייניק און כ׳האָב געזען אַז ס׳איז דאָרט אַ גרויסער יריד, אַזאַ יריד ווי אונדזערע עלטערן האָבן פֿאַרציילט, פֿון ירידים וואָס זענען געווען נאָך פֿאַר חמי״ל הרשע ימח שמו. סוחרים און קונים, פּריצים און פּריצהטעס, און סחורות אַזוי פֿיל וואָס קיין אויג האָט נאָך דאָס נישט געזען. זילבער און גאָלד און אַן אַ שיעור טײַערע זאַכן. פּלוצלינג האָט אַ שטורעם אַרומגעכאַפּט דעם יריד. די טאַטערן זענען אָנגעקומען. אויף פֿלינקע פֿערד — פֿײַל און בויגן, מיט אַ גערודער און מיט אַ טומל. איך ציטער אין גאַנצן אַז איך דערמאָן מיך וועגן דעם. כ׳וועל בעסער שווײַגן און צוריקגיין דאָרט ווּ כ׳האָב מפסיק געווען.

איז בכן, האָט דער רבי מיך אָנגעקוקט און געזאָגט, מ׳דאַרף צוריקגיין. דאָס האָרץ איז מיר אַנטלאָפֿן און כ׳בין נאָכגעגאַנגען נאָכן רבין.

די ערד איז געווען פֿול מיט טוי און דער הימל איז געווען פֿײַכט פֿון דעם שווייס פֿון די שטערן וואָס שטרענגען זיך אָן מיט אַלע כּוחות צו באַלײַכטן די וועלט. דעם גאַנצן וועג האָט אונדזער רבי נישט גערעדט קיין וואָרט. צי ער האָט געטראַכט וועגן אהרנס טויט אָדער וועגן מתּיר מאַכן די עגונה, ווער בין איך וואָס זאָל זאָגן, דער רבי האָט אַזוי געטראַכט אָדער אַזוי געטראַכט. איין מאָל און צוויי מאָל האָט דער רבי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אין הימל אַרײַן און זיך אײַנגעקוקט אין די שטערן און איך האָב ווי ער זאָגט שטיל די שטערן טוליען זיך צוזאַמען ווי הינדלעך אונטער דער הון. באמת ווייס איך נישט צי ער האָט אַזוי געזאָגט אָדער מײַנע געדאַנקען האָבן דאָס געזאָגט ווײַל ערב יום־כּיפּור פֿאַר טאָג ווען איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין דער קאַמער אַרויסצונעמען כּפּרות פֿאַר מיר און פֿאַר מײַן ווײַב עליה השלום און איך האָב געזען די הינדלעך אונטער זייער מוטער, זענען מיר אַרײַנגעפֿאַלן אין מויל ווערטער וואָס איך האָב געזען אין דעם ספר רזיאל המלאך, אַ סך שטערן טוליען זיך צוזאַמען ווי הינדעלעך אונטער דער הון, און אַז כ׳האָב געזען ווי דער רבי קוקט אין הימל אַרײַן און מורמלט עפּעס זענען מיר די ווערטער אײַנגעפֿאַלן. איידער די זון איז אויפֿגעגאַנגען זענען מיר אָנגעקומען אין שולהויף.

האָט דער רבי געקושט די מזוזה און אָוועקגעשטעלט דעם שטעקן אין הויף אונטער דער טיר און נעבן דער מזוזה. איי ווי בין איך געווען אַז כ׳האָב נישט גענומען דעם שטעקן אים פֿון דער האַנט. נאָר ווײַל אונדזערע

חכמים האָבן געלויבט שמשונען אַז צווי און צוואַנציק יאָר איז ער געווען שופט ביי ייִדן און ער האָט נישט געזאָגט צו קיינעם נעם פון מיר דעם שטעקן, האָט אונדזער רב שטאַרק מדקדק געווען ער זאָל זיך נישט שאַפן מיט קיינעם מיט זיין שטעקן, נאָר ער האָט אים אַליין אוועקגעשטעלט און אַליין אים גענומען צום גיין. אַז דער רב איז צוגעגאַנגען צום כיור זיך וואַשן די הענט בין איך געגאַנגען און איך האָב אַנידערגעשטעלט דעם שטעקן, אַז ווען דער רב וועט אים דאַרפן זאָל ער זיך נישט דאַרפן אַראָפּבייגן.

דער רב האָט זיך געוואַשן די הענט און זיי אָפּגעווישט און געזאָגט ברכות התורה מיט זיין זיס קול און די הכנעה פון זיין האַרץ. איך בין נישט פון די וואָס זאָגן אַז זיי וויסן וואָס ס'טוט זיך אין הימל, נאָר ס'איז ביי מיר קלאָר, אַז ווען אונדזער רב האָט געזאָגט ברכות התורה האָט מען דאָרט נאָכגעזאָגט אָמן אויף יעדער ברכה.

נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בין איך צוגעגאַנגען צו אים פרעגן ווער עס זאָל דאַווענען פאַרן עמוד. ביי אונדזער רב האָט קיינער זיך נישט געשטעלט דאַווענען ביז דער רב האָט געזאָגט, גיי דו.

פרעגט מיך דער רב, צי עס איז דאָ אַ בעל־יאָרצייט אָדער אַ סתם מחויב. איידער איך ענטפער זאָגט ער צו מיר, גיי דו צו.

טו איך אָן דעם טלית און תפילין און גיי צו צום עמוד. איך בין אַן אַלטער מאַן און האָב נישט ליב קיין גוזמאות, נאָר כ'קאָן זאָגן, אַז ס'האָט זיך מיר געדוכט אַז איך שטיי אויף דעם צודעק פון גיהנום און דאָס איז די לעצטע תפילה וואָס איך האָב זוכה צו דאַווענען. ס'איז ניסים אַז נאָך דעם דאַווענען בין איך געבליבן לעבן.

אין דעם זעלבן טאָג בין איך געגאַנגען צום סופר מיר לאָזן איבערזען די תפילין, טאָמער איז פסול געוואָרן אַן אות, וואָרן פון גרויס שרעק און אימה האָב איך געשוויצט און די תפילין זענען ווי געלעגן אין וואַסער. אַ דאַנק און לויב השם יתברך, וואָס קיין אות און קיין תג איז נישט באַשעדיקט געוואָרן.

נאָכן דאַווענען בין איך געקומען צום רב און איך האָב אים געברענגט אַ גמרא יבמות. קוקט דער רב און זאָגט. דער יום־טוב סוכות קומט אָנצו־שיינען. לאָמיר לכבוד דעם פריילעכן יום־טוב זיך משמח זיין מיט דער

מסכתא סוכּה. גײ איך און ברענג אים די מסכתא סוכּה און בלײַב שטײן, אַז טאָמער דאַרף ער מיך זאָל ער זען אַז איך שטײ גרייט. מאַכט ער צו מיר מיט דער האַנט און זאָגט, גײ אַהײם.

אויפן וועג איז מיר אַרײַן אַ ספק אין האַרץ צי דאָס וואָס כ׳האָב די נאַכט געזען, איז נישט געווען קיין חלום. אויב לויטן רב וואָס האָט מיט גאָרנישט געענדערט זײַן התנהגות, און אַפילו די מסכתּא יבמות וואָס איז אַ גאַנץ יאָר נישט אַראָפּ פון זײַן טיש האָט ער איצט אַוועקגעלייגט און גענומען די מסכתּא סוכּה, האָב איך זיכער געברויכט צו צווייפלען צי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אויף דער וואָר, און אויך, אויב דאָס איז ס׳גיהנום, האָב איך דאָך דאָרט קיין פייער נישט געזען. און ווען מיר זאָלן אַפילו זאָגן, אַז מען מישפּט די רשעים אין גיהנום צוועלף חדשים, איז דאָס פייער פון גיהנום לעשט זיך דאָך קיין מאָל נישט אויס. און חוץ דעם, אויך דער שניי אין וועלכן די רשעים וואַלגערן זיך און וואָס טוט זיי אָן נאָך מער צרות ווי די זון האָב איך דאָרט אין גאַנצן נישט געזען.

אַהיימקומענדיק האָב איך קיין נחת נישט געהאַט. כ׳האָב מורא געהאַט טאָמער וועט מײַן ווײַב מיך פרעגן ווו כ׳בין געווען די גאַנצע נאַכט. צום סוף האָט זי מיך גאָרנישט געפרעגט, גלײַך ווי כ׳וואָלט אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן. זי האָט געקריגן אַן אָנפאַל פון איר מחלה און זי האָט אָנגע־ווו־רן דעם כּוח־הדיבור. כ׳האָב מיך געמוזט אָנשטויסן ווען צו געבן איר צו עסן וכדומה.

קאַפּיטל פערצן

דער ספק וואָס איז מיר אַרײַנגעקומען אין האַרץ צי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אויף דער וואָר האָט זיך כּסדר פאַרשטאַרקט. אָבער צוריק־קומענדיק אין בית־מדרש אַרײַן האָט זיך מיר געדוכט אַז אַ סך פון די שענסטע באַלעבאַטים פון אונדזער עדה האָב איך בײַ נאַכט געזען אין יענע אָפּטיילונגען פון גיהנום. כ׳האָב געוווּסט אַז נישט זיי האָב איך געזען נאָר זייערע זיידעס, וואָרן געווייַנטלעך איז אַ מענטש ענלעך צו זײַן פאָטער אָדער צו זײַן זיידע ווי כ׳האָב זיי געקענט. פון גרויס צעמישט־קייט האָב איך נישט געוווּסט וואָס איך דאַרף און כ׳האָב געוווּסט אַז דאָס

איז אַן עונש דערפֿאַר וואָס כ׳בין חושד כּשרע מענטשן אַז זיי גייען אין גיהנום אַריין.

כ׳האָב געפּרווט אַרויסרייסן פֿון מיר דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב געזען און כ׳האָב בשום אופֿן נישט געקאָנט. און ווען נישט די יסורים וואָס זענען אויף מיר געקומען מיט מיין ווייבס קראַנק זיין ווייס איך נישט וואָס ס׳וואָלט געווען.

אונדזער רב זכר צדיק לברכה, האָט מען נאָך נישט געזען אַז ער האַלט ביי עפּעס טאָן אין דער זאַך, ס׳הייסט וועגן מתּיר מאַכן דאָס אומגליקלעכע מיידל די עגונה דורך דעם וואָס מיר האָבן געזען איר געשטאָרבענעם מאַן אין גיהנום. אַ סך מאָל האָב איך צו זיך געזאָגט, אויב אַזוי איז דאָך געווען בחינם די גאַנצע טירחה וואָס דער רב האָט אויף זיך גענומען צו גיין אין גיהנום אַריין.

צדיקים טוען אויף זייער שטייגער און גאָט כּביכול טוט אויף זיין שטייגער. איין מאָל נאָענט פֿאַר חנוכּה קומט אָן איינער אַ מענטש פֿון אַ ווייט לאַנד, אָנגעטאָן עפּעס אין מאָדנע בגדים, די באָרד זיינע איז קיילעכדיק און פֿאַרשוירן און די האָר זיינע זענען טונקל־ברוין און קיין פּיאות האָט ער נישט. ער פֿרעגט אויף לשון־קודש, ווו וווינט דאָ דער חכם. צו ערשט האָט קיינער נישט פֿאַרשטאַנען אַז ער רעדט לשון־קודש, וויל זיין אויסשפּראַך איז געווען עפּעס אין גאַנצן אַנדערש. און אַז מ׳האָט שוין געזען אַז ער רעדט לשון־קודש האָט מען נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען וואָס ער רעדט, אַז ער זוכט דעם רב, וויל אין יענע מקומות רופֿט מען אַ רב חכם.

בקיצור, יענער מענטש האָט געברענגט פֿון אַהרנען אַ גט פֿאַר זלאַטען. איך גיי נישט אַריין אין פּרטים פֿון דער זאַך, נישט דערפֿאַר וואָס דאָס איז סותר אַהרנס רייד וואָס ער האָט בפּירוש געזאָגט אַז ער איז געשטאָרבן און אַזוי און אַזוי איז עס געווען, נאָר וויל איך וויל דערגיין צום סוף פֿון דער מעשׂה. יעדנפֿאַלס איז כּדאַי צו פֿאַרציילן. דער מענטש וואָס האָט געברענגט דעם גט איז געווען אַ גרויסער תּלמיד־חכם און חוץ זיין בקיאות אין אַלע חדרי תּורה האָט ער אויך געקענט לשון יוון וישמעאל. כ׳געדענק, דער רב זכר צדיק לברכה האָט ביי אים געפֿרעגט דעם פּירוש פֿון אַ ריי ווערטער וואָס ער האָט געפֿונען אין ספֿרים און ער האָט זיי נישט געקאָנט

ווי געהעריק פאַרשטיין. און דער רב האָט געזאָגט, ווען כ׳וואָלט געווען בכּוח וואָלט איך געמאַכט דערפון אַ ספר פאַר דעם נוצן פון תּלמידים און ספּעציעל פאַר דעם נוצן פון מורי־הוראות. די לעצטע ווערטער, היינו, פאַר דעם נוצן פון מורי־הוראות האָב איך נישט געהערט ממש פון זיין מויל, נאָר פון מענטשן וואָס מ׳קאָן זיך פאַרלאָזן אַז זיי וועלן נישט נאָכזאָגן אַזעלכעס וואָס זיי האָבן נישט געהערט.

בקיצור, כ׳וועל נישט מאריך זיין, און כ׳וועל זאָגן, די דריי אָפּטייל־לונגען פון גיהנום וואָס איך האָב דערמאָנט האָב איך נישט געזען אין חלום, נאָר אויף דער וואָר האָב איך עס געזען און אַזוי און אַזוי מישפּט מען יעדן איינעם וואָס רעדט ביים דאַוועגען און ביי קריאת־התורה. און מיט וואָס דערקלערן מיר די האַרבקייט פון דעם עונש? אַ הסבר צו דעם געפין איך אין אַ משל וואָס איך האָב געהערט פון אונדזער רב. און דער משל איז גוט פאַר יעדן מענטש און פאַר יעדן אָרט און פאַר יעדער צייט און ס׳איז כּדאַי צו דערמאָנען די צייט און דאָס אָרט ווען מיר האָבן געהערט פון אונדזער רב דעם משל.

קאַפּיטל פופצן

צוואָנציק טעג אין חודש סיון, אַן ערך אַנדערטהאַלבן שעה נאָך שחרית און סליחות, איז די גאַנצע שטאָט געגאַנגען אויפן בית־החיים. יונג און אַלט, בחורים און מיידלעך, און אַפילו זייגעדיקע פרויען האָבן גע־ברענגט זייערע קינדער. טייל זענען געגאַנגען צו קבר אָבות פון קרובים און טייל זענען געגאַנגען בעטן די טויטע זיי זאָלן זיך מיִען פאַר די לע־בעדיקע.

יענץ יאָר האָבן די שטאָטישע גויִים אונדז נישט געטשעפּעט. און אַפילו די וואָס האָבן צוגערויבט אונדזערע הייזער און געוווינט אין זיי האָבן אונדז נישט אָנגעטאָן קיין בושות ווי אין די ערשטע יאָרן, ווען זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט פאַר אונדזערע צוגערויבטע הייזער און געמאַכט ס׳גע־לעכטער פון אונדז רעדנדיק אַ לשון פון רחמנות, אויב איר זענט הונגעריק פון פאַסטן, נאָט אייך חזיר־פלייש, אויב איר זענט דורשטיק, דאָ האָט איר וואַרעם בלוט, קומט און לענט אייך אונטער אייער האַרץ גוטע שכנים.

אַדרבא, אַ סך האָבן אַרויסגעבראַכט וואַסער פֿאַר אונדז צו וואַשן זיך די הענט אויפֿן וועג צוריק פֿון בית־הקברות. מיר האָבן זיך געוואַשן די הענט מיט זייער וואַסער, און אַז מיר זענען געקומען אין שטאָט אַריין האָט יעדער איינער זיך ווידער געוואַשן די הענט. געווען טייל וואָס האָבן געזאָגט אַז די וועלט ענדערט זיך צום בעסערן, און טייל האָבן געזאָגט, עשׂיו איז מיד פֿון רציחות, דעריבער לאָזן זיי אונדז מנוחה. און טייל האָבן געזאָגט, מיר זענען שוין גאָרנישט ווערט און ס׳לוינט זיך שוין נישט עשׂיון אונדז צו שלאָגן.

פֿריִער האָט אונדזער רב זכר צדיק לברכה געפּלעגט מספּיד זיין אויפֿן בית־החיים די הרוגים פֿון חמי״ל הרשע ימח שמו וזכרו ווי אויך די אַנדערע קדושים וואָס זענען אומגעקומען פֿון גויִם, נאָר צוליב אַ מעשׂה וואָס האָט פּאַסירט וואָס מחמת ענגשאַפֿט און צוליב דער געדיכטקייט פֿון די קברים איז אַ כּהן אַריינגעשטופּט געוואָרן אויף אַן אָרט ווו כּהנים טאָרן נישט שטיין, האָט אונדזער רב געענדערט דעם מינהג און ער האָט געמאַכט דעם הספּד אין דער גרויסער שול נאָך מינחה. און אין זיינע לעצטע יאָרן איז ער מער נישט אַרויסגעגאַנגען אויפֿן בית־החיים. מ׳זאָגט אַז ער האָט געזאָגט, נאָך וואָס דאַרף איך גיין צו די מתים אַז די מתים קומען צו מיר. די כּוונה פֿון דעם איז אַזוי, אין אונדזער שטאָט ווו מען הייבט אָן צו גראָבן געפֿינט מען ייִדישע הרוגים, און אונדזער רב איז שוין געווען מסופּק צי אַ כּהן מעג וווינען אין ביטשאַטש. איך האָב עס נישט געהערט אַליין פֿון אים, אָבער די וואָס האָבן עס נאָכגעזאָגט פֿון זיין נאָמען זענען ביי מיר באַגלייבט און איך האָב נישט קיין סיבה צו צווייפֿלען אין זייערע רייד. פֿון דעסטוועגן איז עס אַ ביסל קשה. אונדזער רב, אַז ער האָט געהאַט עפּעס אַ ספֿק אין אַן ענין פֿון הלכה, האָט ער נישט איינגערירט ביז ער האָט עס קלאָר געמאַכט.

נאָך דעם ווי מיר זענען צוריקגעקומען פֿון בית־החיים זענען מיר אַריין אין דער גרויסער שול און געדאַוונט מינחה ווי אין אַ תּענית ציבור מיט לייענען ויחל און אַ הפטורה און אַ נביא. אונדזער רב זכר צדיק לברכה איז אַרויפֿגעגאַנגען צו מפטיר און ער האָט געזאָגט די הפטורה מיט איר טראָפּ, און אַז ער האָט געענדיקט מיט דעם פּסוק אדני אלקים מקבץ נדחי ישראל עוד אקבץ עליו לנקבציו, בין איך געווען זיכער מיט מיין גאַנץ

האָרץ אַז ישעיה הנביאס נבואה וועט בקרוב מקוים ווערן און מיר דוכט זיך אַז אויך ער זכר צדיק לברכה האָט אַזוי געטראַכט.

קאַפּיטל זעכצן

נאָך דעם ווי אונדזער רב האָט פאַרענדיקט די ברכות פון דער הפטורה האָט ער גענומען דעם ספר און אוועקגעשטעלט זיך און געמאַכט אַן אל מלא רחמים פאַר דער נשמה פון זיין רבי דעם קדוש ר׳ יחיאל מיכל נעמי־ראָווער וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש השם. און אַז ער איז צוגעקומען צו די ווערטער תמיד ורגיג לעילא ולתתא, בדרי מעלה ודרי מטה, גזרו ראשו בחרב מרוטה, ראה ה׳ חרפתנו והביטה, — דאָס שיינדל און די קרוין אויף הימל און ערד, געשניטן האָט מען זיין קאָפּ מיט אַ בלאַנקער שווערד, אוי גאָט זע וואָס פון אונדז ווערט, — איז אונדזער רב אַרויס מיט אַ געוויין און ער האָט אַנידערגעלייגט דאָס ספר אויפן שולחן און זיין קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן אויפן ספר. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיינע ווייסע לאָקן האָבן געבלאַנקט ווי ריין זילבער. די וואָס האָבן אַריינ־געטייטשט אין דעם האָבן געזאָגט, אונדזער רב האָט טובל געווען זיין קאָפּ אין די מעייני החסד, אין די קוואַלן פון רחמים. און זיין פּנים האָט געע־לויכטן ווי די רויטקייט פון דער זון ווען זי דערנענטערט זיך צו מערב. אָבער די אויגן זיינע זענען געווען פאַרמאַכט. און ער האָט אויסגעזען ווי איינער וואָס קומט אָן פון ערגעץ ווייט. די וואָס האָבן אַריינגעטייטשט אין דעם האָבן געזאָגט, ער קומט צוריק פון עק וועלט וווּ דאָרט איז די שכינה און ער האָט געזען דאָס גרויסע ליכט, זיין רבי ר׳ מיכל נעמיראָ־ווער, ווי ער זיצט צוזאַמען מיט אַלע קדושים די ישיבה של מעלה באַ־שטראַלט פון דער שכינה. איך האָב נישט קיין גרויסע מחזקות מיט יענע סודות. פאַר אַזאַ מענטש ווי איך אַז ער זעט דאָס וואָס אויגן ווייזן אים. אָבער אין איין זאַך בין איך מסכים מיט זיי, יעדער זילבער־לאָק פון זיין קאָפּ האָט אויסגעזען ווי אַ זילבערנער כּוס וואָס מ׳האָט טובל געווען אין אַ ריינעם קוואַל. כ׳געדענק איין מאָל פאַר פּסח האָט מען דעם רב גע־ברענגט אַ זילבערנעם בעכער, האָט ער אַ קוק געגעבן און געזאָגט, ס׳וועט זיין גוט פאַר אליהו הנביאס כּוס, און ער האָט מיר געזאָגט, זיי עס טובל

אין אַ כּשרער מיקווה. בין איך געגאַנגען און טובל געווען דעם כּוס אין דער מיקווה. און אַז כ׳האָב עס אַרויסגענומען האָט עס געבלאַנקט פון וואַסער.

מ׳האָט אָנגעהויבן זאָגן אין דער שטיל צווישן זיך דער רב איז שוואַך און ער וועט נישט זיין בכּוח צו פאַרענדיקן די תּפילה. האָט מען אַ מאַך געטאָן צו ר׳ חזקיה בעל־תּפילה ער זאָל צוגיין ענדיקן. איז ר׳ חזקיה גע־קומען. האָט דער רב דאָס באַמערקט און ער האָט ווידער גענומען דאָס ספר און ער האָט געזאָגט מיט אַ קול וואָס צעברעכט דאָס האַרץ, טפסרי טוהר קדושי עליון, צעקו חוצה מר יבכיון. איכה היו לחרפה ולבזיון, שוד ושבר וכליון, יון וקדר הסכּימו יחד, לעקור ביצתן של שבטי ישורון יחד. ה׳ אחד ושמו אחד, תּיפול עליהם אימתה ופחד. און אַז ער איז צוגעקומען צו ה׳ אחד ושמו אחד, איז אים באַפאַלן אַ גרויסע אימה. ער האָט אַנידערגע־לייגט דאָס ספר אויפן שולחן און אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ און ער האָט אין גאַנצן געציטערט. נאָך אַ קורצער ווײַלע האָט ער ווידער גענומען דאָס ספר און געזאָגט, כּל מחמדי עין, און ער האָט גענומען און געגעבן דאָס ספר ר׳ חזקיהן. איז ר׳ חזקיה געשטאַנען און ער האָט נישט געוווּסט צי דער רב וויל זיך אַ ביסל אָפּרוען און דערנאָך וועט ער פאַרענדיקן אָדער ער וויל ער זאָל פאַרענדיקן. דער רב האָט זיך מיט אַלע כּוחות אָנגע־שטרענגט און געזאָגט וואָרט ביי וואָרט ביז ער האָט פאַרענדיקט די תּפילה און איך האָב געהאַלטן אין האַנט דעם לוח אויף וועלכן די תּפילה איז געווען אָנגעשריבן.

נאָכן דאַווענען האָבן מענטשן זיך אָנגעהויבן שפּאַרן צי דער רב האָט געזאָגט גזרו ראשי בחרב מרוטה אָדער בחרב להוטה. איך האַלט אַז ער האָט געזאָגט בחרב מרוטה, ווי דער סופר האָט געשריבן אויפן לוח און מ׳האָט נישט גוט געטאָן וואָס מ׳האָט אויסגעמעקט און געשריבן להוטה.

נאָך עלינו האָט דער רב געהייסן דעם זקן ר׳ משולם ער זאָל זאָגן קדיש כּולל, ווייל ער ר׳ משולם שטאַמט אָפּ פון רבי מאיר בן רבי יצחק דעם מחבר פון אַקדמות לשבועות און ער האָט אָפּגעראַטעוועט אַן עיר ואם בישׂראל. און אויך וואָס ער קומט פון ארץ אשכּנז ווו מ׳איז געפּרוווט מיט צרות.

נאָך קדיש האָט דער רב געהייסן ר׳ חזקיהן ער זאָל זאָגן דעם פּזמון

במתי מעט חלינו פניך. און דאָס איז דאָך דער פּזמון וואָס ר׳ משולם האָט געמאַכט פאַר תּענית אסתּר. טייל זאָגן אַז די כּוונה פון אונדזער רב איז געווען צו דערמאָנען פאַרן רבונו של עולם, אַז מיר זענען געבליבן מעט מהרבה, און טייל זאָגן אַז צוליב אַ סיבה וואָס איז פאָרגעקומען מיט אונד־זער רב האָט ער דאָס געהייסן זאָגן, וואָרן יום־כּיפּור בשעתן זאָגן דעם פּיוט פון ר׳ משולם האָט זיך געמאַכט אַז דער רב איז אַנטדרימלט געוואָרן פון שוואַכקייט און דעריבער האָט ער געוואָלט איצט זאָגן אַן אַנדערן פּיוט זיינעם. איך בין נוטה צו גלייבן אַז גערעכט זענען די וואָס זאָגן, אַז צוליבן כּבוד פון ר׳ משולמען האָט אונדזער רב אַזוי געטאָן. אַ ראיה איז, אַז צו מאָרגנס האָט דער רב מיך געשיקט צו ר׳ עקיבא ש״ס צו באָרגן פון אים די גמרא זבחים, און ר׳ עקיבא האָט מיך געפרעגט צי כ׳האָב געזען דעם רב מעיין זיין אין דער גמרא גיטין. זאָג איך, קענגן וואָס פרעגט איר דאָס? זאָגט ער, אין רש״י פון זבחים און אין תּוספות פון גיטין ווערט ר׳ משולם דערמאָנט. און רבי עקיבא האָט מיר געוויזן דאָס לשון אין רש״י, און ס׳שטייט דאָרט, אַז אַזוי האָט געטייטשט רבי משולם בן רבי קלונימוס גאָון פאַר זיין טויט. דאָס לשון אין תּוספות האָט ער מיר נישט געוויזן. און אַז כ׳האָב פאַרציילט אין בית־מדרש האָבן זיי געזאָגט, אַ חידוש ר׳ עקיבא האָט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם תּוספות אין מנחות ווו ר׳ משולם ווערט דערמאָנט. און אַ זאַך וואָס געהער זיך דאָ נישט אָן וועל איך דער־מאָנען, אונדזער רב אַז ער האָט געבאָרגט אַ גמרא האָט ער געשיקט אַלס משכּון די שבתדיקע לייכטערס, און צוויי כּוונות האָט ער דערביי געהאַט, איינע אין ניגלה און איינע אין ניסתּר, אין ניגלה, אַז פרייטיק ביים גרייט־מאַכן די ליכט אויף שבת וועט ער זיך דערמאָנען אָפּצוגעבן די גמרא, און אין ניסתּר, ווייל די תּורה ווערט גערופן אור און די גמרא איז אַ יסוד פאַר דער תּורה. אויך דאָס מוז איך דערמאָנען, און דאָס געהער צום ענין. פאַר מינחה האָט דער רב געהייסן אויסרופן אַז ווער עס דאָס האַרץ חלשט זאָל גיין עסן, ווער שמועסט קראַנקע און פרויען וואָס זייגן קינדער און מעוברת־טע, וואָס מוזן באַלד ברעכן דעם תּענית און אָן אַ שום תּירוצים. און פאַר דעם נאָך האָט דער רב אַהיימגעשיקט אַ יינגעלע וואָס האָט נאָך נישט אָנ־געהויבן צו לערנען גמרא ער זאָל זאָגן דער רביצין אַז זי זאָל זאָגן זלאַטען אַז ער האָט געהייסן אַז זי זאָל עסן און טרינקען. און מיך האָט ער געהייסן

כ׳זאָל שיקן זאָגן מיין ווייב אַז דער רב איז אויף איר גוזר זי זאָל עסן און טרינקען. דער רב האָט מכוון געווען די ריכטיקע צייט, וואָרן מיינע עליה השלום האָט שיִער נישט געחלשט פון שווערן תּענית. און ס׳איז דען אַ ווּנדער וואָס זי האָט געפאַסט, אַ פרוי וואָס האָט געזען מיט אירע אויגן דעם אומקום פון איר פאָטער און מוטער און דריי ברידער און פיר שוועסטער ווי קאָן זי עסן און טרינקען. אָבער היות ווי דער רב האָט געהייסן זי זאָל ברעכן דעם תּענית האָט זי עפּעס געגומען אין מויל אַריין. גרויס איז געווען דער כּבוד פון אונדזער רב זכר צדיק לברכה, וואָס אַפילו קינדער אין דער מוטערס בויך האָבן געהערט וואָס ער זאָגט. קינדער אין בויך איז אַ גוזמא, אָבער דאָך לאָזט זיך עס זאָגן וועגן פרויען און קינדער.

דערנאָך איז אונדזער רב צוגעגאַנגען צום אָרון־קודש און ר׳ עקיבא ש״ס און ר׳ משולם האָבן אים אָנגעהאַלטן פון ביידע זייטן. דער רב האָט אַ קוש געטאָן דאָס פּרוכת און די טירן פון אָרון־קודש און געשטאַנען שטיל אַ ביסל. דערנאָך האָט ער גענומען מספּיד זיין די הרוגי שנת ת״ח ות״ט, צדיקים און חסידים וואָס זענען אומגעקומען במיתות אכזריות משונות, און די אַלע אַנדערע, מענער פרויען און קינדער וואָס האָבן מקדש געווען גאָטס נאָמען מיט זייער טויט. דערנאָך האָט אונדזער רב דערמאָנט די נעמען פון די שטעט און דערפער וואָס זענען חרוב געוואָרן, נישט געווען קיין שטעטל און קיין דאָרף וואָס ער האָט נישט דערמאָנט, און נישט געווען קיין קהילה וואָס דער רב האָט נישט געזאָגט וויפל ייִדן זענען דאָרט אומגעקומען. מ׳זאָגט ער האָט זיך געמאַכט סימנים פון פּסוקים פון דער תּורה. וועלכע פּסוקים ווייס קיינער נישט, און פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן אַז פון ספר מלאכי זענען די פּסוקים. איך מיין אויך אַז פון ספר מלאכי זענען די פּסוקים. פון וואַנען ווייס איך דאָס? אַ טאָג פאַר כ׳ סיוון האָב איך געטראָפן ווי ער זיצט אַליין מיט זיך און זאָגט פון אויסנווייניק דעם פּסוק זכרו תּורת משה וגו׳.

קאַפּיטל זיבעצן

ווי דער שמש דערציילט האָט די זון זיך פאַררויטלט, פון איבער די בלומענס קאָלירן און פון די פייערשטיינער פון גן־עדן, ווי עס ווערט

דערקלערט אין ספר רזיאל המלאך, צוליב דעם איז די זון רויט פֿאַר נאַכט, צוליב די בלומענס פֿאַרבן און די פֿייערשטיינער פֿון גן־עדן. בקיצור, די זון איז רויט געוואָרן און ס׳איז געקומען שעת מינחה.

זיי האָבן זיך גענומען וואַשן די הענט, געזאָגט פּרשת התּמיד און זיך געשטעלט דאַווענען מינחה, און באַלד נאָך מינחה גדאַווענט מעריב. נאָכן קדיש עלינו האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם שמש צו הערן וואָס איז געשען צום סוף פֿון דער זאַך?

דער זקן קוקט אויף זיי און זעט אַז זיי ווילן ער זאָל ווייטער פֿאַר־ציילן. זאָגט ער צו זיי, אַז איר זענט אַזוי להוט צו הערן פֿאַרציילן מעשׂיות, וואָס וועט איר טאָן מיט די אויערן ווען מען וועט הערן דעם שופר של משיח? וואָס טויג אייך דער סוף פֿון דער מעשׂה, אַז דער אָנהייב איז גע־ווען דער עיקר. באַלדביים אָנהייב האָט איר געהערט אַז מ׳דאַרף שטאַרק שטאַרק זיין אָפּגעהיטן נישט צו רעדן ביים דאַווענען, ווער שמועסט ביי קריאת התּורה. שטאַרק שטאַרק האָט דער זקן געזאָגט און זיי האָבן אַזש געציטערט פֿון דער האַרבקייט פֿון דער עבירה, און זיי האָבן מער נישט געפֿרעגט.

אָבער ער האָט נישט צוריקגעהאַלטן זיינע רייד און האָט פֿאַרציילט ביזן סוף, ביז עס איז אַריין אין זייערע ביינער און עס האָט זיי באַגלייט זייער גאַנץ לעבן, ביז זיי זענען אַרויס פֿון דער וועלט און געזען אין אַן אַנדער וועלט דאָס וואָס זיי האָבן געהערט פֿון שמש אויף דער וועלט.

קאַפּיטל אכצן

איז בכן, זאָגט דער שמש, ווייל אונדזער רבס רייד זענען מיר טייער זאָג איך זיי איבער. וואָס שייך דעם סיפּור המעשׂה איז עס דאָך דברים כּהוייתם. וואָס שייך זיין תּורה ער קאָן אַריינגיין אין איר סוד, בפֿרט נאָך דעם ווי ס׳איז שוין אָפּגעלאָפֿן פֿיר און פֿופֿציק יאָר זינט מען האָט געהערט זיינע רייד.

שטייט אַלזאָ דער רב פֿאַרן אָרון־קודש מיטן פּנים געוואָנדן צום ציבור, און די צוויי זקנים ר׳ עקיבא ש״ס און ר׳ משולם פֿון ארץ אַשכּנז שטייען איינער פֿון דער זייט און איינער פֿון דער זייט, און איך שטיי אַהינטן,

מיט דער פּלייצע צום עולם, און טאָמער שטופּן זיי זיך אַרויף אין דער הייך שטופּ איך זיי צוריק אַראָפּ, און איך האַלט מיינע אויגן אויפן רב, אַז טאָמער דאַרף ער מיך זאָל איך זיין גרייט.

און דער רב האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון הספד און עס האָט זיך געדוכט אַז דער טלית פאַלט אים אַראָפּ פון לינקן אַקסל ווי תמיד ביים סוף פון אַ דרשה. גאָר אַנדערש ווי ביים דאַווענען, וואָס אַפילו ווען ער האָט שוין געענדיקט דאַווענען פאַלט אים דער טלית נישט אַראָפּ. כ'האָב געהערט פון ר' שמואל סופר וואָס האָט דאָס נאָכגעזאָגט פון ר' יוסף הלוי וועלכער האָט געמאַכט אַ ספר זבח הימים אויף די הרוגי שנת ת״ח און דאָס ספר תרועת מלך וועגן שופר של משיח, אַז די נשמה פון אונדזער רב איז פון די נשמות וואָס אויף זיי האָט מכוון געווען ר' יוחנן אין דער גמרא, לואי שיתפלל אדם כל היום כולו, איבער דעם האַלט זיך אויף אים דער טלית נאָכן דאַווענען, און אַנדערש איז נאָך אַ דרשה, וואָרן דער עיקר פון דרשות היינטיקע צייטן איז דאָך זאָגן מוסר אין וועלכן עס שטעקט אַ קיטרוג אויף ייִדן. און איך וויל נישט מאריך זיין ביי דעם, וואָרן מ'קאָן עס טייטשן אויף פאַרשיידענע אופנים. הקיצור, ס'האָט זיך מיר פּלוצלינג געדוכט אַז דער רב רופט מיך מיטן בליק. נעם איך און גיי שנעל אַרויף צו אים.

זעט מיך דער רב און קוקט אויף מיר מיט חידוש וואָס איך שטיי נעבן אים. באמת ער האָט מיך גערופן כ'זאָל אַרויפגיין, נאָר ווייל ער איז פאַרטאָן אין וועלטן ווו אַן אונדזעריקער האָט נישט קיין דריסת הרגל האָט זיך אים דאָס פּנים פאַרענדערט, און וואָס אונדז דוכט זיך אַז ס'איז אַזוי איז על־פּי־רוב נישט אַזוי.

נעמט דער רב און קוקט ווידער אויף מיר און זאָגט מיטן לשון פון פּסוק, ואתה פה עמוד עמדי. און ער זאָגט, על פי שנים או שלושה עדים יקום דבר. כ'ווייס נישט צי עס איז דאָרט געווען איינער וואָס האָט פאַר־שטאַנען וואָס דער רב מיינט. און אויך איך האָב ערשט פאַרשטאַנען אין מיטן פון דער דרשה, וואָרן נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט דעם הספד האָט ער ווידער געדרשנט. און דאָס איז איינע פון די זאַכן מיט וועלכע איך רום זיך, אַז טאָמער האָב איך נישט באַלד פאַרשטאַנען וואָס דער רב האָט געזאָגט האָב איך עס פאַרשטאַנען שפּעטער. כ'האָב געהערט פון דעם

חסיד ר׳ יצחק מוכיח דער זון פון ר׳ ידידיה ליבערמאַן, אַ שוועסטער־זון פון דעם קדוש ר׳ מיכל נעמיראָווער השם ינקום דמו, אַז ער האָט גע־זאָגט, ביי צדיקים זענען זייערע מעשים און זייערע מחשבות גלייך, דערי־בער שליסט זיך אַלץ ביי זיי פון אָנהייב ביזן סוף.

קאַפּיטל ניינצן

אונדזער רב הייבט אָן און זאָגט, ברידער טייערע, אהובי השם ברוך הוא וברוך שמו. קיין שטראָפּרייד וועל איך איצט נישט זאָגן, ווייל גאָט האָט אונדז שוין געשטראָפט מער ווי טאָפּלט פאַר אונדזערע זינד. און דאָ האָט דער רב זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אָרון־קודש און האָט גע־זאָגט, אַז דו גאָט ווייסט אַז איך מיין דאָ בלויז די זינד וואָס מיר ווייסן. די עוונות, פשעים און חטאים וואָס זענען פאַרבאָרגן ווייסטו נאָר אַליין. און דער רב האָט געזאָגט נאָך אַ פּסוק פון ספר עזרא, וואָס איך האָב פאַרגעסן, ווייל כ׳האָב עס נישט נאָכגעקוקט פון ספר, צוליב דעם ווייל אין דער גאַנצער שטאָט האָב איך נישט געפונען אַלע פיר און צוואַנציק ספרים פון תנ״ך. דערנאָך האָט דער רב זיך ווידער אויסגעדרייט צום עולם און געזאָגט, גאָט איז גערעכט און מיר קאָנען נישט מער ווי בעטן, אַז מיר זאָלן ביישטיין די אַלע יסורים ביז גאָט וועט זאָגן גענוג און מיר וועלן וואַרטן און וואַרטן אויפן קץ. און דאָ האָט דער רב אויסגעווישט מיטן טלית אַ טרער. די טרער איז אַ וווּנדער, וואָרן אונדזער רב האָט קיין מאָל נישט געוויזן קיין טרער פאַר מענטשן, חוץ ביים דערמאָנען זיין רבי דעם קדוש השם ינקום דמו. אַליין ביחידות האָט ער זיכער אַ סך טרערן פאַר־גאָסן, פאַר קיין מענטש אָבער האָט ער עס נישט אַרויסגעוויזן. און דער־מיט בין איך מיר מסביר די קלאָרע ליכטיקייט פון זיינע אויגן וואָס האָבן תּמיד געלויכטן, אַפילו בשעת דער פּטירה.

דערנאָך זאָגט ווידער דער רב, אַפילו קיין דברי־תּורה וועל איך נישט זאָגן. דברי־תּורה דאַרף אַ מונטער האַרץ און אַ קלאָרן געדאַנק און מיר אַלע זענען היינט אויסגעמאַטערט פון טרויער און תּענית. אָבער היות ווי דער טאָג איז נאָך גרויס און מיר שטייען אין אַ מקום־קדוש וואָס איז געהייליקט מיט תּורה און מיט תּפילה וועלן מיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער

וועגן דעם ענין תורה ותפילה. באמת אין אַ מקום־קדוש דאַרף מען נישט אַרויסברענגען קיין דיבור של חול, נאָר אַזוי ווי מיר ווילן זאָגן עפּעס אין דעם ענין פון שווייגן וועט קומען דאָס וואָרט און באַדינען דאָס שווייגן.

און דאָ האָט דער רב מפסיק געווען און געשטאַנען און געשוויגן. און איך שטיי נעבן אים און שוויג שטיל און דער גאַנצער עולם שטייט אויף די פיס אין איין שטילקייט. אין דער גאַנצער שול איז נישט אַדורכגעלאָפן קיין מינדסטער ריר חוץ דאָס באַוועגן זיך פון זיינע שניי־ווייסע לאָקן. צוליב אַ מיחוש פון קאָפּ וואָס איז אים געקומען פון אַ קלאַפּ מיט אַ שווערד האָט אונדזער רב נישט אָפּגעשוירן די האָר אַפילו אויף שבועות. דערנאָך הייבט ער אויף דעם קאָפּ און קוקט אָן דעם גאַנצן עולם. דער רב הערט זיך איין אין יעדן איינעם וויפל זיין אויער קאָן פאַרנעמען.

נאָך דעם ווי דער רב האָט אַלעמען אַרומגענומען מיט זיין בליק האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און געזאָגט, איך האָב נישט געזען, אָבער ס'זענען פאַראַן מענטשן וואָס האַלטן זיך נישט אָפּ פון רעדן אין מיטן דאַווענען און אַפילו בשעת קריאת־התורה. איך מיין נישט דעמאָלט ווען עס טרעפט אַ ביגוואַלד. איך מיין יענע וואָס זייער מויל רעדט פון זיך אַליין שטענדיק און אומעטום, ווו מ'דאַרף און ווו מ'דאַרף נישט, און אַפילו בשעתן דאַ־ווענען, און ביי קריאת־התורה. און אַז מ'זאָגט זיי אַז ס'איז נישט ריכטיק, זאָגן זיי, באמת מ'דאַרף נישט רעדן אין מיטן דאַווענען א.א.וו. אַנישט הערט דען דאָס אויער זייערס וואָס דאָס מויל זאָגט, נאָר אָט סתם מ'רעדט. אַנדערע ווידער אַז מ'מאַכט זיי אויפמערקזאַם דערויף ענטפערן זיי, נו וואָס, צוליב צוויי־דריי ווערטער וואָס אַ מענטש רעדט אַרויס לויגט זיך נישט צו מאַכן אַזאַ רעש.

איז דעריבער טייערע ברידער, ווי כ'האָב אייך שוין געזאָגט, קום איך נישט אייך שטראָפן וועגן דער זינד פון רעדן בשעתן דאַווענען און בשעתן לייענען. שטראָפן שטראָפט מען נאָר אַזאַ איינעם וואָס באַגייט די עבירה, אָבער איר טייערע ברידער, וואָס איר זענט ווייט פון אַזעלכעס, איר דאַרפט נישט מיין שטראָף. נאָר היות ווי מיר געפינען זיך אין אַ מקום־קדוש פון תורה און תפילה און היות ווי די וועלט איז זיך נוהג צו מוסרן וועגן דער זינד וועל איך אויך רעדן צו אייך דערוועגן. נישט שטראָפן, נאָר בדרך משל.

מיר געפינען אין מדרש שיר השירים, זאָל דער משל נישט זיין קיין קלייניקייט ביי אייך אין די אויגן, וואָרן דורך אַ משל קאָן אַ מענטש דער־גיין גרויסע זאַכן. און דער בעל המדרש ברענגט דאָרט אַ משל אויף אַ משל. אַ משל מיט אַ מלך וואָס האָט פאַרלוירן אַ גאָלדן רענדל אָדער אַ טייערע פערל, געפינט ער עס דען נישט מיט דער הילף פון אַ גראָשנדיק ליכטל? אַזוי אויך דער משל, זאָל ער ביי אייך נישט זיין קיין קלייניקייט, וואָרן דורך אַ משל דערגייט אַ מענטש דברי־תורה.

דער שמש האָט מפסיק געווען דעם ענין און געזאָגט, היינט קענען אַלע דעם משל. אַמאָל, אין די צייטן פון אונדזער רב, ווען ס׳איז שווער געווען צו געפינען אַ מדרש חוץ דעם מדרש תנחומא, איז יעדעס וואָרט פון אַ מדרש געווען אַ חידוש. און נאָך דאָס וויל איך זאָגן, אונדזער רב אַז ער האָט געברענגט אַ משל פון דער גמרא אָדער פון מדרש, האָט ער עס געברענגט מיט זייער לשון, משל למלך, אַז ער האָט געזאָגט זיינעם אַן אייגענעם משל האָט ער נישט געזאָגט משל למלך. כ׳האָב געהערט אַ סברה וועגן דעם, אַמאָל אַז מלכים זענען געווען גרויס האָט געפאַסט מ׳זאָל מאַכן משלים וועגן זיי, היינט אַז מלכים זענען אַראָפּ פון דער מדרגה, ווי מיר האָבן געזען אין דער צייט פון גזירות ווי מלכים זענען געוואָרן הילפ־לאָז, איז נישט אַזאַ גרויסער יִיחוס זיי צו דערמאָנען. איך גיי צוריק צו די רייד פון אונדזער רב זכר צדיק לברכה.

קאַפּיטל צוואַנציק

נישט וועגן דברי־תורה האָב איך געברענגט דעם משל נאָר וועגן נישט אָפּהיטן די דברי־תורה.

דער רמב״ם זכרונו לברכה זאָגט אין זיין ספר הלכות, ס׳איז אַ מיצוות עשה צו דאַוונען אַלע טאָג, שנאמר, ווייל עס שטייט, ועבדתם את השם אלקיכם. מפּי השמועה האָבן זיי געלערנט אַז עבודה מיינט מען תפילה, ווייל עס שטייט, ולעבדו בכל לבבכם. זאָגן די חכמים, וועלכעס איז עס עבודה שבלב, דאָס איז תפילה.

אונדזער רב האָט זיך נוהג געווען, אַז ער האָט געזאָגט אַ פּסוק האָט ער אים געזאָגט בנעימותדיק, ווי איינער וואָס לערנט תורה מיט קינדער,

און ער האָט עס אויסגעטייטשט, און יעדער איינער האָט עס אויפגענומען לויטן כּוח פון זיין השגה. אַן ערך צוויי הונדערט באַלעבאַטים איז געווען אין ביטשאַטש אין דער צייט פון אונדזער רב, חוץ פון משרתים און דאָרפסגייער, און אַלע האָבן געטרונקען מיט דאָרשט זיינע רייד.

דערנאָך האָט דער רב דערמאָנט די שיטה פון רמב״ן, אַז תּפילה איז אַ מיצווה מדרבנן. דערנאָך האָט ער דערמאָנט וואָס דער רמב״ם שרייבט אין ספר המיצוות, אַז תּפילה איז מן התּורה, און ער האָט זיך פאַרטיפט און באַפעסטיקט די שיטה פון רמב״ם קעגן דער שיטה פון רמב״ן. דערנאָך האָט ער זיך צוגעבויגן צו ר׳ עקיבא ש״ס און געזאָגט, נישט אַזוי ר׳ עקיבא? רופט זיך ר׳ עקיבא אָן און זאָגט, אוודאי, אוודאי. און דערנאָך זאָגט ער אַ דערשראָקענער, אוי, דער רב דאַרף דען מיין הסכּמה? די אַריינטייטשערס האָבן געזאָגט, וואָס עפּעס פרעגט דער רבי ביי ר׳ עקיבא ש״ס, נאָר ווייל די בעלי הסוד זאָגן, אַז דער רמב״ן קומט פון דער רעכ־טער פּאה פון דעם תּנא רבי עקיבא, און היות ווי אונדזער רב גייט אָוועק פון דער שיטה פון רמב״ן האָט ער געזוכט אַ חיזוק צו זיינע רייד פון ר׳ עקיבא ש״ס וואָס זיין נאָמען איז ווי דער תּנא. איך לאָז מיך נישט אַריין אין אַזעלכע זאַכן. הלוואַי כ׳וואָלט געקאָנט משׂיג זיין כאָטש אַ קליין ביסל פון דעם חלק הניגלה שבּתּורה.

דערנאָך האָט דער רב אָנגעהויבן מבאר צו זיין די גרויסע באַדייטונג פון תּפילה וואָס דורך איר ווערט אָט דעם ווערעמל דעם מענטש געגעבן אַ מעגלעכקייט אויסצודריקן לויב דעם חי העולמים מרום וקדוש, און אַפילו אויסבעטן אונדזערע פאַרלאַנגען. דערנאָך האָט דער רב זיך אָפּגעשטעלט אויף דער מעלה פון לשון־הקודש וואָס אין איר האָט מען מתקן געווען די תּפילות, און ער האָט מבאר געווען דעם סוד פון לשון־הקודש, וואָס איז דער סוד פון יחיד השלם, און אַז לשון־קודש איז געגעבן געוואָרן קודם החטא און איידער די לשונות זענען צעמישט געוואָרן און ס׳איז געוואָרן שבעים לשון. און בזה הלשון האָט דער רב געזאָגט, גיט נאָר אַ קוק וואָס תּפילה איז, מיט אַ תּפילה קאָן אַ מענטש זיך דערהייבן צו זיין שורש לויט ווי ער איז געווען פאַרן דור הפלגה, ווייל אין דור הפלגה האָט גאָט פאַר־טיילט די אומות די שׂרי מעלה ווי עס ווערט געברענגט אין ספר שערי אורה, אָבער ייִדן האָט גאָט אַריינגענומען אין דער געטלעכקייט און זיי

געמאַכט אַ טייל פון אים. און דאָ האָט דער רב אָנגעקוקט דעם גאַנצן עולם, באַלעבאַטים און בעל־מלאכות, משרתים און דאָרפסגייער, און ער האָט זיי אַלע אַרומגענומען מיט איין בליק. דער רב האָט אַראָפּגעלאָזט דעם טלית איבערן שטערן און עס האָבן אַרויסגעשטאַרט זיינע ווייסע לאָקן דורכן לאַך, וואָס דער תפילין של ראש האָט געמאַכט אין טלית. און אַרום האָבן געלויכטן אַלע ליכטער מיט ליכט פון הימלען און ערדן. דאָס ליכט פון דער פאַרגייענדיקער זון און פון די נשמה־ליכט וואָס האָבן געברענט אין שול ווי אין יום־כּיפּור, וואָרן ס׳איז נישט געווען קיין איין מענטש וואָס האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט פאַר דער נשמה פון זיינע נאָענטע וואָס זענען אומגעקומען, און אַפילו טירנגייערס, און אַפילו אַזעלכע וואָס זייער שטוב זעט נישט קיין ליכט חוץ אין אַ פּרייטיק צו נאַכטס און אין אין אַ יום־טוב, און אַפילו די אָרעמעלייט וואָס לעבן פון צדקה בעטן אויס און קריגן אַ ליכטל צו צינדן. און ווען דער רב איז געשטאַנען אויף זיין אָרט צווישן אָרון און קהל האָט ער דערביי געזאָגט, אַז עס געפינט זיך ערגעץ אין אַ מדרש, אַז נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן האָבן שוין ייִדן גע־קלערט ווי צו באַשאַפן ווערן. נאָך איידער די מלאכים זענען באַשאַפן געוואָרן, אויס דער ליבשאַפט פון פאָטער אין הימל, מיט דעם נאָמען ישראל, האָט שוין געוואָרט אויף זיי זיין נאָמען ישראל. און אַזוי ווערט אויך געברענגט אין די פּרקי רבי אליעזר, מען האָט אים געפרעגט, ווי דיין נאָמען, און ער האָט געענטפערט, ווי דיינער, ישראל. און ווידער האָט דער רב אַ קוק געטאָן אויף אַלע מענטשן פון בית־הכּנסת, בעלי־בתּים און בעלי מלאכות, אויף משרתים און אָרעמעלייט, און געזאָגט מיט זיין זיס לשון, ישראל איז אַ חלק פון זיין געטלעכקייט אויבן, פון זיין געטלעכקייט אויבן. איך געדענק נישט צי ער האָט עס איבערגעחזרט צוויי מאָל, צי גאָר עס דוכט זיך מיר און ווייל איך בין אַ שמשׂ ביים רבין ברומט זיין קול אין מיין האַרץ. דאָס זענען הויכע, וואָזשנע ווערטער און נישט יעדנס מוח פאַרנעמט זיי.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

דער רב נעמט און הייבט אויף דעם טלית מיט ביידע הענט. איין האַנט פון דער זייט און איין האַנט פון דער זייט, און לייגט אים אַרויף אויפן

האלדז און שטייט אַ ביסל שטיל, און קיינער ווייס נישט צי דער רב וויל שוין ענדיקן די דרשה, אָדער ער וויל ווייטער רעדן. אָבער מיר אַלע זענען גרייט ווייטער צו שטיין און צו הערן, און אַפילו אַזאַ איינער וואָס איז אָפּגעשוואַכט פון תענית. און דעמאָלט איז נאָך נישט געווען בענק אין אַ שול צו זיצן חוץ דעם רבס שטול און די כסא אליהו.

אַ האַרץ פילט וואָס עס טוט ווײ די נשמה און אונדזער האַרץ האָט געפילט אַז דאָס איז די לעצטע דרשה פון אונדזער רב זכר צדיק לברכה, וואָרן אין הושענא רבא ביי דער תפילה תענה אמונים האָט ער זיך פאַר־האַקט ביים זאָגן און איסרו־חג איז ער ניפטר געוואָרן. כ׳וויל נישט דאָ איבעררייסן דעם עניַן, אָבער כ׳וויל זאָגן, עקב ענוה חן, ווי זיין עניוות ביים לעבן אַזוי איז געווען זיין חן ביי דער פטירה.

איז בכן, ווילן מיר ווייטער הערן. און אַפילו קליינע יִינגלעך וואָס קאָנען קוים איינשטיין אויף אַן אָרט שטייען און רירן זיך נישט. צי זיי האָבן עס פאַרשטאַנען? דברים של אמת אַפילו מען פאַרשטייט נישט וויל מען הערן.

דער רב לאָזט ליגן דעם טלית אויפן האַלדז און ער הייבט אויף ביידע הענט ווי צו תפילה און נעמט אַרום מיט זיינע ליכטיקע אויגן דעם גאַנצן עולם אַלע ווי איינעם און זאָגט מיט זיין שיין קול, אַ גרויס חסד האָבן די אָבות מיט אונדז געטאָן וואָס זיי האָבן אונדז געגעבן די תפילות, און נאָך זיי די אַנשי כנסת הגדולה וואָס האָבן מסדר געווען דעם סדר פון די תפילות. ווער שמועסט קריאת־התורה וואָס דאָס איז פון משה רבנו עליו השלום, וועלכער האָט מתקן געווען מ׳זאָל לייענען די תורה שבת און יום־טוב און ראש־חודש און חול־המועד, ווי עס שטייט וידבר משה את מועדי ה׳ אל בני ישראל. און עזרא האָט מתקן געווען מ׳זאָל לייענען די תורה מאָנטיק און דאָנערשטיק און שבת צו מינחה. און אויף יעדער זאַך האָט ער געברענגט ראיות פון בבלי און ירושלמי ספרי ספרא און מכלתא און תוספות, אלפס און רמב״ם און טורים אַלץ פון אויסנווייניק און כמעט די אַלע ספרים וואָס ער האָט דערמאָנט האָט ער נישט געזען פון זינט ער איז אַרויס פון נעמיראָוו ווו ער האָט געלערנט ביי זיין רבי דעם קדוש השם ינקום דמו. כ׳האָב געהערט, אַז זכרון איז פון יסוד הזכר און שיכחה פון יסוד נקבה, און אַ רמז אויף דעם געפינען מיר אין דעם פסוק שמעי

בת וגו׳ ושכחי עמך ובית אביך וגו׳ ווו בת קומט אויס כּנגד שיכּכה, און ווער עס פאַרשטאַרקט אין זיך דעם יסוד הזכר דער האָט אַ גוטן זכּרון. היינט זענען פאַראַן באַלעבאַטים אין שטאָט וואָס פאַרמאָגן פיל מער ספרים וויפל ס׳האָט דעמאָלט פאַרמאָגט די גאַנצע שטאָט. כ׳האָב דעמאָלט געקענט איינעם אַ תּלמיד־חכם וואָס איז געווען רב איבער אַ פּאָר קהילות, און בשעת דער פּטירה האָט ער געזאָגט, ס׳איז שווער איבערצולאָזן אַ וועלט פון אַזוי פיל תּורה און מיצוות און מעשׂים טובים, אָבער אין דער ישיבה של מעלה וועל איך זען די מסכתא עירובין וואָס כ׳האָב נישט זוכה געווען זי צו זען ביים לעבן. און כ׳געדענק אויך, איין מאָל זענען אָנגעקו־מען צו אונדז אין שטאָט אַריין צוויי בחורים בני־תּורה וואָס זענען גע־גאַנגען צוויי טאָג צופוס, ווייל זיי האָבן געוואָלט זען די קליינע מסכתות און זיי האָבן געהערט אַז דאָ איז פאַראַן איינער וואָס האָט גאַנץ ש״ס.

מיר וועלן צוריקגיין צום רבס דרשה. נאָך דעם ווי דער רב האָט מבאר געווען די מיצווה פון קריאת־התּורה האָט ער אויפגעהויבן דעם טלית איבער די אַקסלען און ער האָט פאַרדעקט דעם קאָפּ און ער האָט אַזוי געזאָגט, איז עס דען נישט אַ גרויסער חסד וואָס גאָט טוט מיט אונדז, אַז אַ מענטש זיצט אין בית־הכּנסת און ער הערט די ווערטער פון דער תּורה וואָס גאָט האָט געגעבן יידן. און ער האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם טלית אויף די אַקסלען און ער האָט אַוועקגעלייגט ביידע הענט אויפן עמוד און אָנגעשפּאַרט אויף זיי דעם קאָפּ און פאַרציילט וועגן זקנים, וואָס מ׳האָט וועגן זיי געזאָגט אַז בשעת קריאת־התּורה דערהייבן זיי זיך צו דער מדרגה אין וועלכער יידן זענען געווען בשעת מתּן־תּורה.

און נאָך האָט דער רב פאַרציילט, און בזה הלשון האָט ער פאַרציילט, ווען כ׳האָב געלערנט אין דער ישיבה פון אונדזער גרויסן רבי, דאָס ליכט פון זיין צייט, איז געקומען אַ מוכיח אין שטאָט אַריין און ער איז געקומען צום רב בעטן רשות צו דרשנען שבת אין דער גרויסער שול. פרעגט אים דער רב, און וואָס דרשנט איר? יענעם שבת איז געווען פּרשת יתרו. זאָגט דער דרשן, איך רעד וועגן די עשׂרת הדברות. וואָס אַזעלכעס זאָגט איר? זאָגט ער, די עשׂרת הדברות פון פּרשת יתרו זענען כּנגד ד ע ר וועלט און אין ספר דברים ק ע ג ן יענער וועלט. זאָגט דער רב, איך וויים נישט פון קיין ד י וועלט און פון קיין י ע נ ע וועלט, אַ פּראָסטן פּסוק וויים

איך, ווי ס׳שטייט מי יתן והיה לבבם זה כל הימים למען ייטב להם ולבניהם לעולם. און דאָ האָט אונדזער רב זכר צדיק לברכה איבערגעזאָגט דעם גאַנצן פסוק און ער האָט באַטאָנט יעדעס וואָרט, און ווען ער האָט געזאָגט, למען ייטב להם ולבניהם לעולם, האָבן אַלע געוווּסט, אַז דאָס גוטס וואָס גאָט האָט געטאָן מיט אונדז און מיט אונדזערע קינדער צו זיין געטריי צו גאָט און אייביק צו היטן זיינע מיצוות.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

און דער רב זאָגט ווייטער, איז אַז מיר האָבן שוין געזען די גרויסקייט פון תּפילה און די קדושת התורה, וויל איך עפּעס זאָגן וועגן רעדן בשעתן דאַווענען און בשעתן לייענען.

עס האָט מיר פאַרציילט ר׳ זבולון בשׂמים־הענדלער עליו השלום, אַז ער האָט געהערט פון די וואָס וואַנדערן אין די מידבריות, אַז נאָך דעם לאַנד כּוש קומט מען צו צו אַ מידבר, ווו דאָרט האַלטן זיך אויף אַזעלכע מיני מאַלפּעס וואָס זענען ענלעך צו הינט. די מאַלפּעס נערן זיך בעיקר פון מוראַשקעס. וואַנדערט אַזאַ מאַלפּע אַרום אין דער מידבר צו זוכן זיך עסן, זעט זי נעסטן פון מוראַשקעס. נעמט זי און לייגט אַנידער אַן אָפענע לאַפּע און זי אַליין באַדעקט זיך מיט זאַמד אַז מ׳זאָל זי נישט זען און זי מאַכט זיך שלאָפן. זעען די מוראַשקעס אַ ווייך בערגל ווו ס׳איז גוט צו זיצן. לאָזן זיי איבער זייערע קעמערלעך ווו זיי האָבן זיך אָנגעגרייט זייער ברויט און גייען אַרויס גרופּעסווייז און קריכן אַרויף אויף דעם בערגל, און זיי ווייסן נישט אַז די אָפענע לאַפּע פון אַ בייזער חיה לויערט אונטער זיי. זעען די אַנדערע מוראַשקעס דאָס בערגל מיט מוראַשקעס און קומען אויך אַהין. זיי קריכן אַרויף אויף דער לאַפּע פו דער מאַלפּע און שפּאַצירן אַרום און ווייסן נישט אַז דאָס אומגליק לויערט אויף זיי, אַז אַ בייזע חיה וויל זיי איינשלינגען. אין דער זעלבער צייט ליגט די מאַלפּע פאַרדעקט מיט די זאַמדן פון דער מידבר און איר לאַפּע איז אויסגעשפּרייט אויף דער נעסט פון די מוראַשקעס פון וועלכער אַלע מוראַשקעס זענען אַרויס און האָבן וואָס אַ מאָל מער מיטגעצויגן מיט זיך אַנדערע מוראַשקעס. אַז איר לאַפּע איז שוין פול בייגט די מאַלפּע אַראָפּ איר מויל און שלינגט זיי אַלע איין.

ווי אין מידבר אַזוי איז אונדזער לעבן אויף דער וועלט, און ווי יענע מאַלפּע וואָס איז ענלעך צו אַ הונט איז דער שׂטן פון ישׂראל. און מיר שארית ישׂראל בית יעקב, אוי ווי קליין איז יעקב, ווי אָפּגעשוואַכט זיין קראַפט, ווי מוראַשקעס ביי וועלכע עס ווערט געזאָגט, הנמלים עם לא עז, און ס'שטייט ויכינו בקיץ לחמם, און — לך אל נמלה עצל ראה דרכיה וחכם, גיי צו דער מוראַשקע, דו פוילער, לערן דיך אָפּ חכמה פון אירע וועגן, און מיט איר גאַנצער חכמה פאַלט זי אַריין אין די הענט פון דער מאַלפּע.

טייערע ברידער, איך קלער אַז אפשר ווייל איך זע די זאַכן אָן שום מחיצה, האָב איך זיי נישט מפרש געווען ביז ס'וועט אַלעמען קלאָר ווערן. דעריבער וועל איך עס איבערזאָגן מיט אַן אַנדער לשון.

ס'איז אַ דבר ידוע, אַז אַ בית־תּפילה פון ייִדן ווערט גערופן קן, אַ נעסט ווו מען לערנט פון דעם מיזמור שיר ידידות משכנותיך ה' צבאות, ווי נאָך דעם ווי עס שטייט דאָרט, נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה' לבי ובשרי ירננו אל אל חי, זאָגט ער, גם צפור מצאה בית ודרור קן לה אשר שתה אפרוחיה את מזבחותיך ה' צבאות מלכי ואלהי. אשרי יושבי ביתך וגו'. פון דאַנעט קאָן מען אויך אויסטייטשן וואָס איוב האָט געזאָגט, ואומר עם קני אגוע, איוב זאָגט, אויב כ'האָב נישט זוכה געווען עס זאָל אין מיר מקוים ווערן די תּפילה פון יענעם חסיד, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, הלוואַי זאָל איך זוכה זיין דאָרט צו שטאַרבן, הלוואַי זאָל איך אויסגיין אין אַ פאַרבענקטער תּפילה צו גאָט.

דער רב האָט זיך איינגעקוקט אין די נשמה־ליכטער וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקער צו צעברענען, ווי ס'איז דער שטייגער אַז אַ ליכט צעברענט זיך ווען ס'הייבט אָן ווערן טונקל און ער זאָגט, די זון האַלט ביי אונטערגיין, דער טאָג גייט אַוועק, דעריבער וועל איך מקצר זיין און וועל זאָגן נאָר דאָס נייטיקסטע, און וועל נאָך ברענגען די רייד פון אבן עזרא וואָס ער ברענגט אין נאָמען פון אַן אַנדערן מפרש אויפן פסוק ודרור קן לה אשר שתה אפרוחיה את מזבחותיך ה' צבאות, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ מין פויגל וואָס אַנטלויפט פון אַ מענטשלעכן יישוב און מאַכט זיך אַ נעסט נאָענט צום מקום־הכבוד ווו מ'איז דאָרט מקריב קרבנות צו גאָט, אַז אויב ער וועט זוכה זיין זאָלן זיינע יונגע שוועלבעלעך זיין נאָענט

צום מזבח. אין בית־המיקדש ווי מיר ווייסן האָט קיין שום פויגל נישט געגעסטעט וואָס אויף דעם שטעלט זיך אָפּ דער רד״ק, און אויך דער אבן עזרא איז מחולק אויף דעם פּירוש. פון דעסטוועגן איז דאָס שיין צו ברענ־גען אַ משל פאַר יידן, וועלכע זענען ענלעך צו יענעם פויגל וואָס האָט זיינע שוועלבעלעך געברענגט נאָענט צום מזבח פון ה׳ צבאות מלכי ואלקי.

כ׳וועל נאָך עפּעס זאָגן און דערנאָך וועל איך צוריקגיין צום ענין. ס׳איז אַ דבר ידוע, אַז דער היכל המשיח ווערט אָנגערופן קן צפּור, אָבער נישט אַלע ווייסן אַז ער שטייט אויף די תּפילות פון יידן. היינט זשע ווי שטאַרק דאַרף אַ מענטש זיין אָפּגעהיטן נישט צו רעדן ווען קהל איז מתפּלל, טאָ־מער קאָן עס חס־ושלום גורם זיין אַז די נעסט זאָל איינפאַלן. צוליב דער קורצער צייט און צוליב דער לאַנגער זאַך האָב איך נישט אין אַלץ צו־נויפגעפירט דעם משל מיטן נימשל. יעדנפאַלס זעט זיך אָן איין מיין פאַר דער מאַלפּע אין משל און פאַרן שׂטן אין נימשל. מאַלפּע און שׂטן מיינען דאָס זעלבע, אָנפילן די בייכער, דער שטרעקט די לאַפּע צו כאַפּן די מור־ראַשקעס כיטרעדיק און דער שטרעקט די האַנט צו די יידישע תּפילות און צו די דברי־תּורה כּדי מיט זיי אָנצופּאַשען זיין בויך.

געלויבט צו גאָטס נאָמען וואָס הערט אויס אַלע תּפילות פון יידן, וואָס ביי אים ווערט גאָרנישט פאַרלוירן, און קיין שום תּפילה און קיין שום וואָרט גייען נישט אַריין ווו זיי דאַרפן נישט גיין. פון דעסטוועגן זאָל יע־דער איינער פילן ביי זיך, טאָמער רייד וואָס ווערן גערעדט בשעתן דאַ־ווענען און בשעת קריאת־התורה, טאָמער קומען זיי אָן דאָרט ווו מען דאַרף נישט.

דער רב האָט גענומען די עקן פון טלית און אַריינגעשטעקט ביידע הענט אין גאַרטל. איך געדענק נישט צי ער האָט אַריינגעשטעקט די עקן פון טלית אין גאַרטל אָדער בלויז די הענט. יעדנפאַלס בשעת ער האָט געדאַוונט זענען די ציצית פריי נאָכגעהאָנגען. צוליב וואָס זאָג איך דאָס, ווייל כ׳זע מ׳האָט געברענגט נייע מינהגים וואָס קיינער האָט פריִער נישט געוווסט, מ׳נעמט און מען שטעקט אַריין די עקן פון טלית אין גאַרטל, ווי עס טוען אַרבעטס־יונגען ביי דער אַרבעט, זיי שטעקן אַריין די פּאָלעס און פאַרלייגן זיי אין די שטריק.

קאַפּיטל דרײַ און צוואַנציק

דער רב זאָגט ווייטער, ימינו כצל עובר, אונדזערע טעג פאַרגייען ווי אַ שאָטן, אָבער יעדער טאָג אַליין ציט זיך לאַנג.

לאָמיר זיך מסביר זיין מיט אַן אַנדערן משל די צייט וואָס מיר זיצן און טרויערן און אין תּענית.

די וועלט זאָגט, אין אדם שאין לו צרה. און ווער נאָך ווי ייִדן ווייסן דאָס. וועגן אַזאַ מענטש וועל איך ברענגען דעם משל.

אַ ייִד זעט אַז אַ צרה קומט אויף אים און ער קאָן זיך נישט העלפן, ער דרייט זיך נעבעך אין אַלע זייטן און קאָן זיך נישט ראַטעווען. הערט ער, אַז ערגעץ נישט ווייט פון אים געפינט זיך אַ שׂררה אין אַ פּאַלאַץ, אַ גרויסער האַר און אַן אַלמעכטיקער, גרויס אין זיין גוטסקייט און שטאַרק איז זיין הילף. נעמט דער ייִד און גייט צו אים. זעט דער שׂררה אַ ייִד דרייט זיך אין הויף. שיקט ער אים רופן. קומט ער אַריין און פאַרציילט אים זיין צרה. קריגט דער שׂררה רחמנות אויף אים. דער שׂררה דער אַלמעכטיקער, אַז ער איז זיך מרחם איבער אַ מענטש, האָט ער מיט וואָס צו העלפן. ווי דער ייִד שטייט און פאַרציילט פון זיינע צרות נעמט ער פּלוצלינג און הייבט אָן רעדן פון אַנדערע זאַכן וואָס האָבן גאָרנישט קיין שייכות צו זיין ענין. איינס ציט אַריין ס׳אַנדערע. הקיצור ער הייבט אָן צו רעדן נאַרישקייטן, וואָס אַפילו ערגעץ אַנדערש האָט נישט קיין זין אַזעלכעס צו רעדן, בפרט נאָך פאַר דעם שׂררה. זאָגט דער שׂררה, וואָס וויל ער פון מיר, אויב סתּם רעדן נאַריש־קייטן, וואָס האָט ער דאָ צו טאָן ? און אַ פּסוק העלפט אים צו, ווי ס׳שטייט, מי ביקש זאת מידכם רמוס חצרי.

און היינט שטעלט אייך פאָר, אַז דער שׂררה דאָס איז דער האַר פון אַלע וועלטן און אין זיין האַנט איז שטענדיק גרייט צו הילף פאַר אונדז. עס קומט צו אים אַ ייִד מתפּלל זיין פאַר זיין נשמה, איז פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין אַז ער דאַרף זיין אָפּגעהיטן מיט יעדן וואָרט וואָס ער רעדט אַרויס, ער זאָל נישט סתּם רעדן זאַכן אָן אַ זין, און נישט פאַרמאַטערן גאָטס געהער מיט זאַכן פון נישט געשטויגן נישט געפלויגן. קרוב ה׳ לכל קוראיו ולכל אשר יקראוהו באמת, גאָט איז נאָענט צו די וואָס רופן צו אים און צו אַלע די

וואָס ווענדן זיך צו אים מיטן גאַנצן האַרץ, און נישט צו די וואָס פּלאַפּלען סתּם מיטן מויל און רעדן פּוסטע רייד.

דאָס איז לגבי תּפילה.

איצט וויל איך עפּעס זאָגן וועגן קריאת התּורה.

אַז אַן אָרעמאַן און אומגליקלעכער מענטש געפינט חן אין די אויגן פון דעם שׂרה, קריגט דער שׂרה אים ליב און לאָזט אים זיצן אין זיין נחלה. ער גיט אים אויך געשריבן, אַ שטר, אַן אָפּמאַך אַז קיינער זאָל אים נישט קאָנען אַוועקטרייבן פון זיין נחלה. און ער באַפעלט אויך מען זאָל פאַר אים לייענען דאָס כּתב מיט דעם אָפּמאַך, כּדי מיר זאָלן געַנוי וויסן וואָס עס געהערט צו אים. איז דאַרף ער דאָך אויסהערן יעדעס וואָרט, וואָרן זיין גאַנצער זכות צו זיצן אויף זיין נחלה קומט דאָך פון דעם כּתב, פון דעם שטר. ער אָבער, לא די וואָס ער הערט נישט וואָס מ׳לייענט נאָר ער רעדט אַריין אין דער מיט. קוקט דאָך אויס אַז ער מאַכט דאָס אַלץ אַוועק מיט דער האַנט צו זיין רעה וועגן, און לייגט נישט קיין אַכט אויף דעם אַלעם וואָס מ׳גיט אים.

ברידער טייערע, גרויס ליבשאַפט האָט אונדז הקדוש ברוך הוא אַרויס־געוויזן און געטאָן גוטס מיט אונדז און אונדז געגעבן די תּורה וואָס איז אַ כּתב־קיום פאַר ייִדן, און אין איר זכות געפינען מיר זיך אויף דער וועלט און אין איר זכות לעבן מיר. אַז מיר עפענען די ספר־תּורה און מיר לייענעז בציבור דאַרפן מיר דאָך זיצן מיט אימה און מיט יִראה, מיט פרייד און מיט ווירדע, צו וויסן וואָס גאָט גיט אונדז. און מיר וואָס טוען, מיר פאַלן אַריין אין די רייד און מיר זיצן און שמועסן. נישט בלויז מיר גיבן נישט אַכטונג צו הערן וואָס גאָט גיט אונדז, נאָר מיר מאַכן חס־ושלום צונישט גאָטס לעבעדיקע רייד.

פיל רעדן טוט קיין גוטס נישט, און מיר אַלע דאָ זענען דערדריקט און צעבראָכן פון ווייטיק און נישטאָ קיין גאַנץ אבר אין אונדז. און דעריבער וועל איך ענדיקן מיינע רייד. און מיר ייִדן, גאָטס פאָלק, וואָס מיר שיצן זיך אין שאָטן פון אונדזער שעפער, לאָמיר זיך שטאַרקן פאַר דעם כּבוד פון דעם בית־הכּנסת, וואָס איז אויף דעם אָרט פון אונדזער בית המיקדש, און לאָמיר אַכטונג געבן אויף אונדזער תּפילה, וואָס איז דאָס אויסשמועסן זיך פון ייִדן מיט הקדוש ברוך הוא, און לאָמיר אויסהערן די רייד פון אונדזער

תּורה, וואָס איז דאָס וואָרט פֿון גאָט צו עם ישׂראל. ושומר תּפילת כּל פּה עמו ישראל ברחמים יקבל ברחמים וברצון את תּפילותינו ונזכּה, און לאָמיר זוכה זײַן מקיים צו זײַן אַלע רייד פֿון דער תּורה. אָמן כּן יהי רצון.

נאָך דעם ווי ער האָט אַ קוש געטאָן דאָס פּרוכת האָט דער רב אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צום עולם און אויף זײַן פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ טרויער. צוויי טעמים האָב איך וועגן דעם געהערט. ער איז געווען טרויעריק נאָך יעדער דרשה. ווײַל ער איז געווען אַ גרויסער דרשן האָט ער מורא געהאַט טאָמער איז זײַן רעדע געווען שענער ווי דער מוסר וואָס קומט אַרויס פֿון דעם רעדן. נאָך אַ טעם, טאָמער האָט ער אַרויסגעבריענגט אַן אײַבעריק וואָרט שלא לשם שמים. יאָרן שפּעטער, ווען כ׳בין אַרײַן אין מײַן צווייטן זיווג מיט זלאַטען עליה השלום, האָב איך געהערט פֿון איר, אַז אונדזער רב האָט זיך נוהג געווען נאָך יעדער דרשה צו האָבן אַ גאַנצן מעת־לעת אַ תּענית ציבור.

אַזוי ווי איך האָב דערמאָנט תּענית ציבור וועל איך דערמאָנען עפּעס וואָס איך האָב געהערט פֿון ר׳ חזקיה בעל־תּפילה. ר׳ חזקיהס עלטערן קומען פֿון ארם צובא, און פֿריִער האָבן זיי געוווינט אין בבל. און צוליב עפּעס אַ מעשׂה וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט האָבן זיי געוואַנדערט פֿון לאַנד צו לאַנד ביז זיי זענען געקומען קיין פּוילן. און ר׳ חזקיה האָט מיר פֿאַרציילט, אַז ער האָט געהערט פֿון זײַנע עלטערן, אַז אין יענע לענדער זענען געווען גרויסע חכמים וואָס האָבן געשוויגן און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. נישט בלויז די עשׂרת ימי תּשובה, ווי עס פֿירן זיך טייל יחידים דאָ אין מלכות פּוילן, נאָר כּמעט זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי נישט אַרויסגערעדט קיין דיבור של חול, און אַלע האָבן מיט גרויס ציטער באַמיט זיך צו טאָן זייער רצון און זיי האָבן זיך געלערנט צו פֿאַרשטיין זייערע תּנועות, אַזוי אַרום צו וויסן וואָס זיי ווילן. און בײַ זיי האָט זיך אָפּגעטאָן דער גאַנצער רצון פֿון באַגערן פֿון דער וועלט, וואָרן באַגערן פֿון דער וועלט קומען פֿון כּוח הדיבור. און ס׳איז דאָ אַ רמז אויף דעם אין אַ פּסוק אין משלי. און ר׳ חזקיה האָט אונדז נישט געזאָגט וועלכער פּסוק דאָס איז, איך בין אָבער זיכער אַז ער האָט געמיינט פּרק למד אין משלי.

און נאָך האָט דער שמש נאָכפֿאַרציילט פֿון ר׳ חזקיהן, אַ טרעגער איז געווען אין ארם צובא, בנימין האָט ער געהייסן, וואָס האָט נישט אַרויס־

גערעדט קיין איבעריק וואָרט פון זיין מויל, אַפילו נישט וואָס מען דאַרף ביי דער אַרבעט. און דער בנימין האָט זוכה געווען צו אַ גרויס ליכט, וואָס אַפילו גרויסע חכמים האָבן דערצו נישט זוכה געווען. ווען ער איז געשטאָרבן האָט דער וואָס האָט אים מספיד געווען געזאָגט, לבנימין אמר ידיד ה׳ ישכון עליו כל היום ובין כתפיו שכן. ער וועט רוען אויף גאָט אַ גאַנצן טאָג און צווישן די אַקסלען וועט ער רוען. האָט דאָס געהערט דער רב פון שטאָט און ער איז בייז געוואָרן. האָט מען אים געזאָגט אין חלום, בנימין זאב יטרף, בנימינען וועט אַ וואָלף פאַרצוקן. האָט ער מורא געקריגן. האָט ער זיך אויפגעהויבן און גענומען צען מענטשן און געגאַנגען צו דעם טרעגערס קבר און געבעטן מחילה ביי אים.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

נאָך די רייד פון שמש איז ביטשאַטש געשטאַנען און זיך געוווּנדערט, שמועסן דערנענטערן דאָך מענטשן און פאַרטרייבן די דאגות, און פאַרקערט שווייגן איז אַ סימן פון אומעט און עצבות, ווי מיר זעען פון דעם פסוק ישב בדד וידום.

האָבן זיי זיך אָנגעהויבן מפלפל צו זיין יעדער איינער לויט זיין שיטה, און ס׳האָט געהאַלטן דערביי זיי זאָלן פאַרגעסן די גאַנצע מעשה. די מעשה וואָלטן זיי נישט פאַרגעסן, נאָר דעם מוסר פון דער מעשה וואָלטן זיי פאַרגעסן.

האָט דער שמש געהאַט דערפון שברות הלב. ער, וואָס אַלע יאָרן האָט ער פאַרמאַכט זיין מויל, איצט אַז ער האָט דאָס מויל געעפנט, האָט ער זיי געגעבן אַ פתחון־פה צו רעדן זאַכן אָן אַ שיעור און זיין האַרב פנים האָט געקוקט אויף זיי מיט אַ שטרענגן בליק. אָבער זיי זעען דאָס נישט און רעדן ווייטער. רייסט ער זיי איבער זייער פלפול און זאָגט, איצט אַז איר האָט שוין דאָס אַלץ אויסגעהערט דאַרף איך דאָך אייך נישש זאָגן, אַז נישט פון קנאָפּ דרך־ארץ פאַר דעם מענטש האָב איך דאָס געטאָן, נאָר פון רחמנות וועגן האָב איך אויף מיר גענומען די זינד פון המלבין פני חברו ברבים. און איר מישפּט ווי איר פאַרשטייט, און מיינע שופטים וועל איך געבן גערעכט און איך וועל מקבל זיין דעם פסק.

האָבן זיי ווידער איבערגעטראַכט דעם פּרינציפּיעלן ענין און וואָס עס דרינגט אַרויס פון אים, אַז אויב מען זאָגט תּפילה מיט אַ כּוונה אין האַרץ, נעמט דער קדוש ברוך הוא אויף מיט זיין רצון און רחמים די תּפילה און אויב מען איז עוסק ערלעך אין קריאת־התּורה קאָן מען דערגיין צו דער מדרגה ווי אַמאָל אויפן הר סיני. און מיר, וואָס טוען מיר? דאָס מויל וואָס לויבט דעם רבונו־של־עולם רעדט גאָר דברים בטלים, די אויערן וואָס דאַרפן הערן דברי־תּורה לאָזט מען גאָר אויפן באַראָט פון נאַרישקייטן.

האָט זיך ביי זיי אַרויסגעריסן אַ זיפץ פון האַרץ און דערנאָך נאָך אַ זיפץ. אויב צו ערשט איז עס געווען פון שיברות הלב איז עס דערנאָך געווען פון מורא, וואָרן ווי אָפּגעהיט מען זאָל נישט זיין נישט צו רעדן בשעתן דאַווענען און בשעת קריאת־התּורה, טרעפט אַ מאָל אַז אַ מענטש קאָן זיך נישט באַהערשן און ער רעדט ווען ער דאַרף נישט, אָדער גאָר ער לאַכט, ווי אַ שטייגער דער חזן איז זיך טועה מיטן ניגון אָדער דער בעל־קורא מיטן טראָפּ, אָדער פון אַ סגל האָט ער געמאַכט אַ קמץ אָדער פון אַ קמץ אַ סגל, און טייל מאָל נעמט זיי אָן אַ פאַלשע יראת שמים און מען הייסט אים איבערזאָגן דאָ וווּ מען דאַרף נישט איבערזאָגן, און דערנאָך אַמפּערט מען זיך צוליב וואָס פאַרוואָס טעם מ׳האָט איבערגעזאָגט. נישט בלויז הערן זיי נישט דאָס וואָרט צוליב וועלכן מ׳האָט אים געהייסן איבערזאָגן נאָר זיי הערן זיך נישט צו דעם וואָרט נאָך דעם און נאָך דעם, און לאָזן קיין אַנדערן נישט הערן. דער דין איז דאָך אַז מ׳לאָזט איין שבת אַדורך אַ פּרשה, לייענט מען דעם אַנדערן שבת די פּרשה צוזאַמען מיט דער פּרשה וואָס מ׳לייענט דעמאָלט, וואָרן אַז מיר פאַרפעלן גאָרנישט פון דער תּורה איז פאַרפעלט מען אונדז אויך נישט, דעריבער איז דער דין אַז מיר זאָלן מדקדק זיין בקריאת־התּורה און מיר זאָלן גאָרנישט אַדורכלאָזן. אין דער אמתן אָבער גייט נישט אַוועק קיין שבת מען זאָל נישט אַדורכלאָזן ווערטער פון דער תּורה דורך סתּם שמועסן און פּלוידערן.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

נאָך דעם אַלעם האָבן זיך אַ סך פון דעם עולם אויפגעכאַפּט און געזאָגט, מיר האָבן געוווּסט אַז ס׳איז אַ גרויסע זינד צו רעדן ביים דאַווענען און

בפרט ביי קריאת־התורה, אָבער אַזוי ווייט האָבן מיר נישט געוווּסט. זיי האָבן גענומען אויף זיך צו זיין אָפּגעהיטן און נישט רעדן בשעתן דאַווענען, און נישט בלויז בשעתן דאַווענען, נאָר פון דעם מאָמענט ווען זיי קומען אין שול אַריין ביז זיי גייען אַרויס. און זיי האָבן מקיים געווען דאָס וואָס זיי האָבן גענומען אויף זיך. טייל האָבן אפילו אָנגעהויבן מדקדק זיין אין דער היים און אין גאַס נישט צו רעדן סתם וואָס מ׳דאַרף נישט, וואָרן נישטאָ נאָך אַזאַ שונא פאַר דעם מענטש ווי איבעריקע רייד. אַ מענטש רעדט וואָס ער דאַרף נישט, מוז ער דערנאָך אָפּלייקענען און פאַלט אַריין אין אַ ליגן זאָגן. ווער איז אים שולדיק אין דעריין, דאָס וואָס ער האָט סתם געלאָזט לויפן די צונג. היות ווי מיר זענען דאָ אויסן דער עיקר תורה און תפילה, קערן מיר זיך אום צו דעם ענין וועגן וועלכן דער שמש האָט גערעדט.

זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם שמש און אים אָנגעהויבן פרעגן שאלות, שאלות פון חכמה און סתם קלאָץ־קשיות, ווי אַ שטייגער, אַז עס וועלן גיין מער מענטשן אין גיהנום אַריין — צי ס׳וועט דורך זיי דאָרט קלענער ווערן דער שטח פון צווישן איין מענטש און דעם צווייטן.. און ווידער האָבן זיי געפרעגט, היות ווי ער איז געווען אין גיהנום צו מאָרגנס נאָך יום־כיפור, און פון תשובה וואָס מען טוט יום־כיפור ווערן דאָך אויסגעלייטערט אַלע וועלטן, צי מ׳האָט דאָס דערקענט אויך אויף די רשעים אין גיהנום. און נאָך האָבן זיי געפרעגט, צי אין גיהנום האָט ער אויך געזען מלאכים, ווייל ס׳שטייט דאָך, ובמלאכים ישים תהלה, און גאָט איז דאָך נישט נושא־פנים קיינעם, אויב אַזוי מלאכים וואָס פאַרזינדיקן זיך צי ווערן זיי אויך פאַרמישפּט צו גיהנום, און אויב יאָ, צי נעמט מען זיי דאָרט אַראָפּ ביי די פליגל, און אויב ביי די פליגל, צי האָט דאָס פייער אין גיהנום אַ שליטה אויף די פליגל. אָן אַ שיעור שאלות האָבן זיי געפרעגט. היות ווי זיי האָבן נאָך נישט אַריינגעבענגט די צונג אין אַ רגילות צו זיין קאַרג מיטן וואָרט האָט די צונג דערווייל גערעדט ווי פריִער.

אַנדערע האָבן געפרעגט, פרק שירה, וואָס דער גיהנום זאָגט, ווען זאָגט ער עס? וואָרן פאַראַן סידורים ווו דער פרק שירה פון לעבעדיקע באַשע־פענישן שטייט פאַר דעם פרק שירה פון גיהנום, אָבער אין אונדזערע סידו־רים שטייט דער פרק שירה פון גיהנום נאָענט צו דעם פון הימל און ערד און גן־עדן. און אויך, דאָס געבערום פון גיהנום גייט דאָך פון איין עק וועלט

ביזן צווייטן, אויב אַזוי טאָ וואָס איז שטאַרקער, דער קול פון שירה צי דאָס געברום? און אויך, ווי איז מיט שבת, וואָס אויך די רשעים אין גיהנום האַלטן, אויב אויך דער גיהנום איז שטיל און זאָגט נישט קיין שירה? און אויך, אין וועלכער הברה זאָגט דער גיהנום שירה, וואָרן נייע לייט קומען און מאַכן אַ פּתח פון יעדן קמץ ווייל זיי זאָגן אַז על־פּי הסוד דאַרף עס אַזוי זיין. אַנדערע האָבן געפרעגט, רשעים אין גיהנום ווערן דאָרט געמישפּט צוועלף חדשים און מיר האָבן דאָך געלערנט, אַז נאָך צוועלף חדשים ווערט דער גוף בטל און די נשמה גייט אַרויף און נידערט מער נישט אַראָפּ, טאָ ווי שייך אַז זיי שטייען דאָרט מיט זייער גוף און מיט די בגדים און טליתים. איז עס דערפאַר וואָס אויף תּלמידי־חכמים האָט דאָס גיהנומדיק ליכט נישט קיין שליטה? אָן אַ שיעור שאלות האָבן זיי געפרעגט און אָן אַ שיעור סברות האָבן זיי אַרויסגעזאָגט. ווייל זיי האָבן נאָך נישט צוגעווינט זייער צונג צו זיין קנאַפּ מיטן וואָרט, האָבן זיי געהאַלטן אין איין רעדן.

נישט אויף אַלע קשיות האָט דער שמש געענטפערט און נישט אַלץ וואָס ער האָט געזען האָט ער פאַרציילט. נישט אַלץ וואָס אַ מענטש זעט דאַרף ער זאָגן, און נישט אַלץ וואָס מען זאָגט דאַרף מען זאָגן ס׳גאַנצע, סיידן ס׳האָט אַ צוועק, ווי אַ שטייגער ברענגען מענטשן צו תשובה טאָן, דאָ איז אַ מיצווה צו זאָגן. אָבער וואָס מ׳דאַרף נישט דאַרף מען נישט. באמת האָבן אונדז שוין די חכמים געזאָגט וואָס ס׳איז גוט און וואָס גאָט וויל פון אונדז און מיר ישראל זיין פאָלק באַגערן צו טאָן גאָטס פאַרלאַנג, נאָר אין יעדן דור וויל מען אונדז שוואַך מאַכן די הענט און אָפּהאַלטן אונדז פון טאָן די מצוות, און דווקא די מיצווה אין וועלכן דער דור בייטיקט זיך. און ווען נישט וואָס גאָט מאַכט אונדז אויף די אויגן וואָלטן מיר חס־ושלום קיין תקומה נישט געהאַט. טייל מאָל ווייזט אונדז גאָט דורך רמז און טייל מאָל דורך מעשים. טייל מאָל דורך אַ גלייך ליכט און טייל מאָל דורך אַ געבראָכן ליכט. דער גאָון אב בית־דין ר׳ משה זצ״ל האָט גאָר געוואָלט גיין אין גיהנום אַריין צוליב זיין קרובה, צו געפינען אַ היתּר פאַר איר עגונהשאַפט, און דעם שמש האָט ער מיטגענומען ער זאָל אים צולייכטן מיט דער לאַמטער, לסוף איז דער היתּר געקומען פון ערגעץ אַנדערש און דער שמש האָט אונדז מגלה געווען דאָס אַלץ, און אַ שטראָף פאַר דער עבירה נאָכן טויט. און הלוואַי זאָל דאָס נישט זיין סתּם אַ מעשה וואָס

אַ מענטש האָט הנאה צו הערן. פיל זענען די וואָס די הנאה האָט פאַרפירט. אָבער איין הנאָה איז נישט גלייך צו דער אַנדערער. ווייל איז דעם וואָס די הנאָה ברענגט אים צו העכערקייט און די העכערקייט איז זיין הנאָה.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

ביטשאַטש האָט געזען דאָס וואָס מען זעט אַלע טאָג, אַז אַ מענטש טוט יענעם אַ טובה און אים קומט אַרויס אַ רעה. צוליב דעם וואָס דער זקן האָט אָפּגעראַטעוועט אַ ייִד פון גיהנום איז מען אים געגאַנגען צונעמען די פרנסה, און מאַכן אים אויס שמש. און נישט בלויז איין מענטש האָט ער געטאָן אַ טובה נאָר אַלע מענטשן, וואָרן ער איז דערגאַנגען צום עונש פון דער עבירה, וואָס בעוונותינו הרבים ווערן פיל אין איר געשטרויכלט. און אַפילו תלמידי־חכמים וואָס דאַרפן אונדז ווייזן דעם וועג איז זיי אַליין שטעקן אין דער זאַך. און אָט דערפאַר זענען פיל אויס ווי צדיקים אויף דער וועלט און ווערן געמישפּט ווי רשעים גמורים אויף יענער וועלט, ווי ס'האָט געזען יענער זקן אין דער נאַכט ווער ער איז געווען אין גיהנום. לאָמיר איבערלאָזן די פאַלשע צדיקים און זיך אומקערן צו דעם סיפור המעשׂה.

ביטשאַטש האָט איבערגעבעטן דעם שמש. טייל האָבן אים איבערגעבעטן מיט ווערטער און טייל מיט מעשׂים. ווער עס רעדט מער ווי ער טוט האָט אים איבערגעבעטן מיט רייד, און ווער עס טוט מער ווי ער רעדט האָט אים איבערגעבעטן מיט מעשׂים.

דער פון דער עדה וואָס איז דער ערשטער צו טאָן יעדע זאַך האָט אים דער ערשטער איבערגעבעטן, און דאָס איז געווען דער שווער פון דעם וועמען דער שמש האָט אַרויסגענומען פון בית־מדרש דערפאַר וואָס ער האָט גערעדט ביי קריאת־התורה. די מידה־טובה האָבן די ביטשאַטשער עשירים, וואָס זייער געלט פאַרבלענדט זיי נישט די אויגן, אַז זיי זאָלן נישט קאָנען זען דעם אמת און זיי ווערן נישט פאַרנאַרט, צו זאָגן איך בין רייך און דער אמת מוז מיר דינען, נאָר זיי נעמען אָן דעם אמת פון יעדן איינעם וואָס זאָגט עס זיי, און פאַרקערט, זיי זענען דערפאַר צופרידן, וואָס דער אמת איז טייערער פון אַלץ. ער איז די העכסטע מידה, די מידה פון דעם אויסדערוויילטן פון די אָבות, די מידה פון יעקבן, ווי עס שטייט תתן אמת

ליעקב. און נישט בלויז מיט ווערטער האָט דער גביר איבערגעבעטן דעם שמשׂ,נאָר אַ כּלי פול מיט ראָזשינקע־וויַין האָט ער אים געשיקט, און ער האָט דאָס געהאַט אויף אַ סך שבתים אויף קידוש און הבדלה. ווי דער שווער אַזוי אויך דער איידעם. מיט גרויס חרטה און מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט ער געבעטן מחילה ביי דעם שמשׂ צוליב דער זולותא דבי דינא, די גריַנגשעצונג פון די. נאָך דעם איז צוגעקומען יעדער ערלעכער און פרומער מענטש. נאָך דעם יעדער איינער. טייל האָבן אים געבעטן ער זאָל פאַר־געסן וואָס זיי האָבן געזאָגט בשעת כּעס, אַז מען דאַרף אים אָפּזאָגן פון שמשות, טייל האָבן געזאָגט, זאָל עס הייסן אַז מיר האָבן גאָר נישט געזאָגט. טייל האָבן געזאָגט אַז אין אַלעם איז שולדיק דאָס רעדן, טייל האָבן געלויבט דאָס שווייגן. היות ווי זיי האָבן נאָך נישט געהאַט צוגע־וויינט זייער צונג צו זיין קנאַפּ מיטן וואָרט האָבן זיי גערעדט אַ סך וועגן דער מעלה פון שוויגן און וועגן דעם חיסרון פון רעדן.

אַז מיר זאָלן דאָ גיין ברענגען די אַלע רייד וואָס עס זענען געזאָגט גע־וואָרן וואָלט געוועזן אַ מעשׂה אָן אַ סוף. איין זאַך בלויז וויל איך ברענגען, די זינד פון רעדן איז חל אויף אַלע טעג, און ס׳איז נישט קיין אונטערשייד צי ס׳איז מאָנטיק און דאָנערשטיק און שבת אָדער ס׳איז זונטיק, דינסטיק, מיטוואָך, פרייטיק, הגם אין די טעג לייענט מען יאָ די תּורה און אין די טעג לייענט מען נישט די תּורה, די זענען קעגן די דריי אָבות און די קעגן די פיר אמהות און אויף נשים איז נישט חל די מיצווה פון תּורה. טאָמער פאַלט דיר איין עפּעס אַ דבר־תּורה אָדער אַ שיינער פּירוש אָדער עפּעס אַ גרויסער איינפאַל אָדער אַ כּוונה אָדער אַ הסבר, בשעת דו שטייסט און דאַוונסט פאַר גאָט אָדער בשעת דו הערסט לייענען די תּורה, האַלט דיך איין דערמיט און הייב נישט אָן רעדן. שלמה המלך עליו השלום איז געווען דער קליגסטער פון אַלע מענטשן, ווי פאַלט ער עפּעס אויס צו נעמען פרעמדע וויַיבער, נאָר ער האָט געזען זייערע ניצוצי טהרה, די פונקען פון זייער ריינקייט און ער האָט געוואָלט פאַרטיליקן און אונטער־ברענגען די זינד, צום סוף האָבן זיי אים אַריינגעשלעפּט אין דער זינד. אַזוי אויך איין מענטש וויל זאָגן דעם צוויטן עפּעס אַ גוט וואָרט וואָס איז אים איינגעפאַלן אין דאַווענען און אין לייענען, איז וואָס איז דער סוף, נישט פאַר קיינעם געדאַכט אַזאַ סוף.

שמואל יוסף עגנון

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

זיי האָבן זיך נישט געריררט פון דאָרט ביז זיי האָבן אַלע גענומען אויף זיך נישט צו רעדן בשעתן דאַווענען פון דעם מאָמענט ווען דער שליח־ציבור הייבט אָן צו זאָגן ברוך שאמר ביז נאָך עלינו, און פון קריאת־התורה איז דאָך שוין אָפּגערעדט. און טייל האָבן אַפילו גענומען אויף זיך נישט מפסיק צו זיין צווישן די עליות אויף צו מאַכן אַ מי־שבירך. אײַ פון דעם איז דאָך דאָ אַ הכנסה פאַר דעם בית־הכנסת, איז אויף דעם האָבן שוין חכמים געזאָגט, שכרו יוצא בהפסדו. אָט זעסטו, אַ מענטש איז עולה לתורה און ער שטייט פאַרן ספר און ער דאַרף מכוון זיין זיין הארץ פאַר די ווערטער פון דער תורה, דערווייל וואָס טוט זיין געדאַנק, ער בישטערט און קלערט ווען צו מאַכן אַ מי־שבירך און וויפל מנדב צו זיין. צי זיין געדאַנק האָט ריכטיק באַשלאָסן, צי ער האָט געמאַכט אַ טעות מיטן מי־שבירך פאַר איינעם וואָס ער האָט נישט געמיינט, איין זאַך איז קלאָר, אַז ער פּלאָנטערט זיך מיט נעמען ווי געצל, פּיוול, פּייוויש, קאָפּל, בערל, שמערל און אַנדערע וואָכעדיקע נעמען, און אַנשטאָט אײַן זינען צו האָבן די הייליקע נעמען פון דער תורה, וואָס יעדעס וואָרט פון דער תורה איז אַ הייליקער נאָמען. און אויך, טייל מאָל מאַכט ער אַ טעות און פאַרפּלאָנ־טערט איין מענטש מיטן אַנדערן, ער רופט אויס איינעם וואָס ער האָט גאָרנישט געמיינט און דעם וואָס ער האָט געמיינט רופט ער גאָרנישט אויס. דעם וואָס ער רופט אויס טראַכט זיך, ער מיינט, אַז פאַר די צוועלף פּרוטות וואָס ער איז מנדב טוט ער מיר אַ טובה, איך האָב אים פיינט, ווייל איך האָב פיינט חנפנים. דער ווידער ועמען ער האָט געמיינט אויסצורופן און ער האָט אים קיין מי־שבירך נישט געמאַכט, טראַכט זיך, וואָס פאַראַ אומ־דאַנקבאַרער מענטש דאָס איז, ער ברויך אַ טובה קומט ער צו מיר, איצט מאַכט ער אַ מי־שבירך אַ וועלט מיט מענטשן און מיך פאַרגעסט ער. וואָס ברענגט צו די אַלע קינאה־שינאהס, די הפסקות וואָס מען מאַכט צווישן די פּרשיות. אײַ בתי־כּנסיות לעבן דאָך פון דעם וואָס מ'איז מנדב. איז וואָס איז די עצה? זאָל יעדער וואָס וויל מנדב זיין דווקא פאַרן ספר, זאָל ער קומען און מנדב זיין נאָך דער הפטורה. און ס'איז גוט ער זאָל נישט דערמאָנען דעם נאָמען פון געלט ביים ספר, וואָס דען אַפילו די מטבע איז

כשר איז איר נאָמען נישט כשר, אָדער זי רופט זיך אויפן נאָמען פון אַן עבודה־זרה אָדער אויפן נאָמען פון אַ מלך וואָס איז נישט כשר.

כ׳האָב דערמאָנט צוועלף פּרוטות מוז איך עפּעס זאָגן וועגן זייער ווערט. הײַנט ווען הונדערט פּרוטות זענען ווערט איין פּרוטה איז אַ מענטש מנדב ח״י פּרוטות אָדער כ״ו פּרוטות כּמנין שם־הויה אָדער מער, לויט אַ חשבון פון גימטריא וואָס פּאַלט אים איין אין געדאַנק, אַמאָל אַז דאָס געלט איז געווען טײַער האָט מען מנדב געווען צוועלף פּרוטות קעגן די צוועלף שבטים, און אָרעמע לײַט האָבן מנדב געווען דרײַ פּרוטות כּנגד שלושה אָבות, אָדער צוויי פּרוטות כּנגד שני הלוחות.

איך קער זיך אום צו דער פאַרקייטלונג פון אונדזער סיפור המעשׂה. זיי זענען פריִער נישט אַוועקגעגאַנגען ביז זיי האָבן מתקן געווען אַז דער שמש זאָל שטיין אויפן באַלעמער פון אָנהייב פון דאַוונען ביז צום סאַמע סוף, און אויב ער וועט זען אַז אײנער רעדט אין מיטן דאַוונען זאָל ער אַ קלאַפּ געבן אין שולחן און ער זאָל נישט נושׂא פּנים זײַן קיין שום מענטש, מעג ער זײַן מי יודע ווער, אַ גביר צי אַ גבירישער איידעם צי אַ למדן צי אַ תקיף אָדער אַן אײַנגייער ביי פּריצים. און אין דער גרויסער שול ווו אַ קלאַפּ מיט דער האַנט הערט מען נישט צוליב דעם גרויסן עולם זאָל דער שמש קלאַפּן אויפן ספר פּראַלניק ווי ער קלאַפּט ביים סוף פון ברכת רצה כּדי צו זאָגן אָמן אויף דער ברכה, ווי דעמאָלט ווען ער קלאַפּט ווען ער גייט עפּעס אויסרופן. וואָס איז דער ספר פּראַלניק, ליידיקע בלעטער וואָס זענען צוזאַמענגעבונדן איינער מיטן צווייטן ווי אַ מין ספר, און מ׳קלאַפּט אויף דערויף מיט אַזאַ קלאַפּער וואָס ווייבער נוצן ביי וועש כּדי אַרויסצוקלאַפּן דאָס וואַסער. און נאָך האָבן זיי געמאַכט, אַז דער חזן זאָל מאַכן אַ מי־שבירך פאַר די אַלע וואָס האַלטן זיך אָפּ פון רעדן אין שול פון זינט דער שליח־ציבור הייבט אָן ברוך שאמר ביז צום סוף פון דאַוונען. דאָס איז דער מי־שבירך וואָס אונדזערע זיידעס האָבן אײַנגעפירט אין ביטשאַטש פון דעם ערשטן שבת אָן ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין ביטשאַטש, און ביטשאַטש איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין באַזעסן אָרט ביז זיי זענען געקומען און אַוועקגעשטעלט די שטאָט ביטשאַטש, ווי כ׳האָב פאַרציילט אויף אַן אַנדער אָרט. און זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די ברכה פון די קהילות הקודש פון דער מדינת הריינוס, וועלכע האָבן זיך

אַזוי נוהג געווען מימות רבותינו הגדולים, רבנו גרשום מאור הגולה ורבי שמעון הגדול ורבי משולם ברבי קלונימוס גאון און אַנדערע חכמי אשכּנז נוחי נפש, וואָס אַלע מינהגים פון דער אַמאָליקער שטאָט האָבן זיך געפירט לויט זיי.

כּדי צו געבן אַ חיזוק די תּקנות האָבן זיי געהייסן דעם סופר ער זאָל דאָס אַריינשרייבן אין פּינקס פון דער קהילה, וואָרן יעדע זאַך וואָס ווערט פאַרשריבן אין פּינקס פון דער קהילה איז מען שטאַרק מדקדק דערביי. אויך דאָס האָבן זיי געטאָן, זיי האָבן געהייסן פאַרשרייבן דעם גאַנצן סיפור אין פּינקס, וואָרן פאַרציילטע זאַכן זענען מעורר דאָס הארץ, בפרט דער וואָס זיין געדאַנק קאָן זיך נישט אויסמאָלן קיין זאַך סיידן ער האָט עס פון כּתב.

ס'איז נישט אַוועק קיין סך צייט און דער סופר האָט אַרויסגעברענגט אויף פּאַפּיר דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן דאָ פאַרציילט, און פון גרויס חשיבות וועגן האָט ער באַשלאָסן אָנצוהייבן דערמיט אַ ניי בלאָט פון פּינקס, כּדי ער זאָל נישט פאַרלוירן גיין צווישן די אַנדערע זאַכן וואָס זענען דאָרט געווען פאַרשריבן.

האָבן די חשובע לייט פון שטאָט געלייענט דעם סיפור המעשׂה און זיי האָבן געזאָגט, דאָס איז ווערט עס זאָל געהערט ווערן אין דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן באַשלאָסן, ווי נאָר עס וועט עמעצן פון זיי אויסקומען צו זיין ווער ער דאָרט פאַרציילן די זאַך, בפרט אַז מען זעט עמעצן רעדן בשעת התּפילה אָדער בשעת קריאת־התּורה, און זאָל קיינער נישט מורא האָבן פאַר די עזות־פּנימער פון שטאָט, וואָרן זיי וועלן פאַרשווינדן און גאָטס וואָרט וועט בלייבן אייביק.

איז בכן האָט דער סופר פאַרשריבן די גאַנצע זאַך מיט ערלעכער שפּראַך און אַ קלוג לשון, אַ לשון מיט וועלכן מ'האָט זיך באַנוצט אין ביטשאַטש ווען ביטשאַטש איז געווען ביטשאַטש. אַ ביסל איז עס געווען אַ לשון פון תּורה און אַ ביסל אַ לשון פון חכמים, און אין גאַנצן איז עס געווען פול מיט זיסקייט און פאַרשטענדיקייט.

האָבן די חשובע לייט פון שטאָט דאָס איבערגעלייענט און עס געוויזן די משׂכּילים און געווען איז עס אין ביטשאַטש און אין גאַנץ מלכות פּוילן, אַז מ'האָט איינעם גערופן אַ משׂכּיל איז ער טאַקע געווען אַ משׂכּיל,

פול מיט שׂכל און מיט חכמה, און ער האָט מקיים געווען בײַ זיך דעם השׂכל וידוע אותי, קענען און באַנעמען גאָט, און נישט אַ מענטש וואָס וואַנדערט אַוועק פון שׂכלדיקן וועג, וואָס אויף אים האָט דוד געשריגן, היש משׂכּיל דורש את אלהים, צי איז אַ משׂכּיל פאַרנומען מיט זוכן גאָט. די משׂכּילים האָבן געלייענט און זיי האָבן געזען אַז דער סופר האָט דאָס אַלץ ריכטיק פאַרשריבן מיט שׂכל און מיט דיקדוק. איינער האָט מודה געווען אָפן און איינער האָט מודה געווען מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, און איינער האָט זיך אַ ביסל געדרייט און געזאָגט יאָ און ניין, ווי ס'איז דער דרך פון דער וועלט וואָס נישט אַלץ וואָס איינער טוט געפעלט דעם אַנדערן. צום סוף האָט ער אויך מודה געווען אַז דאָס אַלץ וואָס דער סופר האָט פאַרשריבן איז ווי אויסגעהאַקט פון ששת ימי בראשית.

האָט דער סופר גענומען דאָס כּתב און איבערגעקוקט עס איין מאָל און צוויי מאָל און פאַרטוישט איין וואָרט אויף אַן אַנדער וואָרט און איין מליצה אויף אַן אַנדערער, וואָרן טייל מאָל אַנטפּלעקן זיך זאַכן פאַר דעם סופר מיט זייער לשון און טייל מאָל בלויז דורך אַ בילד, און עס מוז דער סופר אַ סך זיך מאַטערן ביז ער געפינט די ריכטיקע ווערטער און צום סוף ווען ער מיינט אַז ער האָט געפונען די ריכטיקע ווערטער ווייזט מען אים אַנדערע שענערע ווערטער, און ווען מ'איז זיך נישט מרחם אויף אים פון הימל וואָלט עס קיין מאָל קיין עק נישט גענומען. אויב ער איז אַ שוטה מיינט ער אַז ער האָט געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט, און אויב ער איז אַ חכם ווייסט ער אַז די ריכטיקע ווערטער האָבן זיך אַנטפּלעקט אין תּורה, אין נביאים און אין כּתובים. און וואָס מער דער סופר איז שולט אין לשון־הקודש אַלץ מער ציטערט ער, טאָמער חס־ושלום האָט ער געמאַכט אַ פּגם אין אַ וואָרט.

און פאַר וואָס אין אַלע לשונות קאָן אַ מענטש רעדן און שרײַבן אָן שוועריקייטן, און אין לשון־קודש מוז יעדעס וואָרט האָבן אַ ספּעציעלע כּוונה, און ספּעציעל די צוזאַמענבינדונג פון ערטער און דער סדר פון זייער צוזאַ־מענשטעל, ווײַל אַלע לשונות האָבן מענטשן אַליין אויסגעטראַכט און לשון־קודש איז די שפּראַך אין וועלכער ס'איז געגעבן געוואָרן די תּורה און מיט אירע אותיות איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, און פּונקט ווי אין דער תּורה איז נישט דאָ קיין אות וואָס זאָל נישט האָבן גרויס כּוונה, ווי ס'איז נישטאָ

אין דער וועלט קיין איין זאַך וואָס זאָל זיין איבעריק, ווייל אַלץ איז געמאַכט מיט אַ סדר לויט דעם רצון פון אונדזער גאָט, פון אונדזער באַשעפער, אַזוי איז אויך לשון־קודש, וואָס קאָן נישט פאַרטראָגן קיין איבעריק וואָרט און קיין שום זאַך וואָס איז נישט אויפן ריכטיקן אָרט. און פאַראַן נאָך טעמים אין דער זאַך ווי עס ווייסן די וואָס ווייסן.

נאָך דעם ווי ער האָט מתקן געווען וואָס מ׳דאַרף האָט דער סופר זיך אַוועקגעזעצט און איבערגעשריבן דאָס אַלץ מיט אַ שיין כתב, מיט אותיות ווי מ׳האָט געשריבן אין ביטשאַטש ווען ביטשאַטש איז געווען ביטשאַטש, יעדעס אות באַזונדער, און אַלע געשריבן אין אַ שורה, ווי מענטשן וואָס שטייען אין תפילת לחש, וואָס מעג איינער זיין לאַנג ווי אַ למד און איינער קליין ווי אַ יוד מיינען זיי אַלע איין זאַך. און ווען דער פּינקס ווערט נישט פאַרברענט וואָלטן מיר געקאָנט אין אים לייענען דעם גאַנצן סיפּור־המעשה ווי ער איז געווען פאַרשריבן מיט ערלעך וואָרט, יעדע זאַך געננוי באַזונדער, ווי ס׳האָבן געשריבן אונדזערע זיידעס, וואָס דער יסוד אין זייער נשמה איז געווען חכמה און אמונה. און אַזוי אויך אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן און אַלץ וואָס זיי האָבן געטראַכט, סיי בכתב און סיי בעל־פּה. און איצט אַז דער פּינקס איז פאַרברענט און ביטשאַטש איז חרוב און ס׳זענען אומגעקומען אַזוי פיל טויזנטער יידן, וואָס דער קלענסטער פון זיי איז געווען גרעסער ווי די גדולי האומות, וועלכע האָבן געזען ווי ס׳קומט אַ שקוץ משומם חרוב צו מאַכן אַ וועלט און זיי האָבן אים געלאָזט פראַנק און פריי. פיל פון אונדזער שטאָט זענען אומגעקומען לעבעדיקערהייט אין קברים וואָס זיי האָבן אַליין פאַר זיך געגראָבן, פיל פון זיי זענען צו קיין קבורה נישט געקומען, אויף פיל פון זיי האָט דער צורר אַרויפגעגאָסן שמן שׂרפה און זיי זענען פאַרברענט געוואָרן איינער ביי איינעם, אבר נאָך אבר. איז בכן און היות ווי דער פּינקס איז פאַרברענט און ביטשאַטש איז חרוב און עס זענען פאַרגעסן די מעשים פון אַמאָל צוליב די צרות פון היינט, האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין, צוליב דעם גיהנום פון יעדן טאָג קאָן מען פאַרגעסן דעם גיהנום וואָס דער שמש האָט געזען, און מיט דעם סיפּור־המעשה, קאָן מען פאַרגעסן אַלץ וואָס ס׳איז פון דעם זיך אַראָפּ־צולערנען, און די וועלט וועט ווידער זיין ווי געווען. דער שליח־ציבור שטייט און דאַוונט, און בערל רעדט פון רעכטס, און שמערל רעדט פון

לינקס, און ס׳רעדט קלמן און זלמן און פּייזול און טרייטל, און יעדער שטעלט אויף אַן אויער און וויל עפּעס כאַפּן.

און דערפאַר האָב איך זיך פאַרזאָגט, איך זאָל דאָס אַלץ אַריינשרייבן אין אַ ספר און דורך דעם אויך דערמאָנען אַ קהילה קדושה וואָס האָט איר לעבן געהייליקט מיט איר אומקום, אַזוי ווי אונדזערע עלטערן האָבן געהייליקט זייער לעבן מיט דער תּורה וואָס איז אונדזער חיות.

און ס׳וועט זיין מיר אַ חסד אויב דורך מיר וועט זיך אויך אויפוועקן אַ תּושב פון ירושלים, ווייל כ׳האָב אויך צוגעזען אַז דאָ אין ירושלים עיר הקודש, דער שער שמים, ווו אַלע תּפילות גייען אויף, זיצן זיך מענטשן אין די בתּי־כּנסת און אין די בתּי־מדרשים און שמועסן בשעתן דאַווענען און קריאת־התּורה. האָב איך געזאָגט צו מיין פעדער, ווילסטו מיט מיר בייינאַנד אָט דאָס דערציילן? האָט מיין פעדער געזאָגט, גיב מיר דיין לשון און איך וועל דיין סיפּור באַשרייבן. האָב איך אים געגעבן מיין לשון און מיין סיפּור איז אַרויף מיט שריפט אויף פּאַפּיר.

און הלוואַי כ׳זאָל נישט האָבן זיך געמיט אומזיסט און סתּם זיך געמאַטערט און יעדער וואָס צוימט זיין מויל און זיין צונג, וועט אַכפּערן זיין באַשעפער, און מיט אַנגסט און פּאַרכט וועט ער זיצן פאַר דעם דער־הויבענעם איבער יעדער לויבונג ביי קריאת־התּורה און בשעתן דאַווענען צום חודש און אין שבת, אין יום טוב און אין דער וואָכן. דעמאָלט וועלן זיין באַוויליקט ווערן פון האַר איבער אַלץ, איבער יעדער מחשבה און איבערן געגנאַד פון וואָרט, און זיי וועלן זיין אָנגענעם אייביקלעך, ווי געשריבן, יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה׳ צורי וגואלי.

דערמיט האָב איך פאַרענדיקט דעם חשובן סיפּור, דער משל און זיין נימשל.

אַ ספר וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען

ר׳ שמריה, איינער פון די דיינים ביי אונדז אין שטאָט איז געווען אַ גדול בתורה און אַ גרויסער בקי אין שולחן ערוך, בפרט אין דעם טייל אורח חיים מיט וועלכן נישט אַלע רבנים זענען זיך אַ סך מתעסק. פון אַלע פירושים אויפן אור החיים האָט ער ספּעציעל ליב געהאַט דעם פירוש פון מגן אברהם.

ווי אַלע ווייסן איז דעם פירוש פון מגן אברהם זייער שווער צו פאַר־שטיין צוליב דעם קיצור מיט וועלכן ער איז געשריבן, וואָרום דער גאָון, וואָס האָט מחבר געווען דעם מגן אברהם, איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און ער איז נישט געווען ביכולת צו קויפן פּאַפּיר צום שרייבן, האָט ער געשריבן זיינע חידושים אויפן טיש, אויף דער וואַנט, און אַז ער האָט געקריגן אַ שטיקל פּאַפּיר אין דער האַנט אַריין האָט ער גלייך אַ טראַכט געטאָן און אַרויסגעבריינגט דעם סאַמע עיקר גאָר בקיצור.

פון גרויס ליבשאַפט צום מגן אַברהם האָט דער דיין הרב ר׳ שמריה גענומען אויף זיך צו שרייבן אַ פירוש אויף זיינע רייד און אַלעס קלאָר צו מאַכן אַזוי אַז יעדער איינער זאָל פאַרשטיין וואָס ער לערנט. איך ווייס נישט ווי לאַנג עס האָט גענומען ביים מגן אברהם אָנצושרייבן זיין ספר. וועגן הרב ר׳ שמריה האָב איך געהערט, אַז ער האָט עוסק געווען צוועלף יאָר אין שרייבן זיין פירוש ביז ער האָט אַלץ גרינטלעך דערקלערט, וואָרט ביי וואָרט. ער האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין שווערע זאַך, אַז ער זאָל זי נישט געבוי אויסטייטשן. צום סוף, אין צוועלף יאָר אַרום האָט ער געזען אַז ער האָט דאָ נישט מער וואָס צוצוגעבן און נישט אַראָפּצונעמען.

האָט ער געשיקט נאָך דעם איינבינדער ער זאָל אים צוזאַמענבינדן די קונטרסים און אין דער שטיל האָט ער זיך געשפּילט מיטן געדאַנק אַרויס־צוגעבן דאָס ספר אין דרוק.

איז געקומען צוגיין דער איינבינדער מיט אַ בינטל קונטרסים אין דער האַנט.

האָט ר׳ שמריה גענומען זיין חיבור און געזאָגט צו דעם איינבינדער, בינדט מיר צוזאַמען אַט די קונטרסים און מאַך דערפון אַ ספר.

האָט דער איינבינדער אַנידערגעלייגט די קונטרסים וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך און גענומען אין דער האַנט אַריין ר׳ שמריהס קונטרסים. ער האָט זיי באַקוקט מיט זיין איינבינדערישן בליק, באַטראַכט די גרייס און די דיק, קלערנדיק בשעת מעשה מיט וואָס פאַרא טאָוולען זיי אַרומ־צונעמען און מיט וואָס ער זאָל באַדעקן די טאָוולען, מיט לעדער צי מיט לייוונט.

דערווייל, ווי דער איינבינדער פאַרנעמט זיך מיט ר׳ שמריהס קונ־טרסים, האָט ר׳ שמריה געכאַפּט אַ בליק אין די קונטרסים וואָס דער איינבינדער האָט אַנידערגעלייגט אויפן טיש. פרעגט ער אים: וואָס האָט איר דאָ? זאָגט ער: אַ נײַ ספר וואָס מען האָט מיר געגעבן איינצובינדן. זאָגט ער, ר׳ שמריה: מיט אייער רשות, וועל איך אַ קוק געבן וואָס דאָס איז. האָט דער איינבינדער אַוועקגעלייגט ר׳ שמריהס חיבור און האָט אים דערלאַנגט דאָס ספר וואָס ער האָט מיטגעבראַכט.

יענץ ספר איז געווען דער מחצית השקל, אַ חיבור פון דעם גאון ר׳ שמואל הלוי קעלין אויפן פירוש מגן אברהם צום שולחן ערוך אורח חיים.

האָט ר׳ שמריה אַריינגעקוקט אין דעם ספר אַ שטיק צייט און דערנאָך ווידער אַריינגעקוקט אַ שטיק צייט און געזאָגט: גאַנץ שיין, גאַנץ שיין, אַ גוטער פירוש און אַלץ איז ריכטיק. דערנאָך האָט ער אָפּגעעטעמט און אַזוי געזאָגט: ס׳האָט שוין אַן אַנדערער דאָס געטאָן נאָך פאַר מיר און מען דאַרף שוין נישט מיין ספר.

ער האָט איבערגעבעטן דעם איינבינדער וואָס ער האָט אים בחינם מטריח געווען און האָט געלאָזט ליגן זיין חיבור, ווי געווען, אים נישט איינגעבונדן, און אים נישט מפרסם געווען.

מיט פיר פינף דורות שפּעטער איז דאָס ספר אַריינגעפאַלן צו מיר אין די הענט אַריין. ווי אַזוי? ביים אַרומנישטערן אויפן בוידעם פון דער גרוי־סער שול ביי אונדז אין שטאָט, ווו מען לייגט אַוועק אַלע שמות און וואָס

פון דאָרט פירט מען עס צום בית־עולם און מען באַגראָבט זיי אין קריגן. פריִער פלעגט מען זיי באַגראָבן צווישן די קברים פון צדיקים, דערנאָך האָט מען די שמות שוין באַגראָבן צווישן די קברים פון נפלעך, ווי כ׳האָב עס דערציילט אויף אַן אַנדער אָרט.

כ׳האָב גענומען דאָס ספר, אָפּגעשטויבט עס פון שטויב און האָב צוזאַמענגענומען די קונטרסים איינעם צום צווייטן ביז כ׳האָב געזען אַז דאָס איז אַ גאַנץ ספר.

כ׳בין צוגעגאַנגען צו איינעם פון די דאַכפּענצטערלעך פון וועלכע מ׳האָט אַמאָל געפלעגט שיסן אויף די טאַטאַרן ווען זיי זענען באַפאַלן די שטאָט. כ׳בין געשטאַנען און געבלעטערט אין דעם ספר, געלייענט אַ ביסל דאָ אַ ביסל דאָרט און כ׳האָב געזען אַז דאָס איז אַ פירוש אויפן מגן אברהם און אַז עס איז דער חיבור פון הרב ר׳ שמריה דעם דיין. כ׳האָב געפונען דאָרט מאַנכע געניקייטן וואָס מען געפינט נישט אין מחצית השקל און נישט אין די אַנדערע ספרים וואָס כ׳האָב געקענט, וואָרום ר׳ שמריה, פון גרויס צער וואָס ער האָט געהאַט, ווייל ער האָט בחינם זיך געמיט צוועלף יאָר, האָט אַליין נישט באַמערקט די גרויסע חידושים וואָס ער האָט אויפּ־געטאָן.

כ׳בין אַריינגעקומען אין אַלטן בית־מדרש און נאָכגעקוקט אין די ספרים וואָס מאַטערן זיך מיט די האַרבע ווערטער אין מגן אברהם און איך האָב נישט געזען אַז איינער פון זיי זאָל האָבן מחדש געווען דאָס וואָס ר׳ שמריה האָט מחדש געווען.

האָב איך געוויזן מאַנכע פון הרב ר׳ שמריהס חידושים מיין פאָטער זכר צדיק לברכה און אויך אַנדערע לומדים. האָבן זיי אַריינגעקוקט און געזאָגט: אוי־וואָ, גאָר וואָזשנע האָט ר׳ שמריה געטייטשט, שיין און אַקוראַט, ס׳איז דאָ וואָס צו הערן.

האָב איך זיך זייער מצער געווען אויף דעם מענטש דעם תלמיד־חכם וואָס האָט זיך אַזוי פיל געמיט פאַר דער תורה און האָט נישט זוכה געווען מען זאָל עס נאָכזאָגן פון זיין מויל. האָט זיך מיר פאַרוואָלט אָפּראַטעווען זיינע חידושים זיי זאָלן נישט פאַרלוירן גיין. ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו מאַכן דערפון אַ ספר, נאָר כ׳האָב מיר געטראַכט, וואָס וועל איך דאָ אויפטאָן, ס׳וועט צוקומען נאָך אַ געבונדן ספר וואָס וועט אַזוי לאַנג

אַרומוואַגלען ביז עס וועט ווידער דערגיין דאָרט וווּ מען באַהאַלט די שמות.

גראָד דעמאָלט האָב איך געלייענט אין מצפּה וועגן דער ביבליאָטעק גנזי יוסף אין ירושלים, דאָס איז די ספרים־זאַמלונג פון וועלכער עס איז דערנאָך אַרויסגעקומען די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק פון אוניווערסיטעט. כ׳האָב געזען אַ מין אויפרוף, אַז פאַרלעגערס, מחברים א. א. וו. ווערן געבעטן צוצושיקן זייערע ספרים. כ׳האָב געמיינט, אַז אויף אַזאַ אויפרוף לייגט מען אַכט אין דער גאַנצער וועלט און פון אומעטום שיקט מען ספרים קיין ירושלים. האָב איך מיר געטראַכט, אַלע שיקן ספרים קיין ירושלים און ביטשאַטש שיקט גאָרנישט. איך וועל שיקן ר׳ שמריהס ספר קיין ירושלים.

שליחים מיט וועלכע צו שיקן דאָס ספר קיין ירושלים האָב איך נישט געהאַט און איבעריק געלט אויף פּאָסט־הוצאות איז אויך נישט געווען, וואָרום דאָס טאַשן־געלט וואָס מיין פאָטער זכר צדיק לברכה האָט מיר געפלעגט געבן איז אַוועקגעגאַנגען אויף נייטיקע זאַכן, אויפן קרן קיימת, אויף אַ מתּן צדקה בסתר, אויף מיטגלידס־אָפּצאָל אין דער חברה ציון און טייל מאָל אויף צו קויפן אַ נײַ ספר. דאָך האָב איך מיט קונצן צונויפ־געשטעלט די סומע געלט אויף אַוועקצושיקן דאָס ספר קיין ירושלים. ווי אַזוי? אַז כ׳האָב מיך געפלייסט אין לערנען און בין געלאָפן אין דער פרי און אויף דער נאַכט אין בית־מדרש אַריין פלעגט מיר מיין מוטער געבן יעדן צווייטן טאָג אַ גרייצער, אַז טאָמער ס׳וועט מיך הונגערן זאָל איך מיר קויפן אַ קיכעלע אָדער אַ פּרוכט. האָב איך מיר געטראַכט, וואָס מיין מאַמע טוט לטובת דער תּורה פאַר מיינעטוועגן, וועל איך טאָן פאַר דער תּורה וועגן פון ר׳ שמריה. בין איך געגאַנגען צו מיין מאַמע און איר געזאָגט, אַז כ׳האָב היינט אַ שווערע סוגיא אין לערנען און כ׳וועל נישט אַהיימקומען אויף מיטאָג־עסן. האָט מיין מוטער געהאַט צער דערפון וואָס כ׳וועל נישט זיין אין דער היים ביים עסן און האָט זיך געפרייט וואָס כ׳האָב צוריק ליב געקריגן די תּורה, וואָרום כ׳האָב דעמאָלט געהאַט אַ ביסל אָפּגעלאָזט דאָס לערנען צוליב יענע קליינע ביכלעך אין וועלכע דער אייבערשטער קוקט נישט אַריין, נאָר צוליבן שיקן דאָס ספר קיין ירושלים האָב איך געמאַכט דאָס לערנען פאַר אַן אויסרייד. האָט מיין מוטער אָפּגעשפּאָרט פון איר באַלעבאַטישקייט און מיר געגעבן. אַזוי איין טאָג און

אַזוי עטלעכע טעג, אַז טאָמער ס׳וועט מיך הונגערן זאָל איך קויפן אַ קיכעלע אָדער אַ פּרוכט. האָב איך קיין פּרוכט און קיין קיכעלע מיר נישט געקויפט, נאָר כ׳האָב צוזאַמענגעלייגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה ביז כ׳האָב געהאַט גענוג אויף אָוועקצושיקן דאָס ספר מיט דער פּאָסט קיין ירושלים.

כ׳בין געגאַנגען צו אַ קרעמער פון די ציונים ביי אונדז אין שטאָט און האָב ביי אים געקויפט אַ בויגן שטאַרק פּאַפּיר און אַ שטריקל. כ׳האָב אים נישט געזאָגט צו וואָס איך קויף דאָס פּאַפּיר מיט דעם שטריקל, ער זאָל נישט מיינען אַז צוליב דעם וויל איך ביליקער, וואָרום נישט לשם מיצווה שטייט ער דאָך אין געוועלב.

אַז כ׳האָב שוין געהאַט דאָס פּאַפּיר מיטן שטריקל בין איך אַהיימגעגאַנגען און גענומען דאָס ספר און באַקוקט איין מאָל און נאָך אַ מאָל, אַריינגעלייגט עס אין פּאַפּיר און אַרומגעבונדן מיט דעם שטריקל און כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אויפן פּאַפּיר דעם נאָמען פון דעם פאַרוואַלטער פון דער ביבליאָטעק גנזי יוסף און דעם נאָמען פון דער שטאָט ירושלים. דאָס מאָל האָב איך געשריבן דעם נאָמען ירושלים נישט סתם אַזוי. איך האָב צוגעגעבן דעם נאָמען פון לאַנד, פּאַלעסטינע, און נישט ארץ ישראל, אַ זכר לחורבן.

כ׳האָב גוט באַקוקט דאָס פּעקל און כ׳האָב געזען, אַז עס איז גענוג שיין מ׳זאָל עס קאָנען שיקן קיין ירושלים. כ׳האָב עס גענומען און בין געגאַנגען צו דער פּאָסט.

פאַראַן זאַכן וואָס מען טוט פון ליבשאַפט און פון דעסטוועגן איילט מען זיך נישט די זאַך אָפּצוטאָן. אַזוי אויך איך מיט ר׳ שמריהס ספר. כ׳בין דעמאָלט געווען ווי אַ קינד וואָס האַלט אין דער האַנט אַ פּאַפּירן פלִיערל, וואָס כאָטש דאָס פלִיערל איז דאָך געמאַכט געוואָרן צום אַרויספלִיען, פון דעסטוועגן גלוסט זיך דעם קינד נישט דאָס אַרויסלאָזן פון האַנט, פאַר וואָס? ווייל ווי לאַנג ער האָט עס אין דער האַנט האָט ער אַ חלק אין דעריין, ווי נאָר ער האָט עס אָפּגעלאָזט, פליט עס אַוועק אין הימל און ער בלייבט מיט ליידיקע הענט. כ׳האָב געוווּסט, אַז דאָס פּעקל האָב איך געמאַכט כדי עס זאָל אַוועק קיין ירושלים, נאָר ווי לאַנג דאָס פּעקל איז אין מיינע הענט בין איך צוזאַמען מיט דעם פּעקל פאַרקניפּט מיט ירושלים, אַז איך וועל דאָס פּעקל אַרויסלאָזן פון מיינע הענט וועט דאָס פּעקל גיין

קיין ירושלים און איך וועל מיך אַרומדרייען אין ביטשאַטש. אָבער דער־ווייל בין איך דערגאַנגען צו דער פּאָסט.

כ׳בין געקומען צו דער פּאָסט און האָב זיך אָוועקגעשטעלט צווישן די „מענטשן״ פון די ביטשאַטשער סוחרים וואָס צעשיקן זייערע סחורות אויף דער גאַנצער וועלט, און כאָטש איך בין דאָך דעמאָלט געווען דער איינציקער אין דער גאַנצער שטאָט וואָס גייט אָוועקשיקן אַ פּעקל קיין ירושלים, האָב איך מיך פון דעסטוועגן נישט געשטופּט און בין געשטאַנען ביז אַלע זענען אָוועק און כ׳האָב זיך נישט גערירט פון אָרט.

דערזעט מיך דער באַאַמטער און רופט זיך אָן צו מיר; נו און וואָס האָסטו געבראַכט?

האָב איך אויפגעהויבן דאָס פּעקל אַזוי אויפן אָרט ווו כ׳בין געשטאַנען. ווייזט ער מיר כ׳זאָל צוגיין נענטער און כ׳בין צוגעגאַנגען.

נעמט ער דאָס פּעקל און קוקט מיך אָן גוטמוטיק. וואָרום דעמאָלט איז נאָך די ליבע צו ירושלים געווען ביי יעדן איינעם אין האַרץ, אַפילו ביי אַ באַאַמטן. ער האָט מיר אויך געגעבן אַ קוויטאַנציע מיט אַן אויפ־שריפט: ירושלים.

נאָך דעם אַז כ׳בין אַהיימגעקומען פון דער פּאָסט האָב איך זיך צוריקגענומען צום טאָגטעגלעכן לעבן. וואָס איז געווען מיין טועכץ אין יענער צייט? אַ ביסל ציוניזם, אַ ביסל אַנדערע זאַכן, ווי ביי יידישע בחורים פון יענעם דור וואָס זענען נאָך געזעסן ביים טאַטנס טיש. חוץ דעם האָב איך מחבר געווען שירים וועגן ציון און ירושלים.

איך ווייס נישט צי די שירים וועגן ציון און ירושלים האָבן מיך געבראַכט קיין ירושלים צי מיין בענקשאַפט נאָך ציון און ירושלים האָט מיך געבראַכט דערצו כ׳זאָל מאַכן שירים וועגן ציון און ירושלים. אַזוי צי אַזוי כ׳האָב זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

אַ יאָר צייט בין איך געווען אין יפו ביז כ׳בין געקומען קיין ירושלים. כ׳האָב עפּעס ווי איינגעזען, אַז מען וויל מיך אויספּרוון צי איך באַגנוגן מיך מיט יפו און מען האָט מיך אויפגעהאַלטן דאָרט אַ יאָר צייט ביז איך בין געקומען קיין ירושלים. און זאָל נישט אויסקומען מאָדנע וואָס איך זאָג אַזוי, אַ שטייגער ווי ס׳איז מי יודע וויכטיק מיך אויסצופּרוון, נאָר

פונקט ווי מען פּרוווט אויס אַ מענטש אין חוץ־לארץ צי ער איז ראָוי עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, אַזוי פּרוווט מען אויס יעדן איינעם אין ארץ־ישראל צי ער איז ראָוי עולה צו זיין קיין ירושלים. און אַזוי האָב איך נאָכן אָפּזיין אַ יאָר צייט אין יפו און אין די קאָלאָניעס געגומען מיין שטאָק און רענצל און זיך געלאָזט קיין ירושלים.

ערב שבת חזון פאַרן טונקל ווערן בין איך אָנגעקומען צו די שערי־ירושלים. אַז גאָט וועט געבן וועל איך נאָך דערציילן וועגן מיין אָנקומען קיין ירושלים. דערווייל וועל איך דערציילן וועגן דעם ספר.

איז אַלזאָ פרייטיק פאַרן טונקל ווערן בין איך אָנגעקומען קיין ירו־שלים. כ׳האָב אַוועקגעלייגט מיין שטאָק און רענצל און נאָכן אָרומ־וואַשן זיך פון וועג האָב איך זיך אָנגעטאָן שבתדיק און געלאָפן צום כותל מערבי. און פון דאָרט צו דער חורבה און פון דאָרט צו עטלעכע אַנדערע שולן און פון דאָרט צו דער אכסניא, און פון דאָרט צו די גאַסן פון ירושלים וואָס האָבן געלויכטן מיט זעלטן ליכט. אויך דאָס געהערט צו גאָטס חסד, כאָטש ירושלים איז חרוב געוואָרן האָט דאָך די לבנה נישט אויפגעהערט אויף איר צו שיינען.

נאָך תשעה באָב האָבן די חברים מיינע פון ירושלים מיך אַרויסגעפירט אויף די אַלע ערטער וואָס זענען די פּראַכט פון ירושלים ביז מיר זענען אָנגעקומען צו דער ביבליאָטעק גנזי יוסף, וואָס אין יענער צייט האָבן מיר געגלייבט אַז דאָס איז דער גרעסטער ספרים־אוצר ביי יידן אין דער וועלט. אַ וואָס מיר האָבן אַלץ נישט געגלייבט אין יענער צייט!

אויפן וועג צו דער ביבליאָטעק האָב איך דערציילט מיינע חברים וועגן דעם ספר פון הרב ר׳ שמריה וואָס איך האָב מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק געשיקט אין דער ביבליאָטעק אַריין.

כ׳האָב מיך דערמאָנט אין ביטשאַטש און האָב אָנגעהויבן דערציילן וועגן מיין שטאָט. אפשר האָב איך אַ ביסל צו פיל גערעדט און אַריינגע־ברענגט מיינע חברים אין פאַרוווּנדערונג, וואָרום אין יענער צייט וואָס מיר רופן היינט אָן די צייט פון דער צווייטער עליה, איז ווער ס׳איז געקומען קיין ארץ־ישראל האָט געוואָלט פאַרגעסן דאָס אָרט פון וואַנען ער איז געקומען און ווי ווייט מעגלעך אין גאַנצן דעם נאָמען נישט דערמאָנען,

וואָרום אַריבערגיין פון איין היים אין דער אַנדערער פאָדערט בייע מחשבות.

הייבט איינער פון מיינע חברים אָן צו לאַכן און זאָגט, הייסט עס אַז איידער דו ביסט נאָך געקומען קיין ארץ־ישׂראל האָסטו שוין אַריינגעשטעקט אַ פּלעקל אין ירושלים.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין דער ביבליאָטעק און איינער פון די צוויי ביבליאָטעקאַרן וואָס זענען דאָרט געווען איז געווען אַזוי פריינדלעך און אונדז געוויזן פאַרשיידענע ספרים און אויף יעדן ספר האָט ער געזאָגט, דאָס איז איינאיינציק אין דער וועלט, נישטאָ זיינס גלייכן און עס איז אַ מתנה פון דעם און דעם. און דער עיקר האָט ער דערמאָנט מיט ליוב דעם ד״ר יוסף חזנאָוויטש פון ביאַליסטאָק, וועלכער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיין ברויט פאַר דער ביבליאָטעק אין ירושלים.

מיר האָבן געקוקט אויף די ספרים. יעדער איינער אויף זיין אופן און יעדער איינער האָט זיך באַמיט צו זאָגן עפּעס אַ געפּילפּול וואָרט.

פאַרן אַוועקגיין האָב איך געזאָגט דעם ביבליאָטעקאַר, אויך איך האָב צוגעשיקט אַ ספר קיין ירושלים.

פרעגט מיך דער ביבליאָטעקאַר ווי דאָס ספר הייסט. זאָג איך אים, זיין נאָמען געדענק איך נישט, נאָר אַזוי און אַזוי האָט עס אויסגעזען און אין דעם יאָר האָב איך עס געשיקט און אויפן נאָמען פון דעם און דעם פאַרוואַלטער האָב איך עס געשיקט. און אַזוי שטיי איך און פאַרצייל, אַ ביסל וואָס מען דאַרף יאָ און אַ ביסל וואָס מען דאַרף נישט. און ווען נישט די חברים מיינע וואָס האָבן נאָך געוואָלט זען פאַרשיידענע זאַכן אין שטאָט, וואָלט איך אָנגעהויבן איבערצוזאָגן דעם ביבליאָטעקאַר מאַנכע חידושים פון דעם הרב ר׳ שמריה. אין יענער צייט איז נאָך מיין זכרון געווען גוט און ביבליאָטעקאַרן זענען נאָך געווען להוט צו הערן אַ וואָרט תורה.

זאָגט דער ביבליאָטעקאַר, כ׳וועל גיין אַ קוק טאָן ווי דאָס ספר איז. ער איז געגאַנגען פון איין צימער אין צווייטן, פון איין שאַנק צו דער צווייטער. נאָכן אַדורכנישטערן אַלע שענק זאָגט ער, כ׳קאָן עס נישט געפינען. אויב אייער ספר איז אָנגעקומען צו אונדז וועל איך עס געפינען. קאָן זיין עס ליגט צווישן די ספרים וואָס מען האָט נאָך נישט איבערגעגעבן

צום בינדן. צוליב מאַנגל אין געלט ליגן גאַנצע קופּעס ספרים נישט אומ־געבונדן. פון דעסטוועגן וועל איך עס זוכן און אויב כ׳וועל עס געפינען וועל איך עס אייך ווייזן.

כ׳בין אַוועקגעגאַנגען פון דעם ביבליאָטעקאַר מיט אַ געפיל פון דאַנק־באַרקייט. און אויך אין זיין בליק האָט מען געזען, אַז עס טוט אים הנאה צו פאַרשאַפן אַ מענטש אַ ביסל פאַרגעניגן.

פיל מאָל בין איך געקומען אין דער ביביליאָטעק אַריין און פיל מאָל האָב איך גערעדט מיט דעם ביבליאָטעקאַר. אויב איך האָב נישט דערמאָנט דאָס ספר פון הרב ר׳ שמריה האָט דער ביבליאָטעקאַר עס דערמאָנט און יעדעס מאָל געזאָגט — כ׳האָב עס נאָך נישט געפונען, אָבער אויב נישט היינט, איז מאָרגן.

אַזוי זענען אַוועק יאָרן. יענער ביבליאָטעקאַר איז שוין לאַנג געשטאָרבן און אויך דער ביבליאָטעקאַר נאָך אים איז שוין לאַנג אויף דער וועלט נישטאָ און דאָס ספר האָט מען נישט געפונען.

אַ שאָד אַזאַ ספר, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען.

צוויי תּלמידי־חכמים וואָס זענען געווען
ביי אונדז אין שטאָט

א

מיט דריי־פיר דורות צוריק ווען די תּורה איז געווען טייער ביי יידן און אַלץ וואָס דער מענטש האָט פאַרמאָגט איז געווען די תּורה, האָט אונדזער שטאָט זוכה געווען צו זיין איינע פון די שענסטע שטעט אין דער מדינה, צוליב אירע תּלמידי־חכמים, וואָס האָבן זי באַשיינט און באַקרוינט דורך דער תּורה וואָס זיי האָבן געלערנט. נישט נאָר אונדזער אַלט בית־מדרש, וואָס איז פאַר תּורה־לערנען געווען אַ שיינע אַכסניא נאָר אויך די נייע בתּי־מדרשים וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן האָבן אַ סך אויפּגעטאָן. און אַפילו די גאַסן און מערק ביי אונדז אין שטאָט, האָבן מקיים געווען דעם פּסוק, חכמות בחוץ תּרנה, ברחובות תּתן קולה.

און אַז די לייט זענען געשטאַנען אין מאַרק און זיך געאַמפּערט וועגן געשעפטן, עסקים און פאַרמעגנס, איינקאַסירונג פון הלוואָות, רווחים און היזקות, האָבן זיי זיך אין דער אמתן נישט וועגן געלט־זאַכן געאַמפּערט נאָר וועגן די הלכות פון די זאַכן אין חושן משפּט. און אַפילו וואַסער־טרעגער ביי דער ברונע זענען געווען פול מיט תּורה. באַזונדער האָט זיך אויסגעצייכנט די נייע קלויז וואָס פון האַלבן אָב ביז שבעה עשר בתּמוז האָט זיך דאָס ליכט דאָרט ביי נאַכט קיין מאָל נישט אויסגעלאָשן. דאָס איז די קלויז וואָס איינער פון די גבירים פון שטאָט האָט געלאָזט אויפשטעלן ביי זיך אין הויף, כּדי עס זאָל זיין הויז בלייבן ביי זיינע קינדער און קינדס־קינדער, וואָרן יעדעס הויז אין וועלכן עס געפינט זיך אַ מקום־קדוש פאַר תּורה און תּפילה בלייבט ביי קינדס־קינדער אויף אייביק. איצט לאָמיר איבערלאָזן די זאַכן וואָס וועלן שוין מער נישט זיין ביז משיח וועט קומען און מיר וועלן פאַרציילן אַ ביסל פון דעם, וואָס עס פאַר־ציילן די אַלטע לייט ביי אונדז אין שטאָט וועגן צוויי גרויסע תּלמידי־

חכמים וואָס האָבן געלעבט ביי אונדז אין יענער צייט ווען אַלע האָבן געמאַכט די תּורה פאַרן עיקר, ווייל זיי האָבן געוווּסט אַז די תּורה איז אונדזער פרייד און אונדזער פעסטונג.

ב

איין מאָל אין אַ טאָג צווישן פּסח און שבועות איז איינער אַ מענטש אַריינגעקומען אין אונדזער נייער קלויז, אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויס דאַרפיש ברויט, פון דעם סאָרט ברויט וואָס דאַרפסלייט באַקן אַפּ עס זאָל געבנוג זיין פאַר איין מענטש במשך זעקס טעג, אין טאַש האָט ער געהאַט אַ ביסל פּרוכט און אַ ביסל גרינס. אַז ער איז אַריינגעקומען און האָט געזען די ווענט וואָס זענען געווען באַלייגט מיט ספרים האָט ער געוווּסט אַז דאָס איז דאָס אָרט וואָס ער באַגערט מיטן גאַנצן האַרץ. אָבער ער האָט זיך געוווּנדערט, איז מעגלעך אַז די קלויז וואָס מען זאָגט אויף איר אַז די תּורה הערט אין איר נישט אויף נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט איז ליידיק פון מענטשן. נאָר אין יענעם טאָג האָט איינער אַ גביר געשריבן תּנאים מיט זיין טאָכטער וואָס איז פאַרלאָבט געוואָרן מיט אַ בחור פון גרויסן יִחוּס פון אַן אַנדער שטאָט און די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען מקבל־פּנים זיין דעם חתן וואָס איז געקומען צו פאָרן מיט זיין פאָטער דעם גאָון, און קיינער איז נישט געבליבן אין קלויז.

האָט דער מענטש אַוועקגעלייגט זיינע זאַכן, גענומען אַ גמרא און אַוועקגעזעצט זיך לערנען און נישט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער גמרא ביז די מענטשן פון קלויז זענען צוריקגעקומען. זענען זיי געקומען און געזאָגט, דאָ זיץ איך און דאָס איז מיין גמרא. האָט ער געענטפערט, די תּורה איז נישט קיין ירושה. האָבן זיי געזען אַז דאָס איז אַ שווערער מענטש און זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט. פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך פון זיין אָרט נישט גערירט ביז פרייטיק אין האַלבן טאָג. און זונטיק מיט זונאויפ־גאַנג איז ער צוריקגעקומען מיט דעם ברויט און דאָס ביסל פּרוכט אין גרינס און איז געזעסן און געלערנט ביז פרייטיק האַלבן טאָג. און פרייטיק האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון לערנען און איז צוריק געגאַנגען אין דאָרף אַריין. און זונטיק פאַר טאָג איז ער צוריקגעקומען צום לערנען. אַזוי האָט

ער געטאָן וואָכן און חדשים. פרייטיק איז ער געגאַנגען אין דאָרף אַריין און זונטיק איז ער צוריקגעקומען אין קלויז אַריין.

ג

איצט װעלן מיר אים אָנרופן ביים נאָמען און מיר וועלן פאַרציילן אַ ביסל פון דעם וואָס מיר ווייסן וועגן אים. דער מענטש, משה־פנחס הייסט ער, איז געווען אַ דאָרפסמענטש, אַ מילנערס אַ זון. ווען ער איז געווען קליין, האָט ער געלערנט צוזאַמען מיט די יינגלעך פון דעם אייגנטימער פון דאָרף וועלכער האָט געהאַלטן פאַר זיי גוטע מלמדים. אַז די יינגלעך זענען גרויס געוואָרן און האָבן זיך גענומען צו אַנדערע זאַכן און זייער פאָטער האָט אַוועקגעשיקט די מלמדים, האָט משה פנחס אָנגעהויבן צו לערנען פאַר זיך. איין מאָל איז געקומען צו פאָרן דער רב ר׳ גבריאל ריינוש פון דער דערנעבנדיקער שטאָט, צו כשרן די מיל אויף פסח. ער, דער גאָון ר׳ גבריאל ריינוש דער מחבר פון הורה גבר אויפן יורה דעה. אויף דער נאַכט ביים עסן זאָגט דער מילנער צום רב, רבי פאַרהערט מיין משה פנחס אין לערנען. האָט אים דער רב צוגערופן מיט ליבשאַפט און אים געפרעגט, נו וואָס האָסטו געלערנט? האָט ער אים געזאָגט וואָס. האָט ער געזען אַז ער קען אַ בלאַט גמרא. רופט ער זיך אָן צום מילנער, אייער זון קען גוט לערנען. שיקט אים צו מיר אין שטאָט אַריין און איך וועל אַכטונג געבן אויף אים. איז משה פנחס געגאַנגען אין שטאָט אַריין און געלערנט ביים רב. און ווען ס׳איז געווען אַ סך אַרבעט האָט ער איבער־געלאָזט דאָס לערנען און געגאַנגען העלפן דעם פאָטער. מיט דער צייט האָט מען דעם רב געשדכנט אַ רבנות אין אַן אַנדערער שטאָט. איז דער רב דאָרט אַהינגעפאָרן און איבערגעלאָזט דעם תּלמיד. האָט משה פנחס געטראַכט וואָס וועל איך דאָ זיצן? דערווייל איז דער פאָטער געשטאָרבן און די מיל איז פאַרקויפט געוואָרן, און דער נייער מילנער האָט נישט געברויכט משה פנחסן, און דער רב האָט כסדר געהאַט צו טאָן מיט יענער רבנות. האָט משה פנחס זיך אויפגעהויבן און געקומען צו אונדז אין שטאָט אַריין, וואָס איז געווען באַרימט מיט איר תּורה אין דער גאַנצער געגנט אַרום. און אַזוי ווי אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן אַ לעפל זופּ און אַ שטיקל

פלייש און אַ ריין העמד, און אַ פרוי דאַרף דאָך הערן קידוש און הבדלה איז ער דעריבער געגאַנגען יעדן פרייטיק צו דער מוטער אין דאָרף אַריין און זי האָט אים געגעבן אַלץ וואָס ער דאַרף במשך זעקס טעג.

אַ גאַנצע וואָך זיצט משה פנחס אין קלויז און פרייטיק גייט ער אַהיים צו דער מוטער אין דאָרף אַריין. מאַכט זיך אים אַ וואָגן פאָרט ער, האָט ער נישט קיין וואָגן גייט ער צופוס. ס'איז דריי מייל גאַנג פון שטאָט אין דאָרף אַריין. און אַז אַ מענטש זיצט זעקס טעג אויף איין אָרט שמעקט אים דאָס גיין. אַז ס'איז זומער טוט ער אויס די שיך און גייט באָרוועס, און אַז ער קומט צו צום טייך טוט ער זיך אויס און באָדט זיך, און אַז ס'איז ווינטער גייט ער פאַר טאָג אין אַ הייסער מיקווה און אַ גערייניקטער לכּבוד שבת קומט ער צו דער מוטער אין דאָרף אַריין, און שבת צו נאַכטס איז ער ווידער דאָ אין קלויז. דער שמשׂ וועלכער האָט זיך באַצויגן מיט גרויס ליבשאַפט צו בני־תּורה האָט אים געפּלעגט ברענגען עפּעס וואַרעמס צו טרינקען און אַ קישן צום שלאָפן. אויב דער שמשׂ איז נישט פון די וואָס טראַכטן אויס, דאַרפן מיר אים גלייבן אַז דאָס ביסל וואַרעמס וואָס ער האָט אים געברענגט האָט ער געלאָזט קאַלט ווערן און אויף דעם קישן האָט ער נישט דערקענט קיין סימן פון שלאָפן, ווייל ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין לערנען אַז ער האָט נישט איבערגעריסן נישט פאַר אַ טרונק וואַרעמס און נישט צו כאַפּן אַ דרעמל.

ד

אונדזערע מוטערס וואָס האָבן געהערט פון מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט פאַרציילן אַז ער איז געווען פון מיטעלן וווּקס און אַ ברייטבייניקער מיט אַ קאַנטיק פּנים אויף וועלכן עס זענען געווען צעוואָרפן קליינע ביסלעך האָר. די פּאות זענען געווען געקרייזלט און אַריינגעפּלאָנטערט אין די האָר, די אויגן גראָ און דער שטערן געוועלבט, און אַ גרינעם פּאַלטן האָט ער געטראָגן סיי זומער סיי ווינטער. און כאָטש ער איז געווען אַ פּעטלייביקער איז ער געגאַנגען מיט אַ לייכטן טראָט. געדאַוונט האָט ער שטייענדיקערהייט, רעכטס ביים שולחן און ביי דער שמונה־עשׂרה האָט ער געפּלעגט פאָכען מיט דער האַנט ביים פּנים, ווייל פון גרויס אַריינגע־

טוענקייט אין תורה זענען אים כסדר אָנגעקומען קשיות און תירוצים און ער האָט זיי אַזוי אַרום אַוועקגעטריבן זיי זאָלן אים נישט צעמישן ביים דאַווענען. ביים לערנען איז ער געזעסן ווי צוגעקאָוועט און אויפגעשטעלט האָט ער זיך בלויז ווען ער איז געגאַנגען טרינקען אַ ביסל וואַסער פון כיור צוליגגדיק דאָס מויל צום צאַפּן און מיט איין האַנט האָט ער אונטערגע־האַלטן דאָס היטל עס זאָל אים נישט אַראָפּפאַלן פון קאָפּ, און אויסגע־טרונקען האָט ער אַ האַלבן כיור. און נאָך פאַרציילט מען, אַז אויף זיין פנים האָט מען קיין מאָל קיין שמייכל נישט געזען און אַז עס האָט עמעצער פאַר אים געמאַכט עפּעס אַ שפּאַס האָט ער איינגעקנייטשט דעם שטערן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַ ייִד האָט געווג דאגות. אַז אַ ייִד האָט אים געוואָלט אַהיימנעמען אויף אַ מאָלצייט, האָט ער נישט געוואָלט גיין. און אַז יענער האָט דאָך אָנגעהאַלטן האָט ער געזאָגט, כ׳האָב ס׳מייניקע און כ׳ברויך נישט קיינעמס. גערופן האָט מען אים דער וואָכע־דיקער בחור, ס׳הייסט צוליב דעם וואָס אין קלויז האָט מען אים געזען בלויז אין דער וואָכן.

ה

איצט וועלן מיר איבערלאָזן משה פנחסן און מיר ווען צוריקגיין צום גבירס חתן. עס האָט נישט געדויערט קיין יאָר און ער איז געגאַנגען צו דער חופה מיט דער ייִנגסטער טאָכטער פון ר׳ מרדכי שיינער, דעם אייזן־סוחר, דער גביר בן גביר וואָס ציט זיין ייִחוס פון ר׳ מרדכי יפה דעם בעל הלבושים. נישט דאָ איז דאָס אָרט און נישט איצט איז דער זמן צו פאַר־ציילן די אַלע פּרטים פון דער חתונה און וועגן דעם גרויסן כבוד וואָס אונדזער שטאָט האָט דערפון געהאַט, די אַלע רבנים און גרויסע לייט וואָס זענען געקומען פון אַלע עקן וועלט. דער חתן ר׳ שלמה הלוי איש האָראָוויץ האָט געשטאַמט פון די האָראָוויצעס, די קינדס־קינדער פון של״ה הקדוש. מען זאָגט, אַז במשך פון זעקס און צוואַנציק דורות, און טייל זאָגן זעקס און דרייסיק דורות האָט אין דער משפחה די תורה נישט אויפגעהערט, און ס׳איז נישט געווען קיין שטאָט אין אונדזער מדינה וואָס האָט נישט געהאַט איינעם פון זיי פאַר אַ רב. און אויך אונדזער שטאָט האָט זוכה

געווען צו האָבן צווישן אירע רבנים דעם גאָון ר׳ פנחס בעל מופת, אַ זון פון דער דאָזיקער משפחה. מען פאַרציילט אַז בשעת דער פטירה האָט ער געזאָגט, איך בין אייך מבטיח אַז דאָ וועט אַ מאָל רוען איינער פון מיינע קינדס־קינדער. און מען זאָגט, אַז ער האָט געהייסן מ׳זאָל נישט קובר זיין קיין שום ניפטר נעבן אים ביז אין הונדערט יאָר אַרום, און אויך נאָר אויב דער ניפטר וועט זיין זיינס אַן אָפּשטאַמיקער. ר׳ שלמה, דעם גבירס חתן, איז געווען ראָוי צו געהערן צו אַזאַ משפחה. צו זעכצן יאָר האָט ער געהאַט היתר־הוראה פון צוויי גדולי הדור. און ווען ער איז געקומען צו זיי האָט ער נישט געזאָגט ווער ער איז ביז זיי האָבן אים פאַרהערט. נישט ווי די מערסטע יחסנים אין אונדזער מדינה וואָס קומען מיט זייער זכות־אָבות.

באַלד ביי די שבעה ימי המשתה האָט יעדעס בית־מדרש ביי אונדז אין שטאָט אָנגעהויבן זיך משתדל צו זיין ביי ר׳ שלמהן אַז ער זאָל צו זיי געהערן. דאָס אַלטע בית־מדרש צוליב די פיל ספרים. דאָס נייע בית־מדרש צוליב זיין שווער און דעם שווערס פאָטער וואָס דאַווענען דאָרט. די מענטשן ווידער פון אַלטן קלויז האָבן געטענהט, ס׳איז כדאַי ער זאָל דאַווענען דאָרט ווו ס׳האָבן געדאַוונט זיינע אָבות, און אַ מסורה האָבן מיר, אַז דער גאָון ר׳ פנחס בעל מופת האָט געדאַוונט אין דער אַלטער קלויז. אָבער ר׳ שלמה האָט אויסגעקליבן די נייע קלויז, ווייל די נייע קלויז שטייט אויף אַ הויך אָרט און די לופט איז דאָרט גוט און ער האָט ליב געהאַט צו לערנען אין אַן אָרט פון פרישער לופט. אַז ר׳ שלמה איז אַריינגעקומען אין קלויז האָט ער אַלע באַשיינט. זיין פּנים, זיינע בלויע אויגן, די קאַשטאַן־האָר האָבן צוגעצויגן יעדן איינעמס בליק. אָנגעטאָן איז ער געגאַנגען ווי יעדער פרומער לערנער אין יענעם דור, קורצע הויזן אַריינגעלאָזט אין לאַנגע זאָקן, ווייכע לאַטשן און אַ ברייטער פּאַלטן, און אַלץ וואָס ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן איז געווען פון פיינסטער קוואַליטעט, ווי דער שטייגער איז פון רבנישע זין וואָס האָבן זוכה געווען צוביידע וועלטן. זיין רעדן איז געווען געלאַסן און אַזוי אויך זיין גאַנג. די זקנים פון קלויז האָבן אים גערופן ר׳ און די יונגע לייט האָבן זיך באַמיט נאָכצומאַכן יעדע תנועה זיינע, כדי צו זיין ענלעך צו אים. אָבער ווער קאָן זיין ענלעך צו אַזאַ בן־גדולים וואָס זעקס און צוואַנציק דורות און טייל

זאָגן זעקס און דרײַסיק דורות זענען אַלע געווען כּסדר רבנים. משה פּנחס, וואָס האָט אַזוי מדקדק געווען מיט זיך און האָט נישט גערעדט מיט קיין שום מענטש, האָט זיך אויפגעשטעלט פון לערנען כּדי צו רעדן מיט ר' שלמהן, האָט אים באַגלייט ביז אַהיים, אַרייַנגעגאַנגען מיט אים, געזעסן מיט אים און געשמועסט פּילפּול. און ער האָט גאָר נישט באַמערקט אַז ר' שלמהס ווייב זעט נישט גערן קיין אַנדערן מענטש אין שטוב, ווי דער שטייגער איז ביי יונגע ווייבלעך וואָס האָבן אַ בענקשאַפט צו זייערע מענער.

דאָס און נאָך עפּעס. ר' שלמה האָט געקענט אַ ביסל דייטש פון ר' משהס תּהילים־איבערזעצונג און פון די פּיוטים וואָס ר' וואָלף האָט איבער־זעצט. און דאָס איז נישט געווען געדרוקט מיט דייטשע אותיות נאָר מיט לשון־קודשדיקע און עברי־טייטש אותיות, אָבער ר' שלמהס ווייב האָט געקענט דייטש אין וואָרט און אין שריפט, ווי דאָס רוב רייכע טעכטער ביי אונדז אין שטאָט וואָס האָבן געלערנט ביז צו דער חתונה ביי פּריוואַטע לערערס, און זי האָט געוואָלט לערנען איר מאַן שרייבן און לייענען דייטש. אַז משה פּנחס האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו זיי אין שטוב האָט דאָס זיי געשטערט אין לערנען, און זי האָט געהאַט פאַראיבל אויף משה פּנחסן וואָס ער באַלעמוטשעט איר מאַן און ער מאַכט פול די שטוב מיט זיין קול. צוליב דער מעשׂה פון מיכל ודוד (שמואל ב' ט״ז) האָט זי גאַרנישט געזאָגט. האָט ר' שלמה איר געוואָלט אויסרעדן (און אַ זאַך וואָס ער אַליין האָט נישט געהאַט גערן) און ער האָט איר געזאָגט, איז עס דען נישט אַ כּבוד אַז אַזאַ תּלמיד־חכם וואָס גייט נישט צו קיינעם אין שטוב אַריין קומט אַריין צו אונדז. און זי האָט זיך געטראַכט הלוואַי וואָלט ער אומע־טום געגאַנגען און ווייניקער געקומען צו אונדז. און משה פּנחס האָט ווייטער געטראַכט, איך וואָס אין ערגעץ גיי איך נישט, אַז איך קום אַריין צו אים מסתּמא פרייט ער זיך מיט מיר.

ו

די טעג האָבן זיך געצויגן, אַלעס אין שטעטל ווי געווען. דער זומער איז זומער און ווינטער איז ווינטער. אין משך פון דער צייט זענען אַ סך

שידוכים צו שטאַנד געקומען און מען האָט געשטעלט חופות. משה פּנחס האָט נאָך זיין זיווג נישט געפונען. טייל זאָגן, אַז צוליב דעם וואָס ער איז אַזוי אַריינגעטאָן אין לערנען שטייט אים נישט דער קאָפּ צו קיין שידוכים, און אַ טייל זאָגן, אַז עס שטעקט דערין זיין מאַמעס האַנט, אַז זיין מאַמע פרעגט זיך כסדר ביי כּישופמאַכערינס און יעדעס מיידל, אַז מען לייגט אים פאָר, האָבן יענע ווייבער געזאָגט, דאָס איז נישט דער זיווג פאַר דיין זון. שפּעטער וועלן מיר זען, אַז דאָס זענען אַלץ געווען אויסגעטראַכטע מעשׂיות. וואָרן ווען די צייט איז געקומען ער זאָל חתונה האָבן האָט ער חתונה געהאַט. דערווייל אָבער איז משה פּנחס נאָך אַ בחור און טראָגט נישט קיין טלית.

און נאָך דאָס דאַרפן מיר פאַרציילן, יענץ יאָר בשעת ר׳ שלמהס שווער דער זקן האָט געקריגן חתן בראשית האָט ער מנדב געווען כך וכך רייניש פאַרן פאַרריכטן דאָס בית־המדרש, חוץ וואָס ער האָט מנדב געווען אויף האָלץ צום הייצן, וואָרן ביי אונדז אין שטאָט איז געווען אַ מינהג אַז דער וואָס קריגט חתן בראשית איז מנדב האָלץ פאַרן בית־מדרש. און דאָ דאַרפן מיר זאָגן, אַז דאָס איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט ווייל דאָס בית־מדרש האָט זיך גענייטיקט אין רעפּעראַציעס. און ווי דער שטייגער איז פון אַזאַ גביר און שיינעם ייִד האָט ער דאָס געלט נישט אויפגעהאַלטן. און אויך דער גבאי האָט דערווייל מיטן געלט נישט געהאַנדלט נאָר באַלד געלאָזט רופן אַ בעל־מלאכה און געקויפט האָלץ און שטיינער. אָבער דער בעל־מלאכה האָט זיך נישט געאיילט, ווי דער שטייגער איז ביי בעל־מלאכות וואָס אַ גאַנץ לעבן לויפן זיי אַרום נאָך אַרבעט, און אַז זיי קריגן שוין די אַרבעט לאָזן זיי זי ליגן, און גייען אַרום נאָך אַנדערע אַרבעט. דערווייל האָבן זיך געמאַכט גרויסע שנייען און פרעסט. און אַז עס קומען פרעסט ביי אונדז אין שטאָט הערן אַלע בוי־מייסטערס אויף צו אַרבעטן. יענער ווינטער איז געווען זייער אַ שווערער און אַ סך מענטשן זענען קראַנק געוואָרן פון די קעלטן. און דער גביר וואָס איז געווען אַן אַלטער און מפונקדיקער מענטש און געזעסן איז ער אין בית־מדרש פּונקט נעבן דעם צעבראָכענעם שטיק וואַנט נעבן פענצטער, האָט ער זיך פאַרקילט און געלעגן אין בעט פון שבת־חנוכּה ביז פּסח. ער האָט געוווּסט אַז זיין פאַרקילונג איז אים געקומען צוליב דעם וואָס מען האָט דאָס אָרט דאָרט

נישט פאַרריכט. האָט ער צוגעלייגט געלט דעם בעל־מלאכה אַז ער זאָל עס מאַכן שנעלער און געהייסן אים פאַרטינקעווען דאָס אויסגעהוילטע שטיק ביים פענסטער, וואָרן דער ווינט בלאָזט און עס יאָגט אַריין אַ קעלט. האָט מען פאַרריכט דאָס בית־מדרש און מען האָט יענץ אָרט אויסגעגליכן. אַז מ'האָט די זאַך פאַרציילט אין קלויז האָט זיך אויפגעשטעלט איינער אַ למדן און האָט געזאָגט, כ'ווייס נישט צי מען מעג אַזעלכעס טאָן וואָרן מ'איז דאָך אַזוי אַרום ממעט חלל קדושת המקום. אין דעם איז ר' שלמה אַריינ־געקומען. זאָגט יענער למדן, לאָמיר הערן וואָס ר' שלמה זאָגט. איז משה פנחס געגעבן אַ שפּרונג אויף און געזאָגט, מען טאָר נישט משנה זיין דעם חלל פון בית־הכּנסת, מען טאָר נישט פאַרמינערן דאָס אַפילו די גרייס פון פינגער, ווייל אין דעם איז דאָ משום לא תעשה כן לה' אלקיכם. האָט ר' שלמה אים לייכט געוואָלט באַרויקן און זאָגן אים, איך האַלט אויך אַזוי, און מען האָט שוין געטאָן וואָס מען דאַרף. אַז ער האָט אַזוי געקוקט אויף אָט דעם אַלטן בחור ווי ער שפּרינגט און שרייט און וואַרפט אָן קופּעס מיט ראיות, האָט ער געגעבן אַ ביסל אַ ביטולדיקן מאַך מיט דער האַנט און געזאָגט אַזוי אין אַ שפּאַס, אַ בחור מאַכט קידוש איבער אַ גרויפּ.

ז

פון וואַנען דאָס ווערטל שטאַמט ווייס איך נישט, נאָר ביי אונדז אין שטאָט האָט מען עס געניצט אַ ביסל אָפּצושייגעצן יונגע בחורים וואָס האָבן זיך געשטופּט צווישן גרויסע. משה פנחס וואָס אַ דריטל פון מענטשנס יאָרן זענען שוין ביי אים אַוועק און ער איז נאָך אַלץ אַ בחור צוליב דעם וואָס עס האָט זיך אים נישט געמאַכט קיין שידוך, איז געבליבן באַשטיין און צוריק געגאַנגען אויף זיין אָרט, אַוועקגעזעצט זיך און אַ פאַרקלעמטער גענומען צופּן די בינטלעך האָר פון זיין פּנים. פון דעמאָלט אָן האָט ער נישט גערעדט מיט ר' שלמהן און אַז ר' שלמה האָט אים געגרוסט האָט ער אים קוים געענטפערט. צו ערשט האָט דאָס קיינער נישט באַמערקט, און אַז מען האָט עס באַמערקט האָט מען זיך געוווּנדערט. ר' שלמה וואָס גיט אָפּ כּבוד דעם סאַמע קלענסטן, ווי קומט עס ער זאָל פאַר אַלעמען אין די אויגן מבייש זיין אַ תּלמיד־חכם. און מער נאָך איז מען בייז געווען

אויף משה פנחסן וואָס ער איז אַזאַ נוקם ונוטר. איז ר׳ שלמה צוגעגאַנגען צו משה פנחסן און געזאָגט, כ׳בעט אייך זייט מיר מוחל וואָס כ׳האָב אייך נישט ווילנדיק געגעבן אַזאַ זאָג. האָט משה פנחס אים אָנגעקוקט און גאָר נישט געענטפערט.

אין דעם זעלבן טאָג האָט אַ מוכר־ספרימניק אַריינגעברענגט אין קלויז דאָס ספר קצות החושן. האָט זיך געמאַכט אַ רייד וועגן דעם מחבר, דעם בעל הקצות, וועלכער האָט עוסק געווען אין דער תורה אין דחקות און אין נויט. אַ ברעט איבער אַ פּאַס איז געווען זיין טיש, און אין ווינטער האָט ער נישט געהאַט קיין האָלץ איינצוהייצן דעם אויוון, האָט ער זיך געלייגט אין בעט אַריין און דאָרט האָט ער געשריבן. און טייל מאָל איז פון קעלט דער טינט פאַרפרוירן געוואָרן און ער האָט אים אַרונטער־געשטעלט אונטערן קישן ער זאָל צעגיין. נאָך דעם אַז ער האָט פאַרענדיקט דעם ערשטן חלק פון זיין ספר איז ער געגאַנגען צו דעם גרויסן גאון רבנו משולם איגרא. אַז ער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן פאַר אים אַ פּילפּול האָט רבנו משולם אים באַלד געזאָגט, איר מיינט דאָך אַוודאי אַזוי צו זאָגן. זאָגט ער, ניין. האָט זיך רבנו משולם אַ ביסל פאַרטראַכט און געזאָגט, איז מיינט איר הייסט עס צו זאָגן אַזוי אָדער אַזוי, ביז ס׳איז שוין פאַר דעם גאון נישט געבליבן קיין איין חידוש וואָס רבנו משולם זאָל אים שוין נישט האָבן מחדש געווען. וואָרן רבנו משולם האָט געקאָנט אַריינדרינגען אין דעם דרך פון יעדן חכם און ער האָט אָנגעטראָפן דעם געדאַנק פון דעם בעל הקצות אין יעדן מעגלעכן אופן. רופט זיך אָן דער הקצות צו רבנו משולמען. איך האַלט דאָך ביים פאַרפאַסן דאָס צווייטע חלק טאָ אויב אַזוי, וואָס טויג מיין מי. זאָגט מיר באַלד וואָס איך דאַרף מחדש זיין פון סימן ר׳ און ווייטער. האָט רבנו משולם געזען אַז ער האָט מצער געווען אַן אָדם גדול און ער האָט געהאַט עגמת־נפש דערפון. מען זאָגט, אַז בשעת מען האָט פאַרציילט די מעשה האָט ער ר׳ שלמה צוגעגעבן, פון דעמאָלט אָן האָט רבנו משולם געפאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק צוליב דעם וואָס ער האָט מצער געווען יענעם גאון. און מ׳פאַרציילט, אַז בשעת מעשׂה האָט ר׳ שלמה אָפּגעזיפצט און געזאָגט, איך וואָס פאַרמאָג נישט די צידקות פון אַ רבנו ר׳ משולם. האָבן זיי געזען ווי ווייט די זאַך גייט און זיי האָבן געזאָגט, אַז משה פנחס האָט נישט די תורה פון אַ בעל־קצות החושן. האָט

ר׳ שלמה געזאָגט, ר׳ משה פּנחס איז אַ גרויסער תּלמיד־חכם און ער לערנט תּורה לשמה. אַז מען האָט דאָס פאַרציילט משה פּנחסן האָט ער אַ קוועטש געגעבן מיטן אַקסל און געזאָגט, לאָזט מיך אָפּ, איך קאָן דעם נאָמען נישט הערן. באַלד דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון לערנען, גענומען די גמרא און אַרויסגעגאַנגען. אַז ס׳איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג און צוויי און ער איז נישט צוריקגעקומען האָט מען געמיינט אַז ער איז געגאַנגען צו דער מוטער אין דאָרף אַריין, כאָטש ער איז קיין מאָל נישט אַהיימגעגאַנגען אין מיטן דער וואָך. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען געהערט עמעצן לערנען אין דער שניידערישער שול און מען האָט דערקענט אַז דאָס איז משה פּנחסעס קול.

די שניידערישע שול שטייט איבער דעם אַלטן בית־מדרש אַנטקעגן איבער דער מיקווה, און זי איז אַ ביסל ענלעך צו דער גרויסער שול, און אויסגעצירט אינעווייניק מיט בילדער פון דער מרכּבה און פון די שפּיל־כּלים וואָס זענען געווען אין בית־המיקדש, און אויך געמאָלטע חיות און אונטער יעדן בילד זענען אויפגעשריבן די ווערטער פון תּנא. אונ־טער דעם לעמפּערט שטייט, זיי שטאַרק ווי אַ לעמפּערט, אונטער דעם אָדלער שטייט, און גרינג ווי אַן אָדלער, אונטער דעם הירש שטייט, און ער לויפט ווי אַ הירש און אונטער דעם לייב שטייט, און שטאַרק ווי אַ לייב, און אונטער אַלע שטייט, לעשות רצון אבינו שבשמים, צו טאָן דעם ווילן פון אונדזער פאָטער אין הימל. און קעגן וואָס דערמאָן איך דאָס, כּדי צו ווייזן אַז אַ חכם לערנט פון יעדער זאַך, ער קוקט אַריין אין די בילדער און ער מאַכט דאָס האַרץ אונטערטעניק צו דער תּורה. מען פאַר־ציילט, אַז ווען די ווייבער זענען געגאַנגען צו טבילה און זיי האָבן געהערט זיין קול האָבן זיי זיך געווונטשן און געזאָגט הלוואַי זאָלן מיר זוכה זיין צו אַזעלכע זין ווי ר׳ משה פּנחס.

ח

דאָ דאַרף מען פאַרציילן, אַז אין יענער צייט האָט זיך ביי זיין מוטער אויסגעלאָזן דאָס ביסל געלט וואָס זי האָט געקריגן פון דעם וואָס האָט געדונגען די מיל. און אַז זי האָט נישט מער געהאַט קיין געלט האָט ער

מער נישט געהאַט פון וואָס צו עסן. אָבער אַ רעטונג איז צו אים געקומען פון אַן אַנדערער זייט. בעלי־בתּים פון שטאָט האָבן אָנגעהויבן ברענגען צו אים זייערע זין און אים געצאָלט שׂכר־לימוד. מ׳זאָגט, אַז דאָס האָט ר׳ שלמה זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז ביי אַזאַ תּלמיד־חכם מעג מען גיין לערנען. האָט משה פּנחס זיך אויסגעקליבן דריי פיר דערוואַקסענע בחורים און האָט מיט זיי געלערנט גמרא מיט רש״י און תּוספות און געקריגן גענוג פאַר זיך צום לעבן און אַפילו צו שיקן עפּעס דער מוטער. פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין מער נישט געברויכט צו גיין אין דאָרף אַריין, און מער נישט קאַליע געמאַכט קיין צייט מיט גיין הין און צוריק. איי ווי האָט די מאַמע געהערט קידוש און הבדלה? ברוך השם עס ווינען ייִדן אויך אין דאָרף און אַ ייִדישע טיר איז אָפן פאַר יעדן איינעם וואָס וויל הערן אַ הייליק וואָרט.

איינער אַ שניידער האָט אַריינגענומען משה פּנחסן צו ווינען און אויך געמאַכט אים אַ ניי מלבוש, נישט פון אַזאַ שטאָף ווי ר׳ שלמהס, אָבער דאָך אַ מלבוש אָנצוטאָן. אַנדערע בעל־מלאכות האָבן דאָס געזען און נאָכ־געטאָן דעם שניידער. דער היטלמאַכער האָט אים געמאַכט אַ היטל און דער שוסטער האָט אים געמאַכט אַ פּאָר שיך. און פריייטיק אַז משה פּנחס איז געגאַנגען אין מיקווה אַריין האָבן זיי צוגענומען זיין אַלט היטל מיט די שיך און אַוועקגעלייגט דאָס נייע. אַן אָנגעטוענער אין די נייע בגדים מיט דעם נייעם היטל און די נייע שיך האָט משה פּנחס אויסגעזען ווי אַ נייער מענטש. די תּלמידים זיינע וואָס האָבן געוווּסט ווי גרויס ער איז אין תּורה האָבן אים גערופן ר׳ משה פּנחס, און פאַרשטייט זיך אַז אויך די שניידערס און די אַנדערע בעל־מלאכות האָבן זיך געגרייסט דערמיט וואָס דער תּלמיד־חכם האָט זיך באַזעצט ביי זיי אין שול. און יעדער בעל־מלאכה וואָס האָט געהאַט אַ טאָכטער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אים און געזאָגט, אוי הלוואַי וואָלט ער געוואָרן מיין איידעם. האָט זיך אָבער מרחם געווען אַן אַנדערער בעל־הבית, ר׳ מאירטשע דער זון פון שיינדעלע די צדקת, און האָט אים אויסגעכאַפּט. ר׳ מאירטשע האָט געהאַט אַ שניט־געוועלב און אַן איינציקע טאָכטער האָט ער געהאַט. ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן הונ־דערט און פופציק זילבערנע רייניש און זיך גענומען משה פּנחסן. און איצט קאָנען מיר זען אַז די אַלע מעשׂיות מיט וועלכע מענטשן טראָגן זיך אַרום

זענען נישט ווערט קיין דרייער, וואָרן אַז עס קומט די צייט פון אַ מענטש ער זאָל חתונה האָבן שיקט מען אים צו זיין זיווג.

אַז ר׳ משה פּנחס האָט שוין געהאַט אַ ווייב האָט ער זיך געמעגט שטעלן צווישן גרויסע, רעדן תּורה מיט אַלטע לערנערס ווי אַלע אַנדערע וואָס גייען אָנגעטאָן אין טליתים. אָבער ער איז פון זיין אָרט נישט אַוועקגעגאַנגען און זיין לעבן נישט געענדערט. היות ווי דער שווער האָט אים געגעבן אַלץ וואָס ער דאַרף האָט ער אַוועקגעשיקט די תּלמידים און גענומען צוריק לערנען פאַר זיך און ער האָט זיך נישט אַוועקגערירט פון לערנען אַחוץ פרייטיק צו נאַכטס. און אַפילו פרייטיק צו נאַכטס איז ער נישט געזעסן אין דער היים. נאָך איידער עס האָט געטאָגט איז ער שוין געווען צוריק אויף זיין אָרט און געלערנט. זומער האָט ער געלערנט אין דער שניידערישער שול און ווינטער ווען מען הייצט דאָרט נישט און ווייל ס׳איז קיין אויוון נישטאָ האָט ער זיך איבערגעטראָגן אין אַלטן בית־מדרש אַריין. סתּם ייִדן און אַפילו טייל לומדים האָבן אים אָנגעהויבן צו רופן אַפילו אונטער די אויגן ר׳ משה פּנחס. ר׳ משה פּנחס האָט זיך אויף דעם ווייניק וואָס אומגעקוקט. זיין גאַנצער כּבוד איז געלעגן אין דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעלערנט מיט ש״ס און פּוסקים.

ט

וועגן ר׳ משה פּנחסן האָבן מיר דערוויל נישט וואָס צו פאַרציילן. דאָס אַלץ וואָס איז מיט אים געשען און פאַרלאָפן איז געווען די מסכתות מיט די מפרשים און די מפרשים צו די מפרשים. אַרויס פון איין מסכתא און אַריין אין אַן אַנדערער. אָבער ווענן ר׳ שלמהן האָבן מיר יאָ צו פאַרציילן. דעם קיסרס חיילות זענען געקומען אין אונדזער געגנט אַריין אויף מאַנעוורעס, און אָנגעפירט מיט זיי האָט דער אַרכידוכּס. איז איינגעפאַלן די פאַרשטייער פון דער קהילה, אַז ווען דער אַרכידוכּס וועט אַריינקומען אין שטאָט, וועט ער דאָך קומען אין שול אַריין, כּדי ייִדן אָפּצוגעבן כּבוד. און דאָ איז נישטאָ ווער עס זאָל האַלטן אַ דרשה, בפרט נאָך אין לשון פון דער מדינה. וואָרן אין יענער צייט האָט אונדזער שטאָט נישט געהאַט קיין רבֿ, נאָר בלויז אַ מורה־הוראה, און דער מורה־הוראה האָט נישט געהאַלטן

קיין דרשות אַפילו שבת־תשובה און שבת־הגדול, בפרט נאָך אין אַ פרעמד לשון. האָט מען געוואָלט ברענגען אַ דרשן פון טאַרנאָפּאָל פון די תלמידים פון יוסף טודרוסעס, וואָס מען רופט אים יוסף פּערל. האָט ר׳ שלמה געזאָגט, איך וועל האַלטן אַ דרשה און איך בין זיכער אַז דער זכות פון מיינע הייליקע אָבות וועט מיר ביישטיין. האָבן זיך אַלע געפרייט אַז מען וועט נישט דאַרפן ברענגען קיין בעל־דרשן וואָס איז אויסגעלייידיקט פון תורה און מיצוות און מען האָט זיך געוווּנדערט אויף ר׳ שלמה וואָס ער נעמט זיך אונטער צו דרשענען אין אַ לשון אין וועלכער ער איז נישט געוווינט און אויב ס׳וועט אים נישט געלינגען וועט ער ברענגען מער שאָדן ווי נוצן. האָט די גאַנצע שטאָט געבעטן צו גאָט אַז ער זאָל נישט ניכשל ווערן מיט קיין וואָרט און אַז זיינע רייד זאָלן זיין ווירדיק פאַר דעם אַרכידוכּס. אַ העלפט האָט דאָס בעטן געטאָן און אַ העלפט ר׳ שלמהס חכמה, און אַז ר׳ שלמה האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַרן אָרון־קודש און מקבל־פּנים געווען דעם אַרכידוכּס האָט ער ממש געהייליקט און דערהויבן גאָטס נאָמען, וואָרן מען האָט דאָך פּשוט געזען אַז דער וואָס די תורה איז ביי אים דער עיקר קומען אַלע אַנדערע חכמות צו אים ווי פון זיך אַליין. און קיין נסים איז דאָך דאָ נישט, וואָרן ר׳ שלמה האָט דאָך געקענט פון אויסנווייניק גאַנץ תהילים מיט ר׳ משהס איבערזעצונג און אויך כּמעט אַלע פּיוטים וואָס ר׳ וואָלף האָט איבערגעזעצט, און אַ ביסל האָט ער דאָך אויך געלערנט פון זיין ווייב וואָס האָט געקענט דייטש. די דאָזיקע דרשה האָט באַרימט געמאַכט זיין נאָמען איבער דער גאַנצער מדינה. ר׳ שלמה האָט נישט געלאָזט קיין סך רעדן דערוועגן, כּדי מען זאָל נישט זאָגן, אַז אַ דייטש האָט אים דערהויבן, און כּדי נישט צו געבן קיין תּירוץ די נייע משׂכּילים אַז זיי זאָלן זיך וועלן חברן מיט אים.

י

אין יענער צייט איז אין איינער אַ שטאָט פריי געוואָרן די שטעלע פון רבנות. האָבן זיי געשיקט צו ר׳ שלמהן. ער איז מרוצה געווען און האָט אָנגענומען דאָס רבנות. נאָך דעם ווי ער האָט זיך געזעגנט מיט אַלע חשובע לייט פון שטאָט און דעם ווייבס משפּחה איז ער געגאַנגען אויפן קבר פון

זיין זיידע דעם גאון ר׳ פנחס. אַז ער האָט זיך דאָרט אָפּגעפּאַרטיקט איז ער געגאַנגען צו ר׳ משה פּנחסן און האָט אים געזאָגט, איצט אַז איך פאָר אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט אַריין, בעט איך אייך מיר זאָלן שלום מאַכן. האָט ר׳ משה פּנחס אים געענטפערט, צווישן אונדז איז נישטאָ קיין שלום נישט אויף דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט. האָט ר׳ שלמה אַ זיפץ געטאָן און אַוועקגעגאַנגען.

ווי ס׳פירט זיך אין דער וועלט איז אַז אַ רב קומט אָן אין שטאָט קומען זיך אַלע צוזאַמען אין דער גרויסער שול און דער רב האַלט אַ דרשה. און אויב ער איז פון די גרויסע, ער איז אַ מפורסם, קומט מען אַפילו פון אַנדערע שטעט. און מען לאָזט וויסן מיט אַ צייט פריִער וועגן וואָס ער וועט רעדן, כּדי אַזוי אַרום צו געבן אַ געלעגנהייט די תּלמידי־חכמים זיי זאָלן זיך צוגרייטן און אויב זיי וועלן וועלן, וועלן זיי זיך מפּלפּל זיין מיט אים. צו ערשט האָט געפלעגט זיין אַז ווער עס האָט זיך געוואָלט מפּלפּל זיין איז אַריינגעפאַלן אין דער דרשה און זיך מפּלפּל געווען. אַז מ׳האָט אָבער געזען אַז אַזוי אַרום קומט צו אַ צעמישעניש האָט מען געמאַכט אַז מען זאָל פרעגן נאָך דער דרשה. הײַנט אַז די חכמה איז שוין נישט ווי אַמאָל און די דרשנים ווייסן נישט מער ווי דאָס וואָס זיי גרייטן צו, פרעגט מען דעם רב אין דער היים. ווייס ער וואָס צו ענטפערן, ענטפערט ער, אלא נישט, דרייט ער זיך אַרויס און זאָגט, ער איז מיד. אין יענע צייטן האָט מען זיך נוהג געווען צו פרעגן באַלד נאָך דער דרשה אין אַנוועזנהייט פון גאַנצן עולם. איז האָט מען אַלזאָ באַשטימט דעם טאָג און אָנגעשריבן וועגן וואָס ער וועט רעדן און מען האָט דאָס צעשיקט אין אַלע שטעט אַרום. אַזאָ אָפּשריפט איז אויך אָנגעקומען צו אונדז אין שטאָט אַריין.

יא

אין אַ שיינעם העלן טאָג זאָגט ר׳ משה פּנחס צו זיין ווייב, איך פאָר אַוועק אויף עטלעכע טעג. דאָס ווייב זיינס וואָס ווי געוויינטלעך, וואָס איר מאַן זאָגט איז געזאָגט, האָט זיך דאָס מאָל נישט איבערגעפרעגט ווו פאָרסטו, וואָס פאָרסטו, נאָר מיטגעגעבן אים צידה לדרך און אויך געזעגנט. און ער האָט גענומען טלית און תּפילין און איז אַוועקגעפאָרן. געפאָרן איז ער אין ר׳ שלמהס שטאָט אַריין.

די שטאָט איז געווען ממש פול מיט אָנגעפּאָרענע מענטשן. אַ סך זענען געקומען צוליב ר׳ שלמהן און אַנדערע ווידער זענען געקומען זען די געקומענע. די לויפן זען דעם נייעם רב און די גיבן איבער וואָס זיי האָבן געזען. לערנערס גייען אַרום איינגעבויגן און זענען זיך מפלפל מיט זיך אַליין. איינער גייט און זאָגט פאַר זיך, אַז ר׳ שלמה וועט זאָגן אַזוי וועל איך אים פרעגן אַזוי, און אַז ער וועט ענטפערן אַזוי וועל איך אים ווידער פרעגן אַזוי. און אַזוי דער און אַזוי יענער און אַזוי יעדער איינער. צווישן די געקומענע קאָנסטו אויך זען ר׳ משה פּנחסן ווי ער זיצט אין בית־מדרש און נישטערט אין יענע סוגיות וואָס ר׳ שלמה האָט אָנגעגעבן.

איז זיך די גאַנצע שטאָט צוזאַמענגעקומען אין דער גרויסער שול, וואָס איז שוין געווען פול מיט מענטשן, וואָס זענען דאָרט געבליבן פון דאַווענען אין דער פרי. און אַז ר׳ שלמה איז אַרייַנגעקומען, מיט זיין פאָטער דעם גאון פון איין זייט און זיין פעטער דעם גאון פון דער אַנדע־רער זייט, האָבן זיך אין די אויגן פון כּמעט דער גאַנצער מאַסע מענטשן באַוויזן טרערן פון פרייד, וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו זען צוויי אַלטע גאונים, אין וועלכע די תורה האָט זיך מתלבש געווען אין אַ לבוש פון בשׂר־ודם. און אַזוי איז ר׳ שלמה געקומען, צוזאַמען מיט זיין פאָטער און פעטער, און מיט זיי נאָך רבנים און סתם לומדים, וואָס דער קלענסטער פון זיי וואָלט זיך היינט גערעכנט פאַרן גרעסטן גאון. האָט דער עולם זיי אויפגענומען מיט גרויס שׂימחה און מיט אַ הילכיקן ברוכים הבאים, ברוך בואכם, אַז די מעשענע לאָמפּן האָבן אַזש געציטערט.

יב

איז ר׳ שלמה אַרויפגעגאַנגען צום אָרון־קודש, זיך איינגעהילט אין אַ נייעם טלית און געמאַכט אַ שהחיינו. ער האָט געקושט דאָס פּרוכת און געזאָגט אין דער שטיל עטלעכע פּסוקים וואָס זענען אַ סגולה קעגן גאווה, און האָט אָנגעהויבן צו דרשענען מיט חריפות און בקיאות, מיט פּילפּול און מיט סברא. פערל האָבן זיך געשיט פון ר׳ שלמהס מויל, און אַפילו אין גוייִשן לשון האָט ער דאָך געקענט דרשענען, בפרט נאָך אין לשון־קודש אין וועלכן ער איז געווען אַרייַנגעטאָן דאָס גאַנצע לעבן. און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן האָבן אַלע אָנגעקוואָלן פון פרייד און האָבן

געזאָגט, ווײַל איז אונדז אַז מיר האָבן אַזאַ רב, און אַפֿילו פּראָסטע מענטשן האָבן געזען אַז דאָ ווערן גרויסע רייד גערעדט, און אַלע האָבן זיך געשפּיגלט אין אים. מ׳פֿאַרציילט, אַז איין קצב האָט פֿון גרויס התפּעלות געשריגן, איך בין גרייט מיך צו לאָזן שעכטן פֿאַר אונדזער נײַעם רב. די אַלע פּילפּול־לײַט וואָס זײַער קומען איז דאָך געווען כּדי צו פּילפּלען זיך מיטן רב האָבן די פּילפּולים אָפּגעלאָזט און זענען געשטאַנען דערציטערטע און דערשראָקענע און מורא געהאַט, חלילה, נישט צו פֿאַרלירן קיין וואָרט פֿון דעם וואָס ער רעדט.

און ר׳ שלמה שטייט אײַנגעהילט אין דעם נײַעם טלית מיט דער זילבערנער עטרה און זײַן פּנים פֿול מיט ענוות. און זײַן זינגענדיק קול גייט פֿון תּלמוד בבלי צום ירושלמי און פֿון ירושלמי צום אלפס און פֿון אלפס צום רמב״ם און פֿון רמב״ם צום רא״ש, פֿון די ראשונים צו די אחרונים און פֿון די אחרונים צו די ראשונים. אַלטע לערנערס פֿאַרציילן נאָך פֿון רבנים זקנים אַז בשעתו האָבן זיי געפּרוווט פֿאַרענטפֿערן ר׳ שלמהס אַ קשיא, אָבער דערנאָך אַז זיי האָבן געהערט ר׳ שלמהן האָבן זיי געזען אַז זייער תּירוץ לגבי זײַנעם איז ווי עסיק קעגן ווײַן. אויך פֿאַרציילן זיי, אַז בשעת דער דרשה האָט מען געזען טרערן אין די אויגן פֿון דעם אַלטיטשקן גאון ר׳ שלמהס פֿאָטער און מען האָט אויך געזען ווי טייל מאָל שאָקלט ר׳ שלמה מיטן קאָפּ צום פֿאָטער, און דער פֿאָטער ווײַזט אים אָן מיט דער האַנט צום אָרון־קודש. מאַנכע אויסטייטשערס האָבן געזאָגט, דער זון שאָקלט צום פֿאָטער ווי אײַנער זאָגט, טאַטע, אַלץ האָב איך פֿון דיר, און דער פֿאָטער ווײַזט צוריק אויפֿן אָרון־קודש, דײַן תּורה, זון מײַנער, איז פֿון דאָרטן.

יג

און ר׳ שלמה שטייט און דרשנט און זײַן קול איז ווי דאָס לויטערע קול פֿון דעם נאַכטיגאַל אין אַ זומערנאַכט. אין דעם הערט מען עפּעס אַ גראָב קול און מען זעט ווי אײַנער שטופּט זיך און שטופּט זיך און אַרבעט זיך אַדורך אַ וועג צווישן עולם ביז ער קומט צו צום אָרון־קודש. און אַז ער איז צוגעקומען צום אָרון־קודש דאָרט וווּ ר׳ שלמה איז געשטאַ־

נען, האָט ער זיך אַלץ מער געלאָזט הערן. ר׳ שלמה האָט איבערגעריסן די דרשה און האָט זיך איינגעהערט. אַז מען האָט געזען אַז ר׳ שלמה הערט זיך איין האָבן אַלע אויפגעשטעלט די אויערן און האָבן געהערט ווי יענער וואַרפט אום די גאַנצע דרשה מיט אַ בפירושער גמרא. זענען אַלע רויט געוואָרן פון בושה וואָס זיי האָבן אַליין פריִער נישט געזען די סתירה, און אַ טייל האָט זיך געדוכט אַז זיי האָבן יאָ געזען, נאָר אַז דאָס זיסע קול ר׳ שלמהס האָט זיי עפּעס ווי דעם שׂכל צוגענומען. בלויז דאָס פּראָסטע פאָלק האָט זיך געהאַלטן אין זייער רב ווי פריִער און זיי האָבן געזען אַז איינער וואַגט זיך צו שפּאַרן מיט אים האָבן זיי אים געוואָלט צערייסן אויף שטיקער. אָבער ער האָט נישט געזען נישט זיי און נישט זייער כּעס, איין זאַך בלויז האָט ער געזען אַז דאָ איצט האָט ער אַן אָרט אומצוּוואַרפן די אַלע חידושים פון דעם חריף און בקי און צו ווייזן אַז דאָ איז נישטאָ קיין חריפות און קיין בקיאות, נאָר בלויז פּוסטע פּילפּולים. און די מענטשן פון פּראָסטן המון האָבן זיך שוין געוואָרפן אויף אים און געוואָלט אים צערייסן ווי אַ פיש און אַרויסשליידערן.

יד

האָט ר׳ שלמה אַ קלאַפּ געטאָן אין עמוד און געזאָגט, לאָזט מיך הערן וואָס ר׳ משה פּנחס זאָגט. און באַלד געקוקט אויף אים מיט אַזאַ ליבן בליק און מיט אַ לייכטנדיקן פּנים און נאָך אַ מאָל געזאָגט, ר׳ משה פּנחס, זאָגט נאָך אַ מאָל איבער און כ׳וועל הערן, אפשר האָב איך נישט גוט געהערט. האָט ר׳ משה פּנחס איבערגעחזרט דאָס וואָס ער האָט פריִער געזאָגט און נאָך צוגעלייגט גראָבע ווערטער. און ר׳ שלמה האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף אים מיט ליבשאַפט, און עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געפרייט מיט זיין אייגן אומגליק. נאָך דעם אַז ר׳ משה פּנחס האָט פאַרענדיקט וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן האָט ר׳ שלמה געזאָגט, ר׳ משה פּנחס איר האָט נאָך עפּעס צו זאָגן? איז ר׳ משה פּנחס אַריין אין אַ כּעס און געשריגן מיט קולי קולות, ס׳איז אייך אַלץ נאָך ווייניק דאָס וואָס כ׳האָב געוויזן, אַז איר האָט אויפגעבויט בערג מיט פּילפּולים קעגן אַ בפירושער גמרא? כ׳האָב שוין צעבלאָזן דאָס זאַמד וואָס איר האָט געוואָלט שיטן מענטשן אין די אויגן אַריין.

האָט דער גאַנצער עולם געהאַט צער פון ר׳ שלמהס פאַרשעמונג און אַ טייל לומדים האָבן גערן געוואָלט אָפּענטפערן דעם פרעגער, אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס זיי זאָלן ענטפערן, ווייל זיי האָבן געזען אַז ער איז גערעכט, אַז ר׳ שלמה האָט זיך טועה געווען אין אַ בפירושער גמרא, און במילא איז זיין גאַנצע דרשה געבויט אויף אַ טעות.

האָט ר׳ שלמהס פעטער געגעבן אַ קלאַפּ אויפן עמוד און געזאָגט, איך וועל ענטפערן. האָט ר׳ שלמהס פאָטער געגעבן אַ קלאַפּ און געזאָגט, איך וועל ענטפערן. אָן ספק אַזביידע וואָלטן געקאָנט פאַרענטפערן ר׳ משה פינחסעס סתירות, ס׳איז אָבער יאָ אַ ספק צי די גמרא וואָלט פון דעם צופרידן געווען. פון גרויס ליבשאַפט צו ר׳ שלמהן האָבן זיי נישט דערזען אַ פשוטע גמרא, און האָבן אים געוואָלט אַרויסדרייען מיט פּילפּולים. האָט ר׳ שלמה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, דאָ צום פאָטער, דאָ צום פעטער און געזאָגט, מיט אייער רשות וועל איך אַליין ענטפערן. האָט ר׳ משה פּנחס זיך צעלאַכט און געזאָגט, נישט בלויז וואָס ער איז זיך נישט מודה, נאָר ער גייט נאָך ווייטער עוסק זיין אין פאַלשע זאַכן.

האָט ר׳ שלמה האַלב פאַרמאַכט זיינע צוויי ליכטיקע אויגן און געזאָגט, אין פלוג האָט איר דאָך געפרעגט אַ האַרבע קשיא פון דער גמרא און אין פלוג זעט עס דאָך אויס אַז דערויף איז גאָרנישט דאָ וואָס צו ענטפערן, נאָר אויב אָבער איר וואָלט גוט אַכטונג געגעבן וואָלט איר געזען אַז די גירסא איז דאָרט אַ פאַרגרייזטע, און אויף דעם האָבן שוין אָנגעוויזן צוויי גרויסע גדולים דער מרש״ל און דער ב״ח און האָבן עס מתקן געווען לויט דער גירסא פון רי״ף און אַלץ וואָס איך האָב געזאָגט האָב איך געזאָגט לויט דער ריכטיקער גירסא, וואָס דאָס רוב פּוסקים בויען אויף איר די הלכה. און דאָ האָט ר׳ שלמה אָנגעהויבן צו גיין פון פּוסק צו פּוסק ביז דעם פּסק פון דער הלכה. אין דעם מאָמענט איז ר׳ משה פּנחס געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד און ער האָט גאָרנישט געענטפערט, וואָרן וואָס האָט ער געקאָנט ענטפערן אַז ר׳ שלמה איז גערעכט. ר׳ משה פּנחס איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און ר׳ שלמה איז צוריק אַריין אין זיין דרשה. ר׳ משה פּנחס האָט מיט כּוח געגעבן אַ קלאַפּ מיטן פוס אין דיל, אַז די שטיינער האָבן אָפּגעהילכט, און געשריגן, פאַניע האַראָוויץ, ווייל איז אייך אַז מיט אייער געלט האָט איר געקאָנט קויפן די איבערגעזעענע ספרים. און פון

דעסטוועגן זענען אַלע אייערע חידושים נישט ווערט קיין גראָשן און די גאַנצע דרשה איז פּוסט און ליידיק. און באַלד האָט ר׳ שלמה פּנחס גענומען אומלייגן אַלץ וואָס ר׳ שלמה האָט געזאָגט, אַלץ, נישט איבערגעלאָזט קיין שטיקל, און די אַלע גדולי־התּורה וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען זענען געשטאַנען אין איין וווּנדער אויף דעם מענטש, פון וואַנען ס׳דערנעמט זיך אַזאַ כּוח צו אים, און זיי, די גרעסטע לערנערס האָבן נישט געוווּסט ווו זיי קומען אַהין. האָט ר׳ שלמה אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און געזאָגט געלאַסן, גרויס איז אייער בקיאות, גרויס איז אייער חריפות, נאָר זאָגט אַליין פּאַסט עס פאַר אַן אמתן תּלמיד־חכם אַזוי צו פאַרדרייען די תּורה? מיר ביידע וויסן דאָך אַז עס שטעקט ממש גאָרנישט אין די סתּירות מיט וועלכע איר ווילט אומוואַרפן מיינע רייד. און דאָ האָט ר׳ שלמה אָפּגעוואָנדן איין זאַך נאָך דער צווייטער און ער האָט נישט איבער־געלאָזט קיין איינע פון ר׳ משה פּנחסעס סתּירות וואָס ער האָט זי נישט פאַרענטפערט. איז ר׳ משה פּנחס אַריין אין אַ גרויסן כּעס און געטאָן אַ שפּרונג אין דער לופט און געשריגן, אויב אַזוי וועל איך אייך אַנדערש פרעגן. און באַלד האָט ער זיך פאַרנומען צו אַן אַנדערער זייט פון דער דרשה, און ער האָט אָנגעהויבן אומצוּוואַרפן איין חידוש נאָכן צווייטן, אַ חידוש דאָ און אַ חידוש דאָרט, ביז ס׳איז קיין איין גאַנצע זאַך נישט געבליבן. האָט זיך ר׳ שלמהס פּנים פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן און ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, ווי אַ העלד אין קאַמף וואָס איז געטראָפן געוואָרן אין אַזאַ אבר אין וועלכן די נשמה הענגט און מען האָט אַלע כּלי־זין פון אים אַראָפּגענומען.

און אַלע האָבן שוין געמיינט אַז ר׳ שלמה האָט קיין כּוח נישט מער און קאָן זיך שוין מער נישט אַנטקעגנשטעלן דעם וואָס איז שטאַרקער פון אים. און ר׳ שלמה האָט שווער אָפּגעזיפצט און געקוקט אויף ר׳ משה פּנחסן אָן אַ שום געפיל פון שׂינאה. אַדרבא, מ׳האָט געזען אַז ער האָט רחמנות אויף אים. הגם מ׳האָט אויף אים אַליין געברויכט צו האָבן רחמנות, וואָרן ר׳ משה פּנחס האָט אים פאַר גאַנץ קהל אין די אויגן אויסגעשטעלט ווי אַ חדר־ייִנגל. ר׳ שלמה האָט זיך אַ וויש געטאָן דעם שטערן און געזאָגט טרויעריק, וואָס קאָן דען אַ מענטש אַ חריף נישט טאָן מיט חריפות, אָבער וואָס וועט איר ענטפערן פאַרן יום־הדין? האָט ר׳ משה פּנחס געלאַכט און

געזאָגט, האָט אים גאָר ס׳חסידות אָנגעכאַפּט, איך רעד צו אים תּורה און ער ענטפערט מיט יִראת־שמים. אויב איר האָט עפּעס צו ענטפערן אויף מײַנע רייד, ענטפערט, און אויב נישט טאָ זײַט אײַך מודה פאַרן גאַנצן עולם אַז אײַער דרשה איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. האָבן כּמעט דער גאַנצער עולם אָנגעהויבן צו שרײַען אויף ר׳ משה פּנחסן. איין אַלטער לערנער, אַ תּקיף, האָט זיך אויף זיי אָנגעבייזערט, און געזאָגט, אַז תּלמידי־חכמים שפּאַרן זיך אין תּורה, וואָס פאַרא געשעפּטן האָט איר דאָ? האָט ר׳ שלמה אויסגעדרייט זיך צום אָרון־קודש און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן פּרוכת. האָבן אַלע געמיינט אַז ער גייט אַראָפּגיין. פּלוצלינג האָט ער זיך אויסגעדרייט צוריק צום עולם און דער גאַנצער עולם האָט געזען אַז ער איז געוואָרן מיט אַ קאָפּ העכער. האָט ר׳ שלמה געזאָגט, מיט אײַער רשות, רבותי, וועל איך איבערזאָגן דעם עיקר פון מײַן דרשה און איר וועט הערן צי מײַנע רייד זענען אמת. האָט ר׳ שלמה בקיצור איבערגעחזרט דעם תּמצית פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט און באַקרעפטיקט עס מיט נײַע ראיות ביז עס האָבן אויפגעלויכטן די פּנימער פון אַלע לומדים און זיי האָבן געזאָגט, יאָ, יאָ. און זיי האָבן שוין פאַרגעסן אין ר׳ משה פּנחסן מיט אַלע קשיות זײַנע. אין דער זעלבער צײַט האָט דאָס פראָסטע פאָלק אים אָנגעקוקט מיט בייזע בליקן און האָבן אים שיִער נישט געוואָלט שלאָגן. ר׳ משה פּנחס האָט געקוקט אויף זיי מיט שרעקלעכן ביטול, הגם ס׳איז אים געגאַנגען אין לעבן זיי צו ווײַזן אַז זייער רבּ קען נישט לערנען. און אַז ר׳ משה פּנחס האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, האָבן אַלע אָנגעהויבן שרײַען, גענוג, גענוג, שוין גענוג געהערט. און אַז ער האָט אָנגעהויבן הויך צו רעדן, האָבן זיי אים אַלע פאַרשריגן, וואָרפט אים אַרויס, אַרויס פון דאַנען.

באַלד, נאָך ביים אָנהייב, ווען ר׳ משה פּנחס האָט גערופן ר׳ שלמהן, פּאַניע האַראָוויץ, איז דער גאַנצער עולם אויפגעציטערט געוואָרן, ווײַל זיי האָבן נאָך קיין מאָל נישט געהערט אַז אַ ייִד אַ בן־תּורה זאָל אָנרופן אַ תּלמיד־חכם, בפרט נאָך אין אַ מקום־קדוש, מיט עפּעס אַ גוייִשן נאָמען. דער אַלטער, גרייז־גראָער גאון איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט אים אָפּגעשייגעצט, דרך ארץ. און דער גאַנצער המון האָט געשריגן, עז־פּנים, מחוצף. ר׳ משה פּנחס האָט זיך פון דעם אַלעם גאָרנישט געמאַכט נאָר אָנגעשטעלט זײַן בליק אויף ר׳ שלמהן צו קאָנען פּינקטלעך אָנטרעפן

מיט דער באַליידיקונג. און ווען נישט ר' שלמה וואָלט מען אים אַרויס־געוואָרפן פון שול. איצט האָט אַפילו ר' שלמה דעם עולם נישט געקאָנט איינשטילן. און אַז ר' משה פנחס האָט געזען אַז מען לאָזט אים נישט רעדן און אַז עס דראָט אים נאָך דאָ אַ סכנה האָט ער אויסגעדרייט דעם האַלדז און אָנגעהויבן זיך אַרויסשטופּן פון עולם. און ווען נישט ר' שלמהס גוטע אויגן וואָלט ער קיין גאַנצער פון דאָרט נישט אַרויס. ר' שלמה איז צוריק צו דער דרשה און ר' משה פנחס איז צוריקגעגאַנגען אַהיים. און מער נאָך ווי דאָס עגמת־נפש, וואָס ער האָט געהאַט פון דעם וואָס עס איז אים נישט געלונגען אומצוּוואַרפן ר' שלמהס דרשה, האָט ער געליטן פון ר' שלמהס גוטן שמייכל, און פון זיין פריינדלעכקייט צו אים די גאַנצע צייט.

טו

אַז ר' משה פנחס איז אַהיימגעקומען איז ער אַריין אין בית־מדרש און גענומען אַן הויפן ספרים, און יעדעס ספר האָט אים געוויזן אַז ר' שלמה איז גערעכט. און אַז ס'איז אים געקומען אין דער האַנט אַריין אַ ספר וואָס האָט אים געגעבן גערעכט איז ער נישט צופרידן געווען, ווייל ער איז דאָך נישט אויסן געווען קיין פּוסטע חריפותן, ווי יענע פּילפּול־לייט וואָס קאָנען מאַכן פון ווייס שוואַרץ און פון שוואַרץ ווייס. האָט ר' משה פנחס גרויס צער געהאַט דערפון, וואָס ער וויל זיך אַליין פאַרפירן אין דער צייט ווען ער ווייס דעם אמת. איז אין אים אַריין אַן עצבות און אַ מרה־שחורה. און אַז ער האָט גובר געווען די מרה־שחורה און האָט צוריק אָנגעהויבן לערנען, איז אים אַוועקגענומען געוואָרן די פרייד פון דער תורה. ער האָט געטראַכט וואָס איז די נפקא־מינה צי איך לערן יאָ צי איך לערן נישט, אַז כ'האָב קיין הנאה נישט פון לערנען. האָט ער אָנגעהויבן אַריינקלערן אין זיך. האָט ער זיך דערמאָנט די מאַמע. האָט ער זיך אָנגעהויבן שטראָפן, איצט אַז איך דאַרף זי נישט האָב איך זי פאַרגעסן. האָט ער געזיפצט און געזאָגט, כ'וועל זי גיין זען. האָט ער גענומען דעם טלית און תפילין און געגאַנגען מקיים זיין די מיצווה פון כיבוד אָם.

די מוטער זיינע האָט זיך שטאַרק געעלטערט, אָבער איר לעבן האָט זיך קנאַפּ וואָס געענדערט. פאַר טאָג, מיטן קריי פון האָן, איז זי אויפגעשטאַנען

און געוואַשן זיך די הענט און דאָס פּנים בײַ די קאַרעטעס וואַסער נעבן דער אַלטער מיל, און אָנגעטרונקען די הינער, און נאָכגעקוקט װעלכע הון עס האָט געלייגט אַן איי. דערנאָך האָט זי געגעבן צו עסן דער קאַץ. דערנאָך האָט זי אויפגערודערט דעם שטרוי־שעניק און געזאָגט, נעכטן ביסטו געווען לייכט און היינט ביסטו שווער, היינט ליגסטו אויף מײַן בעט און איך ליג אויף דיר, מאָרגן וועט מען מיט דיר אײַנהייצן דאָס גיהנום צו פאַרברענען מײַנע ביינער. נאָכן צובעטן דאָס בעט האָט זי זיך אָװעקגעזעצט דאַווענען. אַז זי האָט געענדיקט דאַווענען האָט זי זיך געוואַשן צום עסן און געגעסן אַ שטיקל ברויט געווייקט אין וואַסער, כּדי נישט צו פיל צו באַלעסטיקן די צוויי פּיצלעך ציין וואָס זי האָט נאָך געהאַט אין מויל, וואָס זי מוז זיי האָבן אויף צו עסן אַ כּזית מצה אין פּסח. אָפּגעגעסן און געבענטשט איז זי געזעסן און געקלערט וואָס ווייטער צו טאָן. איז געווען עמעצן צו העלפן אין דאָרף איז זי געגאַנגען העלפן. איז נישט געווען קיינעם צו העלפן איז זי אַרײַנגעגאַנגען צו אַ שכנטע און אויסגעטוישט אַן איי אויף אַ גלאָז מילך אָדער אַ לעפל גרויפּן זי זאָל האָבן אויף נאָכט־עסן וואָס זי האָט געגעסן ווען ס׳איז נאָך געווען טאָג, וואָרן זינט איר מאַן איז געשטאָרבן און משה פּנחס וווינט אין שטאָט צינדט זי קיין מאָל נישט אָן קיין ליכט חוץ שבת און יום־טוב. נאָכן אָפּעסן און בענטשן נעמט זי אַרויס די תּכריכים און לייגט זיי אַנידער נעבן בעט און לייענט קריאת־שמע.

טז

אַז משה פּנחס איז אָנגעקומען צו דער מוטער איז זי געזעסן פאַר דער טיר און צעשניטן עפּל צו לאָזן זיי אויסטריקענען אויף דער זון. אַז זי האָט אים דערזען האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס מעסער, אַראָפּגעלאָזט דאָס שערצל און זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און געזאָגט, כ׳ווייס נישט וואָס כ׳האָב מיך עפּעס גענומען צו די עפּל. האָב איך נישט אַ מאָל שוין געגעסן צו פיל אויף דער וועלט? אוי, משה פּנחס, וויפל טעג און וואָכן און חדשים כ׳האָב דיך שוין נישט געזען. האָט משה פּנחס געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט, און איך דיך? האָט די מוטער געזען אַז ער איז טרויעריק און זי זאָגט, איז חס־ושלום עפּעס אַן אומגליק געשען? זאָגט ר׳ משה פּנחס, וואָס

עפּעס? זאָגט זי, ווען כ׳וואָלט דאָ געהאַט אַ שפּיגל, וואָלט איך דיר געוויזן ווי דו זעסט אויס, שוואַרץ־פּינצטער. וואָס, האָסט עפּעס יסורים פון דיין ווייב, פון שווער אָדער פון דער שוויגער? זאָגט ער, כ׳האָב נישט קיין צער און קיין יסורים, נישט פון ווייב, נישט פון שווער און נישט פון דער שוויגער. זאָגט די מאַמע, דו זעסט איצט אויס ווי דיין טאַטע, זאָל לויפן בעטן, דעמאָלט ווען ס׳איז געקומען עפּעס אַ לאָבוז פון שטאָט און געוואָלט אויפשטעלן אַ פּאַראָווע מיל. אַז דו וועסט צוקומען צום טייך, שפּיגל דיך איין אין וואַסער און וועסט זען ווי דו זעסט אויס. האָסט עפּעס אַ שונא, מיין קינד? זאָג מיר ווי ער הייסט און ווי זיין מאַמע הייסט. זאָגט ר׳ משה פּנחס, וואָס ווילסטו עפּעס וויסן ווי ער הייסט און ווי זיין מאַמע הייסט? זאָגט די אַלטע, געדענקסט מיין זון, דעם מיקיטאַ וואָס האָט צוגעגנבעט אַ מילשטיין? דער ערל איז געגאַנגען אויף די קברים פון זייערע הייליקע און איז צוריקגעקומען פון דאָרט ממש פייער און שוועבל, און אַז ער פאַרשעלט אַ מענטש מיט זיין נאָמען און זיין מאַמעס נאָמען ווערט פון אים אַש און בלאָטע. זאָג מיר מיין קינד ווי דיין שונא הייסט און ווי זיין מאַמע הייסט וועל איך גיין צו מיקיטען. האָט ר׳ משה פּנחס דאָס געהערט און איז אויפגעציטערט געוואָרן. אַז די מאַמע האָט אָבער נישט אויפגעהערט, האָט ער איר געזאָגט, יענער מענטש וואָס איך האָב אים פיינט, ער זוכט מיין גוטס. זאָגט די מאַמע, ער וויל דיין גוטס, טאָ וואָס ווידער האָסטו אים פיינט? זאָגט ר׳ משה פּנחס, איך האָב אים פיינט ווייל ער ברענגט מיך צו דער מיאוסער מידה פון שינאה. זאָגט די אַלטע, כ׳פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט. זאָגט ער, איך פאַרשטיי אויך נישט, נאָר אַזוי איז עס און כ׳קאָן עס נישט געבן צו פאַרשטיין. האָב נישט קיין עגמת נפש, מאַמע, דער אייבערשטער וועט מיר העלפן. זאָגט די אַלטע, דער אייבערשטער וועט דיר זיכער העלפן, וואָרן ווענען דען זאָל ער העלפן אויב נישט דיר? דו לערנסט דאָך זיין תורה. איז משה פּנחס רויט געוואָרן און האָט געזאָגט, איך לערן דען? איך גיי אַרום ליידיק און רעד נאַרישקייטן. לאָז מיך, מאַמע, כ׳וועל צוריקגיין אין בית־מדרש אַריין, אפשר וועט זיך גאָט מרחם זיין.

נאָך דעם אַז ער האָט עפּעס אָפּגעגעסן איז ער צוריקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין און זיך צוריק גענומען צום לערנען. ער האָט זיך, פון

דעמאָלט אָן, ממש פון בית־מדרש נישט אַרויסגערירט, און דאָרט אַהין האָט מען אים געברענגט צו עסן. און ווען נישט וואָס דער שמש דערמאָנט אים אַז ער דאַרף מאַכן קידוש און גיין עסן וואָלט ער אַפילו שבת נישט אַהיימ־געקומען. אַזוי איז ער געוואָרן אַריינגעטאָן אין לערנען. די אַלטע לייט פון בית־מדרש האָבן געפלעגט זאָגן, אויב עמעצער וויל זען ווי איינער שטאַרבט אין געצעלט פון דער תּורה, זאָל ער אָנקוקן ר׳ משה פּנחסן.

יז

איין מאָל איז ר׳ משה פּנחס פאַרשווונדן פון שטאָט. האָט מען געמיינט ער איז געגאַנגען צו דער מוטער, לסוף האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז געפאָרן צו זיין ערשטן רבי ר׳ גבריאל רייניש דער בעל הורה גבר אויפן יורה דעה. וואָס איז ער עפּעס געפאָרן צום רבין? וועלן מיר הערן ווייטער. אַז ער איז געקומען צום רבין, האָט ער אים געטראָפן ליגן אין בעט און ער קוקט אַריין אין אַ ספר. זאָגט ער, דער רבי איז קראַנק? זאָגט ער, וואָס? זאָגט ער, ווייל איך זע איר ליגט אין בעט. זאָגט ער, כ׳בין אַן אַלטער מענטש און ס׳איז נישט כדאַי כ׳זאָל מיר מאַכן נייע מלבושים, ליג איך דעריבער אין בעט, אַז די מלבושים וואָס איך טראָג זאָלן זיך מיר נישט אָפּרייבן. דריי דיך אויס וועל איך מיך אָנטאָן. האָט דער זקן זיך אָנגעטאָן און אויפגעשטעלט זיך אין דער גאַנצער הייך. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט געזאָגט פאַר זיין תּלמיד גרויסע און וווּנדער־לעכע חידושים, וואָס בלויז אַן עוקץ וואָלט גענוג געווען פאַר הייַנטיקע רבנים צו מאַכן דיקע ספרים. און צום סוף האָט ער אָנגעהויבן אַריינלערנען אין דעם נאָמען פון דער שטאָט אין וועלכער ער האָט געוואָלט ווערן רב, און מיט גרויס חריפות און בקיאות האָט ער אַרויסגעברענגט עטלעכע ספקות צי מען מעג דאָרט מסדר זיין אַ גט. און אַזוי רעדנדיק האָט ער געקוקט אויפן תּלמיד און געזען אַז עס איז נישטאָ אין אים קיין שׂימחה, און ס׳איז דאָך אָבער פּקודי ה׳ ישרים משׂמחי לב, די תּורה מאַכט דאָך אַ מענטש אויפגעלייגט. זאָגט ער אים, דו זיצסט ווי דו וואָלסט אויסגעהערט אַ שאלה פון ביצה בכותח. ווייסט משה פּנחס, מען דאַרף דיך שיקן אין חדר אַריין. האָט ר׳ משה פּנחס אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט, אויף

דעם בין איך דאָך געקומען. איז דעם רב געוואָרן אַ גרויס רחמנות אויפן תּלמיד און ער האָט געזאָגט, קינד מיינס, וואָס האָט דיך אַהער געבראַכט? האָט ר׳ משה פּנחס שטיל געענטפערט, ווי איז מיר, רבי, כ׳בין אַראָפּ פון גלייכן וועג. זאָגט דער אַלטער, די תּורה באַשיצט, די תּורה איז אַ רעטונג. זאָגט ר׳ משה פּנחס, ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז מען לערנט תּורה צוליבן אמת פון דער תּורה. זאָגט אים דער אַלטער, אַ מענטש וואָס האָט געלערנט מיט מיר איז עס מעגלעך חס־ושלום אַז ער לערנט נישט צוליבן אמת פון דער תּורה? זיפצט ר׳ משה פּנחס און זאָגט, וואָס זאָל איך רעדן און וואָס זאָל איך זאָגן, פאַראַן זאַכן וואָס איך ווייס אַז זיי זענען אמת און פון דעסטוועגן אַרבעט איך אַריין כדי צו פאַרדרייען זיי. זאָגט אים זיין רבי, דו דאַרפסט אויסגלייכן דיין האַרץ מיט מוסר־ספרים, ווי דער קו הישר און דער שבט מוסר. זאָגט ר׳ משה פּנחס, גאָט קוקט נישט אַריין אין די קליינע ספרימלעך. שמייכלט דער אַלטער און זאָגט, נו אויב אַזוי לאָמיר זיך נעמען צו די גרויסע ספרים. און באַלד לאָזט ער זיך אַריין אין ספרא און אין ספרי און מכילתא און תּוספתא און אין גאַנץ ש״ס, ביז די שטוב איז געוואָרן גרויס ווי אַ ריזיקער פּאַלאַץ, און נישט געווען קיין זאַך וואָס ר׳ משה פּנחס זאָל עס נישט דורכרעדן, און נישט געווען קיין איין הלכה וואָס ר׳ משה פּנחס האָט נישט אַרויסגעדרונגען פון איר דעם סאַמע ריינסטן און ריכטיקסטן דין. נאָך דריי טעג ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט צו געזעגענען מיטן רבי, זאָגט אים דער רבי, איך בין שוין דריי און זיבעציק יאָר אַלט און כ׳האָב נאָך קיין מאָל נישט זוכה געווען צו האָבן אַזעלכע דריי גוטע טעג, ווי די טעג. זעץ זיך אַנידער און כ׳וועל דיר אָנשרייבן אַ כתב היתר־הוראה. כאָטש איך בין אַ רב אין אַ קליין שטעטל, קען מען מיך אָבער און מען ווייס אַז מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף מיין סמיכה, וואָרן איך בין אַ מוסמך פון דעם ביטשאַטשער רב, דעם גאון ר׳ הערשעלע קרא, וואָס רבנו משולם איגרא האָט אויף אים געזאָגט, „ער איז אַ געקאָוועטער מורה־הוראה״. האָט דער אַלטער גענומען בלויז אַ בייגעלע פּאַפּיר און ער האָט אָנגעשריבן יורה יורה ידין ידין און געגעבן דאָס כתב דעם תּלמיד אין דער האַנט אַריין און געזאָגט, נאַ דיר אַ קמיע קעגן מרה־שחורה. דער אַלטער האָט געקוקט אויף ר׳ משה פּנחסן און געזאָגט די מענטשן פון שטוב, מיט דעם תּלמיד וועל איך מיך נישט האָבן וואָס צו

שעמען אין דער ישיבה של מעלה. איז ר׳ משה פנחס צוריקגעגאַנגען אין זיין שטאָט אַריין און זיך צוריק גענומען צום לערנען.

יח

וואָס האָבן מיר דען צו פאַרציילן אַזעלכעס וואָס מיר האָבן נאָך נישט פאַרציילט. ר׳ משה פנחס איז צוריק אַהיימגעפאָרן און זיך גענומען צום לערנען און זיך באַמיט נישט צו טראַכטן וועגן יענער זאַך, און ווידער איז ער געזעסן און געלערנט אויף זיין שטייגער ווי אַמאָל. דער גאָון בעל הורה גבר, וואָס האָט ליב געהאַט זיין תּלמיד און זיך געגרייסט מיט אים, האָט פאַרציילט יעדן איינעם אַז ער האָט ר׳ משה פנחסן געגעבן אַ היתּר־הוראה. און אין יענעם דור האָבן רבנים געגעבן סמיכה בלויז אַזאַ איינעם וואָס איז מיט זיין לערנען און מיט זיין קענען באמת ראוי געווען דערצו. איז דאָס דערגאַנגען צו ר׳ משה פּנחסעס שווער. זאָגט ער צום איידעם, מילא, איצט זיצסטו ביי מיין טיש און וואָס איך עס, עסט דו, וואָס וועסטו אָבער טאָן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז איך וועל שטאַרבן ? אפשר איז כדאי זאָלסט זיך משתּדל זיין וועגן אַ רבנות. האָט ר׳ משה פּנחס אַ דריי געטאָן מיט דער פלייצע אויף נישט. אַז דער שווער זיינער האָט נאָך אַמאָל געפרווּווט רעדן מיט אים האָט ר׳ משה פּנחס געזאָגט, אויב דער שווער וועט מיר פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט נאַרישקייטן וועל איך ווערן אַן עם־הארץ. האָט ר׳ מאירטשע אָפּגעזיפצט און נעבעך אַוועקגעגאַנגען אַ פאַרקלעמטער.

יט

גאָט מאַכט לעבעדיקע טויט און טויטע מאַכט ער לעבן. דעם מאַכט ער אויס פאַר אַ קעניג און אַן אַנדערן מאַכט ער אויף זיין אָרט. אין יענער צייט איז ר׳ שלמהס פאָטער ניפטר געוואָרן. נאָך דעם אַז מען האָט דעם גרויסן גאָון געטאָן זיין רעכט און אים מספּיד געווען, איז זיך קהל צוזאַמענגעקומען און באַשטימט ר׳ שלמהן אויף זיין אָרט. נאָך דער שיבעה איז ר׳ שלמה אַהיימגעפאָרן ברענגען זיין ווייב און קינדער. האָט אים די שטאָט געפרעגט, רבי, וועמען זאָל מען נעמען פאַר רב אויף אייער אָרט ?

האָט ער געענטפערט, איר געדענקט, ווען איך האָב געהאַלטן מיין ערשטע דרשה און יענער תּלמיד־חכם האָט געוואָלט סותר זיין מיינע רייד, איז זאָג איך אייך אַז קיין בעסערן רב פון אים קאָנט איר נישט האָבן, האָבן די חשובע לייט געהערט און זיך שטאַרק געוווּנדערט, ס׳טייטש, יענער וואָס האָט אים אַזוי פאַרשעמט פאַר אַלעמענס אויגן און אים פּשוט מבזה געווען איז ער גאָר זיך משתּדל פאַר אים. האָט ר׳ שלמה זיך אָנגענומען ביי דער באָרד און געזאָגט, איר זאָלט וויסן זיין רבותי אַז דער ר׳ משה פּנחס איז אַ גדול בתּורה ווי איינער פון די ראשונים, און אַפילו אין דער זאַך אין וועלכער ער האָט מיך געוואָלט אָפּוועגדן האָט מען געקאָנט זען זיין גרויסקייט, נאָר מיר איז זכות־אָבות בייגעשטאַנען וואָס ער האָט געלערנט פון אַ פאַרגרייזטן ספר און אַזוי אַרום איז ער געקומען צו אַ טעות, און אַז אַ מענטש לאָזט זיך פירן פון איין טעות שלעפּט עס אים אַריין אין אַ סך טעותים. און זיכער האָט ער די טעותים זיינע שוין איינגעזען. פאַרט אַהין צו אים, וואָרן די זאַך פּאַסט פאַר אים און ער איז דער ריכטיקער מענטש. און אויך די תּורה הקדושה וועט זיך פרייען, וואָס איינער פון אירע זין זיצט אויף איר שטול.

כ

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און צוויי געוויסע מענטשן זענען געקו־מען צו אונדז אין שטאָט אַריין, און געהאַט מיט זיך אַ כּתב־רבנות פאַר מורנו הרב אשכּול השלמות כּליל התּורה וכן כּבוד שמו תּפארתּו הגאון ר׳ משה פּנחס יצ״ו. זיי זענען פאַרפאָרן צו דער אכסניא, אַריינגעגאַנגען, זיך אָפּגעוואַשן און איבערגעטאָן און געגאַנגען צו ר׳ משה פּנחסן. זיין ווייב שיינדל איז דעמאָלט געווען אויף דער מילכבאַנק און געזייגט ס׳קינד. נעבן איר שטייט איר מוטער עלקע און קוקט אויפן קינד וואָס איז קלענער פון זיינע יאָרן און טרויעריק ווי אַ גרויסער. אויך שיינדל איז געווען טרויעריק, צוליב זיך אַליין און צוליב די קינדער אירע, וואָס אַז איינס גייט אַרויס פון בעט גייט דאָס אַנדערע אַריין. אין איר גרויס פאַרביטערטקייט האָט זי זיך די יאָרן פאַרשאָלטן און געזאָגט, הלוואַי וואָלט זי בעסער נישט געבוירן געוואָרן. נעבן איר אויף דער ערד ליגט די קאַץ און באַלעקט זיך

די פּעל. זאָגט עלקע, די קאַץ וואַשט זיך. איז שיינדל בייז געוואָרן און זאָגט, נו, וואָס האָסטו מיר דאָ אויפגעטאָן? זאָגט עלקע, אַז די קאַץ וואַשט זיך איז אַ סימן אַז געסט קומען. זאָגט שיינדל, צו וועמען זאָלן דאָ קומען געסט אַז קיין בעלעבאָס איז דאָ נישטאָ. חלילה, כ׳האָב גאָרנישט צו משה פּנחסן וואָס ער זיצט אין בית־מדרש. ווו דען זאָל ער זיצן? אפשר דאָ אין דעם מושב? נאָר איין זאַך זאָג איך דיר, מאַמע, איך האָב שוין מער נישט קיין כּוח אויסצוהאַלטן און כ׳ווייס נישט וואָס דער מלאך־המוות באַלע־מוטשעט און נעמט מיר נישט צו מיין לעבן. כ׳קוק אים אויס צען מאָל אַ טאָג. וואָס איז דאָס, עפּעס אין די אויגן רייסט מיך אַ גאַנצן טאָג. פרעגט עלקע, וועלכעס אויג, ס׳רעכטע אָדער ס׳לינקע? זאָגט שיינדל, אוי, אַ מאָד־נער מענטש ביסטו מאַמע, וואָס איז די נפקא־מינה וועלכעס אויג? זאָגט עלקע, ס׳איז אַ גרויסע נפקא־מינה, אויב ס׳איז ס׳לינקע איז אַ סימן אַז געסט קומען. זאָגט שיינדל, זעסטו מאַמע, דווקא דאָס רעכטע אויג רייסט מיך. און שוין, אויס געסט, נאָר גלאַט רעדסטו נאַרישקייטן. כ׳מוז מיך נעמען עפּעס אָפּצוקאָכן. דאָ ברענט אַ לײדיק פייער, די דיניצע קאָכט און איך זיץ ווי שבת נאָכן טשאָלנט.

כא

דערווייל זענען די צוויי חשובע לייט אַרויס אין גאַס. האָבן זיי אָפּגע־שטעלט אַ מיידעלע און געפרעגט, ווו וווינט דאָ ר׳ משה פּנחס? קומט דאָס מיידעלע אַהיים צו לויפן מיט אַ גרויס געפילדער און שרייט, מאַמעשי, מאַמעשי, צוויי ייִדן פרעגן זיך אויפן טאַטעשי. אוי מאַמעשי, ווען דו זעסט ווי זיי גייען אָנגעטאָן, ווי מען פאָרט אויף אַ חתונה. האָט שיינדל זיך צעשריגן איבער איר, וואָס שרייסטו וואָס, מיינסט כ׳בין טויב? נו גוט, נו פרעגן זיי זיך. זאָגט דאָס מיידעלע, מאַמעשי, מאַמעשי, כ׳זאָל אַזוי לעבן ווי כ׳זאָג נישט קיין ליגנט. צוויי הויכע ייִדן אָנגעטאָן ווי מחותנים זענען געקומען און האָבן מיך געפרעגט, ווו וווינט דאָ ר׳ משה פּנחס? זאָגט שיינדל צו דער מאַמע, זע נאָר ווי דאָס קוויטשעט, ווי דאָס שרייט, זי הערט גאָר נישט אויף. האָט דאָס מיידעלע זיך צעוויינט און פון געוויין אַרויס געענטפערט, איך שריי נישט, איך זאָג דעם אמת, איך

זאָג דעם אמת. זאָגט שיינדל, אָדער דו וועסט אויפהערן אָדער גיי מיר אוועק פון די אויגן. איך קאָן נישט פאַרנעמען די געשרייען מיט די געוואָלדן. אוי, כ׳וואָלט אַנטלאָפן ווו די אויגן טראָגן מיך. ווי קאָן מען דאָ לעבן, ווי קאָן מען דאָ אויסהאַלטן אין אַ שטוב ווו מען האַלט אין איין וויינען.

איז עלקע אַרויסגעגאַנגען און האָט געזען צוויי חשובע ייִדן אָנגעטאָן אין שיינע מלבושים. אַזעלכע געסט אין אַזעלכע מלבושים זעט מען נישט ביי אונדז אין שטאָט אַלע טאָג. האָט זי צו זיי געזאָגט, קומט ווייטער, קומט אַריין. דאָ וווינט ר׳ משה פּנחס. ר׳ משה פּנחס איז נישטאָ אין דער היים. איר וועט אַ ביסל צווואַרטן וועל איך שיקן דאָס מיידל נאָך אים. זענען די געסט אַריינגעקומען אין שטוב און זיך אַוועקגעזעצט. זאָגט שיינדל צו דער מוטער, מאַמע, גיב אַכטונג אויפן קינד וועל איך גיין אים רופן, אַז זי׳ וועט אים רופן וועט ער נישט וועלן גיין. האָט זי זיך אַרומגענומען מיטן טיכל און געגאַנגען אין בית־מדרש אַריין. עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז זי צוריק געקומען מיט איר מאַן. האָט ר׳ משה פּנחס געגעבן שלום די געסט און זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט גענומען דאָס זאַלצמעסטל וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש און עס געררוקט פון איין אָרט אויפן אַנדערן, וווּנדערנדיק זיך נאָך וואָס די מענטשן זענען געקומען און וואָס זיי ווילן פון אים. האָט זיך איינער פון זיי אויפגעשטעלט פון שטול און געזאָגט, רבי, מיר זענען געקומען כּדי... ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן און ער האָט אַרויסגענומען דאָס כּתב־רבנות און עס געגעבן ר׳ משה פּנחסן. האָט ר׳ משה פּנחס עס אַדורכגעלייענט און אָנגענומען. האָט די שוויגער זיינע געהערט און געשיקט נאָכן מאַן. איז ער באַלד געקומען. מען האָט געברענגט פריש וואַסער פון דער ברונע און מען האָט געברענגט איינגעמאַכטס פון רויזן, די געסט זאָלן זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ.

זענען די שליחים געזעסן מיט זייער רב ביז עס איז געקומען זמן מינחה. דערווייל זענען זיך צוזאַמענגעקומען באַלעבאַטים און געגעבן שלום די געסט און געווינטשן ר׳ משה פּנחסן וועלכער איז דערהויבן געוואָרן און געוואָרן רב. האָט עלקע געמאַכט אַ מאַלצייט פאַר די געסט, און אַזוי מאָרגן ביי טאָג און אויפן דריטן טאָג ביי נאַכט. און צו יעדער מאָלצייט זענען געקומען נייע מענטשן אָפּצוגעבן כּבוד דער תּורה, און ביי יעדער מאָלצייט

האָט ר׳ משה פּנחס געזאָגט וווּנדערלעכע חידושים, אַ זאַך וואָס ער האָט ביז אַהער קיין מאָל נישט געטאָן, וואָרן ער האָט מיט קיינעם נישט געשמועסט און אַז ער האָט יאָ מיט עמעצן אַ מאָל גערעדט, איז עס געווען קורץ און אָפּגעהאַקט. און אַז די געסט זענען צוריקגעגאַנגען אין דער אכסניא אַרײַן האָט ר׳ מאירטשע דער שווער זײַנער גערופן אַ שנײַדער און אַ שוסטער, און געהייסן זיי זאָלן אים מאַכן נײַע מלבושים און שיך, וואָרן דאָס אַלץ וואָס ער האָט געהאַט נאָך פון דער חתונה איז געווען אַלט. האָט דער שנײַדער זיך געפּלייסט מיט זײַן אַרבעט, און אַזוי אויך דער שוסטער, וואָרן זיי האָבן געוווּסט אַז ווי לאַנג די זאַכן זענען נישט פּאַרטיק קאָן ר׳ משה פּנחס נישט פֿאָרן און אַ שטאָט מיט ייִדן זיצט און וואַרט ווי אַן עגונה. איז האָבן זיי זיך צוגעיאָגט מיט דער אַרבעט און אויך געזען אַז אַלץ זאָל גוט אַרויסקומען. און אַז ר׳ משה פּנחס האָט אָנגעטאָן די נײַע מלבושים האָט ער אויסגעזען גאָר ווי אַן אַנדערער מענטש, ממש ווי אַ רב. דערווײַל האָט די שוויגער צוגעגרייט אַלץ וואָס מען דאַרף אויפֿן וועג. און אַז אַלץ איז געווען גרייט איז ר׳ משה פּנחס אַרויף אויף דער ברישקע און אַ האַלבע שטאָט איז אים געקומען באַגלייטן,יעדער מיט אַ שימחה אין האַרץ, וואָס דער תּלמיד־חכם וואָס האָט זיך געמיט פֿאַר דער תּורה האָט די תּורה אים אויפֿגערופן, און מ׳איז געקומען פֿון אַן אַנדערער שטאָט אים נעמען פֿאַר אַ רב. און אויך די מוטער זײַנע איז געקומען געזעגענען זיך מיט איר איינציקן זון. זי איז געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, און אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ גרויס ברויט, אַזאַ ברויט ווי זי האָט אים געפלעגט מיטגעבן. זי האָט געקוקט אויף איר זון און געזאָגט צו אים, זון מײַנער, זעסט דאָך אויס ווי אַ רב. ווען דײַן טאַטע וואָלט זוכה געווען דיך צו זען אַ רב, וואָלט ער דאָך נאָך געלעבט. דער מילנער מאָלט אַ גאַנץ לעבן, האַלט אין איין מאָלן, ביז ער צעמאָלט זיך זײַנע אייגענע ביינער, און ער שטאַרבט. און אויך איך וועל שטאַרבן און איך ווייס נישט ווהין מען וועט מיך פירן. זע, געדענק מײַן זון אַז איך האָב דיך געטראָגן און דיך געבוירן און דיך געזייגט און זאָלסט אָנשרײַען אויף די בייזע מלאכים זיי זאָלן מיר קיין שלעכטס נישט טאָן.

איז ר׳ משה פּנחס אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן וואָגן, אָנגעטאָן אין די נײַע מלבושים וואָס זענען נאָר־וואָס אַרויס פֿון שנײַדערס הענט, און די צוויי

נגידים, די שליחים פון זייער שטאָט זיצן נעבן אים איינער פון רעכטס און איינער פון לינקס. נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זאָגן די תפילת הדרך זענען אים פאַרענטפערט געוואָרן צוויי קשיות וואָס די וועלט פרעגט. פאַר וואָס דערמאָנט דער רמב״ם נישט די תפילת הדרך, און פאַר וואָס האָט דער מהר״ם פון ראָטנבערג זיך נוהג געווען אַז ער איז ערגעץ געפאָרן האָט ער די תפילת הדרך געזאָגט אין דער היים. צוליב דעם אַלעם וואָס עס האָט דערנאָך פּאַסירט זענען די דאָזיקע חידושים זיינע פאַרגעסן געוואָרן. און אַ שאָד אויף אַזעלכע פּערל וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען.

כב

און אַז די קאַרעטע איז אַרויס פון שטאָט און צוגעקומען צו אַ שייד־וועג, האָט ר׳ משה פנחס געקוקט אויף דעם וועג וואָס פירט אין דער שטאָט אַריין ווו ער גייט זיין אַ רב. האָט ער זיך דערמאָנט דעם טאָג ווען ער איז געגאַנגען דאָרט אַהין צופוס און אַלץ וואָס האָט דעמאָלט מיט אים פּאַסירט. און ער טראַכט, היינט פאָר איך אין אַ קאַרעטע דאָרט אַהין אין יענער שטאָט ווו די מענטשן האָבן מיך געוואָלט לעבעדיקערהייט איינשלינגען ווייל כ׳האָב געוואָלט איבערשפּאָרן זייער רב. האָט ער איינגעשטילט די אויפרעגונג אין זיין האַרץ מיט דברי־תורה און האָט אָנגעהויבן זאָגן דרש אויף דעם פסוק אל תרגזו בדרך, איר זאָלט זיך נישט אויפרעגן אויפן וועג, וואָס די גמרא טייטשט, איר זאָלט אויפן וועג נישט עוסק זיין אין לערנען. פון דעם איז ער אַרויפגעקומען אויף וועלט־זאַכן. האָבן זיך די צוויי מענטשן דער־מאָנט אין זייער רב ר׳ שלמה וואָס איז אַוועק פון זייער שטאָט און זיי פאַרגעלייגט צו נעמען ר׳ משה פנחסן פאַר אַ רב. און אַז זיי האָבן זיך דערמאָנט אין ר׳ שלמהן האָבן זיי געטראַכט וועגן זיין מענטשלעכקייט. זאָגט איינער פון זיי צו ר׳ משה פנחסן, ס׳איז מיר אַ וווּנדער, דער רבי האָט אונדז נישט געפרעגט ווי אַזוי ס׳איז אויסגעקומען מיר זאָלן אים נעמען פאַר אַ רב. זאָגט ר׳ משה פנחס, איך האָב מיך אויך געחידושט, נאָר דער קאָפּ איז מיר געווען פאַרנומען מיט אַ זאַך האָב איך פאַרגעסן מיך צו פרעגן. זאָגט דער ייִד, אויב אַזוי, נו טאָ וועל איך פאַרציילן. אַז אונדזער רבי דער גרויסער גאון ר׳ שלמה זאָל לעבן איז דערהויבן געוואָרן צו פאַרנעמען דאָס

כּסא־רבנות פֿון זײַן פֿאָטער דעם גאון זכרונו לברכה האָבן מיר אים געפֿרעגט, רבי, ווען זאָלן מיר אַוועקזעצן אויף אײַער אָרט, און ווער איז ראוי צו זיצן אויף אײַער שטול. האָט ער געענטפֿערט, איר ווילט אָנטאָן אַ נחת רוח אונדזער תּורה הקדושה, נעמט פֿאַר אַ רב ר׳ משה פּנחסן, וואָרן ער איז אַן אמתדיקער תּלמיד־חכם, פֿון די געטרײַע זין פֿון דער תּורה. און מחמת אונדזער רב ר׳ שלמה איז באַליבט בײַ אונדז האָבן מיר באַלד געטאָן ווי ער האָט געהייסן. האָט ר׳ משה פּנחסעס פּנים אָנגעהויבן זיך צו ענדערן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט האָט ער געהייסן דעם בעל עגלה ער זאָל זיך אָפּשטעלן. האָבן זיי געמיינט ער ברויך נקיות. האָבן זיי אָפּגעשטעלט די קאַרעטע. איז ער אַראָפּגעגאַנגען און האָט גענומען די זאַכן. פֿרעגן זיי, וואָס איז דאָס? זאָגט ער, אַ טובה וואָס קומט צו מיר פֿון יענעם מענטש וויל איך נישט. זאָגן זיי, רבי, וואָס טוט זיך מיט אײַך, איר גייט פֿאַרשעמען אַ שטאָט מיט ייִדן. האָט ער זיי אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און געזאָגט, פֿאָרט לחיים ולשלום.

וואָס זאָלן מיר דאָ רעדן און וואָס זאָלן מיר דאָ זאָגן. נישטאָ וואָס צו רעדן און נישטאָ וואָס צו זאָגן. ווי נאָר ער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון זיי האָט ער זיך אויסגעדרייט און גענומען צוריקגיין אין דער שטאָט אַרײַן, און זיי זענען אים נאָכגעלאָפֿן און געשריגן, רבי, רבי. אַז זיי האָבן געזען אַז זייער שרײַען פֿועלט נישט האָבן זיי צו אים געזאָגט, קומט אַרויף אויפֿן וואָגן און מיר וועלן אײַך אַהיימפֿירן. האָט ער זיי אַוועקגעטריבן מיט דער האַנט און ווײַטער געגאַנגען. זענען זיי געשטאַנען און נישט געוווּסט צי זאָלן זיי אים נאָכלויפֿן צי זאָלן זיי אַהיימפֿאָרן. דערווײַל איז ער אַוועק און מען האָט אים שוין מער נישט געזען. זענען בײַ זיי די הענט אַראָפּ־געפֿאַלן און זיי זענען צוריק אַרויף אויפֿן וואָגן. זענען זיי צוריקגעפֿאָרן אין זייער שטאָט אַרײַן און ער איז צוריקגעקומען אין זײַן שטאָט אַרײַן.

איז ר׳ משה פּנחס צוריקגעקומען אין שטאָט אַרײַן און איז אַרײַן אין בית־מדרש. האָט דאָס ווײַב זײַנס געהערט און די גאַנצע משפּחה אירע און זיי זענען געקומען צו לויפֿן אַלע ווי איינער, אים פֿרעגן, וואָס ביסטו צוריקגעקומען? האָט ער זיי געענטפֿערט מיט די זעלבע רייד וואָס ער האָט געענטפֿערט די צוויי ייִדן. האָט שיינדל געוויינט און געשריגן, אוי וואָס האָסטו אונדז געטאָן? איז ער געזעסן און געשוויגן. און אַז דער

שווער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן די אַלע זאַכן וואָס מ׳האָט אים געמאַכט און וואָס דאָס האָט אָפּגעקאָסט, איז ער געגאַנגען און האָט אויסגעטאָן די קאַפּאָטע און געזאָגט, נעמט און לאָזט מיך אָפּ.

וואָס דערנאָך איז געווען? ס׳איז גאָר נישט געווען. ר׳ משה פּנחס איז געזעסן און געלערנט. די קינדער זיינע זענען אונטערגעוואַקסן און דער שווער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. און אַז ער איז געשטאָרבן האָט ר׳ משה פּנחס נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן און ער האָט ווידער געמוזט לערנען מיט אַ פּאָר תּלמידים. צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַ מטופּל מיט קינדער האָט ער נישט געקאָנט אַזוי מדקדק זיין מיט וועמען ער זאָל יאָ לערנען און מיט וועמען נישט. און טייל מאָל האָט ער געמוזט לערנען מיט גאָר נישט קיין געהויבענעם תּלמיד.

כג

און איצט לאָמיר נעמען און באַווייזן דעם גאַנג פון דער צייט. מיט אַ דריי פיר דורות צוריק איז נישט געווען קיין טייערערע זאַך ווי די תּורה, מיט צוויי־דריי דורות האָט די תּורה אָנגעהויבן צו גיין אַראָפּ. חס־ושלום אַז די תּורה גייט אַראָפּ, שונאי ישראל גייען אַראָפּ. די בתּי־מדרשים זענען נאָך פול, נאָר די לומדים לערנען פאַר זייער אייגענער טובה וועגן, מען זאָל אים רופן רבי און זעצן אויבן אָן. אמת אַזאַ ירידה ווי אין אונדזער דור איז דעמאָלט נישט געווען, אָבער אַז עס הייבט זיך נאָר אָן אַ ירידה טויג נישט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ר׳ משה פּנחסן זענען די תּלמידים מיאוס געוואָרן און ער איז זיי מיאוס געוואָרן, וואָרן זיי האָבן געזוכט פּוסטע חריפות און ער האָט געמיינט צו לערנען אמתדיקע תּורה. מ׳פאַרציילט אַז ער האָט נישט געפונען קיין איין לייטישן תּלמיד, און טאָמער האָט ער יאָ עמעצן געפונען, איז ער געווען אָרעם און ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן קיין שכר לימוד. די אַלטע לערנערס פון יענעם דור האָבן זיך געפירט אויף זייער אַלטן שטייגער, און אַז זיי זענען געזעסן און האָבן זיך געאַמפּערט אין לערנען האָבן זיי געמיינט אַז עולם וועלט איז אייביק. אָבער באמת איז די וועלט געוואָרן אויס וועלט און לערנען אויס לערנען. און אַז די הערצער זענען געוואָרן קלענער אַלץ מערער האָבן זיך

געמערט די ספרים, און ווער עס האָט געהאַט אַ האַנט און אַ פּוס האָט געשריבן חידושים און געברענגט זיי צום דרוק. אַנטקעגן אָבער אָט די זעק מיט די ליידיקע דיניעס געפינען מיר אַ שאַרף געווירץ ווי למשל דאָס ספר פון דעם אמתדיקן גאָון ר׳ שלמה הלוי איש האַראָוויץ וואָס האָט מברר געווען אַ גאַנצע רײַ הלכות און זאַכן וואָס זענען אַנטשטאַנען אין די לעצטע דורות און ווערן נישט דערמאָנט אין ספרים פון די ראשונים. וועגן ר׳ משה פּנחסן האָבן מיר נישט וואָס צו פאַרציילן. ר׳ משה פּנחס טוט גאָרנישט מער נאָר האַלט אין איין לערנען. און ווער עס דערמאָנט אים צו גוטן גיט צו און זאָגט, אַ פּאַלמע פון די בערג איז ער.* פון רבנות האָט ער זיך שוין מייאש געווען, און פאַרשטייט זיך, אַז אַ שטאָט האָט געברויכט אַ רב האָט מען זיך צו אים נישט געוואָנדן. יענע זאַך וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מיט אַן עיר ואם בישראל איז זיך צעגאַנגען אין דער גאַנצער מדינה. און אַ שטאָט וואָס האָט געזוכט אַ רב האָט געפונען אַ לייכטערן מענטש פון אים.

כד

ווען ר׳ שלמה האָט פאַרגעלייגט פאַר די מענטשן פון זיין שטאָט צו באַשטימען ר׳ משה פּנחסן אויף זיין אָרט, האָבן זיי געהאַט טרערן אין די אויגן. נאָך דעם גאַנצן שלעכטס וואָס יענער האָט אים געוואָלט טאָן איז ר׳ שלמה זיך גאָר משתדל פאַר אים, אין דער צייט ווען אַ סך מענטשן פון ר׳ שלמהס אייגענער משפּחה ווילן איבערנעמען דאָס רבנות. איז אין דער היינטיקער וועלט דאָ אַזאַ צדיק, וואָס קאָן אַזוי מוחל זיין, אָוועקקוקן און נאָך טאָן גוטס מיט אַ מענטש וואָס האָט אים באַליידיקט? דעריבער האָבן דאָך די מענטשן פון שטאָט נישט באַלעמוטשעט קיין רגע און באַלד געשיקט ר׳ משה פּנחסן אַ כּתב־רבנות. ווי מיר האָבן פאַרציילט. איצט וועלן מיר אַ קליין ביסל פאַרציילן, וואָס עס האָט פּאַסירט, מיט ר׳ שלמהן נאָך דעם ווי ר׳ משה פּנחס האָט די מענטשן פון דער שטאָט געגעבן אַזאַ אָפּשניט.

אַז ס׳איז דערגאַנגען צו ר׳ שלמהן אַז ר׳ משה פּנחס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות, דערפאַר וואָס ער וויל נישט אָננעמען קיין טובה וואָס

* ביימער אָן פּירות.

קומט פון זיין האַנט, איז זיין פּנים געוואָרן שוואַרץ ווי סאַזשע און די זאַך האָט אים ניִשט אָפּגעלאָזט. אויף אַזוי ווייט דערגייט די זאַך ביי ר׳ משה פּנחסן אַז ער האָט מבייש געווען אַ שטאָט און נעמט אויף זיך אָרעמקייט און ר׳ שלמה האָט זיך דערמאָנט יענע צייטן, ווען זיי זענען ביידע געווען צוזאַמען אין יענער שטאָט. ער זיצט אין כּבוד און אין גלאַנץ און יענער לעבט אַ פאַרפינצטערט לעבן, אָן פרייד, אָן ברכה, אָן אַ ווייב און ווערט פאַרשוואַרצט פאַר דער תּורה, און צום סוף אַז ער זאָגט אַ ריכטיקע זאַך אין לערנען, זאָגט ער אים נישט, האָסט גוט געזאָגט, נאָר מאַכט זיך איבער אים אַ הלצה און גיט אים אָנצוגעהערן אַז ער איז אַ בחור. מ׳זאָגט אַז פון דעמאָלט אָן האָט זיך קיין שמייכל נישט באַוויזן אויף ר׳ שלמהס פּנים. איין מאָל איז געקומען צו רייד וועגן יענער דרשה. האָט ר׳ שלמה געזאָגט, אפשר האָב איך געבראָוויכט צו לאָזן ער זאָל מיך מנצח זיין, אָבער האָב איך דען אים מנצח געווען צוליב מיר אַליין, צוליב דער תּורה האָב איך דאָך געטאָן און איך האָב אים אָפּגעהיטן פון אַ מיכשול. פון דעסטוועגן האָט זיך ר׳ שלמה נישט געקאָנט באַרויִקן.

כה

מיר דאַרפן ווידער דערמאָנען דאָס וואָס מען פאַרגעסט געוויינטלעך, דהיינו דעם וואָס שניידט און זייעט נישט. אין יענער צייט איז ניפטר געוואָרן אונדזער אַלטער מורה־הוראה, וואָס איז געזעסן אויפן כּסא־רבנות ביי אונדז אין שטאָט, אַלס מורה־הוראה און נישט אַלס קיין רב. ווען דער אַלטער רב איז געהאַט ניפטר געוואָרן האָט אונדזער שטאָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן קיין רב. האָט מען געבערענגט אַ רב פון אַ קליין שטעטל און מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ מורה־הוראה, ביז מען וועט געפינען אַ רב וועלכער זאָל זיין ראוי פאַר דער שטאָט און פאַרן כּבוד פון די גרויסע גאונים וואָס האָבן פריִער פאַרנומען דאָס כּסא־רבנות. איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר און צוויי און צען יאָר און צוואַנציק יאָר ביז פערציק יאָר און מען האָט דורך דער גאַנצער צייט נישט אויפגענומען קיין רב. צו ערשט דער־פאַר וואָס ווער עס האָט געוואָלט ווערן רב ביי אונדז אין שטאָט האָבן די גדולי העיר געזאָגט, די שטול איז גרעסער פון אים. דערנאָך צוליב געוויינ־

הייט. דערנאָך צוליבן כּבוד פון דעם אַלטן מורה־הוראה. אַז ער איז ניפטר געוואָרן זענען אַ סך רבנים געקומען אים מספּיד זיין. און פון זיי זענען אַ טייל געקומען באַלד מיט דער כּוונה צו קאָנען אָנבעמען דאָס רבנות. אָבער די חשובע לייט ביי אונדז אין שטאָט האָבן אין זין געהאַט ר׳ שלמהן. און כאָטש ר׳ שלמהס שטאָט איז גרעסער פון אונדזערער, און עס איז אויך די שטאָט פון זיין פאָטער דעם גאון, איז אָבער אונדזער שטאָט פון גרעסערן יִחוס, זי איז איינע פון די עלטסטע קהילות, און נאָך פאַר שנת ת״ח איז זי געווען באַרימט מיט איר גרויסקייט, און זי ווערט דערמאָנט אין די תּשובות פון מהרש״ל, און פאַראַן אַ סברא אַז אַ גאַנצע ריי גרויסע רבנים זענען צו ערשט געזעסן ביי אונדז אין שטאָט. און וואָס שייך זיינע אייגענע אָבות, איז דאָך דער גאון ר׳ פּנחס ר׳ שלמהס עלטערזיידע געזעסן ביי אונדז אין שטאָט, און פאַר דער פּטירה האָט ער געזאָגט, אַז איינער פון זיינע אור־אייניקלעך וועט רוען ביי אונדז, און ער האָט דאָך אויך געהייסן, מען זאָל נישט באַגראָבן נעבן אים קיין שום ניפטר ביז איבער הונדערט יאָר, און אויך נאָר ווען דער ניפטר וועט שטאַמען פון אים.

כו

זענען עטלעכע חשובע לייט פון אונדזער שטאָט געפאָרן צו ר׳ שלמהן און אים געבראַנגט אַ כּתב־רבנות. האָט ר׳ שלמה זיי גאָר שיין אויפגענומען און דערמאָנט פאַר זיי די גוטע צייטן וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביי אונדז אין שטאָט און גערעדט מיט אַזוי פיל שבחים וועגן דער שטאָט, די מענטשן, און באַזונדערס האָט ער זיך נישט געקאָנט גענוג אויסלויבן וועגן די גרויסע אין תּורה און אין חכמה וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער שטאָט. און אויך האָט ער געזאָגט, עס איז אַ כּבוד פאַר אַ רב צו זיצן אין אַזאַ שיינער און הייליקער קהילה, וווּ גרויסע רבנים האָבן געלויכטן מיט זייער תּורה און עס איז פאַר אים אַ גרויסער זכות וואָס מען לייגט אים פאָר דאָס רבנות ביי אונדז אין שטאָט. האָבן די שלוחים געהערט און זענען געוואָרן מלא שׂימחה און זיי האָבן געזאָגט, און אַ זכות וועט עס זיין פאַר אונדז אַז אונדזער רבי ר׳ שלמה וועט זיין צווישן אונדז און אַפילו די רבנים און גאונים וועלן אין גן־עדן האָבן גרויס נחת, פון דעם וואָס ער זיצט אויף

זייער שטול. גאַר באַזונדערס האָט זיך געפרייט די רביצין, וואָס פון זינט זי איז אַוועק פון איר שטאָט, האָט זי באַגערט און געגלוסט צוריקצוקומען, און איצט אַז זי האָט געהערט אַז מען לייגט אים פאָר דאָס רבנות אין איר שטאָט, האָט זי געזאָגט, דאָס איז דער טאָג אויף וועלכן איך האָב געהאָפט. האָט זיך אַרויסגעריסן אַ זיפץ פון ר׳ שלמהס האַרץ און האָט זיך אַ לענ־גערע ווײַלע פאַרטראַכט און לסוף געזאָגט, צוליב אַ פאַרבאָרגענער סיבה קאָן איך נישט אָננעמען דאָס רבנות. די רביצין איז פאַרציטערט געוואָרן און האָט אָנגעהויבן וויינען. זיין ווייב איז אים געווען טייערער ווי ס׳לעבן, איצט האָט ער נישט געקוקט אויף אירע טרערן, און מען האָט געזען אַז קיין שום זאַך אין דער וועלט וועט דאָ נישט פועלן, פון זיין געדאַנק נישט אָפּצוקרייען. האָבן די ייִדן זיך אָנגערופן, רבי, איז דען פאַראַן אויף דער וועלט אַ שענערע שטאָט ווי אונדזערע, איז דען פאַראַן אויף דער וועלט שענערע מענטשן ווי אונדזערע, איז דען פאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכע מענטשן וואָס האָבן ליב די תורה און געניגט צו שלום ווי די מענטשן ביי אונדז אין שטאָט, און בפרט נאָך אַז יעדער איינער האָט אייך ליב און איר האָט ליב אונדזער שטאָט, און ווער שמועסט די רביצין. מיר געבן אייך צייט מעיין צו זיין אין דער זאַך און זאָגט אונדז נישט אָפּ. האָט ר׳ שלמה זיי אָנגעקוקט מיט אַזוי פיל גוטסקייט און ביי איינעם פון די ייִדן האָט ער אָנגענומען די האַנט און געהאַלטן זי אַזוי ווי ווען מען איז מיט איינעם מסכּים. און נאָך אַ מאָל דערמאָנט, כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט, צוליב אַ פאַר־באָרגענעם טעם קאָן איך נישט אָננעמען. האָבן די שליחים זיך אָנגעשטויסן אַז יענער פאַרבאָרגענער טעם איז וואָס ר׳ משה פנחס איז נישט געווען צווישן די וואָס האָבן אונטערגעשריבן דאָס כּתב־רבנות וואָס זיי האָבן געברענגט. און זיי האָבן געטראַכט אַז אויב מען וועט מאַכן ר׳ משה פנחסן פאַר אַ דיין וועט ר׳ שלמה באַוויליקן אָנצונעמען דאָס רבנות. האָבן זיי געזאָגט צו ר׳ שלמהן, רבי, מיר פאָרן אַהיים און מיר וועלן צוריקקומען אַ צווייט מאָל. און מיר האָפן אַז אין צווישן־צייט וועט דער רבי זיך איבערלייגן די זאַך און וועט אונדז נישט אָפּזאָגן. און אַז די שליחים זענען צוריקגעקומען אַהיים האָט גאַנץ קהל באַשלאָסן צו נעמען ר׳ משה פנחסן פאַר אַ דיין, אַבי ר׳ שלמה זאָל זיין רב. האָט ר׳ משה פנחס געזאָגט, איך האָב אים שוין געזאָגט, אַז איך וויל נישט זיין אין זיין מחיצה נישט אויף

דער וועלט און נישט אויף יענער וועלט. ר׳ שלמה האָט נישט אָנגענומען דאָס רבנות צוליב ר׳ משה פּנחסן, און ר׳ משה פּנחסן האָט מען נישט געמאַכט פֿאַר אַ דיין צוליב דעם פֿאַרדראָס וואָס איז אַרויסגעקומען.

כז

און ר׳ משה פּנחס איז געזעסן אָן פּרנסה. פֿון שווערס ירושה איז געבליבן אַ ביסל סחורה. אַז מען האָט דאָס פֿאַרקויפֿט און אויסגעצאָלט די כּתובה פֿאַר דער אַלמנה איז פֿאַר ר׳ משה פּנחסן נישט געבליבן אַפֿילו די ווערט פֿון איין מאָלצייט אָפּצועסן. באַלעבאַטים ביי ייִדן כּל־זמן זיי לעבן זענען זיי מפרנס זיך און זענען מפרנס די קינדער, אָבער אַז זיי שטאַרבן שטאַרבט די פּרנסה מיט מיט זיי. ר׳ משה פּנחס האָט געקענט לעבן פֿון אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ. עס זענען אָבער אָנגעקומען אַזעלכע צייטן ווען ער האָט דאָס אויך קוים געהאַט. און דאָ וויל אַ קינד עסן און אַ מלבוש צו פֿאַרדעקן זיך ס׳לייב. און אין שטוב איז נישטאָ, נישט דאָס און נישט יענץ.

דער אייבערשטער האָט אים נישט געלאָזט זיך לאַנג מאַטערן. איין מאָל איז ר׳ משה פּנחס קראַנק געוואָרן. צו מאָרגנס האָט מען געהערט אַז ער איז קראַנק. אויפֿן דריטן טאָג האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז ער איז געפֿערלעך קראַנק. אַז ר׳ משה פּנחס האָט געזען אַז מען גרייט זיך צו זיין טויט האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿון בעט און האָט געזאָגט, ניין, דער מענטש שטאַרבט נאָך נישט, ער האָט נאָך צו דערלערנען עטלעכע בלאַט גמרא וואָס ער קען זיי נאָך נישט גוט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער קרענק. און באַלד ווי ער איז אַראָפּ פֿון בעט איז ער אַריין אין בית־מדרש און האָט זיך פֿון דאָרט נישט אוועקגערירט ביז ער האָט דערלערנט וואָס ער דאַרף און געענדיקט גאַנץ ש״ס. ווען ער וואָלט דעם סיום אָפּגעלייגט וואָלט ער נאָך געלעבט, נאָר אַ מענטש וואָס זיין גאַנץ לעבן איז תּורה, איז דען מעגלעך ער זאָל לעבן איין טאָג אָן תּורה. ווי נאָר ער האָט פֿאַרענדיקט ש״ס האָט זיך זיין לעבן געענדיקט. דעם רבנן־קדיש, וואָס מען זאָגט נאָך אַ סיום פֿון ש״ס, האָט זיין זון געזאָגט אויפֿן קבר.

כח

ר׳ משה פנחס האָט זיין גאַנץ לעבן אָוועקגעגעבן פאַר דער תורה און איז גרויס געוואָרן אין דער תורה און אָוועקגעגאַנגען מיט אַ גוטן נאָמען פון דער וועלט. בשעת מען האָט אים געברענגט צו קבורה האָט מען אים הייס באַקלאָגט און געזאָגט, ווייל איז דעם וואָס קומט דאָ אַהער מיט זיין לערנען אין דער האַנט. מיר האָבן דאָ קובר געווען דעם ספרא און ספרי און מכילתא און תוספתא און גאַנץ ש״ס. זיין אַלטיטשקע מאַמע איז געשטאַנען אויפן קבר פון איר זון, אָנגעשפאַרט אויפן שטעקן און געבלינצלט מיט די האַלב־בלינדע אויגן, און געזאָגט, וואָלט עמעצן איינגעפאַלן אַז מיין פנחסל וועט מיר אַזעלכעס טאָן. אַז ער וועט זיך גיין אין גן־עדן אַריין און זיין מאַמע וועט ער איבערלאָזן אויף אַ וועלט וואָס איז ערגער ווי ס׳גיהנום. וואָלט נישט בעסער געווען אַז איך זאָל שטאַרבן און ער זאָל לעבן. איך בעט אייך, ליבע מענטשן, זעט, איך האָב דאָך אַפילו קיין אויגן נישט צום וויינען. איז אַלזאָ ר׳ משה פנחס אָוועק פון דער וועלט. און נאָך דעם ווי די שנייען האָבן געלאָזט און די ערד איז האַרטער געוואָרן האָט מען אים געשטעלט אַ מצבה, אַזאַ מצבה ווי ביי די גרויסע רבנים וואָס זענען ניפטר געוואָרן ביי אונדז אין שטאָט.

כט

ווען ר׳ משה פנחסן האָבן מיר דערווייל גאָרנישט וואָס צוצוגעבן. אָבער ווען ר׳ שלמהן ווען מיר יאָ פאַרציילן, ווייל מיר האָבן וואָס צו פאַרציילן. ר׳ שלמה איז געזעסן אין כבוד און אין גלאַנץ. ער האָט געטאָן שידוכים מיט זיינע זין און טעכטער און יעדעס יאָר האָט ער געהאַט אַ נייע פרייד, אַ נייע גדולה אין לעבן. זיינע הוראות, זיינע רבנישע פסקי־דין זענען אָנגענומען געוואָרן אין דער גאַנצער מדינה און יעדע שווערע זאַך האָט מען צו אים געברענגט. און פאַרשטייט זיך אַז אונדזער שטאָט וועלכע איז געזעסן אָן אַ רב, האָט נישט געטאָן די מינדסטע זאַך אָן צו פרעגן זיך ביי אים. און כאָטש ער איז געווען אַ שטאַרק פאַרנומענער מענטש האָט ער נישט לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיינס אַ תשובה. כמעט אַלע תשובות זיינע האָבן זיך אָנגעהויבן מיט לאהובי לבי צמודי נפשי, צו די וואָס מיין האַרץ

האָט ליב און מיין נשמה איז צו זיי באַהאָפטן, און דעסגלייכן אַזעלכע אויסדרוקן פון ליבשאַפט. און טייל מאָל האָט ער צוגעגעבן ביים סוף פון אַ תשובה סתם חידושים וואָס זענען אים איינגעפאַלן ביים לערנען. ער האָט אויך געפלעגט ענטפערן אויף חידושים וואָס עס האָבן אים צוגעשיקט יונגע לערנערס און אַזוי אַרום האָט ער געוואָלט שטאַרקן זייער האַרץ אין תורה.

ל

דערווייל איז דאָס כסא רבנות ביי אונדז אין שטאָט געשטאַנען ליידיק, און יעדעס מאָל ווען אונדזערס אַ באַלעבאָס איז אויסגעקומען צו זיין אין ר׳ שלמהס שטאָט האָט ער אים געזאָגט, רבי, ווען וועט איר קומען צו אונדז, דאָס כסא רבנות וואַרט אויף אייך. אַ טייל מענטשן פון אונדזער קהילה, וואָס האָבן מורא געהאַט טאָמער וועט די זאַך זיך פאַרשלעפן און די שטאָט וועט ווייטער בלייבן אָן אַ רב ווי ביז אַהער, האָבן אָנגעהויבן צו פאַרהאַנדלען מיט איינעם אַ גאון פון די אַרומיקע שטעט. האָט דער גאון געזען אַז כמעט אַלע זענען נוטה צו ר׳ שלמהן האָט ער זיך אַרויס־געדרייט מיט אַ הלצה. ער האָט געזאָגט, איך בין דאָך שוין רב ביי אייך אין שטאָט, וואָרן כמעט אַלע באַלעבאַטים מיינע זיצן ביי אייך. און דאָ דאַרפן מיר אויפקלערן די רייד פון דעם גאון. זיצן, מיינט מען אַרעסטירט, וואָרן אַ סך באַלעבאַטים פון יענער שטאָט האָט מען געכאַפּט ביי נישט ריינע געשעפטן און מען האָט זיי איינגעזעצט ביי אונדז אין שטאָט, וואָרן די תפיסה ביי אונדז אין שטאָט האָט באַדינט די גאַנצע געגנט.

לא

ר׳ שלמה איז געזעסן אויף זיין פאָטערס שטול און געפירט זיין עדה ווי אַ געטרייער פאַסטעך. ער האָט איינגעפירט אַ סך נייע זאַכן פאַר אָרעם און רייך, פאַר קליין און גרויס, פאַר מענער און פרויען. וואָס האָט ער אויפגעטאָן פאַר די רייכע? פאַראַן רייכע וואָס מאַכן זיך נישט וויסן וואָס ביי דעם אָרעמאַן טוט זיך און געבן נישט קיין צדקה, און אַז זיי שטאַרבן רעכנט מען זיך אָפּ מיט זייער גוף, און מען לאָזט זיי נישט פריִער באַגראָבן

ביז די יורשים קומען און באַצאָלן כך וכך פאַר דער קרקע, און טייל מאָל ליגט דער מת אַזוי לאַנג ביז עס טראָגט זיך פון אים אַ שלעכטער ריח. האָט ר׳ שלמה איינגעפירט אַז יעדער גביר זאָל זיך נעמען אַ קרקע אויפן בית־חיים, און יעדעס יאָר זאָל ער איינצאָלן פאַר אָרעמעלייט אַזוי פיל וויפל עס וואָלט באַטראָפן דאָס פראָצענט ווען ער באָרגט אַוועק דאָס געלט וויפל די קרקע באַטרעפט, און אַזוי אָרום קומט אויס אַז אָרעם און רייך געניסן גלייך. פאַר קליין און גרויס וואָס האָט ער אויפגעטאָן? פאַראַן מענטשן וואָס האָבן נישט צו באַצאָלן קיין שכר־לימוד, און שיקן די קינדער אין תלמוד־תורה אַריין שעמען זיי זיך, וואָרן דאָרט לערנען דאָך אָרעמע קינדער, און אַזוי אָרום וועט מען וויסן אַז ער איז אַן אָרעמאַן, האָט ר׳ שלמה אַריינגעשטעלט גוטע מלמדים אין דער תלמוד־תורה און ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט די תלמידים. האָבן אַ סך באַלעבאַטים מקנא געווען די יינגלעך און האָבן זייערע אייגענע קינדער דאָרטן אַריינגעגעבן, אַזוי אַז אָרעם און רייך איז געווען גלייך. פאַר מענער און פרויען וואָס? ס׳איז געווען אַ מינהג ביי אונדז אין שטאָט אַז אַ חשובער מענטש איז געשטאָרבן האָט מען אים טובל געווען אין דער מיקווה, און אַ סך פרויען האָבן מורא געהאַט צו גיין אין דער מיקווה. האָט ר׳ שלמה גוזר געווען אַז מען זאָל מער נישט ברענגען קיין מת צו טבילה.

לב

און אַזוי האָט ר׳ שלמה געלעבט און געפירט זיין עדה, מתקן געווען אַ סך תקנות און געווען פריינדלעך צו יעדן מענטש. נאָר האָט ער ערגעץ געזען דעם מינדסטן חילול־השם האָט ער זיך פאַר קיינעם נישט געשעמט מעג עס אַפילו זיין ווער.

אַ רייכער משׂכּיל איז געווען אין שטאָט, פון יענע אויף וועלכע דער פסוק זאָגט, היש משׂכּיל דורש את אלוהים, צי פרעגט זיך אַ משׂכּיל ווו גאָט איז. איין מאָל, נאָך ווען דער אַלטער גאָון זכרונו לברכה האָט געלעבט, האָט מען דעם משׂכּיל געזען פאָרן אין צווייטן טאָג יום־טוב אין אַ וואָגן וואָס גייט אויף פערע, וואָס היינט רופט מען דאָס אַ באַן. און אַז מ׳האָט זיך אָנגעבייזערט אויף אים האָט ער נישט געזאָגט, כ׳האָב געמוזט, נאָר

ער האָט געוואָלט אויפווייזן אַז פאָרן אין אַזאַ וואָגן מעג מען אַפילו אום שבת. אין יענעם דור האָבן די וואָס האָבן געוואָלט טאָן אַן עבירה געזוכט זיך אַ היתר דערויף אין דין, פון יענע היתרים וואָס אונדזערע אחרונים האָבן איינגעזען אַז זיי האָבן זיך נישט אויף וואָס צו האַלטן. אַז ר׳ שלמה איז אָנגעקומען אַלס רב האָט יענער משכּיל געוואָלט זיך דערנענטערן צו אים, מיינענדיק אַז ער האָט דאָ געפונען זיינס גלייכן, וואָרן דער רב קען דאָך דייטש. ר׳ שלמה וועלכער האָט באמת מקרב געווען יעדן מענטש, האָט אָבער פיינט געהאַט די חכמים להרע. די וואָס האָבן ליב צו פאַר־דרייען די תּורה, בפרט נאָך אַז עס איז אַן ענין פון שמירת שבת וואָס אין דעם ליגט די גאולה פון ישׂראל. און וואָס מער יענער האָט זיך באַמיט צוצוקומען צו אים אַלץ מער האָט ער אים דערווייטערט. האָט ער אָנגע־הויבן אויסרעדן אויפן רב. אַז ער האָט אָנגעהויבן אויסצורעדן אויפן רב האָט ער צוגעקריגן צו זיך נאָך אַזעלכע מענטשן ווי ער.

אַן אַלטער פּראַקצענטיק איז געווען ביי אונדז אין שטאָט, אַ תּלמיד־חכם און אַן אָפּגעהיטענער אין מיצוות, ר׳ אשר האָט ער געהייסן. האָט דער ר׳ אשר געמאַכט אַ ספר און אַ נאָמען געגעבן עס שמנה לחמו, פעט ברויט, צוליבן פּסוק מאשר שמנה לחמו, אשר וועט האָבן פעט ברויט. האָט דער ייִד דווקא געוואָלט דער רב זאָל אים געבן אַ הסכּמה אויפן ספר. איין מאָל האָט ער זיך שטאַרק צוגעטשעפּעט, האָט דער רב אים געזאָגט, און ווער וועט געבן אַ הסכּמה אויף דעם אַנדערן ספר, דעם ספר ההלוואות. איז דער ייִד אַוועק אַן אָפּגעבריטער און האָט אָנגעהויבן אויסרעדן אויפן רב. אַז ער האָט אָנגעהויבן אויסרעדן אויפן רב האָט ער געפונען נאָך אַזעלכע מענטשן צו צו זיך.

ס׳איז געווען אַ חברה מלביש ערומים אין שטאָט. איין מאָל האָט דער גבאי גענומען פון דעם געלט פון דער חברה אויף אַ פּאָר תּפילין פאַר אַן אָרעם ייִנגל, ווייל אויפן פּסוק היא שמלתו לעורו ווערט געבראַנגט אין זוהר דאָ משכי דתפילין, דאתמר בהן ויעש וכו׳ כתנות עור וילבישם, הייסט עס דאָך אַז תּפילין ווערן אָנגערופן אַ מלבוש. האָט דער רב דאָס געהערט, האָט ער געהייסן דעם גבאי ער זאָל באַצאָלן פון זיין אייגענער טאַש אַרויס. האָט דער גבאי אָנגעהויבן צו רעדן אויפן רב. אַז ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן אויפן רב האָט ער געהאַט נאָך מענטשן צו זיך.

אַ רביש אייניקל איז געווען אין שטאָט. אַז ער איז ניפטר געוואָרן האָבן די חסידים געוואָלט אים טובל זיין אין דער מקווה. האָט זיי דער רב נישט געלאָזט. האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַרעדן דעם רב. אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו באַרעדן דעם רב האָבן זיי געפונען מענטשן וואָס זענען צוגעשטאַנען צו זיי.

אַן אַלטער דיין איז געווען אין ר׳ שלמהס בית־דין, האָט דער דיין געהאַט אַן איידעם מיט היתר־הוראה, ר׳ פישל טוען האָט ער געהייסן, ער האָט זיך מטפל געווען מיט די צדדים ביי אַ דין־תורה און געפסקנט שאלות פאַר שכנטעס. אַז דער דיין איז ניפטר געוואָרן האָט ר׳ פישל געוואָלט מ׳זאָל אים באַשטימען אויפן שווערס אָרט. ר׳ שלמה האָט אים געקענט אַז ער איז אַ כיטרע מענטשל און אַן אָפּנאַרער, אַז טאָמער האָט ער געזען אַז עס האַלט מיט איינעם שמאָל ביי אַ דין־תורה האָט ער אים אונטער־געזאָגט וואָס ער זאָל טענהן. האָט אים דער רב געזאָגט, טשעפּע דיך אָפּ פון דער זאַך איך וועל נישט מסכים זיין מען זאָל דיך מאַכן פאַר אַ דיין. איז ר׳ פישל אַוועק מיט אַ געוואַלד און גענומען באַרעדן דעם רב. אַז ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן אויפן רב האָט ער געפונען צו צו זיך נאָך מענטשן. האָבן אַלע באַרעדערס זיך צוזאַמענגענומען, יעדערער צוליב אַן אַנדערן טעם, און האָבן אַוועקגעשריבן אַ מסירה צו דער שטאָט־מאַכט, אַז דער רב איז אַ „פינצטערלינג". די הערשער פון שטאָט און די רעגירונגס־באַאַמטע, וואָס האָבן געקענט דעם רב, האָבן צעריסן דאָס פּאַפּיר און זיך אָנגעבייזערט אויף די מחלוקה־מאַכערס. וואָס האָבן זיי געטאָן, די פרומע האָבן געזאָגט אַז צוליב דעם וואָס ער לערנט גוייִשע לשונות האַלטן די גויִים פון אים, די משכּילים האָבן געזאָגט, ווייל ער איז אָנגענומען ביי די גויִים פלייסט ער זיך מחמיר צו זיין דאָ אַפילו ווו מען דאַרף לייכטער מאַכן, כּדי אַזוי אַרום צו פאַרנאַרן די פרומע.

און איידער די מחלוקה האָט זיך נאָך רעכט אָפּגעקילט, איז ר׳ פישל געוואָרן אַן אַלמן און ער האָט גענומען אַ ווייב פון די פּייווישעס. די פּייווישעס שטאַמען פון דעם נגיד ר׳ אורי פּייוויש הפרנס, וועלכער האָט געפירט די שטאָט מיט תּקיפות, און זיין גאַנצע משפּחה האָט פון אים געירשנט די תּקיפות און האָבן געהאַלטן די שטאָט אין זייערע הענט. דער ראש הקהל ר׳ פּייוויש דער הויכער איז געווען פון די פּייווישעס. דער

שרייבער פון קהל פּיוויש דער קליינער איז געווען זיין שוועסטערן־זון. ר׳ פּיווישל דער אַלטער איז געווען גבאי פון דער חברה־קדישא. פּיוויש דער הייזעריקער, דער משגיח פון שעכט־הויז, איז געווען פון די פּיווישעס. פּיוויש וואָס מען רופט אים פּאַביוס איז געווען ממונה איבער דעם פּינקס פון געבוירענע און געשטאָרבענע. פּאַביוס, וואָס אַלע רופן אים פּיווקע, און אויך פּיווקע וואָס רופט זיך פּעבוס, זיי האָבן אָנגעפירט מיט אַלע אָפּטייל־ לונגען פון טראַפיק. די ברויערייַ האָט געהאַלטן ר׳ פּיוויש דעם הויכנס שוואָגער. דעם פּריצס פעלדער זענען געווען אין אָרענדע ביי דעם שוואָ־ גערס שווער און אַלע זענען זיי געווען שותּפים אין דער פּראָפּונציע. בקיצור, ס׳איז נישט געווען קיין אָרט, סיי פון געלט אָדער פון כּבוד וואָס זאָל נישט זיין באַזעצט מיט איינעם פון די פּיווישעס. פון דעם עטאָט ביזן הקדש האָט זיך אַלץ געפונען אין די הענט פון דער דאָזיקער משפחה. אַז ר׳ פּישל איז אַריין אין דער משפחה, האָבן די פּיווישעס געזאָגט, וואָס עפּעס זאָל מען אים נישט מאַכן פּאַר אַ דיין, סיי פון דין־ירושה פון זיין ערשטן שווער און סיי פון כּוח־עצמו איז ער מחויב צו זיין דיין. די וואָס זענען געווען אין רשות פון די פּיווישעס האָבן געהאַלטן מיט די פּיווישעס, די וואָס זענען נישט געווען אין זייער רשות האָבן געהאַלטן אַמאָל מיט דעם און אַ מאָל מיט יענעם. דערווייל האָט זיך געטאָן היימלעך אין שטאָט.

לג

פון צייט צו צייט זענען באַלעבאַטים פון אונדזער שטאָט געפאָרן אין ר׳ שלמהס שטאָט אַריין, צוליב מיסחר אָדער סתּם צוליב זאַכן. און אַז אַ מענטש פון אונדזער שטאָט איז געקומען אין ר׳ שלמהס שטאָט אַריין, איז ער געגאַנגען זען דעם רב און אָפּגעבן דער רביצין אַ גרוס פון איר משפּחה. דעם טאָג ווען די רביצין האָט געקריגן אַ גאַסט פון אונדזער שטאָט האָט זי זיך געמאַכט אַ יום־טוב, וואָרן זי האָט ליב געהאַט די מענטשן פון איר שטאָט, וואָס זענען אַלע ווי איינער געווען ליבע און גוטע מענטשן, איצט ווער שמועסט די שטאָט אַליין. אַז עס האָבן זיך צעפלאַקערט די מחלוקתן און ר׳ משה פּנחס האָט שוין נישט געלעבט, האָט די רביצין ווידער זיך אָנגעהויבן שפּילן מיט דעם געדאַנק, אַז איר מאַן

וועט נאָך צוריקגיין אין איר שטאָט אריין. און גרויסע מאָלצייטן האָט זי געמאַכט פאַר די געסט, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען אויסשמועסן מיטן רב און הערן די נייסן וואָס זענען פאָרגעקומען ביי אונדז אין שטאָט. קיין גרויסע נייסן זענען ביי אונדז נישט פאָרגעקומען. פון דעסטוועגן איז נישט פאַראַן קיין שטאָט אָן עפּעס אַ נייס. איין נייס אַזאַ איז כדאַי צו פאַרציילן, וואָרן עס ווייזט ווי ווייט אונדזער שטאָט האָט ליב געהאַט שלום און זיך דער־ווייטערט פון מחלוקת, וואָרן אַז איינער פון דער אויפגעקומענער כת חסי־דים, וועווע זייבוול פלאַשקעדריגע, האָט פורץ־גדר געווען און אַנגעטאָן זיך אַ שטריימל אין שבת חזון, האָט די גאַנצע שטאָט פון אים געלאַכט, אָבער צו קיין מחלוקה איז נישט געקומען. און דאָ דאַרף געזאָגט ווערן דאָס וואָס מיר האָבן שוין געזאָגט, אַלע ביי אונדז אין שטאָט זענען געווען תּלמידי־חכמים. און אַז זיי זענען געזעסן אַרום טיש ביים מאָלצייט און געשמועסט אין תורה, האָט זיך געדוכט, אַז דער מזבח שטייט ביי אונדז אין שטאָט. פון תורה איז מען געקומען צו ענינים וואָס האָבן אַ שייכות מיט תורה, און ווער שמועסט דער ענין פון רבנות ביי אונדז אין שטאָט. פון ר׳ שלמהן האָט זיך נישט געזען אַז ער האַלט ביי אָננעמען דאָס רבנות ביי אונדז אין שטאָט. אַדרבא. אין יענער צייט האָט ער כסדר געזאָגט די נגידים אונדזערע, וואָס זענען געווען ביי אים צו גאַסט, אַז זיי זאָלן נעמען אַן אַנדערן רב, וואָרן מען קאָן נישט לאָזן אַ שטאָט אָן אַ פירער. איין מאָל איז געקומען ר׳ שלמהס שוואָגער ר׳ שמעון אלי מיט נאָך דריי גרויסע לייט פון אונדזער שטאָט, און צווישן זיי איז אויך געווען דער רב הנגיד ר׳ יהודה, דער שווער פון מיין זיידע ר׳ יהודה. נאָך מעריב ביים עסן, איז געקומען צו רייד וועגן דער מחלוקת פון אַלע פּייווישעס מיטן גאַנצן קהל, רופט זיך אָן ר׳ שמעון אלי צום שוואָגער, פאָלג מיך, אַנטלויף פון אַזאַ שטאָט ווו מען רייסט זיך אַרום און קום צו אונדז. רופט זיך אָן דער רב הנגיד ר׳ יהודה, דער שווער פון מיין זיידע ר׳ יהודה, און זאָגט, עס ווערט געברענגט אין רמב״ם אין הלכות דעות, אַז אויב איינער געפינט זיך אין אַ מדינה ווו די מענטשן גייען נישט אין גלייכן וועג זאָל ער אַוועקגיין דאָרט אַהין ווו די מענטשן פירן זיך גוט אויף. האָט ר׳ שלמה פאַרמאַכט די אויגן ווי איינער וואָס פאַרטראַכט זיך אויף דעם וואָס מען זאָגט אים. אַז עס האָט אַ ביסל געדויערט און ער האָט געשוויגן האָבן זיך אַלע מיט

אַ מאָל אָנגערופן, רבי, וואָס ענטפערט איר אונדז? האָט דער רב אויפגע־עפנט די אויגן און געזאָגט, איר ווייסט דאָך איך בין נישט קיין בעל־מחלוקת, כ׳בין נישט קיין עקשן, כ׳האָב נישט ליב קיינעם אָפּצוטאָן און איך לעב נישט פון שׂכר־רבנות. אָבער וואָס זאָלן טאָן די רבנים, וואָס די ווייבער האָבן זיי נישט אַרײַנגעבראַנגט קיין נדן און זייערע שווערס האָבן זיי נישט איבערגעלאָזט קיין פאַרמעגנס. איז וואָס, זאָלן זיי זיך, חס־ושלום, לאָזן טרעטן פון יעדן איינעם אין גאַס. איז דער רב אַן אָרעמאַן און מוז אָנקומען צו מענטשן איז נישט בלויז וואָס מען גיט אים נישט גענוג צום לעבן נאָר מען פאַרשוואַרצט אים זיין פּנים אויף טריט און שריט. און טאָמער איז ער רײַך טשעפּעט מען זיך אין אים צוליב זיין עשירות. ביי דעם גאָון ר׳ גבריאל ריינוש האָט זיך די קאַפּאָטע אָפּגעריבן פון אַלטקייט און ער האָט זי געמוזט קירצן, איז האָט די גאַנצע שטאָט געשריגן אַז ער גייט קורץ, מעשׂה דייטש. דער גאון ר׳ אברהם תּאומים, וואָס איז געווען אַ גרויסער עושר און דעם גאַנצן לוין וואָס ער האָט גענומען פון קהל האָט ער צעטיילט פאַר אָרעמע לייט, האָט געמוזט אַוועק פון דער שטאָט, דערפאַר וואָס די גבירים האָבן געטענהט אַז ער נעמט זיי צו די פּרנסה, ווייל זיי גיבן אַוועק געלט די פריצים אויף צוואַנציק פּראָצענט און ער נעמט נאָר אַכט פּראָצענט. וואָרן אויף מיר האָבן זיי דען נישט געזאָגט אַז איך האַלט ס׳געלט אויף פּראָצענט און נעם זיי צו די פּרנסה. און איר ווייסט דאָך, אַז דאָס געלט וואָס מיין שווער עליו השלום האָט מיר איבערגעלאָזט, האָב איך איבערגעגעבן אין גוטע הענט אַריין על צד היתּר עיסקא, אַז כּדי פון דעם פּראָצענט זאָל מען געבן הלוואות ייִדן מאַרקשטייערס, וואָס די מלווים נעמען פון זיי פון צוואַנציק ביז פינף און צוואַנציק פּראָצענט און נעמען באַלד אַראָפּ דאָס פּראָצענט און רעכענען רעכענען זיי פאַר דער גאַנצער סומע. און נאָך וויל איך אייך זאָגן, ליבע ברידער מיינע, מיין גאַנץ לעבן בין איך געזעסן במנוחה, איצט אַז עס קומט אויף מיר אַ ביסל יסורים, זאָל איך אויף דעם מאַכן געוואַלד, כ׳בין אַ שיינער ייִד און מיר קומט בלויז גוטס. איך געדענק, ביי אייך אין שטאָט איז געווען אַ גרויסער תּלמיד־חכם וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן מקריב געווען פאַר דער תּורה און אַז ער איז געשטאָרבן האָט ער פאַר זיין ווייב און קינדער נישט איבער־געלאָזט אויף אָפּצועסן דעם ערשטן מאָלצייט. און איך, ברוך השם, פּרנסה

האָב איך און תּכריכים האָב איך אויך גרייט, איז וואָס זאָל איך זאָרגן? אויף קיין מיסטוואָגן וועט מען מיך נישט אַרויספירן, ווי די בעלזער האָבן געטאָן מיט זייער רב דעם ב״ח זכרונו לברכה, וואָס זיי האָבן אים אַרויס־געטריבן פון שטאָט פרייטיק נאָך האַלבן טאָג. ניין ברידער, לאָזט געמאַכט, נעמט אייך אַ רב. אַ שטאָט וואָס האָט נישט קיין רב ווערט חלילה דער שטן דאָרט רב. זאָגן די נגידים, מיר האָבן שוין אַ רב. ווער איז דאָס? פרעגט ר׳ שלמה. שמייכלען די נגידים און ענטפערן מיט דער גאַנצער זיסקייט פון זייער מויל, דאָס איז דאָך אונדזער רבי ר׳ שלמה זאָל לעבן. האָט ר׳ שלמה זיך אויפגעשטעלט פון שטול און געזאָגט, הערט רבותי, איך האָב אייך שוין געזאָגט אַז איך וועל דאָס רבנות נישט אָננעמען און איך בין נישט משנה פון דעם וואָס איך זאָג. זאָגט ר׳ שמעון אלי צום שוואָגער זיינעם, מיר ווייסן דאָך פון דעם זיידע דעם גאון ר׳ פנחס זכותו יגן עלינו אַז עמעצער פון זיינע קינדס־קינדער וועט ביי אונדז אין שטאָט געפינען זיין רו. האָט ר׳ שלמה געענטפערט, מיין זיידע ר׳ פנחס איז געוועזן אַ גרוי־סער צדיק, און אַ צדיק זאָגט אַ זאַך ווערט עס מקוים. מיין זיידע זכרונו לברכה האָט דאָך איבערגעלאָזט אַ סך קינדער און זיי האָבן אויך געבוירן קינדער צו תּורה. ווייל ווי זיי זענען מיינע קרובים פּאַסט נישט אַז איך זאָל זיי אייך אָנביטן. נאָר אויב איר ווילט מקיים זיין די רייד פון מיין זיידע נעמט אייך איינעם פון זיינע קינדס־קינדער וועלכע איז ראוי פאַר דער דאָזיקער זאַך. האָבן אַלע מיט אַ מאָל געענטפערט, יענער צדיק האָט דאָך בפירוש געזאָגט, איינער, ס׳הייסט איינער אַן אויסגעקליבענער פון מיינע קינדס־קינדער, און אין דעם דור איז נישט פאַראַנען קיין גרעסערער ווי אונדזער ר׳ שלמה זאָל לעבן. האָט ר׳ שלמה געענטפערט, אַפילו לויט אייערע רייד, רבותי, לויט וועלכע איר מאַכט אַ טעות צו זאָגן אַז איך בין אַ יחיד בדור, איז האָט דען מיין זיידע געזאָגט אַז איך וועל זיצן אויף זיין שטול, ער האָט דאָך נאָר געזאָגט, אַז איינער פון זיינע קינדס־קינדער וועט קומען דאָרט צו זיין רו. און ווער ווייסט וואָס דער דאָזיקער צדיק האָט געמיינט.

די גאַנצע צייט האָט די רביצין נישט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון רב און זי האָט געבעטן אין האַרץ, אַז די רייד פון די מענטשן זאָלן אַריין אין זיינע אויערן. אָבער ר׳ שלמה האָט זיך פון דעם גאָרנישט געמאַכט

און עפּעס ווי גאָט אַליין וואָלט אויך איר תּפילה נישט געהערט. און ווען זיי האָבן געענדיקט עסן און געבענטשט איז דער רב אויפגעשטאַנען פון טיש און געזאָגט, זיצט דאָ מיט דער רביצין און איך וועל אַ ביסל אַרײַנגיין אין דער ספרים־שטוב. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען האָט די רביצין געזאָגט, איר זעט דעם מענטש, זיבן און פערציק יאָר איז ער אַלט און ער איז שוין גראָ. זײַנע אַלע צרות קומען פון דעם בחורס מאַמע פון דאָרף. כ׳האָב געהערט אַז די אַלטע האָט צו טאָן מיט כּישוף. און אַזוי רעדנדיק האָט זי דערהערט די טריט פון איר מאַן און האָט אויפגעהערט. דער רב איז צוריקגעקומען מיט אַ ספר אין האַנט, ווי ער האָט זיך נוהג געווען דעמאָלט ווען מענטשן זענען בײַ אים געווען, אַז טאָמער שטעלן זיי זיך אויף צוליב אים זאָלן זיי עס טאָן צוליבן כּבוד פון ספר וואָס ער האָט אין דער האַנט. האָט ער געזען אַז אַלע שווײַגן און די פּנימער פאַראומערט. שמייכלט ער און זאָגט, כ׳האָב געמיינט אַז די רביצין האָט אײַך געגעבן אַ גלעזל וואַרעמס. האָט זיך די רביצין אויפגעשטעלט און אַרײַנגעברענגט טיי מיט אשור־עפּל וואָס מיר רופן עס לימענע. זענען די נגידים געזעסן און געטרונקען. און יענע זאַך האָבן זיי מער מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט.

לד

איצט וועלן מיר איבערלאָזן ר׳ שלמהס שטאָט און צוריקגיין אין אונדזער שטאָט אַרײַן און מיר וועלן אַ ביסל אָוועקנעמען דעם צער פון די מחלוקתן מיט דער גוטהאַרציקייט פון מענטשן בײַ אונדז אין שטאָט.

איינער אַ גביר בײַ אונדז אין שטאָט האָט, איידער ער איז געשטאָרבן, באַשטימט אַ סומע געלט אויף צדקה, אַ קרן אויף דור־דורות, מיט וועלכן מען זאָל נאָך זײַן טויט קויפן הײַזער און גיטער און פעלדער און יעדעס יאָר אין דעם טאָג פון זײַן יאָרצײַט זאָל מען דאָס דירה־געלט פון די הײַזער און אַנדערע פאַרמעגנס צעטיילן צווישן די אָרעמעלײַט פון שטאָט, אונטער דער השגחה פון רב, און לויטן אײַנזען פון די דרײַ אַפּוטרופּסים וואָס ער האָט באַשטימט בײַם לעבן. אָבער ער האָט אויסגערעדט אין זײַן צוואָה אַז די אָרעמע לײַט פון זײַן משפּחה זענען קודם מער פון אַנדערע אָרעמע־לײַט צו געניסן פון זײַן ירושה. איז געקומען אַ ברודער פון דעם פאַר־

שטאַרבענעם גביר און מיט אים נאָך אַנדערע קרובים, וואָס האָבן נישט געוווינט ביי אונדז אין שטאָט, און האָבן געפּאָדערט אַ גרויסע סומע פון דעם געבליבענעם געלט. איז אַריין אַ ספק צי האָט דער ברודער אַ רעכט צו דעם געלט, היות ווי ער איז נישט געווען קיין אָרעמאַן בשעת דעם נדר. און אויך, ביז ווי ווייט גייט די גראַד פון משפּחהשאַפט. און אַזוי ווי די ממונים איבער דער ירושה האָבן אין זינען געהאַט וואָס די חז״ל האָבן געזאָגט אַז אויב איינער זאָגט מען זאָל צעטיילן געלט פאַר אָרעמע־לייט פון שטאָט קאָן אַזאַ זאַך נישט געמישפּט ווערן דורך די דיינים פון דער זעלבער שטאָט, איז האָט מען דעריבער זיך געוואַנדן ווי דער שטייגער איז צו דעם גאָון ר׳ שלמה, אַז ער זאָל פּסקענען דעם דין.

איז אָוועקגעגאַנגען עטלעכע וואָכן און ס׳איז נישט געקומען קיין תשובה. און דאָ רוקט זיך אָן די יאָרצייט פון דעם נדבן. די אָרעמע קרובים קוקן אויס נאָך דעם געלט, און אויך די אַנדערע אָרעמעלייט קלאַפּן אָפּ די טירן פון די אַפּוטרופּסים. און די אַפּוטרופּסים הייבן נישט אָן צו וויסן וואָס צו טאָן. און דאָ איז ווינטער, די פּאָסט פּאַרשפּעטיקט זיך צוליב די קעלטן און שנייען. און אַפילו אַזעלכע באַלעגאָלעס וואָס שטעלן זיך איין צוליב אַ קליינעם פּאַרדינסט, פּאָרן דאָס מאָל אויך נישט אַרויס, ווייל צוליב די שנייען זענען די וועגן פּאַרלייגט, און די פערד ווערן שיִער נישט דערטרונקען אין שניי. נאָך אַ לענגערער צייט איז אָנגעקומען אַ בריוו פון ר׳ שלמהן, אַז ער פּאָרט אויף דער חתונה פון זיין שוועסטערן־טאָכטער, און אַזוי ווי יענע שטאָט איז נישט ווייט פון אונדזערער רעכנט ער אָפּצוטרעטן ביי אונדז און ער וועט פּסקענען די דין־תּורה אויפן אָרט. האָט די גאַנצע שטאָט זיך געפרייט און געגרייט זיך צו זיין קומען. און דאָ דאַרפן מיר דערציילן אַ וווּנדערלעכע זאַך. ביי אונדז אין שטאָט איז געווען אַ הונ־דערט־עריקער זקן וואָס איז געבוירן אין זעלבן יאָר ווען ר׳ פּנחס איז ניפטר געוואָרן און ער הייסט אויך נאָך אים. ער האָט כּסדר געבעטן אויפן טויט, ווייל פון גרויס אַלטקייט און שוואַכקייט האָט ער זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. איצט אָבער האָט ער געוואָלט לעבן, כּדי צו קאָנען זען דאָס אייניקל פון יענעם צדיק.

דערווייל האָט ר׳ שמעון אלי צוגעגרייט אַ שטוב פאַר זיין שוואָגער דעם רב, און געזען מען זאָל צורעכט מאַכן דעם אויוון. און אַז מען האָט

צורעכט געמאַכט דעם אויוון האָט מען איינגעהייצט צוויי מאָל אַ טאָג. הגם אַ סך האָבן געצווייפלט צי דער רב וועט קומען, ווייל די וועגן זענען פאַרלייגט און עס שמעקט מיט סכּנת נפשות. דער רב הנגיד ר׳ יהודה, דער שווער פון מיין זיידע ר׳ יהודה, האָט געזאָגט, איך צווייפל נישט אַז ער וועט קומען, ר׳ שלמה גייט קיין מאָל נישט אַראָפּ פון דעם וואָס ער זאָגט.

לה

איין מאָל מינחה־צייט איז אַריינגעפאָרן אַ שליטן צו אונדז אין שטאָט און אין שליטן איז געזעסן איינער אַ מענטש איינגעהילט אין אַ פוטער ווי אַ גרויסער פּריץ. איז דער שליטן פאַרפאָרן ביים געוועלב פון ר׳ שמעון אלי. זענען אַרויסגעשפּרונגען די משרתים פון ר׳ שמעון אליס געוועלב און צוגעלאָפן צום שליטן, און אַלע מעקלערס פון שטאָט האָבן אַרומגערינגלט דעם שליטן, וואָרן זיי האָבן געמיינט אַז עפּעס אַ גרויסער פּריץ איז געקו־מען צו פאָרן. און זיי האָבן נישט געוווּסט אַז דאָס איז ר׳ שלמה, אַ גרויסער פּריץ אין תּורה, וואָס איז בעסער ווי יעדע סחורה. איז ר׳ שמעון אלי אַרויסגעגאַנגען און מיט אים זיינע צוויי זין, און דער קאַסירער, און מען האָט דעם רב אַראָפּגענומען פון שליטן. האָט די נגידתטע ר׳ שמעון אליס ווייב געהערט און געהייסן די משרתים צולייגן האָלץ צום אויוון. מען האָט ר׳ שלמהן אַריינגענומען און אַראָפּגענומען פון אים דאָס שווערע פוטער, אויסגעטאָן אים די שטיוול און אָנגעצויגן אים אויף אַ ווייכע שטול, מיט די פיס צום אויוון, און פאַרדעקט אים די קניִען מיט אַ פעלצל און אַרומגעשטאַנען אַרום אים צו זען צי ער זיצט באַקוועם און וואָס נאָך מען קאָן טאָן. ער איז געווען אָפּגעשוואַכט פון וועג. און אַז דער שניי אויף דער באָרד זיינער איז צעגאַנגען האָט מען געזען דעם שניי וואָס צעגייט נישט, די האָר זיינע וואָס זענען ווייס געוואָרן, נישט פון יאָרן נאָר פון צער און יסורים. און כאָטש ער איז געווען מיד און אָפּגעמאַטערט האָט ער געשיקט נאָך די אַפּוטרופּסים, כּדי נישט אויפצוהאַלטן דעם דין פון אָרעמע מענטשן. און דערווייל האָט ער געהייסן מען זאָל אויספּאַקן זיינע זאַכן און ער האָט אַרויסגענומען פאַרשידענע געבעקסן וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער חתונה פון זיין שוועסטערן־טאָכטער. ער האָט עס צעטיילט צווישן

די קרובים און ס׳ערשטע געגעבן די משרתים און משרתטעס, זיך צוגעקוקט ווי זיי עסן, און געזאָגט אָמן אויף די ברכות. נאָך דעם אַז זיי האָבן פאַרזוכט האָט ער זיי געפרעגט צי עס שמעקט זיי. ער האָט זיכער געהאַט אַ מיין דערביי, ווייל די כּלה איז געווען אַ יתומה און דער פעטער דער גאון האָט געהאַט אַ קלער, אפשר האָט מען נישט געגוג די מי געגעבן ביים באַקן.

דערווייל איז געקומען אַ האַלבע שטאָט מקבל־פּנים זיין דעם רב, און אויך די נגידים די אַפּוטרופּסים זענען געקומען. צוליב דעם וואָס ס׳איז געווען אַ סך מענטשן האָט מען נישט געקאָנט רעדן וועגן דער ירושה. אָבער צו מאָרגנס באַלד נאָכן דאַווענען, נאָך איידער ער האָט עפּעס געגעסן האָט זיך דער רב אָנגעזעצט מיט די אַפּוטרופּסים און נישט אויפגעהויבן זיך פון אָרט ביז ער האָט אַרויסגעגעבן דעם פּסק, אַ דין אמת לאמיתו. דהיינו, מען זאָל געבן אַ העלפט די אָרעמע קרובים און אַ העלפט די אָרעמע לייט גלייך פאַר אַלעמען. נאָר יענע העלפט וואָס פאַר די קרובים זאָל מען איינטיילן לויטן דין פון כּל הקרוב קודם, וואָס נענטער דער קרוב איז אַלץ מער רעכט האָט ער און דעם ברודער פון דעם פאַרשטאָרבענעם, וועלכער איז נענטער פון אַלע, זאָל מען געבן אַ דריטל פון דער העלפט, און צוויי דריטל זאָלן צעטיילט ווערן צווישן די רעשט קרובים, נישט צו מאַכן קיין אונטערשייד צווישן די וואָס ווינען דאָ אָדער ערגעץ אַנדערש. און באַלד אויפן אָרט, אין אַנוועזנהייט פון די אַפּוטרופּסים האָט דער רב דאָס אויסגעשריבן אַלץ קלאָר און גענוי און באַפעסטיקט די טעמים לויט דער גמרא און די גרויסע פּוסקים. היות ווי ער האָט געשריבן די תּשובה נישט האָבנדיק די ספרים פאַר זיך האָט ער איבערגעלאָזט עטלעכע ליידיקע ערטער וואָס ער האָט אַרומגערינגלט, ביז ער וועט נאָכקוקן און אָנגעבן די מראי מקומות. די וואָס האָבן אָפּגעדרוקט דאָס ספר האָבן אַ ביסל אויסגעפילט דעם בלויז.

נאָכן איבערגעבן די תּשובה די אַפּוטרופּסים, האָט ער אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען פון בעט און האָט עפּעס געגעסן און האָט אויפגענומען מענטשן אַ גאַנצן טאָג ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. אין דער פרי האָט ער געוואָלט גיין דאַווענען אין קלויז אַריין אָבער די פיס האָבן אים נישט געטראָגן. האָט ער געמוזט דאַווענען אין דער שטוב. עס האָט זיך געמאַכט אַ מנין וואָס האָט מיט אים

געדאַווּנט, וואָרן אַ סך זענען באַלד געקומען מיט דער כּוונה צו דאַוועגען מיט דעם רבֿ ווו ער זאָל נישט דאַוועגען. נאָכן דאַוועגען האָט אים די שוועגערין אַריינגעבערענגט קאַווע מיט קוכן. ער האָט געטרונקען די קאַווע אָבער נישט אָנגערירט און געלאָזט ליגן דעם קוכן. אַז די שוועגערין האָט דאָס געזען האָט זי געזאָגט, רבי, איר פאַרשעמט מיין געבעקס. האָט ער אָפּגעבראָכן אַ שטיקל און געגעסן. מען זאָגט, אַז פון זינט ער האָט געהערט די מעשׂה מיט ר׳ משה פּנחסן, אַז ער האָט אָפּגעוואָרפן דאָס רבנות, האָט ער נישט טועם געווען קיין שום זאַך פון מותּרות. און אַזוי זיצנדיק האָט ער אויפגעהויבן דעם קאַשקעט און אָפּגעווישט זיך דעם שטערן. אַזוי האָט ער געטאָן עטלעכע מאָל. האָט דער רבֿ הנגיד ר׳ יהודה, דער שוועגער פון מיין זיידע ר׳ יהודה, געקוקט אויפן רבֿ און אַ ווונק געגעבן אַז מען זאָל אים לאָזן אָפּרוען. האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסגיין. און אויך דער רבֿ ר׳ יהודה האָט געוואָלט אַרויסגיין. האָט ר׳ שלמה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ער זאָל בלייבן.

איז ער געזעסן און געזאָגט על המחיה און דער שוואָגער זיינער און דער רבֿ ר׳ יהודה און נאָך צוויי שיינע ייִדן, וואָס זענען געקומען נאָך דעם ווי אַלע זענען געהאַט אַוועקגעגאַנגען, שטייען און קוקן אויף אים מיט ליבשאַפט. האָט ער אַרויסגענומען דאָס טיכל און זיך אָפּגעווישט דעם שטערן און אויפגעהויבן זיך פון דער שטול און מען האָט געזען אַז ער גרייט זיך ערגעץ גיין. ווּהין וויל ער גיין און ווער איז ראָוי דער רבֿ זאָל צו אים גיין? פון דרך־ארץ וועגן האָט קיינער נישט געפרעגט. דערנאָך האָט ער זיך צוריק אַוועקגעזעצט און געזאָגט, כ׳האָב שוין אין זינען געהאַט אייך צו פרעגן, וואָס מאַכט ר׳ משה פּנחסעס אַלמנה. האָט ר׳ שמעון אלי געענטפערט, ווי דער שטייגער ביי אַן אָרעמער אַלמנה. אַ ביסל לעבט זי פון רחמי שמים און אַ ביסל פון מענטשנס רחמנות. און דאָ האָט ר׳ שמעון אלי געקוקט אויפן רבֿ הנגיד ר׳ יהודה דעם שוועגער פון מיין זיידע ר׳ יהודה. זאָגט דער רבֿ ר׳ יהודה, איך גיב איר אַז זי מיט די קינדער זאָלן נישט שטאַרבן פון הונגער. זאָגט ר׳ שלמה, און ווער גיט זיי זאָלן לעבן. האָט דער גאָון אָנגעקוקט דעם שוואָגער זיינעם וועלכער איז געווען אַ גרויסער עושר אפשר פון צען טויזנט רייניש. רופט זיך אָן ר׳ שמעון אלי קליגלדיק, מ׳פאַרציילט אַז השׂר ר׳ משה מאָנטעפיאָרע האָט געפלעגט זאָגן, ס׳איז בע־

סער צו זיין דער איינציקער אָרעמאַן ביי יידן ווי דער איינציקער גביר. האָט דער גאון זיך אָנגענומען ביי דער באָרד און מען האָט געזען ווי ער פאַר־שלינגט דעם כּעס און ער האָט געזאָגט, יאָ, ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, ווען עס זענען דאָ אַזעלכע בעלי־צדקה ווי ר׳ משה מאָנטעפיאָרע. אָבער... ער האָט נישט פאַרענדיקט און ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון שטול און געפרעגט, ווּ וווינט זי? האָבן זיי געזען אַז ער וויל גיין צו איר. זאָגן זיי, ס׳איז בעסער ער זאָל נישט גיין, זי וווינט אין אַ קאַלטע און ענגע דירה נעבעך. זיפצט דער רב און זאָגט, אין אַ קאַלטע דירה וווינט זי און דער אויוון איז נישט איינגעהייצט, און מענטשן ווייסן און עס אַרט זיי נישט. אַז זיי האָבן געזען אַז ער גייט האָבן זיי געוואָלט מיטגיין. האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט, איינהייצן דעם אויוון וועט איר דאָך נישט, נו טאָ וואָס זאָלט איר זיך מטריח זיין. איך וועל איר אויך נישט איינהייצן דעם אויוון וואָרן כ׳וועל דאָך מיר נישט וועלן איינפלעקן די שיינע מלבושים, און אַ שאָד אַז דעם מענטשנס קליידער זאָלן זיך איינ־ריכטן.

לו

ס׳איז דעמאָלט געווען אַ קאַלטער טאָג, און ווי קאַלט ס׳איז נישט געווען אין דרויסן האָט מען אין שטוב נאָך מער געפילט די קעלט. דער אויוון איז געווען איינגעהייצט, נאָר עפּעס ווי נישט צו וואַרעמען די שטוב. די פרוי און די קינדער זענען געזעסן איינגעהילט אין לאַכעס און פון דער ערד האָט געצויגן אַ נאַסע קעלט, און פון אַ ווינקל פון שטוב האָט זיך געהערט אַ זיס און באַטעמט קול פון ר׳ משה פּנחסעס עלטסטן יינגל, וואָס איז געזעסן אין שטוב און געלערנט, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין שיך צו גיין אין בית־מדרש אַריין. ווייל ער איז געווען אַרייַנגעטאָן אין לערנען האָט ער נישט באַמערקט דעם רבס אָנקומען. אָבער דער רב האָט אים יאָ באַמערקט, און איינגעהערט זיך אין זיין לערנען. און באַלד האָט ער גענומען רעדן מיט אים וועגן דעם וואָס ער לערנט, און האָט נישט געפילט נישט די קעלט אין דער שטוב און נישט דעם פיבער פון זיין גוף. מענטשן פון אונדזער שטאָט זענען געוווינט צו פאַרציילן, אַז צוריקקומענדיק פון

דאָרט האָט ער געזאָגט, ווען איך וואָלט נישט געהאַט אויסגעגעבן מײַנע קינדער וואָלט איך זיי חתונה געמאַכט מיט ר׳ משה פנחסעס קינדער. און נאָך האָט ער געזאָגט, פאַר וואָס איז די תורה אַראָפּ אין אונדזער דור? ווייל רבנים מאַכן חתונה זייערע זין מיט רײַכע טעכטער. די חתנים פאַר־לאָזן זיך אַז מיטן שווערס געלט וועלן זיי קריגן אַ רבנות, און במילא האָרעווען זיי נישט גענוג אין לערנען. דערנאָך אַז זיי זענען שוין רבנים און דער נדן איז שוין צעפלויגן, קוקן זיי אויס די באַלעבאַטים זאָלן זיי געבן מתנות כּדי צו האָבן גענוג פאַר די ווײַבער, וואָרן זיי זענען דאָך רײַכע טעכטער און קאָנען נישט לעבן אין דחקות, און אַזוי אַרום קומט מען צו חניפה און אַנדערע מיאוסע מידות. גאַנץ אַנדערש איז אָבער אַז איינער האָט חתונה מיט אַ טאָכטער פון אַן אָרעמען תּלמיד־חכם, וואָס זי איז אַ גאַנץ לעבן געווינט מיט אָרעמקייט און נויט, מוז דעריבער איר מאַן זיך נישט לייגן אין דער בלאָטע פאַר יעדן עם־הארץ און תּורה בלײַבט תּורה. וועגן דעם גאון ר׳ שלמה קאָן מען נישט זאָגן אַז ער האָט צוגעלייגט צו זײַן ווײַב די נגידית, וואָרן דער כּוח פון איר זיידע דער בעל הלבושים האָט אים צוגעהאָלפן ער זאָל קאָנען מקיים זײַן די תּורה מתּוך עשירות און עוסק זײַן אין צדקה און מעשׂים־טובים. אָבער מען פאַרציילט נאָך פון אים אַז ער האָט געזאָגט, איך בין מסופק צי עס פּאַסט פאַר אַ רב עוסק צו זײַן אין הלוואות ווען אַפילו ס׳איז פאַרבונדן מיט אַ מיצווה.

ער איז נאָך אַ מאָל אַהין געגאַנגען צו דער אַלמנה. מען זאָגט ער איז געגאַנגען זי פרעגן צי עס זענען געבליבן עפּעס כּתבים פון איר מאַן און ער האָט איר געבערענגט נדן פאַר די טעכטער. דאָס מאָל איז ער דאָרט לענגער נישט געזעסן און אויך נישט גערעדט מיטן יינגל אין לערנען, ווייל דאָס רעדן איז אים געווען שווער צוליבן הוסט און ער האָט אים געהייסן ער זאָל קומען צו אים. און אַז ער איז געקומען האָט ער איבער־געלאָזט אַלע גדולים פון שטאָט און גערעדט מיט אים.

לז

דעמאָלט איז גראָד געווען כ׳ טבת, און דער גאון ר׳ שלמה האָט זיך נוהג געווען אַז אַ גאַנצן טאָג האָט ער פאַרברענגט מיט די ספרים פון

רמב״ם, ווייל דעמאָלט איז דאָך די יאָרצייט פון רמב״ם ז״ל, און ביי נאָכט האָט ער געפלעגט זאָגן וואָס פאַרא זאַכן ער איז דערגאַנגען אין משך פון דעם לערנען. צוליב דעם וואָס מענטשן האָבן געהאַלטן אין איין קומען האָט ער דעם טאָג גאָרנישט געקאָנט לערנען און במילא האָט ער גאָרנישט מחדש געווען. און אַז עס זענען אָריינגעקומען צו אים די חשובע לייט פון שטאָט און מיט זיי די גרויסע לומדים האָט ער זיי געזאָגט, היינט איז די יאָרצייט פון רמב״ם זכרונו לברכה און עס וואָלט געווען ריכטיק עפּעס צו זאָגן, נאָר מחמת שוואַכקייט האָב איך היינט נישט געלערנט, אָבער איך וועל אייך זאָגן אַ שיינעם אויפטו אין רמב״ם, וואָס כ׳האָב געהערט נאָכ־זאָגן פון דעם גאָון החסיד רבי אליעזר מאַמשטערדאַם זכרונו לברכה, וואָס ער האָט געזאָגט פאַר די גדולי־הדור, ווען ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

אין הלכות יסודי התורה פרק שביעי זאָגט דער רמב״ם ז״ל אַז די נבואה קאָן נאָר רוען אויף אַ חכם וואָס איז גרויס אין תורה און שטאַרק אין זיינע מידות. פרעגט דערויף דער כסף משנה, פאַר וואָס זאָגט נישט דער רמב״ם ער זאָל זיין גרויס אין כוח און רייך און אַן ענוו, ווי עס האַלט ר׳ יונתן אין דער מסכתא נדרים דף פ״ז. חוץ דעם כסף משנה פרעגט אויך דער לחם משנה, פאַר וואָס האָט דער רמב״ם נישט אין זינען געהאַט וועגן דעם וואָס ווערט געברענגט אין פרק המצניע דף פ״ד, אַז די שכינה רוט נאָר אויף אַ חכם אַן עושר, אַן ענוו און אַ בעל קומה. נאָר וואָס דען, אונדזערע חכמים האָבן אונדז געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרענטפערן דעם רמב״ם. וואָרן מיר געפינען דאָך אין דער גמרא אַז די שכינה רוט אויף אַ גרויסן אָרעמאַן, ווען אַפילו נישט אויף קיין הויך געוויקסיקע. און אויב אַזוי פאַלט דאָך אָפּ דער זאָג פון ר׳ יונתן, וואָס ווערט געברענגט אין סנהדרין י״א. איין מאָל זענען זיי געזעסן אין דעם אייבערשטיבל אין יבנה איז געקומען צו זיי אַ בת קול פון הימל און האָט געזאָגט, דאָ איז פאַראַן איינער וואָס די שכינה מעג אויף אים רוען, נאָר דער דור איז נישט ראוי דערצו. האָבן אַלע אָנגעהויבן צו קוקן אויף שמואל הקטן. ווידער זענען זיי אַ מאָל געזעסן אין דעם אייבערשטיבל אין יבנה און עס האָט זיך אָנגערופן אַ בת קול פון הימל, דאָ איז פאַראַן איינער וואָס די שכינה מעג אויף אים רוען, נאָר דער דור איז נישט ראוי דערצו. האָבן אַלע

געוואָנדן זייער בליק אויף הלל הזקן. קומט דאָך אויס אַז די שכינה רוט אויף אַן אָרעמאַן, וואָרן מיר געפֿינען דאָך אין דער מסכתּא יומא דף ל״ז אַז הלל הזקן איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און ער האָט געהאַקט האָלץ. און עס קומט אויך אויס אַז די שכינה רוט אַפֿילו אויף איינעם וואָס איז נישט הויך־געוויקסיק וואָרן זיי האָבן דאָך געקוקט אויף שמואל הקטן. אמת דער תּוספֿת יום טוב זאָגט אין דעם פּרק רביעי פֿון מסכת אָבות, פֿאַר וואָס האָט מען אים גערופֿן שמואל הקטן, ווייל ער האָט זיך קליין געמאַכט, נאָר לויטן פּראָסטן פּשט זעען מיר דאָך אַז ער איז געווען קליין.

לח

די דערציילונג דערנענטערט זיך צו אַ סוף און אויך דער סוף פֿון אונדזער רב קומט אָן. שבת האָט ער געהייסן אויסרופֿן אַז ער וועט האַלטן אַ הספּד אויף ר׳ משה פּנחסן צו זיין יאָרצייט. און אַז דער שמש האָט אויסגערופֿן אַז דער גאון וועט האַלטן אַ הספּד אויף ר׳ משה פּנחסן האָט די גאַנצע שטאָט זיך געגרייט צו גיין הערן, סיי צוליב ר׳ משה פּנחס און סיי צוליב דעם בעל־מספּיד. אין יענע צייטן מיט דריי פֿיר דורות צוריק איז מען נאָך נישט געווינט געווען מיט אַזוי פֿיל דרשות. אַז איינער איז געקומען האַלטן אַ דרשה האָבן אַלע געוואָלט הערן. צוליב דער קעלט האָט דער גאון מסכּים געווען ער זאָל מאַכן דעם הספּד אין דעם אַלטן בית־מדרש, וואָרן אין דער גרויסער שול איז נישטאָ קיין אויוון, און די אַלע וואָס קומען דאָרט אַריין דאַוונען זענען זיך נוהג אַז זיי טוען אָן די תּפֿילין אין אַלטן בית־מדרש, ווייל זיי קאָנען נישט אָפּדעקן די הענט צוליב דער קעלט. און אַזוי ווי דאָס בית־מדרש קאָן נישט אַלע אַרייננעמען האָט מען געזאָגט אַז די וואָס זענען וואָרעם אָנגעטאָן זאָלן שטיין אויפֿן הויף און די וואָס זענען נישט וואָרעם אָנגעטאָן זאָלן שטיין אין בית־מדרש. איז די זאַך געווען עפּעס אַ ביסל מאָדנע, איז וואָס, זאָלן אפשר גבירים און גרויסע לייט שטיין אין דרויסן און די עניים און אביונים זאָלן שטיין אינעווייניק.

דערווייל איז דער גאָון געלעגן קראַנק און דער הוסט צענעמט אים אין גאַנצן. די בלאָע אויגן זיינע זענען רויט און זיין שיין פּנים ווערט

איינגעפאַלן. אָבער ער האָט זיי געטרייסט און געזאָגט, ס'וועט אַדורך. ס'איז געקומען דער טאָג פון ר' משה פּנחסעס יאָרצייט. און אַז דער גאון איז אויפגעשטאַנען פון בעט האָבן אים די כּוחות פאַרלאָזן, ס'האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ און דאָס קול איז געווען הייזעריק. ער האָט נישט געקענט שטיין אויף די פיס. אַז ער האָט געענדיקט דאָס דאַווענען אַ ביסל זיצנדיק און אַ ביסל אין בעט, האָט ער געקוקט אויפן זייגער און געזאָגט, דער טאָג איז נאָך גרויס און השם יתברך קאָן נאָך העלפן. האָט ער גענומען זיך שווענקען דעם האַלדז און ער האָט געגעסן האָניק און גע־טרונקען זיסן טיי, און ער האָט זיך מתּיר געמאַכט צו באַניצן זיך מיט די רפואות פון דער גמרא, הגם מען באַניצט זיך נישט מיט די רפואות פון דער גמרא, ווייל עס האָט זיך געענדערט די טבע פון גוף. ער האָט זיך איינגע־גאָסן אַ דריטל ווייַן און אַ דריטל עסיק און אַ דריטל בוימל און ער האָט געטרונקען. און אַז ער האָט דאָס געטרונקען האָט זיך אים געדוכט אַז עס ווערט אים בעסער. און פאַר נאַכט צו, פאַר מינחה איז ער אויפגעשטאַנען פון בעט און איבער די מלבושים האָט ער אָנגעטאָן אַ פוטערל, אויף דעם ערשט דאָס גרויסע פוטער מיט וועלכן ער איז געקומען צו פאָרן. ר' שמעון אלי און דאָס ווייב זיינס האָבן אים נישט געוואָלט לאָזן גיין, ווייל דער דאָקטער האָט געזאָגט אַז אויב ער וועט אַרויסגיין קאָן עס זיין געפערלעך. האָט דער גאון צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט מסכּים געווען מיט זיי און פון דעסטוועגן איז ער געגאַנגען. ער איז צום בית־מדרש נישט דער־גאַנגען און מ'האָט אים געמוזט אַהיימנעמען. גיין האָט ער שוין נישט גע־קאָנט, נאָר מען האָט אים אויף די הענט געטראָגן.

די גאַנצע נאַכט האָט ער גערעדט פון היץ. מען זאָגט אַז מען האָט אַ סך מאָל געהערט ווי ער מאַכט מיט די ליפּן, אַ בחור מאַכט קידוש אויף אַ גרויפּ. דער שׂררה פון שטאָט, וועלכער האָט שטאַרק געשעצט די משפחה שיינערס, האָט געשיקט זיין דאָקטער. דער דאָקטער האָט אים באַטראַכט און געזאָגט, ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אין אַ דריי פיר טעג אַרום וועט ער זיך קאָנען אויפהייבן, נאָר ער וועט מוזן זיין פאָרזיכטיק וואָרן דאָס קאָן צוריקקומען, און אויב דער קראַנקער וועט זיך נישט אָפּהיטן קאָן דאָס ווערן געפערלעך.

חוץ די אַלע מענטשלעכע פּעולות האָט מען אויך געטאָן רוחניותדיקע

פּעולות. אין אַלע שולן און בתּי־מדרשים האָט מען געזאָגט תּהלים, חוץ די ח״י קאַפּיטלעך וואָס עס האָט געהאַט אָפּגעקליבן געווען דער גאון בעל נודע ביהודה, וואָס מען ווייס אַז זיי מוזן ברענגען אַ רפואה. אויך די ווייבער האָבן נישט איינגערוט און זענען געגאַנגען פון איין מקום־קדוש צום צווייטן און האָבן אויפגעעפנט דעם אָרון־קודש און מתפּלל געווען פאַר דעם חולה. און דאַנערשטיק בשעת קריאת־התּורה האָט מען אים צוגעגעבן דעם נאָמען משה, וואָרן דאָס צוגעבן דעם נאָמען משה אַן אמתדיקן תּלמיד־חכם וואָס איז קראַנק געוואָרן מאַכט מסוגל צו רפואה, ווו מיר געפינען אַז ווען דער גאון אדיר ר׳ משולם איגרא איז קראַנק געוואָרן האָט מען אים צוגעגעבן דעם נאָמען משה איז ער נאָך אַ קורצער צייט צוריק געזונט געוואָרן. נאָך דעם האָט מען אים געמאַכט אַ פּדיון־נפש און מען האָט געזאָגט וואָס מען דאַרף. און ס׳איז נישט נייטיק דאָ אַרויסצוברענגען אַלע פּרטים, ווייל אַלעס איז דאָך פאַרשריבן גענוי אין דעם ספר תּיקון נפש.

לט

איצט וועלן מיר פאַרציילן דעם סוף פון דעם צדיק. אַז ער האָט געזען אַז ס׳איז געקומען זיין צייט אָוועקצוגיין פון דער וועלט האָט ער געזאָגט צו די וואָס דאַרפן זיך מטפּל זיין מיט זיין קבורה, זייט מיך קובר נעבן ר׳ משה פּנחסן. און אויך האָט ער זיך געהייסן געבן דעם יורה דעה חלק שני און ער האָט געלערנט הלכות גסיסה. דערנאָך האָט ער געבענטשט זיינע נאָענטע, און צווישן זיי אויך די משרתים און משרתטעס וואָס האָבן אים באַדינט. דערנאָך האָט ער געבענטשט די מענטשן פון שטאָט. דערנאָך האָט ער זיך געוואַשן די הענט און געזאָגט ווידוי. דערנאָך האָט ער געזאָגט קריאת־שמע. אַז ער איז צוגעקומען צום „ואהבת״ האָט ער אויסגעהויכט זיין לויטערע נשמה.

כ׳האָב שוין פאַרציילט אַז דעמאָלט זענען די שנייען געווען זייער גרויס. ביי אונדז אין שטאָט אַז עס הייבט אָן שנייען הערט עס נישט אויף ביז מען בענטשט טל. און אַזוי האָט כּסדר געשנייט, און אַלע וועגן זענען געווען פאַרלייגט מיט שניי, בפרט די וועגן ווו מען פאָרט נישט קיין סך. גאַנצע בערג מיט שניי זענען געלעגן, בערג איבער בערג. און מיר מוזן

דערמאָנען צום גוטן די צוויי קברנים, דעם לאַנגן חיים, וואָס מען האָט גערופן חיים ארוכים, און דער קליינער קדיש לייב, וועמען מ׳האָט גערופן חצי קדיש, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין אַזעלכע שנייען אויפן בית־חיים און אויסגעגראָבן אַ קבר פאַר אונדזער רב הגאון זכרונו לברכה.

געהאָפט האָט מען אַז ער וועט ווייזן דעם וועג פון לעבן, פּלוצלינג האָט אים גאָט געצומען ער זאָל לייכטן אין דעם אייביקן ליכט. וואָס איז אונדז געבליבן פון דעם צדיק, זיין הייליקער גוף, וואָס ליגט אויף דער ערד. כּל־זמן מען האָט אים נאָך דער ערד נישט איבערגעגעבן איז מען געשטאַנען איבער אים און געזאָגט פּסוקים און מיזמורים און בקשות. פּלוצלינג האָט זיך געהערט אַ קול ווי פון אַ שוואַכן פויגל און מען האָט געזען אַז דער אַלטער ר׳ פּנחס שטייט אַריבערגעבויגן איבערן ניפטר און זאָגט שיר־השירים. באַלד האָבן אַלע אָנגעהויבן זאָגן שיר השירים פּסוק נאָך פּסוק אַזוי ווי מען האָט געזאָגט שיר־השירים בשעת דער גאון ר׳ פּנחס בעל־מופת איז געלעגן אויף דער ערד איידער מען האָט אים געברענגט צו קבורה. וואָרן אַזוי האָבן מיר אַ מסורה ביי אונדז אין שטאָט פון אונדזערע פאָטערס זיי זאָלן רוען אין ליכטיקן גן־עדן, אַז ביים גאון ר׳ פּנחס בעל מופת, ר׳ שלמהס זיידע, איז די גאַנצע שטאָט געשטאַנען פאַר דעם ניפטר און געזאָגט שיר־השירים. יענע נאַכט האָט קיינער זיך נישט געלייגט שלאָפן און פון עק שטאָט זענען אָנגעקומען זקנים און זקנות מיט אַ געוויין אויף דעם צדיק. דער שניי איז געפאַלן און אַ קלאָר ליכט האָט באַלויכטן די נאַכט. שניי איז דאָך קלאָר, אין יענער נאַכט איז ער געווען קלאָר און געשליפן. מענטשן האָבן געזאָגט אַז אַזאַ שניי האָט מען נישט געזען נישט פאַר דעם און נישט נאָך דעם. אָבער יעדעס האַרץ איז געווען טונקל און פאַרפינצטערט.

אין דער פרי איז די גאַנצע שטאָט, קליין און גרויס, ווייבער און קינדער מיטגעגאַנגען מיט דער לוויה. קיינער האָט קיין אויוון נישט איינגעהייצט, אַ פרוי האָט קיין לעפל עסן נישט געקאָכט, אַ קינד איז אין וויג נישט געבליבן, אַ קראַנקער איז אין בעט נישט איינגעליגן, נאָר אַלע זענען נאָכגעגאַנגען נאָך דער מיטה, און טרערן זענען זיי גערונען פון די אויגן, און טרערן זענען פאַרגליווערט געוואָרן און צעגאַנגען און ווי־דער פאַרגליווערט געוואָרן. און קיינער האָט נישט געזאָגט ס׳איז מיר

קאַלט. מען האָט פון קיינעם קיין וואָרט נישט געהערט, חוץ פון דעם שמש, וואָס איז געגאַנגען און געזאָגט, צדק לפניו יהלך. און אַזוי זענען זיי געגאַנגען נאָך דער מיטה פון דעם צדיק ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער גרויסער שול. דאָרט האָבן זיי אוועקגעשטעלט די מיטה אויף דער ערד און געמאַכט זיבן הקפות, און די אַלע וואָס האָבן זיך פאַר־נומען מיט דער טהרה און מיט די הקפות האָבן זיך פריִער טובל געווען אין אַ ריינער מיקווה. דערנאָך איז מען אַרויפגעגאַנגען מיט דער מיטה אויפן בית־החיים און אים קובר געווען אין דעם אויסגעגראָבענעם קבר. אַז די שנייען האָבן געלאָזט און עס איז געקומען די רביצין, דאָס ווייב פון דעם גאון זכרונו לברכה צו וויינען אויף זיין קבר און מיט איר זענען מיטגע־גאַנגען עטלעכע מנינים ייִדן האָט מען געזען אַז ער ליגט נעבן זיין זיידע ר׳ פנחסן. מיינט איר אַז די קברנים האָבן זיך טועה געווען, ניין, נאָר דער אַלטער גאון האָט אים גענומען צו זיך. ווי גרויס עס זענען צדיקים ביי זייער טויט, וואָס אין דעם זעלבן טאָג ווען מען האָט געברענגט אונדזער גאון צו קבורה איז געוואָרן פונקט הונדערט יאָר מיט איין טאָג פון דער פטירה פון יענעם צדיק, וועלכער האָט אויסגערעדט מיט דער שטאָט אַז מען זאָל נישט קובר זיין נעבן אים קיין שום ניפטר ביז נאָך הונדערט יאָר, און אויך נאָר אויב דער ניפטר וועט שטאַמען פון אים. אויך ר׳ משה פנחסעס האָנט האָט געשטעקט דערין, וואָס ער האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט ר׳ שלמהן און נישט געוואָלט אים האָבן נעבן זיך. און אונדזער גאון ר׳ שלמה איז געווען אַן אוהב שלום און פונקט ווי ער האָט מוותר געווען ביים לעבן אַזוי האָט ער מוותר געווען ביים טויט.

מיט דער דאָזיקער מעשה בין איך נישט אויסן געווען צו פאַרציילן אַ מופת פון אַ צדיק אָדער צו ווייזן די קינאה פון ר׳ משה פנחסן, נאָר איך האָב פאַרציילט דאָס לעבן פון צוויי תלמידי־חכמים וואָס האָבן געלעבט אין אונדזער שטאָט מיט צוויי דריי דורות צוריק ווען די תורה איז געווען אונדזער קרוין און אַלע ייִדן זענען געגאַנגען אין די וועגן פון דער תורה, וואָס איז דאָך אונדזער פרייד און אונדזער פעסטונג ביז עס וועט קומען אונדזער גאולה און מיר וועלן זוכה זיין צו הערן גאָטס תורה פון משיחס מויל ווען ער וועט זיצן און לערנען תורה מיט אַלע ייִדן וואָס האָבן געלערנט תורה פון ליבשאַפט.

אַרבעט

א

אַ גרויסער צדיק איז אַמאָל אָנגעקומען אין דאָרף אַריין. פרעגט ער זיך ביי די מענטשן פון דאָרף: „קאָן מען דאָ ערגעץ איבערנעכטיקן?" זאָגן זיי אים: „ס'וווינט דאָ אַ ייִד, גיי צו אים, ער וועט דיך זיכער אַריינ־נעמען". האָבן זיי אים געוויזן דאָס הויז און ער איז אַהינגעגאַנגען.

ווי נאָר אַריינגעקומען פרעגט ער זיך: „קאָן איך דאָ איבערנעכטיקן־?" זאָגט אים די באַלעבאָסטע: „פאַר וואָס נישט?" און זי נעמט און גרייט אים צום טיש און מאַכט אים אַ געלעגער. פרעגט ער: „און ווו איז דער באַלעבאָס?" זאָגט זי: „מיין מאַן איז ביי דער אַרבעט. ער דאַרף באַלד קומען".

האָט דער צדיק דערפילט אַ ריח פון קדושה אין דער שטוב. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער באַלעבאָס איז אַ הייליקער מאַן. ער האָט זיך אין האַרצן געפרייט, וואָס גאָט האָט אים דאָ אַהערגעפירט און האָט געזאָגט צו זיך אַליין: „כ'וועל זיצן און זען וואָס ער טוט".

דער באַלעבאָס איז אַריינגעקומען. ער האָט אָוועקגעלייגט די כלים און געדאַוונט מעריב. ער האָט זיך געוואַשן די הענט, געגעסן, און געבענטשט, און געלייגט זיך שלאָפן, און עס האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן, נישט פון זיין דאַווענען און נישט פון דעם אַלעם אַנדערן וואָס ער האָט געטאָן קיין שום מעלות לויטן שטייגער פון צדיקים. האָט דער צדיק זיך געוווּנדערט: „דער ריח פון קדושה פון וואַנען דערנעמט זיך?" האָט ער אָנגעהויבן צו קלערן, אפשר איז דער באַלעבאָס איינער פון די פאַרבאָר־גענע צדיקים, וואָס באַהאַלטן זייערע מעשים פון מענטשנס אויגן? טראַכט ער: „כ'וועל ליגן און זען וואָס ער טוט ביי נאַכט". איז ער געלעגן אויפן בעט און אים נאָכגעקוקט אַ גאַנצע נאַכט און ער האָט געזען, אַז יענער

שלאָפט אַ מידן שלאָף. קיין חצות נישט אָפּגעריכט, גאָרנישט. טראַכט זיך דער צדיק: „ער האָט זיך באַהאַלטן פון מיר ביי נאַכט, וועל איך זען וואָס ער טוט ביי טאָג".

אין דער פרי האָט דער באַלעבאָס זיך אויפגעהויבן, געוואַשן זיך דאָס פנים, די הענט, געדאַוונט. קיין גרויסע שהיות האָט ער ביים דאַווענען נישט געמאַכט. פשוט אָפּגעדאַוונט, ווי יעדער פשוטער ייִד. נאָכן דאַווענען האָט ער געגעסן אָנבייסן, גענומען די אַרבעטס־כּלים און אַוועקגעגאַנגען. איז דער צדיק אים נאָכגעגאַנגען.

האָט ער געזען, ווי דער ייִד גייט צו צו אַ באַרג, גראָבט אויס שטיינער און זעצט זיך אַוועק צום צעהאַקן זיי אויף קליינע שטיקלעך. בשעת דער אַרבעט הייבט ער נישט אויף דעם קאָפּ און קוקט אין ערגעץ נישט אַוועק. מיט ביידע אויגן קוקט ער אויפן שטיין וואָס ער צעהאַקט.

גייט דער צדיק צו צו אים און פרעגט אים: „איז דאָס דיין אַרבעט?" שאָקלט ער מיטן קאָפּ. פרעגט ער: „קאָנסטו זיך דערנערן פון דער אַר־בעט?" זאָגט ער: „די בוי־מייסטערס פון שטאָט האָבן ליב די שטיינער, וואָס איך צעהאַק און זיי באַצאָלן מיר".

ב

האָט דער צדיק זיך אויפגעהאַלטן ביים שטיינהאַקער איין טאָג, צוויי טעג, דריי טעג און האָט גאָרנישט געזען דורך די דריי טעג מער ווי ער האָט געזען דעם ערשטן טאָג. איז ער געזעסן און זיך געוווּנדערט: „צי צוליב דעם, וואָס ער האַקט שטיינער צום בויען האָט ער זוכה געווען, אַז זיין שטוב זאָל זיין אַזוי הייליק?"

האָט ער פאַרפירט מיט אים אַ שמועס און געפרעגט: „וואָס טוסטו אַלע אַנדערע טעג?" זאָגט ער: דאָס זעלבע, וואָס דו האָסט מיך געזען טאָן היינט און נעכטן און אייערנעכטן. איך טו דאָס זעלבע אַלע טאָג". טראַכט זיך דער צדיק: „אמת, ריכטיק. מ'זעט דאָך, אַז ס'איז אַזוי". אַלע אינדערפרי, נאָך דעם ווי ער דאַוונט אָפּ און עסט עפּעס, גייט ער אַרויס צום באַרג און נעמט שטיינער און צעשפּאַלט זיי, צעהאַקט זיי, און עס

קומען מענטשן און באַצאָלן אים און פירן אַוועק די שטיינער אין שטאָט אַריין, און אין אָוונט קומט ער אַהיים, דאַוונט מעריב, עסט און לייגט זיך שלאָפן. נעכטן אַזוי און אייערנעכטן אַזוי און פאַר אייערנעכטן אַזוי.

זאָגט ער צו אים: „עס קומען דאָך איצט אָן די ימים־נוראים, ווו דאַוונסטו? דאָ זענען דאָך נישטאָ קיין ייִדן, נישט קיין מנין". זאָגט ער: „אויף ראש־השנה און יום־כיפור גיי איך אין שטאָט אַריין און דאַוון אין בית־המדרש". הערט דער צדיק, אַז ער דאַוונט אין זיין שטאָט און אין זיין בית־המדרש, האָט ער זיך גענומען די זאַך אין זינען אַריין און זיך גע־טראַכט: „כ'וועל זען וואָס ער טוט ראש־השנה און יום־כיפור".

אַז ס'איז געקומען ראש־השנה, האָט ער אים געטראָפן, ווי ער שטייט אין בית־המדרש אונטן ביי דער טיר און דאַוונט צו גלייך מיט אַנדערע פּראָסטע מענטשן. ער שטייט און דאַוונט גאַנץ פּשוט. ראש־השנה אַזוי און יום־כיפור אַזוי. טראַכט זיך דער צדיק: „רבונו של עולם, מיט וואָס האָט דער מענטש זוכה געווען, אַז די ווענט פון זיין שטוב זאָלן אַרויסגעבן פון זיך אַזאַ ריח פון קדושה?".

מוצאי יו"כ האָט ער זיך אָנגעפרעגט אין הימל און געענטפערט האָט מען אים אַזוי: „די קדושה פון דעם שטיינהאַקער באַשטייט אין זיין מלאכה, וואָס ער טוט מיט אַזוי פיל אמונה, מיט גרויס שלימות, און ער דערלאָזט נישט, אַז אַ מינדסטער געדאַנק, זאָל זיך אַריינקריגן צווישן אים און צווישן זיין אַרבעט. און דאָס איז אַ גרויסע מדרגה".

איז דער צדיק געוואָרן אויסער זיך און ער האָט דערפילט אַ הייסן באַגער אים צו זען. טראַכט ער: „עס גייט דאָך איצט סוכות, ער וועט אַוודאי קומען אויף יום־טוב אין שטאָט אַריין דאַווענען בציבור". האָט ער געוואַרט אויף אים אַ גאַנצן ערב יום־טוב. אַזוי ווי עס האָט זיך געמאַכט שפּעט און ער איז נישט געקומען, האָט ער גענומען אַ לולב און אַן אתרוג און איז געגאַנגען צו אים.

רופט זיך אָן דער שטיינהאַקער מיט פאַרדראָס: „פאַר וואָס האָסטו זיך אָנגעפרעגט אויף מיר אין הימל?" זאָגט ער: „איך האָב געזען דעם ריח פון דיין שטוב און כ'האָב געזען דיינע מעשׂים און כ'האָב נישט געקאָנט צופּאַסן איינס צום צווייטן. האָב איך געוואָלט, מען זאָל מיר זאָגן פון

הימל, אין וואָס עס באַשטייט דיין זכיה״. זאָגט ער צו אים: „פון איצט אָן קאָן איך שוין מער נישט בלייבן אויף דער וועלט״.

האָט דער צדיק אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און האָט געזאָגט: „האַר, בענטש מיך!״ האָט ער אים געבענטשט און האָט זיך מיט אים געזעגנט. באַלד ווי ס'איז געוואָרן אויס יום־טוב האָט מען געבערענגט די מיטה מיט דעם שטיינהאַקער אין שטאָט אַריין.

די כאַפּערס

דער זאַל איז געווען געפּאַקט. נישט געווען קיין מענטש אין שטאָט, וואָס איז נישט געקומען, ווייל גרויסע צרות האָבן זיך געמאַכט אין לאַנד און קיינער ווייסט נישט וואָס צו טאָן. און אַזוי ווי הער שרייהאַלץ איז געגאַנגען האַלטן אַ רעדע איז זיך די גאַנצע שטאָט צוזאַמענגעקומען, ווייל אַזוי פירט זיך אין דער מדינה, מען טוט נישט גאָרנישט פריִער ביז מען רעדט די זאַך אַרום, און אַרומרעדן הייסט האַלטן רעדעס. נאָכן אָפּרעדן זיך און נאָכן אָפּהאַלטן די אַלע רעדעס, פילן די מענטשן פון דעם לאַנד ווי זיי וואָלטן שוין עפּעס געהאַט אָפּגעטאָן. איז די צרה אַוועק איז גוט, און אויב נישט האַלט מען נאָך אַ רעדע, ביז עס קומט אַ גרעסערע צרה און מען שטעלט אַוועק אַן אַנדערן רעדנער, איז די צרה בטל געוואָרן איז גוט, אויב נישט א. א. וו.

ס'איז זייער גוט ווען מ'קומט זיך צוזאַמען, מ'האַלט רעדעס און דער מענטש פילט, אַז ער טוט עפּעס. טייל מאָל ווייסט מען פאָרויס, וואָס דער רעדנער וועט זאָגן, און טייל מאָל, נאָך דעם אַפילו ווי ער האָט געענדיקט, ווייסט מען אויך נישט וואָס ער האָט געזאָגט. און עס טרעפט, אַז עס אַרט זיי נישט וואָס ער זאָגט, אַבי זיי פּטרן אַ צוויי־דריי שעה פון דעם לעבן, וואָס פאַרגייט ווי רויך. און עס האָבן מענטשן מורא פאַר יענער מינוט, ווען דער רעדנער וועט פאַרענדיקן זיין רעדע און זיי וועלן אַהיימגיין און טרעפן זייערע ווייבער מידע, ווייל זיי זענען דאָך אויך געווען אויף דער פאַר־זאַמלונג.

כאָטש מען מאַכט אַ באַנקעט נאָך יעדער רעדע איז אָבער נישט יעדער זוכה צו זיין פון די איינגעלאַדענע. יעדער ווער עס זעט די מאַסע מיינט, אַז זי איז פון איין שטיק, אָבער באמת איז נישט פאַראַן קיין איינער, וואָס זאָל נישט זיין קיין פאָלק פאַר זיך אַליין. אַזוי אויך די פרויען זענען יעדע איינע אַ באַזונדערע ראַסע. כאָטש די האָר און די פאַרב פון זייערע פּנימער

און אַזוי אויך די אַלע אַנדערע זאַכן וואָס זאָגן עדות וועגן דער ראַסע, זענען געמאַכט פון איין פּאַכמאַן.

העד שרייהאַלץ האָט שוין געדאַרפט אָנהייבן, אָבער ווי ס׳איז דער שטייגער פון די גרויסע רעדנערס, האָט ער זיך געפלעגט פאַרשפּעטיקן טייל מאָל אַ האַלבע שעה, טייל מאָל אַ שעה. דער עולם ווייטער איז געקומען וואָס פריִער. מחמת יעדער האָט געוואָלט פאַרנעמען אַן אָרט, אָדער זאָגן דעם צווייטן עפּעס אַ וואָרט, ווייל דער יצר־הרע רעדט שוין אַזוי אין יעדן מענטש און זאָגט אים, דו האָסט אויך עפּעס צו זאָגן. אַז ער איינער האָט נישט מער וואָס צו זאָגן, חזרט ער איבער וואָס ער האָט געזאָגט נעכטן אָדער אייערנעכטן, און דער וואָס פילט זיך געלאַנגווייליקט פון אַ צווייטן מאַכט עס ביי אים נישט אויס, פאַרקערט, עס שמייכלט אים צו זען, אַז יענער איז נישט קליגער פון אים. די מנהיגים און כלל־טוערס, וואָס זענען געקומען צוליב שרייהאַלצן זיצן דענערווירט, ווי ס׳איז דער שטייגער פון מענטשן, וואָס זעען, אַז יענער טוט דאָך וואָס זיי האָבן געדאַרפט טאָן. און זיצנדיק אַזוי קוקן זיי זיך איין אין די בילדער, וואָס הענגען אויף דער וואַנט פון קלוב. און זיי קוקן שוין אויף זיך אַליין ווי זייערע אייגענע בילדער וואָלטן אַראָפּגעשיינט פון דאָרט, און זיי דערפילן דעם טעם פון אייביקייט, פון דער אייביקייט צו וועלכער זייערע פאַר־שטאָרבענע חברים האָבן זוכה געווען.

זעלטן אַ מענטש, וואָס גאַרט נישט נאָך אַ ביסל אייביקייט, בפרט מענטשן פון מאַכט, פון רעגירן, ווייל דאָס אידעאַלע אין זיי איז אויסגע־מישט מיט דעם פיזישן און דאָס פיזישע באַפרידיקט נישט זייער באַגריף פון דעם אידעאַלן. און היות ווי זיי זענען מער אָדער ווייניקער ענלעך צו די, וועלכע האָבן שוין זוכה געווען צו אייביקייט, קאָנען זיי בריווח גלייבן, אַז אויך זיי קומט די אייביקייט. נאָר דער דאָזיקער באַגריף, ד. ה. די אייביקייט, איז נישט עפּעס קאָנקרעטעס, דעריבער פאַרטראַכט זיך קיינער נישט, וואָס געפֿינט די אייביקייט איז אַזעלכעס און ווען זי הערט אויף, צי ביים אָפּשטעלן זיך פון דופק, אָדער ביי דער לעצטער שופלע ערד.

דער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן אומגעדולדיקן און די לופט ווערט וואָס אַ מאָל געדיכטער. קיינער ווייסט נישט נאָך וואָס ער זיצט דאָ און

ער גייט הערן, נאָר עס איז שוין געוואָרן אַ געוווינהייט צוזאַמענצוקומען זיך און הערן רעדעס, און אַז דער עולם ווערט צו עפּעס צוגעוווינט, פרעגט מען דערויף קיין קשיות נישט, מען זאָגט נאָר עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אַ שייכות צו דער זאַך.

רופט זיך אָן אַ פרוי צו איינעם, וואָס זיצט דערנעבן, מ׳דאַרף עפענען אַ פענצטער. זאָגט ער, אַנטשולדיקט מאַדאַם, איך קאָן אייער פאַרלאַנג נישט דערפילן. פאַר וואָס? — ווייל אַלע פענצטער זענען אָפן. קוקט אים די פרוי אָן בייז און זאָגט, טאָ וואָס דען איז אַזוי הייס? זאָגט ער, די לופט וואָס גייט אַריין דורך איין פענצטער גייט אַרויס דורכן אַנדערן.

רופט זיך אָן איינער און זאָגט, שרייהאַלץ איז נאָך אַלץ נישטאָ. זאָגט אַן אַנדערער, אפשר גרייט ער זיך צו דער רעדע. זאָגט ער ווידער, הלוואַי וואָלט ער זיך צוגעגרייט ער זאָל וויסן וואָס ער רעדט. גיט אים דער שכן זיינער אַ קוק אָן, ווי ער וואָלט אָנגעטראָפן אויף זיינע מחשבות, און אַזוי ווי עס פירט זיך נישט אַ מענטש זאָל זאָגן וואָס ער טראַכט, זאָגט ער עפּעס אַנדערש, אַ רעדנער ווי שרייהאַלץ דאַרף דאָס נישט. רופט זיך אָן איינער, אָבער מיר דאַרפן עס. זאָגט דער אַנדערער, איר זענט נאַיוו, ליבער פריינד, אויב איר מיינט, אַז מען טוט וואָס מען דאַרף. גיט איינער אַ קוק אויפן זייגער און פרעגט, נו, ווען וועט מען אָנהייבן? רוימט אים איינער איין אויפן אויער, וואָס אַרט אייך צי מ׳וועט אָנהייבן אָדער נישט? זאָגט ער, אפשר זענט איר גערעכט. זאָגט ער, איר זאָגט אפשר בין איך גערעכט און איך זאָג אייך כ׳בין נאָך קיין מאָל נישט אַזוי גערעכט געווען ווי איצט. פון דעסטוועגן דאַרף מען צויאָגן דעם שרייהאַלץ ער זאָל קומען.

אין יענעם מאָמענט זענען געקומען דריי בחורים צו הער שרייהאַלץ. ער האָט געזען זייער אָנטועכץ, האָט ער זיך געוווּנדערט. ווי קומען צו אים מענטשן אָנגעטאָן אין אַזאַ הולך? אָבער אַ גוטע אייגנשאַפט האָט דער הער שרייהאַלץ, אַז אַלץ וואָס עס האָט נאָר אַ שייכות מיט אים געפעלט אים. טראַכט ער זיך, מסתמא זענען דאָס שליחים. נעמט ער זיי אויף מיט אַ שמייכל און זאָגט, נו, זענט איר הייסט עס געקומען נאָך מיר. ענטפערן די בחורים, יאָ הער שרייהאַלץ, מיר קומען נאָך אייך. דער אויטאָ וואַרט אין דרויסן.

נעמט ער אַ דיקן ציגאַר אין מויל אַריין און גייט מיט די בחורים, און גייענדיק גיט ער דערוויל אַ קוק אין שפּיגל און מאַכט זיך גלייך די וואָנסעס. שמייכלט ער ווידער צו די בחורים און זאָגט, נו, דער זאַל איז פול. ענטפערן זיי און זאָגן, אַלץ הייסט פול. — און דער קאָרידאָר? זאָגן די בחורים, מ'שטייט קאָפּ אויף קאָפּ און מ'וואַרט אויף אייך. איז הער שרייהאַלץ אַריינגעגאַנגען אין אויטאָ און פאַרלייגט אַ קני אויף אַ קני. ער רינגלט זיך אַרום מיט וואָלקנס רויך פון זיין ציגאַר. ער איז גוט אויפגעלייגט און פילט זיין חשיבות, ווי ס'איז דער שטייגער ביי אַזאַ רעדנער, ווען דער עולם וואַרט אויף אים. און אויב מען קאָן הער שרייהאָלצן צושרייבן מחשבות דאַרף מען זיך פאָרשטעלן אַז אַזוי האָט ער געטראַכט, איך קום אַריין אין זאַל און אַלע שטעלן זיך אויף פאַר מיר, און איך גיב אַ לויף אַרויף אויף דער טריבונע, אָדער ביין, איך לויף נישט, איך גיי פּאַמעלעך און לייג אַנידער דעם זייגער אויפן טיש און קוק זיך איין אין עולם, און דער עולם שטעלט אָן די אויערן צו הערן, אַזוי, אַז דער זאַל שטעלט זיך אים פאַר ווי אַ וואַלד מיט אויערן. וואָס איז דאָס, איך פאַר און פאַר און בין נאָך אַלץ נישט דאָרט?

ער קוקט אַרויס פון פענצטער און פרעגט די בחורים, ווהין פירט איר מיך? ענטפערן די בחורים, מיר פירן אייך אַריין ווו איר ווילט. רינגלט ער זיך ווידער אַרום מיט וואָלקנס רויך און קוקט זיך איין אין דעם וואַלד מיט אויערן. און אַזוי ווי ער קוקט הייבן די אויערן אָן קלאַפּן איינע אין די צווייטע ווי הענט, וואָס אַפּלאָדירן נאָך אַ רעדע.

דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ און די בחורים העלפן הער שרייהאָלצן אַרויסגיין. שרייט הער שרייהאָלץ אָן אויפגערעגטער, ווו בין איך? זאָגן די בחורים, האָט נישט קיין מורא, איר זענט נישט אין קיין מידבר, עס וווינען דאָ אָרנטלעכע מענטשן, נאָר פירערס און פאַרזאָרגערס, וואָס האָבן זיך אָנגעלייגט אויף דער שטאָט, האָבן געבראַכט דערצו עס זאָל דאָ זיין אַזוי אָפּגעלאָזן, זיי פאַרברענגען מער אין אויסלאַנד ווי דאָ־הי, זיך אַליין צו פאַרזאָרגן, דעריבער קאָנען זיי די שטאָט נישט פאַרזאָרגן.

ווער זענט איר? פרעגט הער שרייהאָלץ און אַ שווייס באַדעקט אים אַזוי גרויס ווי ער איז. ענטפערן די בחורים, באַרויִקט אייך, הער שרייהאָלץ, מיר זענען מענטשן. זאָגט הער שרייהאָלץ, אַז איר זענט מענטשן, טאָ וואָס

ווילט איר מיר שלעכטס טאָן? זאָגן זיי, חלילה, מיר ווילן קיינעם קיין שלעכטס נישט טאָן, נאָר עס קומען אויפן לאַנד אַזוי פיל צרות אַז מיר זענען זיכער, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס מען האַלט אין איין רעדן און טאָן, טוט מען גאָרנישט. און אויב מיר קאָנען נישט אַוועקנעמען דעם עולם פון די רעדנערס, ווילן מיר אַוועקנעמען די רעדנערס פון עולם, כדי דער מענטש זאָל קאָנען אַריינטראַכטן אין זיין אייגענעם תּכלית און זען מיט וואָס ער פאַרברענגט זיינע יאָרן. און ווען נישט וואָס מיר וואָלטן זיך שוין געהאַט מייאש געווען פון די רעדנערס און די דרשה־האַלטערס, וואָלטן מיר געזאָגט, אַז אויך זיי קאָנען פון דעם געניסן, וואָרן, אַז זיי וועלן זיך צוגעוויינען צו זיצן אַ ביסל שטיל, וועלן זיי נישט פילן אין זיך די ליידיקייט, וואָס נעמט זיי אַרום צווישן איין רעדע און דער צווייטער.

האָט הער שרייהאַלץ געזען, אַז ער איז דאָ מיאוס אַריינגעפאַלן. די מענטשן האָבן פּשוט נישט קיין דרך־ארץ פאַר קיין רעדנער. האָט ער איינגעהאַלטן זיין כּעס און געפרעגט, ווי לאַנג האָט איר בדעה מיך אַזוי צו האַלטן? זאָגן די בחורים, ביז עס וועט דעם עולם מיאוס ווערן און ער וועט אַהיימגיין. זאָגט הער שרייהאַלץ, און אויב זיי וועלן דערווייל אַוועקשטעלן אַן אַנדערן רעדנער? זיפצן די בחורים, דאָס איז אונדז גאָרנישט איינגעפאַלן. דאָס איז אַ מיאוס אַנשיקעניש, נישטאָ קיין רעדנער עס זאָלן נישט זיין הונדערט אויף זיין אָרט.

האָט הער שרייהאַלץ פאַרביסן די ליפּן און די בחורים זאָגן, נו, זייט אַזוי גוט קומט אַריין. — ווו? אין דעם הויז אַריין, אָדער אפשר ווילט איר אין דעם חברס הויז אַריין? ווו ווילט איר? שרייט הער שרייהאַלץ, ווו איך וויל? איך וויל עס זאָל קומען אַ פייער און זאָל אייך אַלע דריי פאַרברענען מיט איין מאָל.

זיפצט איינער און זאָגט, באמת זענען מיר ווערט די שטראָף, וואָרן מיר באַגייען זיך מיט געוואַלט, נאָר מיר פאַרלאָזן זיך אויפן רבונו של עולם, אַז ער וועט אונדז מוחל זיין, ווייל מיר האָבן דאָך נישט קיין אַנדער ברירה. קוקט הער שרייהאַלץ אויף דעם בחור מיט חוזק און זאָגט, דו גלייבסט, אַז עס איז עפּעס דאָ אין הימל? זאָגט ער, יעדנפאַלס אויף דער ערד איז מער גאָרנישט דאָ ווי דרשות מיט רעדעס און רעדעס מיט דרשות. און דאָס איז נישט גוט, הער שרייהאַלץ, נישט גוט, הער שרייהאַלץ, נישט גוט.

פרעגט הער שרייהאַלץ די בחורים, און וואָס אַ שטייגער זוכט איר אויף דער וועלט? זיפצן די בחורים און זאָגן, וואָס ווייסן מיר? זיבן יאָר דאַרף דויערן ביז דער קאָפּ זאָל זיך אויסלופטערן פון די אַלע רעדעס און זאָל צוריק געזונט ווערן. אפשר דעמאָלט וועט מען קאָנען עפּעס טראַכטן. זאָגט הער שרייהאַלץ, איך זע דאָך אַז איר זענט שטאַרקער פון מיר. טוט מיט מיר וואָס איר ווילט. נאָר ווייסט, אַז כ׳וועל אין אייך נקמה נעמען. זיפצן די בחורים און זאָגן, מיר זענען נישט שטאַרק. און וואָס שייך נקמה, וואָס קאָן מען אונדז שוין מער טאָן? איר זעט ווי ווייט מיר זענען דערגאַנגען, מיר פירן זיך אויף ווי כאַפּערס, און אפשר נאָך ערגער ווי כאַפּערס. זיי טוען עס כאָטש צוליב אַ שטיקל ברויט און מיר נעמען נאָך אַוועק פון אונדזער ברויט און גיבן אויס אויף אַן אויטאָ. אַלזאָ הער שרייהאַלץ, וווהין ווילט איר זאָלן מיר אייך נעמען?

פרעגט הער שרייהאַלץ, איז דאָ נישטאָ קיין קאָפּע־הויז? זאָגן זיי, ניין, ס׳איז נישטאָ קיין קאָפּע־הויז. זאָגט הער שרייהאַלץ, און אַז אַ מענטש וויל פאַרברענגען אַ פרייע שעה, וואָס טוט ער? זאָגן זיי, די מענטשן דאָ זענען צו פיל פאַרהאָרעוועט זיי זאָלן האָבן פרייע שעהען. — און וואָס טוען זיי שבת, יום־טוב? — ווער עס קען לערנען זיצט און לערנט און ווער עס קען נישט לערנט ביי דעם וואָס קען. שמייכלט הער שרייהאַלץ און זאָגט, יעדער האָט זיך זיין פאַרגעניגן. ענטפערן די בחורים, יעדער האָט זיך זיין פאַרגעניגן. אָבער זיי שמייכלען נישט, זיי זענען מקנא די מענטשן, וואָס קאָנען געניסן פון דעם פאַרגעניגן.

איז הער שרייהאַלץ געגאַנגען מיט די בחורים און איז אַריינגעקומען אין אַ צימער וואָס איז געווען באַלויכטן פון אַ קליין לעמפּל. דאָס צימער איז געווען קליין און די מעבל דאָרט פון פּראָסט האָלץ. אַזאַ סאָרט צימער מיט אַזעלכע פּשוטע זאַכן האָט הער שרייהאַלץ געהאַט ווען ער איז געווען יונג. אויך אָנגעטאָן איז ער דעמאָלט געגאַנגען ווי די דריי בחורים גייען איצט, וואָרן געוויינטלעך איז הער שרייהאַלץ נישט געבוירן געוואָרן אין קיין גרעפישן פּאַלאַץ, און אָנגעטאָן איז ער אויך נישט געגאַנגען ווי קיין פּריץ, נאָר ערשט ווען ער האָט זיך געזועלשאַפטלעך אַרויפגעאַרבעט, האָט ער זיך אָנגעהויבן פּוצן און שיין צו וווינען. האָט ער אַוועקגענומען דעם געדאַנק פון דעם צימער און פון אַלעם אין וואָס דאָס צימער דערמאָנט אים

און פרעגט, איז דאָ פאַראַן אַ צייטונג? זאָגט דער באַלעבאָס, קיין צייטונג איז נישטאָ, נאָר אַ בוך אויב איר ווילט קאָנט איר דאָ האָבן. זאָגט הער שרייהאַלץ, און דאָס וואָס איז? זאָגט דער באַלעבאָס, דאָס איז אַ צייטונג אין וועלכן דער קרעמער האָט איינגעוויקלט ס׳ברויט. שפּרייט הער שריי־האַלץ אויס די צייטונג, פרייט זיך און זיפצט. ער פרייט זיך וואָס ער זעט דאָרט זיין נאָמען און דעם אַנאָנס וועגן דעם אָוונט אויף וועלכן ער האָט געבראַוכט אַרויסצוטרעטן. און זיפצן זיפצט ער, וואָס מען האָט אים נישט געלאָזט רעדן. אַזוי אָבער ווי ער האָט שוין די צייטונג געהאַט אויסגעלייענט אין דער פרי האָט ער געהייסן מען זאָל עפענען דעם ראַדיאָ. זאָגן זיי, נישטאָ דאָ קיין ראַדיאָ. זאָגט שרייהאַלץ, קיין קאַפע־הויז, קיין ראַדיאָ — טאָ ווי אַזוי לעבט איר דאָ? זאָגן זיי, דעמאָלט ווען אַנדערע מענטשן פּטרן זייערע יאָרן אין קאַפע־הייזער און ביי די ראַדיאָס, לעבן מיר אַ לעבן לויטן רצון פון אונדזער באַשעפער.

נעמט הער שרייהאַלץ אַרויס דעם זייגער און פרעגט, נו, רבותי, ווי לאַנג וועלן מיר דאָ אַזוי זיצן? זאָגן זיי, נאָך אַ ביסל, הער שרייהאַלץ. קוקט ער זיך ווידער אַרום. אָט דער קליינער צימער האָט אים אַריינ־געבראַכט אין אַ גוטער שטימונג, עפּעס האָט ער זיך דערפילט ווי אַ מאָל, איידער ער איז געוואָרן אַן עפנטלעכער מענטש. ער דערמאָנט זיך די צייטן ווען ער פלעגט זיצן ביי אַ קליין לעמפּל און געלייענט, געלערנט. אָ, יענע צייטן זענען פאַרפלויגן און געקומען זענען טעג פול מיט רעש און געפּיל־דער. ווי אַזוי איז דאָס עפּעס געשען, אַז נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָנגע־לערנט אַזוי פיל האָט אים אָנגענומען אַ תאווה צו האַלטן רעדעס. יענע ערשטע רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן איז נישט געווען אַזוי גוט, ווייל דעמאָלט איז נאָך זיין האַרץ געווען פול, וואָס ליידיקער דאָס האַרץ איז געוואָרן, אַלץ בעסער זענען געוואָרן די רעדעס.

און אַזוי זיצנדיק פאַרטראַכט, קוקט ער זיך איין אין די בחורים און זייער באַשיידנקייט און צוריקגעהאַלטנקייט דערמאָנען אים אין זיך אַליין, ווען ער איז געווען יונג. ער נעמט אַרויס אַ פרישן ציגאַר און פאַרלייגט אים אין מויל. צינדט אים אָן און הילט זיך איין אין רויך. עס פאַרקרייזלען זיך אים די ליפּן און דער בויך שאָקלט זיך אים ווי ביי איינעם, וואָס עס צענעמט אים אַ געלעכטער. ער לייגט אַוועק דעם ציגאַר, קוקט זיך איין

אין די מענטשן, און זאָגט, הערט חברה, כ'וועל מיט אייך מאַכן אַ געשעפט.

— אַ געשעפט? פרעגן די בחורים פאַרוווּנדערט, מיר זענען נישט קיין סוחרים און מיר ווייסן נישט פון קיין געשעפטן. זאָגט הער שרייהאַלץ, אָבער הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן און נאָך דעם וועט איר ענטפערן. איבעראַכטאָג דאַרף רעדז מיין חבר וואַלצער. איר קענט דאָך דעם פלוידער־זאַק. אויב איר וועט מיט אים טאָן דאָס זעלבע וואָס איר האָט מיט מיר געטאָן, בין איך אייך אַלץ מוחל און האָב צו אייך קיין טענות נישט. לאַכן די בחורים און זאָגן, נישט קיין קרומע זאַך. נאַר... זאָגט ווידער הער שרייהאַלץ, אָבער איר זענט דאָך אָרעם און סתּם קיין איבעריק געלט צו דינגען אַלע וואָך אַן אויטאָמאָביל האָט איר דאָך נישט. ווען איר וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איר עס דאָך געטאָן, האַ? נאָר מיט איין באַדינג. אין צוויי וואָכן אַרום דאַרף מיינס אַן אַנדערער חבר רעדן. זיפצן די בחורים און זאָגן, אוי. לאַכט הער שרייהאַלץ און נעמט אַרויס דעם טייסטער און זאָגט, דאָ האָט איר געלט צו דינגען צוויי־דריי אויטאָמאָבילן. און איר גיט די הענט. האָט יעדער איינער אים געגעבן די האַנט און געזאָגט, גוט, גערעדט און געטאָן.

אויף הער שרייהאַלצן איז געקומען אַזאַ גוטע שטימונג, אַז ער האָט אַזש פאַרגעסן ווו ער איז. און ווען נישט דאָס וואָס די בחורים דאַרפן אויפשטיין פאַר טאָג צו דער אַרבעט וואָלט ער געזעסן און גערעדט מיט זיי ביז אין דער פרי און אפשר ביז איבערמאָרגן, וואָרן אַ גרויסע מעלה האָט דער הער שרייהאַלץ, אַז אויב ער רעדט נישט עפנטלעך, רעדט ער מיט וועמען עס מאַכט זיך, אַבי ער זאָל זיך נישט צוהערן צו זיך אַליין.

נישט אַלע מיילער זענען גלייך. הער ליפּמאַן שרייהאַלץ, דער באַרימטער מנהיג האָט ליב צו רעדן און די דאָזיקע בחורים האָבן ליב צו שווייגן. האָט זיך איינער פון זיי אויפגעשטעלט און איז געגאַנגען ברענגען אַן אויטאָמאָביל אַהיים צו פירן הער שרייהאַלצן. האָט הער שרייהאַלץ דאָס באַמערקט און געזאָגט, ס'איז בעסער איר זאָלט דאָס געלט אויסגעבן אויף אַן אַנדערן חבר מיינעם, וואָס וועט דאַרפן רעדן און איך וועל אַהיימגיין צופוס. האָבן די בחורים פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט און האָבן אים באַגלייט ביז העלפט וועגס און זיך געזעגנט מיט אים מיט גרויס פאַראַד. אויך ער איז זיך מיט זיי צעגאַנגען ווי די בעסטע גוטע פריינד.

איצט לאָמיר אַ קוק געבן וואָס שפּעטער איז געשען. וואָס הער שריי־האָלץ האָט געטאָן מיט זיינע חברים, האָבן זיי געטאָן מיט זייערע חברים און יענע ווידער מיט אַנדערע חברים, וואָרן מערסטנס מענטשן טוען נישט אויף קיין שום נייס, נאָר מאַכן נאָך אַנדערע. אַזוי אַרום האָט דער עולם אָנגעהויבן ווייניקער קומען אויף פּאַרזאַמלונגען, ווייל זיי זענען אַ סך מאָל געקומען און די רעדנערס זענען נישט געקומען און ווייל זיי זענען נישט געגאַנגען הערן קיין רעדעס, זענען זיי געזעסן אין דער היים, האָבן זיי שוין טייל מאָל אַריינגעקוקט אין אַ ספר און זיך פאַרנומען מיט די קינדער. און אויב די וועלט איז נאָך נישט אין גאַנצן גוט געוואָרן, איז אַ ביסל בעסער זיי יאָ געוואָרן. וואָרן היות ווי זיי פאַרברענגען נישט זייערע טעג מיט די יאָרן אין הערן רעדעס, קוקן זיי זיך אום אויף זיך אַליין מתקן צו זיין אַ ביסל זייערע אייגענע מעשים. און אַז זיי זענען מתקן זייערע מעשים, ווערט דאָס לאַנד אויך בעסער.

עידו און עינם

א

גערהאַרד גרייפּנבאַך און זיין פרוי גערדאַ, מיינע צוויי גוטע פריינד האָבן געהאַלטן ביי מאַכן אַ רייזע קיין אויסלאַנד, אָפּצורוען זיך אַ ביסל פון דעם הו־האַ ביי אונדז און צו באַזוכן זייערע קרובים אין חוץ־לאַרץ. ווען כ׳בין געקומען זיי ווינטשן אַ גליקלעכע רייזע האָב איך באַמערקט אַז זיי זענען מיט עפּעס פאַרדאַגהט. האָט עס מיך געוווּנדערט. ביי זיי איז דאָך אַזאַ שיין לעבן, פּרנסה איז פאַראַן, זיי לעבן גליקלעך איינער מיטן צווייטן און דאַרף מען עפּעס טאָן איז מען זיך צוזאַמען מיישב, און אַז זיי האָבן באַשלאָסן צו פאָרן האָבן זיי דאָך מסתּמא אַלץ פריִער דערליידיקט און באַזייטיקט אַלע שוועריקייטן, איז וואָס פאַרא דאגה קאָנען זיי האָבן.

מיר זענען געזעסן ביי אַ גלאָז טיי און גערעדט וועגן די לענדער וואָס זיי האָבן בדעה צו באַזוכן. קיין סך לענדער זענען נישט אָפן פאַר זיי. פון זינט דער מלחמה איז די וועלט פאַר אונדז פאַרמאַכט און ווייניק לענדער זענען פריי פאַר טוריסטן, און ווו מען קאָן יאָ פאָרן איז מען צו דעם גאַסט נישט צו פריינדלעך, אָבער אַז דער טוריסט טויג זיך קאָן ער דאָך אַ הנאה האָבן פון זיין רייזע.

די גאַנצע צייט בשעתן רעדן האָט זיך דער געדאַנק נישט באַפרייט. האָב איך אָנגעהויבן צו מאַכן פאַרשיידענע השערות און האָב צו גאָרנישט געקאָנט דערגיין. טראַכט איך מיר, די מענטשן זענען מיינע גוטע פריינד, ביי די מענטשן בין איך אַ בן־בית אין שטוב, נאָך די פּאָגראָמען פון 1929, ווען די אַראַבער האָבן חרוב געמאַכט מיין הויז און איך בין געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָבן די גרייפּנבאַכס מיך אַריינגענומען צו זיך, און דעמאָלט, אין יענע צייטן ווען אַ מענטש איז געגאַנגען אין שטאָט אַריין און האָט נישט געקאָנט צוריק אַהיימקומען צוליב באַוועגונגס־פאַרבאָט וואָס די ענגלענדער האָבן פּלוצלינג פאַראָרדנט — האָב איך אָפט גענעכ־

טיקט ביי זיי אין הויז. איצט אַז איך זע אַז עפּעס זענען זיי באַזאָרגט, וועל איך זיי פרעגן וואָס איז די מעשׂה. איז מיר געוועזן שווער צו געפינען די ריכטיקע ווערטער ווי אַזוי צו פרעגן. האָב איך געזען ווי די פרוי גרייפּבאַך זיצט און קוקט זיך אַרום אין צימער ווי איינער וואָס מען האָט אים געוויזן עפּעס אַ טייערע זאַך און ער וויל עס גוט אַרומנעמען מיטן בליק אַזוי, אַז ביים צווייטן מאָל זען זאָל ער עס דערקענען. און אַזוי זיצנ־דיק רעדט זי צו זיך, שווער צו פאָרן און שווער צוריקצוקומען, נאָר הלוואַי ביים צוריקקומען זאָלן מיר נאָך טרעפן אַן אָפענע טיר און מיר זאָלן נישט דאַרפן האָבן קיין ענינים מיט די פאַרכאַפּערס.

רופט זיך גרייפנבאַך אָן, שיינע צייטן אַרויסגעקומען, אַ מענטש איז נישט זיכער מיט די פיר ווענט וואָס ער פאַרמאָגט. עפנסט אויף אַ צייטונג לייענסטו וועגן מענטשן וואָס פאַרכאַפּן דירות, גייסט אַרויס אין גאַס הערסטו ביי דעם און דעם האָבן זיך מענטשן אַריינגעריסן אין הויז. ס׳האַלט שוין דערביי אַז אַ מענטש האָט מורא אַרויסצוגיין אַ ביסל שפּאַצירן טאָמער וועט מען זיך דערוויל אַריינרייסן צו אים אין הויז. מיר האָבן גאָר וואָס איבערצוקלערן, אונדזער הויז שטייט אָפּגערוקט פון די הייזער און הינטער דער שטאָט. אמת, איין צימער איז פאַרדינגען דעם ד״ר גינת, אָבער עס קומט אונדז ווייניק־וואָס אַרויס דערפון, ווייל ער איז זעלטן אין דער היים און אַז מיר פאָרן אַוועק בלייבט אַלץ איבער הפקר.

דערהערנדיק דאָס האָב איך אַ ציטער געטאָן. און נישט צוליב זייער ענין נאָר צוליב דעם וואָס זיי האָבן דערמאָנט גינתן ווי אַ רעאַלן מענטש. פון זינט דער נאָמען גינת איז געוואָרן באַוווּסט אין דער וועלט האָב איך נאָך נישט געטראָפן קיין איין מענטש וואָס זאָל זאָגן, איך קען אים פּער־זענלעך, און איך האָב נאָך נישט געהערט עס זאָל אים עמעצער דערמאָנען חוץ אין שייכות מיט זיינע ספרים, און דאָ הער איך אַז ער האָט אַ דירה אין דעם הויז וווּ איך בין אַן אַריינגייער.

באַלד דעמאָלט ווען גינת האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע אָפּהאַנדלונג „99 ווערטער פון עידו שפּראַך" האָט עס געוווּנען די אויפמערקזאַמקייט פון זייער פיל שפּראַך־פאָרשער, און ווען ער האָט נאָך דעם אַרויסגעגעבן דאָס בוך פון גראַמאַטיק פון דער עידו־שפּראַך איז נישט געווען קיין איין פאָרשער וואָס זאָל זיך נישט פאַרנעמען דערמיט. אָבער זיין עיקר גרויס־

קייט זענען זיכער די עינמישע געזאַנגען וואָס ער האָט געפונען, און נישט בלויז דערפאַר וואָס היסטאָריקער און פילאָלאָגן זעען אין דעם די באַהאַל־טענע רינג אין דער קייט פון דורות, וואָס פאַרבינדן צום אָנהייב פון דער געשיכטע, מיט פריִערדיקע דורות, נאָר צוליב זייער מעכטיקן גייסט און פּאָעטישער קראַפט. 99 ווערטער פון אַ שפּראַך וואָס מיר האָבן אַפילו נישט געוווּסט איר נאָמען איז דאָך אַ גרויסע זאַך, בפרט נאָך אַ גראַמאַטיק פון דער פאַרגעסענער שפּראַך, אָבער אין די עינמישע געזאַנגען געפינט איר טאָפּלט, באַהאַלטענע אוצרות, וואָס חוץ דעם וואָס זיי אַנטהאַלטן אין זיך פאַרבאָרגענע סודות, זענען זיי אויך גרויס און וויכטיק. נישט בחינם האָבן די אַלע גרויסע געלערנטע זיך געוואָרפן דערויף, און אַפילו די וואָס האָבן אין אָנהייב געצווייפלט צי די געזאַנגען זענען עינמישע האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן פירושים אויף זיי. אָבער איין זאַך וווּנדערט מיך. אַלע עינם־פאָרשער האַלטן אַז די געטער און פריסטער פון עינם זענען מענמעריש, און ווי אַזוי האָבן זיי נישט באַמערקט אַז פון די עינמישע געזאַנגען הערט זיך אַ צאַרטער קלאַנג פון פּרויען־פּאָעזיע. אָדער אפשר מאַך איך אַ טעות. איך בין דאָך נישט קיין פאָרשער נאָר אַ לייענער וואָס געניסט פון יעדער שיינער זאַך וואָס ער לייענט.

די פרוי גרייפנבאַך האָט באַמערקט אַז עפּעס בין איך צעטראָגן, נאָר זי האָט נישט געוווּסט וואָס. זי האָט מיר אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז טיי און האָט צוריק אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם וואָס זי האָט פריִער גערעדט. איך זיץ מיטן גלאָז טיי אין דער האַנט און דאָס האַרץ פאַרלויפט מיר, און איך הער ווי עס ברומט אין מיר עפּעס אַן עכאָ, און אויף דעם דאַרף מען נישט שטוינען, וואָס זינט איך האָב געלייענט די עינמישע געזאַנגען הער איך כסדר אין מיר אָט דעם ניגון, אַ מין אָפּקלאַנג פון אַן אוראַלט געזאַנג, וואָס קומט פון ערגעץ העט ווייט, פון סאַמע באַגינען פון אַלע אָנהייבן.

איך האָב באַהאַלטן מיין צעדרודערטקייט און אַ פרעג געגעבן, ער איז דאָ? און תוך כדי דיבור האָב איך מיך אַליין געוווּנדערט וואָס איך פרעג גאָר אַזאַ פראַגע, וואָרן איך בין נאָך קיין מאָל נישט געווען אין קיין שטוב ווו די פיר ווענט האָבן געזען גינתן.

ענטפערט די פרוי גרייפנבאַך און זאָגט, ניין, ער איז נישטאָ. טראַכט איך מיר, אוודאי איז ער נישטאָ, נאָר אַזוי ווי זיי האָבן פאַרציילט אַז ער

האָט דאָ געדונגען אַ צימער, איז דאָך נישט מעגלעך אַז זיי זאָלן אים נישט האָבן געזען, און אַז זיי האָבן אים געזען האָבן זיי אפשר גערעדט מיט אים, און אַז זיי האָבן גערעדט מיט אים איז אפשר ווייסן זיי עפּעס צו פאַרציילן וועגן אים, כאָטש עפּעס, אַ וואָרט. אַ גרויסער מענטש וואָס אַנטלויפט פון פירסום און זאָגט נישט וועגן זיך גאָרנישט, איז דאָך אַ מינדסט ביסל וואָס מען ווייסט וועגן אים אַ גרויסע זאַך.

זאָג איך צו די גרייפנבאַכס, כ׳בעט אייך זייער, וואָס ווייסט איר וועגן דעם גינת? זאָגט גרייפנבאַך, וואָס מיר ווייסן וועגן אים, מיר ווייסן אַזוי ווייניק, אַז ס׳איז שוין באַלד ווייניקער ווי גאָרנישט. זאָג איך, ווי אַזוי קומט ער צו אייך? זאָגט גרייפנבאַך, דאָס איז גאַנץ פּשוט, ער האָט געדונגען אַ צימער און זיך אַריינגעצויגן. זאָג איך ווידער, ווי קומט ער עפּעס צו אייך? זאָגט גרייפנבאַך, ווי ער קומט צו אונדז? אויב איר ווילט וויסן די גאַנצע זאַך פון אָנהייב אָן וועל איך אייך פאַרציילן, הגם איך האָב נישט וואָס צו פאַרציילן. זאָג איך, דאָך. זאָגט גרייפנבאַך, איין מאָל אַ זומערדיקן נאָך מיטאָג, זענען מיר געזעסן אויף דער וועראַנדע און געטרונ־קען טיי. קומט צו גיין איינער מיט זיין שטאָק און רענצל און פרעגט צי מיר האָבן צו פאַרדינגען אַ צימער. מיר פאַרדינגען קיין מאָל נישט קיין צימערן און דער מענטש איז אונדז נישט אַזוי ספּעציעל געפאַלן אַז מיר זאָלן מאַכן פאַר אים אַן אויסנאַם און אַריינעמען אים צו אונדז אין הויז. פון דער אַנדערער זייט וויטער טראַכט איך מיר, איין צימער האָבן מיר וואָס שטייט אַ גאַנץ יאָר ליידיק און מיר ניצן אים אין גאַנצן נישט, און האָבן האָט ער אַ באַזונדערן אַריינגאַנג, מיט אַ טוש א.אַ.וו. אפשר איז כדאַי מיר זאָלן אים פאַרדינגען, אויב נישט צוליב דירה־געלט, איז צו טאָן אַ טובה אַ מענטש וואָס זוכט אַ צימער אין אַזאַ זייטיק אָרט, ער דאַרף מסתמא האָבן רו. רופט זיך דער מענטש אָן, כ׳פאַרזיכער אייך אַז איר וועט קיין שוועריקייטן פון מיר נישט האָבן. איך פאָר אַ סך אַרום און אין שטאָט אַריין קום איך נאָר אָפּצורוען זיך צווישן איין רייזע און דער צווייטער און קיין געסט אין שטוב אַריין ברענג איך נישט. גיב איך ווידער אַ בליק אויף אים, זע איך אַז ס׳איז אפשר כדאַי צו פאַרדינגען אים דעם צימער. נישט אַזוי ווייט צוליב דעם וואָס ער זאָגט נאָר פּשוט ווייל ער געפעלט מיר, אַזוי אַז איך האָב זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין, הלמאַי האָב איך דאָס

פריִער נישט געזען. איך האָב אַ קוק געגעבן אויף גערדאָן און איך האָב געזען אַז זי האַלט אויך אַז מיר דאַרפֿן אים אַרײַנבעמען פֿאַר אַ לאַקאַטאַר. זאָג איך צו אים, מיר פֿאַרדינגען אײַך דעם צימער מיטן באַדינג אַז איר זאָלט נישט דערוואַרטן פֿון אונדז קיין באַדינונג און קיין שום זאַך נישט, חוץ אַ בעט און אַ טיש און אַ שטול און אַ לאָמפּ, און אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל דירה־געלט. האָט ער אַרויסגענומען געלט און באַצאָלט פֿאַר אַ יאָר פֿאָרויס און די גאַנצע צײַט האָט ער געהאַלטן דעם באַדינג און נישט געבעטן פֿון אונדז קיין שום זאַך. דאָס איז אַלץ וואָס איך קאָן וועגן אים פֿאַרציילן, אַחוץ דאָס וואָס איך האָב געלייענט וועגן אים אין די ליטע־ראַרישע בײַלאַגעס פֿון די צײַטונגען, וואָס איר האָט מסתּמא אויך געלייענט און אפֿשר האָט איר אויך געלייענט זײַנע עינמישע געזאַנגען. אין דער אמתן האָב איך די געזאַנגען אויך געלייענט, אַ ביסל דאָ אַ ביסל דאָרט, נאָר ס׳איז מיר שווער צו דערגיין זייער עיקר וויכטיקייט. איך בין מיך נישט נוהג אויסצודריקן אַ מיינונג וועגן אַ זאַך אין וועלכער איך בין נישט קיין מומחה, נאָר דאָס דערלויב איך מיר צו זאָגן, אַז אין יעדן דור מאַכן מענטשן אַנטדעקונגען און זיי האַלטן אַז קיין גרעסערס פֿון דעם איז נישטאָ, דערנאָך ווערט עס אײַנציקווײַז פֿאַרגעסן, וואָרן דערווײַל האָט מען געמאַכט עפּעס אַ נײַע אַנטדעקונג. אַזוי איז עס אויך מסתּמא מיט דעם ד״ר גינתס אַנטדעקונג.

איך האָב נישט געקוקט אויף דעם וואָס גרייפֿנבאַך זאָגט און איך האָב ווידער אָנגעהויבן פֿון אָנהייב, ס׳הייסט פֿון ד״ר גינת, און איך זאָג צו גרייפֿנבאַכן, כ׳שטעל מיר פֿאָר אַז גערדאָ האָט מער צו פֿאַרציילן.

קוקט די פֿרוי גרייפֿנבאַך מיך אָן אַ ביסל פֿאַרוווּנדערט, כ׳הייס איך שרײַב איר צו אַזעלכעס וואָס זי ווייס נישט. זיצט זי אַ ווײַלע און טראַכט אַ ביסל און זאָגט, איך זע נישט איך זאָל וויסן מער ווי דאָס וואָס געדהאָרד האָט אײַך פֿאַרציילט. אַ באַזונדערער אַרײַנגאַנג און אויפֿרוימען דעם צימער געהער נישט צו אונדז און אונדזער ענערגיש דינסטמיידל, די גראַציע, די באַקאַנטע, רײַסט זיך נישט נאָך קיין נײַע אַרבעט, און פֿון זינט מיר האָבן אים געגעבן דעם שליסל פֿון צימער האָב איך אים מער נישט געזען, וואָרן נאָכן איבערנעכטיקן איין נאַכט איז ער אָוועקגעפֿאָרן און ערשט צוריק־געקומען נאָך אַ פּאָר חדשים.

נאָך דעם ווי פרוי גרייפנבאַך האָט דאָס פאַרציילט האָט זי ווידער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער רייזע. און אין איר רעדן האָט געקלונגען אַ שטיקל טענה, אונדזער לאָקאַטאָר האָט אייך אַזוי פאַרנומען דעם געדאַנק, אַז איר הערט נישט וואָס מיר רעדן. זאָג איך, מעגלעך, זאָגט זי, זאָגט נישט אַז מעגלעך, נאָר זאָגט אַז אַזוי איז עס. זאָג איך, איך שפּאָר זיך נישט חלילה מיט אייך. זייט אַזוי גוט, פאַרציילט מיר וועגן גינתן. זאָגט זי, כ'האָב אייך דען נישט געזאָגט אַז ער איז מער נישט געווען ווי איין נאַכט אין זיין צימער און באַלד צו מאָרגנס איז ער אַוועקגעפאָרן. זאָג איך, נו איר האָט דאָך נישט געזאָגט אַז ער איז צוריקגעקומען. איז וואָס האָט ער געטאָן אַז ער איז צוריקגעקומען? — וואָס ער האָט געטאָן, ער האָט זיך פאַרמאַכט און געזעסן אין צימער. וואָס ער האָט געטאָן, צי ער האָט דאָרט געצייכנט די פּיראַמידעס אָדער ער האָט געשריבן אַ דריטן פאַוסט ווייס איך נישט.

כ'האָב אָנגעשטעלט אויף איר מיין בליק און לאַנג אויף איר געקוקט. שמייכלט זי און זאָגט, איר ווילט מיך מאַכן פאַר אַ דעטעקטיוו. זאָג איך, פאַר קיין דעטעקטיוו וויל איך אייך נישט מאַכן, כ'וויל עפּעס הערן וועגן גינתן. זאָגט זי, כ'האָב דאָך אייך געזאָגט אַז פון זינט מיר האָבן אים געגעבן דעם שליסל האָב איך מיט אים נישט גערעדט. — און אַז ער איז צוריקגעקומען וואָס האָט ער געטאָן? — אַז ער איז צוריקגעקומען האָט ער אַוודאי געטאָן איינע פון די זאַכן וואָס איך האָב אייך געזאָגט. וואָס געטאָן איז מיר נישט געגאַנגען אין לעבן צו וויסן.

הויבט זיך גרייפנבאַך אָן, גערדאַן פעלט די אייגנשאַפט מיט וועלכע פרויען זענען באַרימט. איר פעלט לחלוטין די מידה פון נייגעריקייט. איז גערדאַ שפּילעוודיק איבערגעלאָפן מיט אירע לאַנגע און שיינע פינגער איבער זיינע האָריקע הענט און געזאָגט, דאָס האָסטו שוין פאַר מיר אויך. נו, פאַרצייל דו. גיט גרייפנבאַך אַ זאָג אַ ביסל אַן איבערראַשטער, איך? אַ זאַך וואָס איז גאָרנישט קאָן איך אויך נישט פאַרציילן. זאָגט די פרוי גרייפנבאַך, איז ווילסטו דווקא אַז איך זאָל פאַרציילן, איז עס דען נישט געווען דו וואָס דו האָסט געזאָגט אַז ד"ר גינת האָט זיך באַשאַפן אַ מיידל. איז גרייפנבאַך אַרויס מיט אַ שטאַרק און פריילעך געלעכטער און זאָגט, איר ווייסט וואָס גערדאַ מיינט, זי מיינט די לעגענדע פון דעם איינזאַמען פּאָעט, כ'האָב פאַרגעסן ווי ער הייסט, וואָס מען זאָגט אויף אים אַז ער

האָט זיך באַשאַפן אַ פרוי וואָס זאָל אים באַדינען. איר קענט די לעגענדע? זאָג איך, דאָס איז ר׳ שלמה בן גבירול און אויב איר ווילט וויסן דעם סוף פון דער לעגענדע, איז עס אַזוי. מ׳איז געוווירער געוואָרן פון דער זאַך און ס׳איז דערגאַנגען ביז צום קעניג. האָט דער קעניג באַפוילן צו ברענגען צו אים די פרוי. האָט ער זי געזען און זי ליב געקריגן. האָט זי נישט געקוקט אויף אים. איז מען געגאַנגען און מען האָט געברענגט ר׳ שלמה בן גבירול. האָט ער גענומען און געוויזן דעם קעניג אַז זי איז נישט קיין נאָרמאַל באַשעפעניש, נאָר צוזאַמענגעשטעלט פון האַלצענע רינגען. נאָר וואָס פאַרא שייכות האָט די לעגענדע מיט ד״ר גינת? זאָגט די פרוי גרייפנבאַך, איין מאָל ביי נאַכט זענען מיר געזעסן איך און גערהאַרד און געלייענט געטען. אין דעם הערט מען אַ קול פון גינתס צימער, האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז ער איז צוריקגעקומען און ער זיצט און לייענט. האָבן מיר ווידער גענומען לייענען. דערנאָך הערט מען ווייטער דאָס קול. לייגט גערהאַרד אַרויס דאָס בוך פון האַנט און זאָגט, דאָס רעדט דאָך אַ פרוי. און אַזוי ווי מיר וווּנדערן זיך אויף גינתן וואָס ער האָט אַריינגענומען אַ פרוי אין צימער, וווּנדערן מיר זיך אויף איר שפּראַך, וואָרן אַזאַ מאָדנע שפּראַך ווי די פרוי האָט גערעדט האָבן מיר קיין מאָל נישט געהערט. און גערהאַרד זאָגט צו מיר שטיל, נישט אַנדערש נאָר גינת האָט זיך באַשאַפן אַ מיידל און זי רעדט מיט אים אויף איר שפּראַך. מער ווי דאָס, ליבער פריינד, האָב איך אייך נישט צו פאַרציילן וועגן גינתן. און אויב איר ווילט מער בעט ביי גער־האַרדן, וואָרן ער האָט ליב זיך פאַרצושטעלן זאַכן און באַטראַכטן זיי ווי וואָר.

גרייפנבאַך וועלכער באַשעפטיקט זיך אין זיין פרייער צייט מיט דער לערע וועגן דער אַנטשטייונג פון שפּראַכן האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם סוד פון שפּראַך און אַלץ וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אויף דעם געביט. און איך האָב אויך עפּעס געזאָגט וועגן דעם פון דאָס ביסל וואָס איך ווייס פון די קבלה־ספרים וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם ענין פאַר די חכמי אומות העולם.

האָט די פרוי גרייפנבאַך איבערגעריסן אונדזער שמועס און געזאָגט, אויך לידער זינגט זי דאָך די פרוי, אויף איר מאָדנער שפּראַך וואָס מיר פאַרשטייען גאָרנישט. אויב מען מעג דרינגען פון איר קול, איז זי אַ פאַר־

ביטערטע און פאַראומערטע נשמה. גערהאַרד, ווו האָסטו אָוועקגעלייגט די מתנה וואָס אונדזער לאָקאַטאָר האָט דיר געגעבן דעם אינדערפרי נאָך אונדזער חתונה־אָוונט. אַ שאָד ליבער פריינד, איר זענט דעמאָלט נישט געווען. איר ווייסט דאָך אַז מיר האָבן געהאַט אַ שטילע חתונה, און איצט האָבן מיר אָפּגעצאָלט מיט אַ שיינעם אָוונט וואָס מיר האָבן געמאַכט צו די צען יאָר. גערהאַרד פּוילענצער, אפשר וועסטו זיך אויפשטעלן און ווייזן וואָס גינת האָט דיר געגעבן.

האָט זיך גרייפּנבאַך אויפגעשטעלט און אויפגעעפנט די אייזערנע קאַסע און האָט אַרויסגענומען פון דאָרט צוויי אַלטע און ברוינע בלעטער עפּעס ווי אַלטע טאַבאַק־בלעטער. ער האָט אויסגעלייגט פאַר מיר די בלעטער געלאָסן און מיך אָנגעקוקט און פון זיין בליק האָט מען געזען ווי איינער וואָס ווייזט עמעצן עפּעס אַ טייערע זאַך און וואַרט צו זען דעם רושם וואָס ער מאַכט. כ׳האָב געקוקט אויף די בלעטער אַ שטיקל צייט און דערנאָך געפרעגט, וואָס איז דאָס ? זאָגט גרייפּנבאַך, קוקט גוט. האָב איך גענומען און כ׳האָב ווידער געקוקט, אָבער כ׳האָב דאָרט גאָרנישט געזען, אַחוץ מאָדנע ליניעס און געדרייעכצער, וואָס אַז מען וויל קאָן מען זען אין דעם אותיות פון עפּעס אַ געהיימער שריפט. פרעג איך מיך נאָך אַ מאָל, וואָס איז דאָס ? זאָגט גרייפּנבאַך, איך ווייס נישט מער ווי דאָס וואָס גינת האָט מ׳ר געזאָגט. וואָס ר׳האָט געזאָגט, דאָס זענען סגולות. וואָס פאַראַ סגולות האָט ער נישט געזאָגט, נאָר ער האָט פאַרציילט אַז ער האָט אַ זאַמ־לונג פון סגולות און די בלעטער זענען דופּליקאַטן פון דער זאַמלונג און אַז זיי זענען פון אַ ווייט לאַנד. אַ שאָד ס׳איז נישטאָ אין זיי אַ סגולה קעגן הייזער־פאַרכאַפּערס. זאָגט גערדאַ, אפשר אין די וואָס גינת האָט זיך איבערגעלאָזט פאַר זיך אַליין איז יאָ פאַראַן אַזאַ סגולה.

האָט גרייפּנבאַך אָנגעצונדן זיין קליינע ליולקע און געזעסן און גע־טראַכט, ווי איינער וואָס ווערט פּלוצלינג אַריינגעטאָן אין אַ מחשבה. נאָך אַ שטיקל צייט האָט ער אויסגעשיט די אַש און נעמט זיך אַ ציגאַרעט. ער צינדט אים אָן און זאָגט, איר זעט, וועגן וואָס מיר זאָלן נאָר נישט רעדן קומען מיר אַרויף אויף אונדזער דירה. און וועגן די פאַרכאַפּערס, אפשר זענען זיי גערעכט. אַ בחור קומט צוריק פון דער מלחמה און זוכט זיך אַ דאַך איבערן קאָפּ און ער געפינט נישט, רייסט ער זיך אַריין אין אַ הויז.

כ׳וועל אײַך עפּעס פֿאַרציילן. כ׳שטיי איין מאָל אַ שבת־צונאַכטס בײַ אַן אויטאָבוס פֿול מיט פּאַסאַזשירן און עס שטופּן זיך נאָך מענטשן וואָס ווילן אַרײַנגיין. דער אויטאָבוס טוט אַ פֿײַף און רירט זיך פֿון אָרט, לאָזנדיק די אַלע מענטשן שטיין און וואַרטן אויף אַן אַנדערן אויטאָבוס. און קיין אַנדערער אויטאָבוס קומט נישט, ווײַל ווען ס׳איז דאָ אַ סך פּאַסאַזשירן זענען דאָ ווייניק אויטאָבוסן, ווי ס׳פּירט זיך בײַ אונדז דאָ אין ירושלים. שטייען דאָרט צוויי מענטשן אַ בחור און אַ מיידל. זי קוקט זיך איין אין אים מיט גרויס בענקשאַפֿט און זאָגט צו אים, גיבטער, שוין העכער ווי אַ יאָר ווי מיר האָבן חתונה געהאַט און מיר זענען נאָך קיין איין נאַכט נישט געווען צוזאַמען. נעמט דער יונגערמאַן אַן איר האַנט און פֿאַרבײַסט די ליפּן און שווײַגט פֿון גרויס צער און פֿאַרדראָס. זיי קאָנען נישט געפֿינען קיין דירה צו וווינען און זיי וווינען יעדער אײנער באַזונדער. די באַלע־באַטים טוען זיי אָן צרות און לאָזן זיי נישט צוזאַמענקומען אײנער מיטן צווייטן, ביז ס׳וועט זיי מיאוס ווערן פֿאַרן לעבן און זיי וועלן זיך אַרויס־ציִען, וואָרן וואָס אַ מאָל איז דאָ מער בעלנים און ווייניקער דירות, און זיי וועלן קאָנען הייבן דעם פּרייז. טרעפֿן זיי זיך אין קאַפֿע־הײַזער און אין פֿאַרוויילונגס־ערטער און דערנאָך צעגייען זיי זיך, ער אין איין עק שטאָט און זי אין אַנדערן עק שטאָט, ווײַל זיי האָבן נישט וווּ צו וווינען צוזאַמען. איצט פֿאַרשטייט איר פֿאַר וואָס מיר זענען אַזוי באַזאָרגט וועגן אונדזער דירה. ס׳איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווײַט אַז איין מאָל בײַ נאַכט וועקט מיך גערדאַ אויף, בכּן ס׳דוכט זיך איר מ׳גייט אויפֿן דאַך.

זאָגט די פֿרוי גרײַפֿנבאַך, שטענדיק פֿאַרציילסטו נאָר וועגן מיר, פֿאַר וואָס פֿאַרציילסטו נישט וואָס דו האָסט געזאָגט דערוועגן. זאָגט גרײַפֿנבאַך, כ׳האָב דען עפּעס געזאָגט, כ׳געדענק נישט כ׳זאָל האָבן עפּעס געזאָגט. זאָגט גערדאַ, ווילסט כ׳זאָל דיר דערמאָנען? לאַכט גערהאַרד אַ פֿול און אָנגעקוואָלן געלעכטער און זאָגט, און אַז איך וויל נישט וועסטו נישט פֿאַרציילן? זאָגט גערדאַ, ווען די זאַך וואָלט נישט געווען אַזוי קאָמיש וואָלט איך נישט פֿאַרציילט. איר ווייסט דאָך וואָס אָט דער לאַגיקער האָט געזאָגט, ממש מיט די ווערטער האָט ער געזאָגט, מסתּמא דאָס מיידל וואָס גינת האָט באַשאַפֿן גייט אַרום אויפֿן דאַך.

האָט גרײַפֿנבאַך אָוועקגעלייגט דעם ציגאַרעט אוןווידער גענומען די

ליולקע און געזאָגט צו מיר, און איר גלייבט אַז איך האָב אַזוי געזאָגט. זאָג איך אים, אַזאַ שיין מיידל ווי גערדאַ ווער וועט נישט גלייבן וואָס זי זאָגט. לאַכט די פרוי גרייפנבאַך און זאָגט, אַ שיין מיידל כ׳לעבן וואָס די חופה דריקט איר אויפן קאָפּ שוין צען יאָר. זאָג איך, שוין צען יאָר ווי איר האָט חתונה געהאַט? זאָגט גערדאַ, די בלעטער וואָס גינת האָט געגעבן גערהאַרדן איז עס דאָך געווען צו אונדזער צען־יאָריקער חתונה. אַזעלכע בלעטער ווען זיי פאַלן אַריין אין די הענט פון אַ פשוטן בשׂר־ודם וואָלט ער זיי צעריבן און געמאַכט פון זיי טאַבאַק פאַר דער ליולקע, נישט אָנהייבנדיק צו וויסן אַז דאָס איז אַ סגולה. און אין דער אמתן מיט וואָס וויסן מיר אַז אין די בלעטער איז פאַראַן אַ סגולה, נאָר מיר האָבן געהערט פון גינתן און מיר גלייבן אים, ווייל ער איז אַן ערלעכער מענטש. איז הייסט עס מאָרגן פאָרן מיר און מיר ווייסן נישט צי מיר דאַרפן זיך פרייען אָדער זיין טרויעריק. כ׳האָב נישט קיין סך געקלערט און געזאָגט צו גערדאַן, איר דאַרפט נישט זיין טרויעריק. איך נעם אויף זיך אַכטונג צו געבן אויף אייער דירה, און אויב ס׳וועט זיין נייטיק וועל איך אַליין דאָ נעכטיקן אַ צוויי־דריי מאָל. האָבן די גרייפנבאַכס אויפגענומען מיינע ווערטער מיט פרייד און געזאָגט, איצט קאָנען מיר פאָרן מיט אַ רויִק געמיט. זאָג איך, איר מיינט אַז איר דאַרפט מיר זיין דאַנקבאַר, אַדרבא, איך דאַרף אייך זיין דאַנקבאַר, וואָרן אין אייער הויז שלאָפט זיך גוט, וואָס איך געדענק נאָך פון יענע נעכט פון באַוועגונגס־פאַרבאָט, ווען כ׳האָב ביי אייך גענעכטיקט. ווען כ׳האָב דערמאָנט די צייטן פון באַוועגונגס־פאַרבאָט האָבן מיר זיך דערמאָנט אין יענע טעג ווען אַ מענטש איז אַרויסגעגאַנגען אין שטאָט און האָט נישט געקאָנט צוריק אַהיימגיין, וואָרן די מאַנדאַטן־מאַכט האָט פלוצלינג פאַראָרדנט אַ באַוועגונגס־פאַרבאָט און ווער ס׳איז געווען אין גאַס און ער האָט געוווינט ווייט פון שטאָט און אין שטאָט האָט ער נישט געהאַט זיך ווו צו באַהאַלטן, האָט די פאָליציי אים אַרעסטירט און אָפּגעהאַלטן אים אַ גאַנצע נאַכט אין אַרעסט און אין דער היים איז מען געווען אין איין ציטערניש, נישט וויסנדיק ווו ער איז אַהינגעקומען. פון דער גזירה זענען מיר דערגאַנגען צו די אַנדערע שווערע און ביטערע גזירות וואָס די מאַנדאַטן־מאַכט האָט פאַראָרדנט, וואָס דעמאָלט האָט זיך אונדז געדאַכט אַז ס׳קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין. און מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן צו רעדן

וועגן יענע נעכט. כאָטש ס׳איז געווען אַזוי שלעכט איז פון דעסטוועגן אַרויסגעקומען דערפון אַ שטיקל גוטס, וואָרן מענטשן זענען געצוווּנגען געווען צו זיצן אין דער היים, האָבן זיי זיך אַזוי אַרום אומגעקוקט אויף זייערע ווייבער און קינדער, אַ זאַך וואָס זיי האָבן פריִער נישט געטאָן, ווייל זיי האָבן פאַרברענגט גאַנצע נעכט מיט פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן און מיט זיצונגען און מיט כּלערליי אַנדערע זאַכן וואָס דערווייטערן דעם מענטש פון זיך אַליין, ווער שמועסט פון זיין הויזגעזינד. און אויב איר ווילט האָבן אויך קהלישע ענינים דערביי פאַרדינט, וואָרן היות ווי מען האָט נישט געקאָנט מאַכן קיין סך פאַרזאַמלונגען און דיסקוסיעס האָבן זיך זאַכן אַנטוויקלט לויט זייער אייגענעם גאַנג און במילא איז עס אַרויסגע־קומען צום בעסערן. נאָך אַ גוטע זאַך איז אַרויסגעקומען פון יענער צייט, דאָס וואָס פריילײדיקע בחורים האָבן געמוזט זיצן אין דער היים, האָבן זיי זיך דערנענטערט צו די טעכטער פון די באַלעבאַטים און לסוף חתונה געהאַט מיט זיי. אַזוי זענען מיר געזעסן איך מיט די גרייפנבאָכס און גערעדט ביז איך האָב געזאָגט, צייט צו גיין. האָט גרייפנבאַך מיר געגעבן דעם שליסל פון הויז און געוויזן מיר דעם ווי־איין און ווי־אויס. נאָך אַ קורצער ווײלע האָב איך זיך געזעגנט מיט אים און מיט זיין פרוי און בין אַוועקגעגאַנגען.

ב

איין מאָל פאַר נאַכט בין איך אַרויסגעגאַנגען איינקויפן ברויט מיט איילבערטן. מיין פרוי און קינדער זענען אַוועקגעפאָרן קיין גדרה און איך בין אַליין געבליבן אין דער היים און געלעבט האָב איך פון דעם וואָס כ׳האָב מיר אַליין געקויפט. האָבנדיק שוין דאָס ברויט און די איילבערטן אין דער האַנט בין איך אַרומגעגאַנגען ביי די געוועלבער. אַהיימגיין האָב איך נישט געהאַט קיין חשק, וואָרן ס׳איז קיינער נישט געווען אין דער היים, עפּעס טאָן האָט מיך גאָרנישט געגלוסט, וואָרן ס׳האָט זיך שוין געמאַכט נאַכט. בין איך אַזוי ווייטער געגאַנגען ווי איינער וואָס גייט סתּם אין דער וועלט אַריין. כ׳בין דערגאַנגען ביזן טאָל פון גרייפנבאָכס הויז. די ברכהדיקע שטילקייט פון די ירושלימער טאָלן אין אַ פאַרנאַכט איז וווּנדער־

לעך. עס דוכט אַז די וואַדיס פון דער געגנט האָבן די גאָרע וועלט אין זיך. ספּעציעל דער וואַדי וואָס איז אַרומגעהילט מיט ביימער און לויטערער לופט און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די שלעכטע לופטן וואָס דרייען זיך אַרום אויף דער וועלט. כ׳טראַכט מיר, אַז כ׳בין שוין אַהערגעקומען וועל איך אַריינגיין אַ קוק געבן אין גרייפּנבאַכס הויז. דעם שליסל האָב איך דאָך.

כ׳בין אַריינגעגאַנגען אינעווייניק און אָנגעצונדן ס׳ליכט און אַרומגעגאַנגען אין די צימערן. די פיר שיינע צימערן און די שיינע זאַכן געפינען זיך אין פּרעכטיקער אָרדענונג, ווי די באַלעבאָסטעס הענט וואָלטן נאָך גערוט אויף זיי. און ס׳איז דאָך שוין אַ חודש ווי די גרייפּנבאַכס זענען אַוועקגעפאָרן. ביי אַ גוטע באַלעבאָסטע, ווען זי איז אַוועק פון דער היים בלייבט אַלץ אין אָרדענונג.

אין יענעם מאָמענט בין איך נישט געווען הונגעריק און נישט דאָרשטיק, נאָר מיד בין איך געווען. כ׳האָב אויסגעלאָשן די לאָמפּן און אויפגעעפנט אַ פענצטער און אַוועקגעזעצט זיך אָפּרוען. פון דער סודותפולער נאַכט איז אָנגעקומען אַ שטילקייט און האָט מיך אַרומגענומען ביז איך האָב מיט די אויגן געזען די שלווה. כ׳האָב באַשלאָסן דאָ צו נעכטיקן, כדי צו טאָן דאָס וואָס כ׳האָב צוגעזאָגט די גרייפּנבאַכס. כ׳האָב זיך אויפגעשטעלט פון דער שטול און אָנגעצונדן דעם טיש־לאָמפּ און גענומען אַ בוך צו לייענען אין בעט, און כ׳האָב זיך געפרייט אַז ס׳איז דאָ אַ לעמפּל נעבן בעט און כ׳וועל נישט דאַרפן רירן קיין זאַך פון אָרט אין אַ הויז וואָס ס׳איז נישט מיין. אייגנטלעך, כל־זמן איך האָב אַ שליסל אין האַנט מעג איך זיך באַטראַכטן ווי איינער וואָס איז ביי זיך אין דער היים, אָבער דער פרעמדער אין אונדז לאָזט אונדז נישט זיין קיין באַלעבאָס.

כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף גרייפּנבאַכס שטול און געטראַכט, אין דעם מאָמענט ווען איך געפין מיך אין די גרייפּנבאַכס הויז, איז מעגלעך אַז די גרייפּנבאַכס זוכן זיך ערגעץ אַ ווינקל און קאָנען נישט געפינען, און אויב זיי געפינען יאָ איז עס נישט דאָס וואָס זיי ווילן. פאַר וואָס האָבן די מענטשן גענומען און איבערגעלאָזט אַזאַ שיינע שטוב מיט אַזעלכע שיינע כלים און אַוועקגעלאָזט זיך אין דער פרעמד. און וואָס איז מיט די אַלע וואָס לאָזן איבער זייערע היימען און וואַנדערן פון אָרט צו אָרט, איז עס אַזאַ

אייביק געזעץ, אָדער אַ מין פּאַרפּירעניש, ווי עס זאָגט דער אַלטער משל, דאָרט וווּ איך בין נישטאָ דאָרט איז מײַן גליק.

כ׳האָב אַראָפּגענומען די שיך און זיך אויסגעטאָן און אויסגעלאָשן דעם טיש־לאָמפּ און אָנגעצונדן דאָס קליינע לעמפּל בײַם בעט, כ׳האָב זיך אַוועקגעלייגט און אויפגעעפנט אַ בוך, פילנדיק ווי איבער מײַן גוף צעגייט זיך אַ שלעפעריקייט. און עס טראַכט זיך ווי פון זיך אַליין, איך וואָס שטענדיק איז מיר שווער אײַנצושלאָפן, אַפילו נאָך האַלבער נאַכט, ווילט זיך מיר פּלוצלינג אײַנשלאָפן מיט אָנהייב נאַכט. כ׳לייג אַוועק דאָס בוך, לעש אויס דאָס ליכט און דריי זיך אויס צו דער וואַנט און פאַרמאַך די אויגן, רעדנדיק מיט זיך אַליין און וואַרט, אָן קלאַנג, אַט דאָ, אין דעם הויז, וווּ קיין שום מענטש ווייס נישט אַז דו ביסט דאָ קאָנסטו שלאָפן וויפל דו ווילסט און קיינער וועט נישט קומען דיך זוכן.

אַרום איז געווען שטיל און מנוחהדיק. די שטילקייט וואָס דו געפינסט אין די טאָלעכלעך אין ירושלים, די שטילקייט האָט גאָט באַהאַלטן פאַר די וואָס האָבן ליב רו. נישט בחינם האָבן די גרייפּנבאַכס אַזוי מורא פאַר זייער הויז. ווען עמעצער וואָלט זיך דאָ אַרײַנגעריסן וואָלט קיין מענטש דערפון נישט געוווּסט. באַלד באַלד הערט אויף יעדער געדאַנק, חוץ פון אַן אומקלאָר געפיל, אַז אַלע מײַנע אברים זינקען אַרײַן אין שלאָף.

פּלוצלינג הער איך עפּעס אַ גראַבל און איך כאַפּ מיך אויף. דאָס ברויט מיט די אייַלבערטן האָב איך אַרײַנגעלייגט אין אַ בלעך, האָב איך נישט קיין מורא פאַר די מײַז, כ׳האָב אָבער מורא טאָמער וועט אַ מויז צעקייען דעם דיוואַן אָדער די מלבושים אָדער די ספרים אָדער די בלעטער וואָס גינת האָט געגעבן גרייפּנבאַכן. כ׳שפּיץ אָן די אויערן און איך הער אַז דאָס איז נישט קיין מויז נאָר אַז אַ מענטש איז אין דרויסן און טאַפּט ביי דער טיר. אויב דאָס איז נישט קיין אַרײַנרײַסער איז עס אפשר דער ד״ר גינת וואָס איז אַהיימגעקומען און איז זיך טועה מיט דער טיר. כ׳טראַכט מיר, כ׳וועל אַראָפּגיין אים אויפעפענען און באַקענען אים פּער־זענלעך.

כ׳בין אַראָפּ פון געלעגער און אויפגעעפנט די טיר. איך זע דאָרט שטייט אַ מענטש און טאַפּט בײַם גלעקל. כ׳האָב אַ דריק געטאָן אויפן שאַלטער און געמאַכט ליכטיק. ס׳לשון איז מיר אַוועקגעקומען פון גרויס

חידוש. כ׳האָב דאָך קיינעם אין דער וועלט נישט נעזאָגט אַז איך וועל היינט געכטיקן ביי די גרייפנבאַכס, אַפילו איך אַליין האָב דאָך נישט געוווּסט אַז כ׳וועל נעכטיקן ביי די גרייפנבאַכס און פון וואַנען האָט גבריאל גמזו געוווּסט אַז איך בין ביי די גרייפנבאַכס. זאָג איך אים, איר זענט דאָ, גמזו? וואַרט ביז כ׳וועל עפּעס אַרויפנעמען אויף זיך.

כ׳בין צוריק אַריין אין צימער און זיך עפּעס אָנגעטאָן, וווּנדערנדיק זיך וועגן דעם גאַסט וואָס איז דאָ געקומען. צי קען ער דעם באַלעבאָס, אָדער ער קען זי? אָבער גרייפנבאַך אינטערעסירט זיך דאָך נישט מיט קיין העברעיִשע ביכער, ווער שמועסט כתב־ידן און ערשטע דרוקן. מיט שוועריקייטן האָט ער זיך אויסגעלערנט העברעיִש. און כאָטש ער האַלט אַז ער איז בקי אין דער שפּראַך און אין דיקדוק איז קען ער נישט מער ווי דעם דיקדוק לשון המקרא וואָס ער האָט געלערנט פון געזעניוסעס האַנט־בוך. זי קען מער פון אים. אין דיקדוק איז זי נישט באַהאַוונט און געזע־ניוסן האָט זי נישט געלערנט, אָבער זי קאָן רעדן העברעיִש מיט דער דינסט גראַציע און מיט די הענדלער. יעדנפאַלס זי האָט נישט קיין שייכות מיט העברעיִשע ספרים. איז פרעגט זיך דאָ ווידער די פראַגע, וואָס האָט גמזון דאָ אַהערגעבראַכט? איז דאָך נישט אַנדערש נאָר ער איז געקומען צו מיר. גמזו ווייס אַז איך זע אים גערן יעדעס מאָל, ווי עס זענען אים גערן אַלע וואָס קענען אים, ווייל ער איז אַ בן־תורה און ער קען די גאַנצע וועלט און ער האָט אַרומגערייזט אין ווייטע לענדער און ער איז שוין אויס־געווען אין ערטער ווו קיין שום טוריסט איז נאָך נישט געווען. פון אָט די ווייטע מקומות האָט ער געבראַכט פּיוטים פון מחברים וואָס מיר האָבן אין גאַנצן נישט געוווּסט וועגן זיי און ער האָט געבראַכט כתב־ידן און ערשטע דרוקן וואָס מיר האָבן אַפילו זייערע נעמען נישט געקענט. און איצט פאַרט ער שוין אין ערגעץ נישט, און זיצט אין דער היים מיט זיין ווייב. דער מענטש וואָס איז געווען געוווינט צו רייזן איז ביי זיינע בליִענ־דיקסטע יאָרן געוואָרן אַ שומר פון אַ קראַנק ווייב. מ׳זאָגט אַז פון דער חופּה־נאַכט אָן איז זי נישט אַראָפּ פון בעט. צי ס׳איז אמת אין דעם וואָס מ׳זאָגט צי נישט, אָבער אמת איז אַז ער האָט אַ קראַנק ווייב אין שטוב, קראַנק אויפן לעבן אַרויס און דער מאַן מוז זיך אומגיין מיט איר, וואַשן זי, פלעגן זי און געבן איר דעם ביסן אין מויל אַריין. און זי, לא די וואָס

ער שטרעקט דאָס לעבן פאַר איר, שלאָגט זי אים נאָך, בײסט אים און רײסט אַלץ אַראָפּ פון אים. צוליב דעם גײט ער אַרויס דערלײדיקן זײנע געשעפטן בײ נאַכט, וואָרן בײ טאָג שעמט ער זיך צו װײזן אין גאַס, ווי אַלץ איז אויף אים צעריסן און ס׳פּנים צעדראַפּעט. איצט קומט ער צו מיר. וואָס קומט ער צו מיר? צוועלף פונט האָט ער זיך אָפּגעשפּאָרט כדי צו באַזאָרגן פאַר זײן װײב אַן אָרט אין אַ קליניק, האָט ער מורא געהאַט צו האַלטן דאָס געלט אין דער הײם טאָמער װעט מען עס אים צוגנבענען און ער האָט עס מיר געגעבן אָװעקצולײגן. האָט זיך פונקט געמאַכט אַז אין דעם זעלבן טאָג בין איך געפאָרן באַזוכן די סביבה פון ים־המלח און כ׳האָב איבערגעלאָזט דאָס געלט אין דער הײם. זענען געקומען גנבים און געמאַכט אַ גנבה בײ מיר אין הויז און צוגעגנבעט ס׳געלט. האָב איך אים געשיקט זאָגן אַז ער זאָל נישט מורא האָבן פאַר זײן געלט. אַז ער האָט דאָס דערהערט איז ער געקומען מיך פרעגן צי איך בין באמת גרײט אים צוריקצוגעבן דאָס געלט װאָס מ׳האָט בײ מיר צוגעגנבעט, און אַזוי װי ער האָט נישט באַװיזן צו קומען ביז איצט איז ער איצט געקומען. אַזוי האָב איך מיר פאָרגעשטעלט. דערנאָך האָב איך געזען אַז כ׳האָב געהאַט אַ טעות. נישט צוליבן געלט איז ער געקומען נאָר צוליב עפּעס אַנדערש.

ג

טו איך זיך אַלזאָ אָן און גײ צוריק צו גמזון און זאָג אים, איר זענט געקומען נאָכן געלט? קוקט ער אויף מיר מיט זײן טרויעריק פּנים און פאַר־לוירענעם בליק און זאָגט קוים װאָס ער רעדט אַרויס מיט די װערטער, לאָזט מיך אַרײנגײן. האָב איך אים אַרײנגענומען אינעװײניק און אַװעקגעזעצט אים אויף אַ שטול. קוקט ער זיך אַרום און שװײגט אַ װײלע, צום סוף שטאַמלט ער אַרויס און זאָגט, מײן װײב. און שװײגט װידער אַ ביסל און זאָגט װײטער, כ׳בין אַהײמגעקומען און ס׳װײב איז נישטאָ. זאָג איך, איז װאָס װילט איר טאָן? ענטפערט ער, זײט מיר מוחל װאָס כ׳בין אַזוי פּלוצ־לינג אַרײנגעפאַלן צו אײך. שטעלט אײך פאָר איך קום אַהײם פון מעריב און קום אַרײן אין שטוב צוצוגרײטן פאַר מײן װײב צום שלאָפן און איך זע ס׳בעט איז לײדיק. גײ איך אַרויס זי זוכן. כ׳דרײ מיך אַהין, כ׳דרײ מיך

אַהער, כ׳דריי מיך אַרום ווו די שטאָט האָט אַן עק. פּלוצלינג זע איך כ׳בין דאָ אין דעם טאָל און כ׳ווייס אַליין נישט ווי כ׳קום דאָ אַהער.. זע איך אַ הויז, נעמט מיך עפּעס שלעפּן כ׳זאָל אַריינגיין. כ׳ווייס אַז ס׳האָט נישט קיין זין דאָ אַריינצוגיין און דאָך גיי איך. און גוט וואָס כ׳האָב אייך דאָ געפונען. לאָזט מיך אַ ביסל זיצן און דערנאָך וועל איך גיין.

זאָג איך, כ׳בעט אייך זייער, גמזו, מ׳זאָגט דאָך אַז אייער ווייב גייט נישט אַראָפּ פון בעט. זאָגט גמזו, זי גייט נישט אַראָפּ פון בעט. זאָג איך, און ווי אַזוי זאָגט איר, איך האָב געפונען ס׳בעט ליידיק. אויב זי קאָן זיך נישט רירן טאָ ווי אַזוי איז זי אַראָפּגעגאַנגען פון בעט און ווי אַזוי איז זי אַרויסגעגאַנגען? זאָגט ער שטיל, זי איז לונאַטיש.

זיץ איך אַ שטיקל צייט און רעד גאָרנישט. דערנאָך רעד איך איבער דאָס וואָס ער האָט געזאָגט און פרעג אין דער שטיל, לונאַטיש? ענטפערט גמזו און זאָגט, יאָ, לונאַטיש. קוק איך אויף אים ווי איינער וואָס הערט עפּעס און קאָן עס נישט תּופס זיין. באַמערקט ער דאָס און זאָגט, יעדע נאַכט ווען די לבנה איז אין פולער קראַפט הייבט מיין ווייב זיך אויף פון בעט און לאָזט זיך גיין ווו די לבנה פירט זי. האָב איך מיך נישט גע־קאָנט באַהערשן און אים געזאָגט אַ ביסל שטרענג, און איר פאַרשליסט נישט די טיר? ענטפערט גמזו מיט אַ כיטרען שמייכל, כ׳פאַרשליס די טיר. זאָג איך, אַז איר פאַרשליסט די טיר ווי אַזוי קאָן זי אַרויסגיין. זאָגט ער, ווען כ׳וואָלט אַפילו אויפגעהאַנגען אויף דער טיר זיבן שלעסער און יעדעס שלאָס פאַרשלאָסן מיט זיבן שליסלען און יעדן שליסל אַריינגע־וואָרפן אין איינעם פון די זיבן ימען פון ארץ־ישראל וואָלט מיין ווייב זיי אַלע געפינען און וואָלט אויפגעעפנט די טיר און אַרויסגעגאַנגען. בין איך געזעסן אַ שטיקל צייט און איך האָב גאָרנישט גערעדט און אויך ער איז געזעסן און געשוויגן. דערנאָך האָב איך ווידער געזאָגט, פון ווען אָן ווייסט איר אַז זי איז אַזוי, ס׳הייסט אַז זי איז אַ לונאַטיקער. האָט ער זיך אָנגענו־מען ביים שטערן און מיט ביידע גראָבע פינגער געדריקט די שלייפן און געזאָגט, פון ווען אָן איך ווייס אַז זי איז אַ לונאַטיקער. פון זינט כ׳האָב זי געטראָפן האָב איך געוווּסט אַז זי איז אַ לונאַטיקער. האָב איך ווידער גע־שוויגן, אָבער נישט לאַנג און דערנאָך געזאָגט, און פון דעסטוועגן האָט איר זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון חתונה האָבן מיט איר. ער האָט אַראָפּגענומען

דעם הוט און ער האָט אַרויסגענומען אַ קאַפּל און עס אָנגעטאָן, געזעסן אַ ביסל און געזאָגט, וואָס האָט איר געפרעגט? זאָג איך אים. שמייכלט ער אַזוי און זאָגט, פון דעסטוועגן האָב איך מיך נישט אָפּגעהאַלטן פון חתונה האָבן מיט איר. אַדרבא, ווען איך האָב זי געזען צום ערשטן מאָל ווי זי איז געשטאַנען אויף אַ שפּיץ פעלדז אויף אַ הויכן באַרג ווו קיין מענטש קאָן דאָרט נישט צוקומען און די לבנה שיינט אויף איר און זי זינגט ידל ידל ידל יה פה מה, האָב איך געזאָגט צו זיך, אויב זי איז נישט פון די מלאכין דשכינתא וואָס זענען זיך מתייחד מיט די מלאכין דקודשא ברוך הוא. איז זי פון די צוועלף מזלות און זי איז די מזל בתולה. בין איך געגאַנגען צו איר פאָטער און געזאָגט, איך וויל אייער טאָכטער. זאָגט ער, זון מיינער, דו ווייסט אַז גמולה איז אַזוי און אַזוי און דו ווילסט חתונה האָבן מיט איר. זאָג איך, דער בעל־הרחמים וועט זיך מרחם זיין אויף אונדז. האָט ער אויפגעהויבן דאָס פּנים צום הימל און געזאָגט, רבונו של עולם מה דאָך ער וואָס קומט פון ווייט איז זיך מרחם איבער איר, דו וואָס דו ביסט נאָענט צו אונדז וועסט זיך דאָך אַוודאי מרחם זיין איבער אונדז. צו מאָרגנס האָט ער מיך גערופן און געזאָגט, קום מיט מיר. בין איך געגאַנגען מיט אים ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ הויכן באַרג פון די קייטן הויכע בערג וואָס טורעמען זיך ביזן הימל. כ׳בין מיט אים אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג און מיר זענען געשפּרונגען איבער פעלדזן ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איינעם אַ הויכן פעלדז. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אַרומגעקוקט. זעענ־דיק אַז קיין שום מענטש איז נישטאָ האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן און גע־גראָבן אונטער אַ פעלדז און ער האָט אויפגעהויבן אַ שטיין. האָט זיך אויפגעעפנט אַ הייל און ער איז אַריינגעגאַנגען. ווען ער איז צוריק אַרויס־געגאַנגען האָט ער געהאַלטן אַן ערדענעם קרוג און ער האָט געזאָגט, קום לאָמיר צוריקגיין. אויפן וועג האָט ער אויפגעעפנט דעם קרוג און ער האָט מיר געוויזן אַ בינטל טרוקענע בלעטער, עפּעס אַזעלכע מיני בלעטער וואָס כ׳האָב נאָך אין מיין גאַנץ לעבן נישט געזען און אויף די בלעטער זענען געווען משונה־מאָדנע אותיות פון עפּעס אַן אויסטערליש כתב וואָס כ׳קען אין גאַנצן נישט, און די פאַרב פון די אותיות, ס׳הייסט, די פאַרב פון דעם טינט מיט וועלכע די אותיות זענען געשריבן איז אין גאַנצן נישט פון די פאַרבן וואָס מיר קענען. אויפן ערשטן בליק האָט זיך מיר אויסגעזען אַז

דער סופר האָט אויסגעמישט גאָלד און תכלת און פורפור מיט אַלע הויפּט־קאָלירן פון רעגן־בויגן און מיט דעם האָט ער געשריבן די אותיות. אַזוי ווי כ׳שטיי און קוק פאַרענדערן זיך די קאָלירן פאַר מיר אין די אויגן און ווערן ענלעך צו די קאָלירן פון די ים־געוויקסן וואָס מען נעמט אַרויס פון די טיפענישן פון ים, ווי די וואָס ד״ר רעכניץ האָט אַרויסגענומען בײַם ים פון יפו. און אָט ווידער האָט זיך געדוכט אַז זיי זעען אויס ווי די זילבער־פּעדעם וואָס מען זעט אין דער לבנה. איך האָב געקוקט אויף די בלעטער און געקוקט אויף די אותיות און געקוקט אויף גמולהס פּאָטער. ער האָט אויסגעזען אין דעם מאָמענט ווי איינער וואָס ווערט פאַרטראָגן פון איין וועלט אין דער אַנדערער. און דאָס וואָס האָט פריער אויסגעזען בײַ מיר ווי אַ דמיון האָט געגומען ווערן קלאָר ווי די קלאָרסטע זאַך אין דער וועלט. אַז איר וועט מיך פרעגן וואָס דאָס אַלץ באַדײַט וועל איך נישט וויסן וואָס צו ענטפערן. וואָס שייך מיר אַליין איז דאָס בײַ מיר קלאָר וואָס קלאָרער קאָן נישט זײַן. כאָטש איך וווּנדער מיך אַליין אויף זיך ווי איך קאָן אַזוי זאָגן. ס׳פעלן מיר דען ווערטער. פון דעסטוועגן איז די זאַך בײַ מיר קלאָרער ווי אַלץ וואָס מען קאָן אויסדריקן מיט ימען ווערטער. אין דעם מאָמענט איז מיר אָפּגענומען געוואָרן די צונג און כ׳האָב נישט געהאַט קיין כּוח צו פרעגן אַ וואָרט. און נישט די בלעטער און די אותיות האָבן גורם געווען דערצו, נאָר ער אַליין, גמולהס פּאָטער. און וואָס שייך די אותיות, איז די אַלע קאָלירן וואָס כ׳האָב צו ערשט געזען זענען עפּעס אַוועק און זיי האָבן זיך אין גאַנצן געענדערט און איך ווייס נישט גענוי ווי אַזוי די אותיות האָבן אַראָפּגעוואָרפן זייערע פאַרבן און ווען זיי האָבן זיך געענדערט. אַזוי ווי איך שטיי אין איין וווּנדער נעמט גמולהס פּאָטער די בלעטער און לייגט זיי צוריק אַרײַן אין קרוג און זאָגט צו מיר גאַנץ פּשוט און בזה הלשון, דאָס זענען געוויקסן פון דער ערד, ס׳איז זיי געגעבן געוואָרן אַ כּוח משפיע צו זײַן אויפן אַוויר העליון. אין אַ יאָר אַרום איין נאַכט פאַר דער חופּה האָט ער מיר געזאָגט, דו געדענקסט די צמחים וואָס כ׳האָב דיר געוויזן אויפן באַרג. דו ווייסט וואָס זיי זענען. האָט ער זיך אײַנגעבויגן און מיר אײַנגערוימט אין אויער און געזאָגט, איין סגולה איז פאַראַן צווישן זיי און איך ווייס נישט וועלכע זי איז, נאָר איך ווייס אַז ס׳איז דאָ אין איר אַ כּוח משפּיע צו זײַן אויף דעם אַוויר וואָס גייט אַרום

די לבנה און אויף דער לבנה אַליין. איך גיב דיר די אַלע צמחים און כּל־זמן די צמחים זענען בײַ דיר אין דער האַנט קאָנסטו האָבן די דעה איבער גמולהס טריט אַז זי זאָל נישט פאַלן ביים גיין. ביז היינט האָב איך זיי נאָך נישט אַרויסגענומען פון זייער באַהעלטעניש. און פאַר וואָס האָב איך זיי נישט אַרויסגענומען, ווײַל כּל־זמן גמולה איז אײַנגעוויקלט און אײַנגעהילט אין איר שלימות קאָנען די צמחים נישט האָבן קיין פּעולה, איצט אַז עס קומט איר עת דודים מתחבר צו זײַן זיך מיט איר מאַן און זי קריגט יניקה פון זײַן כּוח קומט זי אַרײַן אין אַן אַנדערער בחינה. און אַז עס קומען אָן די לבנה־נעכט נעם די דאָזיקע צמחים און לייג זיי אַנידער אויפן פענצטער קעגנאיבער די טיר און פאַרדעק זיי אַז עס זאָל קיין מענטש זיי נישט זען און איך בין דיר ערב אַז אויב גמולה וועט אַרויסגיין פון שטוב וועט זי צוריק אַהיימקומען ביז די לבנה וועט נישט ווידער זײַן אין הימל.

רוף איך מיך אָן צו גמזון, היינט האָט איר פאַרגעסן צו טאָן דאָס וואָס אייער שווער האָט אייך געהייסן. זאָגט גמזו, כ׳האָב נישט פאַרגעסן. זאָג איך, טאָ פאַר וואָס האָט דאָס פּאַסירט? נעמט גמזו און שפּרייט אויס זײַנע צוויי ליידיקע הענט און זאָגט ווי צו זיך אַליין, גבריאלס סגולה איז אַוועק־געקומען. זאָג איך, איר כּוח איז אַוועקגעקומען, זאָגט ער, נישט איר כּוח איז אַוועקגעקומען, די סגולה איז אַוועקגעקומען. זאָג איך, אייער ווײַב האָט זי צעריסן? זאָגט ער, מײַן ווײַב האָט זי נישט צעריסן, איך אַליין בין שולדיק. כ׳האָב זי פאַרקויפט. על־פּי־טעות האָב איך זי פאַרקויפט. ס׳איז געווען דאָ אַ קאָנגרעס פון געלערנטע. געלערנטע פון דער גאַנצער וועלט זענען זיך צוזאַמענגעקומען קיין ירושלים. זענען מאַנכע פון זיי געקו־מען צו מיר קויפן ספרים און כּתב־ידן. אַזוי ווי זיי שטייען און זוכן, דער נישטערט אין אַ הויפן ספרים פון דער זײַט און דער אין דער אַנדערער זײַט, ביני לביני האָט זיך די דאָזיקע סגולה אַרײַנגעפּלאָנטערט צווישן כּתב־ידן און כ׳האָב עס פאַרקויפט און כ׳ווייס נישט וועמען. כ׳געדענק נישט הגם כ׳האָב געברויכט צו געדענקען, וואָרן ס׳איז נישט פאַראַן קיין כּתב־יד וואָס כ׳האָב פאַרקויפט כ׳זאָל נישט געדענקען וועמען כ׳האָב פאַרקויפט, אַחוץ אָט דעם, און דאָס געלט, דאָס שלימזלדיקע געלט, די צוועלף פונט האָב איך בײַ אייך אַוועקגעלייגט כּדי גמולהן אַרײַנצוגעבן אין אַ הויז פאַר אומהיילבאַרע.

גמזו האָט זיך געהאַלטן ביים שטערן און געקוועטשט די שלייפן. דער־נאָך נעמט ער מיט אַ פינגער און רייבט דאָס בלינדע אויג, וואָרן גמזו האָט איין בלינד אויג און בשעת ער איז אויפגערעגט רייבט ער עס ביז בלוט. ער האָט אָפּגעווישט דעם פינגער און מיך אָנגעקוקט ווי איינער וואָס וואַרט כּזאָל עפּעס זאָגן. טראַכט איך, וואָס זאָגט מען אים. כ׳וועל אים גאָרנישט זאָגן. זיץ איך אַזוי און שווייג. זאָגט ער ווידער, טייל מאָל דוכט זיך מיר אַז גמולה קען דעם קונה, דאָס איז יענער ירושלימער געלערנטער וועלכער איז אַהיינגעקומען איין גמולהס מקומות בשעת איך בין געווען אין ווין. און אויף דעם האָב איך צוויי ראיות. ערשטנס האָט זי דעם גאַנצן טאָג דעמאָלט געזונגען ידל ידל וואָס זי האָט נאָך קיין מאָל נישט געטאָן זינט זי איז דאָ, און צווייטנס האָט זי צוריק אָנגעהויבן רעדן אויף דעם לשון וואָס מען רעדט דאָרט ביי איר, וואָס זי האָט דאָס נישט געטאָן זינט זי איז אַוועק פון איר פאָטער, און דאָס האָט אַוודאי געטאָן יענער קונה, ווייל ווען זי האָט אים געזען האָט זי זיך דערמאָנט די צייטן פון דער היים און יענער מענטש איז דאָרט געווען ביי זיי, נאָר ווען ער איז דאָרט געווען איז ער געווען אָנגעטאָן ווי אַ ירושלימער תּלמיד־חכם, אַז די הייליקייט פון דער שטאָט זאָל איר באַשיצן פון די גוייִם.

גמזו האָט ווידער געריבן דאָס בלינדע אויג וואָס האָט אַרויסגע־שמייכלט פון צווישן זיינע פינגער, ווי ס׳וואָלט חוזק געמאַכט פון אים, ווי ס׳וואָלט געווינקען צו מיר, נאַ האָסטו דיר אַ מענטש וואָס נעמט און פאַר־קויפט אַ זאַך וואָס זיין לעבן און זיין ווייבס לעבן הענגען אָפּ דערפון. איך האָב נישט געלאַכט פון אים, פאַרקערט, ס׳איז מיר געווען אַ צער אויף אים. ס׳איז מיר פלוצלינג איינגעפאַלן, אפשר איז עס ד״ר גינת וואָס האָט אַריינ־געקריגן אין די הענט גמזוס סגולות, וואָרן כ׳האָב דאָך געהערט פון גרייפנ־באַכן אַז גינת האָט אַ קאָלעקציע פון סגולות און פון די דופּליקאַטן האָט ער אים געגעבן. פרעג איך גמזון, די סגולות אויף וואָס זענען זיי געשריבן, אויף פּאַפּיר צי אויף פּאַרמעט ? ענטפערט גמזו, נישט אויף פּאַפּיר און נישט אויף לעדער און נישט אויף פּאַרמעט, נאָר ווי כ׳האָב אייך באַלד געזאָגט, די סגולות זענען געשריבן אויף בלעטער.

כ׳האָב אויסגערעכנט די טעג און כ׳האָב איינגעזען אַז ס׳איז נישט מעגלעך אַז גינת זאָל האָבן געקויפט די סגולות, וואָרן דער קאָנגרעס פון

די געלערנטע, ווען איז דאָס געווען, נאָך די גרייפּנבאַכס צען־יאָריקער חתונה, און ווען אַפילו דער קאָנגרעס וואָלט געווען פּריער, וואָלט זיך עמעצן געלייגט אויפן שׂכל אַז אַן אייראָפּעיִשער מענטש ווי גינת וועט זיך איבערטאָן פאַר אַ ירושלימער תּלמיד־חכם און מען וועט אים גלייבן.

גמזו האָט אַ סך געלערנט אין זיין לעבן און ער האָט משמש געווען אַ סך תּלמידי־חכמים און איז אויסגעפאָרן אַ וועלט. ממש סאיז נישטאָ קיין ייִדישער ייִשוב אין דער וועלט ווו גמזו איז נישט געווען. חוץ כּתב־ידן און ערשטע דרוקן האָט ער פון אומעטום מיטגעברענגט מעשׂיות און מינהגים און משלים און שפּריכווערטער און סתּם שמועסן פון מענטשן אויפן וועג און וואָס ער האָט פאַרציילט האָט געהאַט אַ שייכות מיט עפּעס, און פון איין מעשׂה האָט ער געלערנט אויף דער אַנדערער, אָדער אַז מען האָט גערעדט וועגן עפּעס אַ זאַך האָט ער געוווּסט מיט וואָס זיך אָנצורופן. איצט האָט ער פאַרטריבן פון זיך דעם צער פון די סגולות און גערעדט וועגן דער תּורה פון די סגולות.

זיצט אַזוי גמזו און וויקלט זיך אַ ציגאַרעט און זיצט און פאַרציילט וועגן די מעלות פון סגולות, וואָס זיי זענען נאָך בעסער ווי רפואות, וואָרן די רפואות וואָס מען געפינט אין די ספרים פון די ראשונים, איז על־פּי־רוב קאָן מען זיך היינט נישט פאַרלאָזן אויף זיי, ווייל די טבע פון מענטש האָט זיך געענדערט, און אַז דער גוף ענדערט זיך ענדערן זיך די רפואות. אָבער אויף סגולות איז נישט חל קיין שינוי און זיי בלייבן אַזוי ווי זיי זענען געווען, ווייל זיי זענען אָפּהענגיק פון די מזלות, און די מזלות בלייבן אייביק די זעלבע און זיי האָבן אַ פּעולה אויף אַלע באַשעפענישן, און נאָך מער אויף דעם מענטש, און לויט דעם מזל אין וועלכן דער מענטש איז געבוירן געוואָרן אַזוי איז זיין גורל, ווי די גמרא זאָגט, הכּל תּלוי במזל (אין מזל־שטערן) און מזל מחכּים מזל מעשיר. און אויך די קראַנקייטן פון דעם מענטש זענען אָפּהענגיק פון די מזלות, וואָרן גאָט האָט אַריינגעגעבן כּוח אין די מזלות משפּיע צו זיין אויפן עולם התּחתּון, צום גוטן און צום שלעכטן. און אויך די ערד ענדערט זיך לויט די מזלות ווי ס'ווערט געברענגט פון אבן־עזרא און שמות, אַז ערטער אויף דער ערד ענדערן זיך לויט דעם שטערן וואָס שטייט איבער זיי, און ער זאָגט דאָרט, וחכמי המזלות יבינו זאת, ס'הייסט די אַסטראָלאָגן וועלן דאָס פאַרשטיין.

אָבער מען דאַרף נישט צושרייבן די מזלות קיין אייגענעם כּוח און רצון פון זיך אַליין, נאָר זייער גאַנצער כּוח און רצון איז פון זייער באַשעפער וועלכער גיט זיי צו טאָן, ווי מען האָט געגעבן עפּעס צו טאָן דעם כּהן־גדול אין בית־המיקדש אין דער נאַכט פון יום־כּיפּור כּדי ער זאָל נישט איינשלאָפן. איז וואָס ברויך דער אייבערשטער די מזלות, נאָר כּל פּעל ה׳ למענהו, למענהו מיינט מען דאָ לשון מענה, אַ לויב, אַ געזאַנג, ווי ענו לה׳ בתודה. און דאָס האָט דוד המלך געזאָגט, השמים מספרים כבוד אל ומעשה־ידיו מגיד הרקיע. און אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפן האָט ער באַשאַפן פאַר ייִדן, כּדי זיי זאָלן וויסן צו לויבן גאָט און צו באַזינגען זיין גרויסקייט און עס זאָל מקוים ווערן דאָס וואָס ס׳שטייט עם זו יצרתי תהלתי יספרו, אָט דאָס פאָלק האָב איך באַשאַפן זיי זאָלן זינגען מיין לויב. און די מזלות פונקט ווי די מלאכים זענען האַלב זכר האַלב נקבה, אַזוי אויבן אַזוי אונטן, זכר און נקבה, וואָרן שמים איז די גימטריא זכר ונקבה. און ווייל זיי זענען אַזוי האָבן זיי אַ לעכצונג איינער צום צווייטן, אַזוי אויבן, אַזוי אונטן, ווי ווי ס׳איז דער דרך פון מאַן און ווייב וואָס זיי ווערן צוגעצויגן איינער צום צווייטן, לויט זייערע מזלות. אויב אַזוי אויף וואָס האָבן די בני בנימין זיך סומך געווען ווען זיי האָבן אין די ווייִנגערטנער געכאַפּט פאַר זיך ווייבער פון די בנות שילה. האָבן זיי דען נישט געקאָנט קלערן טאָמער איז עס נישט קיין זיווג ? נאָר זיי איז געווען באַוווסט אַז דער בית־המקדש וועט אויפגעבויט ווערן אין דער הייך פון זייער לאַנד, ווו כּל ישראל חברים, ווו די פאַרב פון בנימין־קאַנט איז געווען ענלעך צו דער פאַרב פון אַלע אַנדערע שבטים, דעריבער האָבן זיי אָנגעטרויט די ווייבער וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט אַלס בנות זוג.

ד

פון די סאָרט געדאַנקען וואָס מען קאָן זיי ציִען ווי לאַנג מען וויל און מען קאָן זיי איבעררייסן ווען מען וויל, אַזוי האָט גמזו ווייטער גערעדט, געצויגן דאָס קאַפּיטל פון סגולות און מזלות ביז ער האָט אויפגעהערט און ער האָט אָנגעהויבן פאַרציילן וועגן זיינע נסיעות. ער זאָגט, איר ווילט זען ייִדן פון דער צייט פון די תּנאים פאָרט אַריין אין דער שטאָט עמדיה.

דאָרט ווײַנען פּערציק ייִדישע משפּחות, ייִדן פרומע, אָפּגעהיטענע. זיי גייען אַלע אין דער פרי דאַווענען, אָבער זיי קענען נישט דאַווענען, חוץ פון דעם פּסוק שמע ישׂראל און זאָגן אָמן. און זיי לייגן נישט קיין תּפילין, חוץ זייער "חכם" און נאָך אייגער אַן אַלטער מאַן. די גאַנצע צייט ביים דאַווענען זיצן זיי און שווייגן, און אַז דער שליח ציבור זאָגט די ברכות זאָגן זיי נאָך אָמן מיט גרויס פרומקייט, און אַז ס׳קומט צו קריאת־שמע ווערן זיי אויפגעציטערט און זאָגן נאָך דעם גאַנצן פּסוק מיט אַן אימה און מיט אַ פּחד און זיי ציטערן און פלאַטערן ווי מענטשן וואָס ס׳איז געקומען זייער שעה מקריב צו זיין זייער לעבן פאַר דעם כּביכול. אין נאָענט פון דער שטאָט עמדיה וואַנדערן אַרום פּאַסטעכער הויכע און באַוואַקסענע, זיי נעכטיקן מיט זייערע שעפּסן צווישן די פעלדזן און זיי ווייסן גאָרנישט פון די דינים פון דער תּורה, אַפילו אַ ביסל נישט, און זיי קומען נישט דאַווענען אַפילו ראש־השנה. זיי האָט מסתּמא די משנה געמיינט, מי שהיה עובר אחורי בית הכנסת ושמע קול שופר, וואָס ס׳גייט אַדורך אונטער אַ שול און הערט שופר־בלאָזן. איין מאָל אין אַ יאָר קומט צו זיי אַ „חכם" פון בבל און איז מלע אַלע קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר.

כ׳פרעג גמזון, און אייער ווייב איז פון זיי? ענטפערט גמזו, מיין ווייב איז נישט פון זיי. מיין ווייב שטאַמט פון אַן אַנדער אָרט, זי איז פון די בערג. צו ערשט האָבן אירע עלטערן געוווינט ביי די טייכן נעבן גוטע פּאַשע־פעלדער און די שכנים האָבן זיי געפּלעגט באַפאַלן און זיי האָבן העלדיש צוריקגעקעמפט און זיי פאַרטריבן. און פון גרויס גבורה האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אין מחנות און באַפאַלן די אַרומיקע פעלקער, וואָרן זיי האָבן זיך טועה געווען אין דעם פּסוק, ולגד אמר ברוך מרחיב גד כּלביא שכן וטרף זרוע אף קדקד, וואָרן זיי האָבן געהאַלטן אַז זיי שטאַמען פון שבט גד, און זיי האָבן נישט געוווּסט אַז די ברכה איז געזאָגט געוואָרן נאָר אַז זיי ווײַנען אין ארץ־ישׂראל און נישט ווען זיי זענען צעשפּרייט צווישן פעלקער. האָבן די גויִים זיי אַרומגערינגלט און זיי בייגעקומען און פיל פון זיי אויסגעהרגעט און פיל געגומען פאַר שקלאַפן. די וואָס זענען אַנטרונען זענען אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין די בערג און זיך דאָרט געמאַכט אַ יישוב. ווינען זיי דאָרט אין שרעק פאַר די גויִים. נאָר איין מאָל אין עטלעכע יאָר קומט מען אויפמאָנען ביי זיי צינדזן. ווער עס וויל באַצאָלט און ווער עס וויל

נישט נעמט זיין כלי־זין און באַהאַלט זיך אין די בערג ביז די אויפמאַנער פאַרלאָזן. און טייל מאָל טרעפט אַז די וואָס אַנטלויפן קומען מער נישט צוריק, ווייל ס׳באַפאַלן זיי אָדלערס און פאַרציקן זיי. און די אַלע יאָרן וואַרטן זיי צוריקצוגיין קיין ארץ־ישראל, ווייל גאָט האָט זיי צוגעזאָגט דורך משה רבנו עליו השלום, אַז זיי וועלן אַלע צוריקגיין ווי עס שטייט אין פסוק, גדוד יגודנו ולא יגד עקב, אַלע מחנות פון גד וועלן צוריק אַהיימקומען קיין עבר הירדן און קיין איינער פון זיי וועט נישט פעלן, און אויך וועלן זיי צוריקקומען מיט גרויס פאַרמעגן, ווי דער תרגום זאָגט, ובנכסין סגיאין יתיבון לארעהון. גמזו זאָגט מיר, אין יענער צייט ווען ער איז אָנגעקומען צו זיי זענען זיי געווען זייער געפאַלן ביי זיך און פיל פון זיי זענען געווען ממש קראַנק פון דעם לאַנגן גלות און פון גרויס פאַרמאַטערונג. נאָר זאָל גבריה בן גאואל גמזוס שווער דערמאָנט ווערן צום גוטן, ער האָט געלייענט פאַר זיי אגדות און מדרשים און פון תרגום ירושלמי, וואָס ביי זיי געפינט זיך דאָס גאַנצע ספר און ער טייטשט עס איבער פאַר זיי אויף זייער לשון און ער שטאַרקט זייער האַרץ און זיי ווייזן דאַדורך די אַלע הבטחות וואָס גאָט האָט אונדז געמאַכט אויף די ימות המשיח.

גמזו זאָגט מיר, גבריה בו גאואל איז אַ גבר אַ גיבור. אַ פּנים פון אַ לייב האָט ער און אַ כּוח פון אַן אָקס און גרינג אין די פיס ווי אַן אָדלער אין פלי. גאָטס וואָרט איז אין זיין שטים און אַ שאַרפע שווערד אין זיין האַנט. ער דאַוונט פאַרן עמוד און מאַכט כלי־זין. ער היילט אויך קראַנקע און שרייבט קמיעות און לערנט כלות טאַנצן און זינגט מיט זיי איין חתונה־געזאַנגען. און קיין באַצאָלטס נעמט ער נישט, נאָר טוט אַלץ לשם שמים. און זיין טאָכטער גמולה, גמזוס ווייב, האָט אים צוגעהאָלפן, ווייל זי איז בקי אין די אַלע געזאַנגען, סיי די וואָס זיי האָבן געפלעגט זינגען ווען זיי זענען געזעסן ביי די טייכן און סיי די פון די בערג. און גמזו זאָגט מיר, ווען איר וואָלט געזען מיין שווער גבריה ווי ער שטייט אויף אַ שפּיץ פעלדז, אַ תכלת־היטל אויפן קאָפּ און די לאַנגע צעפּאַליעטע האָר פון זיין קאָפּ און פון זיין באָרד פלאַטערן אין ווינט און זיינע ברוינע אויגן לייכטן ווי צוויי זונען און די פיס זיינע זענען באָרוועס מיט אַ הויט פון גאָלד־קאָליר, און מיט די צוויי גראָבע פינגער קלאַפּט ער איז פעלדז, און דער פעלדז הייבט זיך אונטער אים, און עס טויכט אויף אַ געזאַנג פון דעם אָפּגרונט, און ער

פּירט זײַן האַנט, און זײַן טאָכטער גמולה זינגט צו מיט איר קול, און צוויי און צוואַנציק ביז זיבן און צוואַנציק יונגע מיידלעך טאַנצן, אַלע שיינע און פון הויכן יחוס, וואָלט איר געזען אַ ביישפּיל פון אַמאָליקע ימים־טובים ביי ידן, ווען ידישע טעכטער זענען אַרויסגעגאַנגען און גע־טאַנצט אין די ווייַנגערטנער.

און ווי קומט גמזו דאָרט אַהין ? גמזו זאָגט מיר, כ׳בין געפאָרן זוכן כתב־ידן. כ׳בין געפאָרן איבער ימען און בין געגאַנגען פערציק טעג אין דער מידבר. האָט זיך געמאַכט אַ זאַמד־שטורעם. כ׳האָב נישט באַוויזן אַריינ־צושטעקן דעם קאָפּ אין דער ערד ווי עס טוען מענטשן אין אַ מידבר, וואָס בעת עס קומט אַן אַ כוואַליע פון זאַמד שטעקן זיי אַריין דעם קאָפּ אין דער ערד ביז די כוואַליע גייט אַדורך און זיי הייבן זיך צוריק אויף. איז מיר אַריין זאַמד אין די אויגן און ס׳האָט מיך בלינד געמאַכט אַז כ׳האָב נישט מער געזען קיין טריט. האָט דער הויפּט פון קאַראַוואַן געזען מיין אומגליק און נאָך עטלעכע טעג האָט ער מיך געבראַכט אין אַן אָרט פון אַ ישוב און נעמט מיך צו איינעם אַ מענטש און זאָגט צו מיר, ער איז פון דיין פאָלק. יענער מענטש איז געווען גבריה בן גאואל. ער האָט פאַר מיר געמאַכט סגולות און רפואות און זיין טאָכטער גמולה האָט מיך געפלעגט אויף מיין געלעגער.

גמולה איז דעמאָלט אַלט געווען אַ צוועלף יאָר און איר חן און איר קול זענען געווען שענער פון אַלע שיינקייטן פון דער וועלט, ווען אַפילו זי האָט געזאָגט אַ פּשוט וואָרט ווי אַ שטייגער, גבריאל, דער באַנדאַזש האָט זיך דיר אָוועקגערוקט אָדער מאַך צו די אויגן און כ׳וועל דיך באַשמירן, איז מיר געוואָרן אַזוי גוט אויפן האַרץ ווי מען וואָלט מיר געזונגען די שענסטע געזאַנגען. און אַז זי האָט אָנגעהויבן זינגען האָט איר קול געקלונגען ווי ביי די שענסטע פייגל אין דער וועלט, זיסער ווי ביי יעדער בריאה. צו ערשט איז מיר געווען שווער צו פאַרשטיין זייער רעדן. כאָטש זיי האָבן גערעדט מיט מיר לשון־קודש. ווייל זיי ניצן מער די תּנועות גדולות און ניצן ווייניק דעם שוא און אויך רעדן זיי בכלל אַרויס די ווערטער אַנ־דערש, און מיט אַן אַנדערן ריטעם, אַזוי אַז איך האָב נישט געזען קיין אונ־טערשייד צווישן לשון־קודש און צווישן דעם לשון וואָס זיי רעדן צווישן

זיך, וואָס איז אַ לשון וואָס קיינער חוץ פון זיי פאַרשטייט נישט. נאָך איין לשון האָבן גמולה און איר פאָטער. פיל מאָל האָב איך זיי געטראָפן זיצן אין אַ פאַרנאַכט, גמולה האָט געהאַלטן אַ ווייס ציגעלע אין איר שויס און אַ פויגל האָט געפלאַטערט אַרום איר פאָטערס קאָפּ, און זיי רעדן צווישן זיך, אַ מאָל געלאָסן און אַ מאָל מיט אימפעט, אַ מאָל געמיטלעך און אַ מאָל אויפגערעגט און איך הער און פאַרשטיי נישט קיין וואָרט, ביז גמולה האָט מיר אויסגעזאָגט דעם סוד אַז דאָס האָבן זיי זיך אַליין אויסגעטראַכט די שפּראַך סתם צוליב אַ שפּיל. און פון זינט גמולה איז אַוועק פון איר היים דערמאָנט זי נישט קיין וואָרט פון די אַלע לשונות און זינגט קיין מאָל גאָר־נישט, חוץ אין די נעכט ווען די לבנה איז פול, ווען זי לאָזט זיך אויף אירע וואַנדערונגען און זינגט אירע געזאַנגען. אויך אין דעם טאָג ווען איך האָב פאַרקויפט די סגולות האָט זי גערעדט אויף די לשונות און געזונגען. און אין אַ ווינט זאָגט זי, כ׳האָב חשק צו עסן לבנה־פלעצלעך. זי באַקט דאָס פון שטיקלעך טייג אויף קוילן. איצט וועל איך גיין זען צי מיין ווייב איז צוריקגעקומען.

גמזו האָט אויסגעטאָן דאָס קאַפּל און אָנגעטאָן דעם הוט און אויפ־געשטעלט זיך. ער איז נישט דערגאַנגען ביז צו דער טיר און ער איז צוריק־געגאַנגען און אָנגעהויבן אַרומגיין אין צימער, ער האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און געמאַכט מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט. נאָך אַ שטיקל צייט זאָגט ער, כ׳וווּנדער מיך אַליין וואָס כ׳בין דאָ אַריינגעקומען, בפרט אַז כ׳האָב נישט געזען קיין ליכט און כ׳האָב נישט געוווּסט אַז איר זענט דאָ, נאָר מסתמא איז דאָך עפּעס דאַרין, אין יעדער זאַך שטעקט דאָך עפּעס. ווער וווינט דאָ ? זאָג איך, איינער אַ ד״ר גרייפּנבאַך. — און ווו איז ער ? — ער איז געפאָרן מיט זיין פרוי קיין אויסלאַנד. איר קענט זיי ? זאָגט גמזו, כ׳קען זיי נישט. דער גרייפּנבאַך איז אַ דאָקטאָר ? זאָג איך, ר׳איז אַמאָל געווען אַ דאָקטאָר. צוליב וואָס פרעגט איר ? זאָגט גמזו, און חוץ זיי איז קיינער נישטאָ ? — איך און איר. פאַר זייער אַוועקפאָרן האָב איך צו־געזאָגט די גרייפּנבאַכס אַכטונג צו געבן אויף זייער הויז, ווייל זיי האָבן מורא פאַר די באַפרייטע זעלנער, די דירה פאַרכאַפּערס. היינט ביי נאַכט האָב איך מקיים געווען דעם צוזאָג און בין געקומען נעכטיקן. שפּיצט גמזו אָן די אויערן און זאָגט, און דאָ איז נישטאָ קיין אַנדערער לאָקאַטאָר ? זאָג

איך, סאיז דאָ נאָך אַ לאָקאַטאָר נאָר ד׳איז נישט אין דער היים. פאַר וואָס פרעגט איר? גמזו איז רויט געוואָרן און געשוויגן. נאָך אַ שטיקל צייט זאָגט ער ווידער, ווי הייסט דער מענטש? זאָג איך אים. פרעגט גמזו, אפשר איז עס דער באַוווּסטער ד״ר גינת? זאָג איך, איר קענט אים? זאָגט גמזו, כ׳קען אים נישט, נאָר וועגן זיינע ספרים האָב איך געהערט. נאָר געלייענט האָב איך זיי נישט. ספרים וואָס זענען נישט אַלט קיין פינף הונדערט יאָר קוק איך נישט אַריין אין זיי. זאָג איך, גינתס ספרים זענען שוין עלטער פון פיר טויזנט יאָר. שמייכלט גמזו און זאָגט, דער קרוג איז ביי מיר וויכטי־קער ווי דער וויין. זאָג איך, אויב אַזוי איז אין פיר הונדערט יאָר אַרום וועט איר אַריינקוקן אין גינתס ספרים. זאָגט גמזו, אין דריטן אָדער אין פערטן גילגול אויב איך וועל זיך פאַרנעמען מיט ספרים וועל איך אפשר אויך אַריינקוקן אין גינתס ספרים. זאָג איך, שתים שלוש עם גבר שטייט, און אויך על שלושה פשעי ישראל ועל ארבעה לא אשיבנה, אַ ייִד ווערט מגולגל אויף דער וועלט בלויז צוויי־דריי מאָל, סיידן דער וואָס דאַרף משלים זיין אַ מיצווה וואָס ער האָט פאַרפעלט פון די תרי״ג מיצוות וואָס אַזאַ איינער קאָן אַפילו מגולגל ווערן טויזנט מאָל ווי עס שטייט, דבר ציווה לאלף דור, אָבער אַנדערש נישט, און איר זאָגט אין פערטן גילגול. זאָגט גמזו, כ׳האָב מיך טועה געווען. איר ווייסט גאַנץ גוט מיין מיינונג, אַ ייִד קאָן נישט אַרויסברענגען אַזעלכעס וואָס איז זיך נישט סומך אויף אַ פסוק, און ווער שמועסט שוין צו סותר זיין אַ בפירושן פסוק. און ענטפערט מיר נישט פון די מאָדערנע תנ״ך פאַרשער וואָס פאַרדרייען די אייביק געטלעכע רייד. דאָס האָבן זיי זיך אויסגעלערנט פון די גויִים אָבער טיף אין האַרץ ווייסן זיי אַז מ׳קאָן אַ פסוק נישט אָוועקנעמען פון דעם אָריגינעלן טייטש פון דער מסורה. איי די חסידישע צדיקים פאַרדרייען אויך די פסוקים, איז ווייל זיי זענען צדיקים און לערנען תורה לשמה און זענען מכוון לשם שמים, ברענגען זיי אַריין אַ הויכן געטלעכן געדאַנק, אָבער די קריטיקער וואָס האָבן נישט דעם זכות און לערנען נישט תורה לשמה, ווערט די תורה ביי זיי פאַרדרייט סתם לויט ווי ס׳פאַלט זיי איין. איז זאָגט איר אַז דער ד״ר גינת וווינט דאָ. איר קענט אים? זאָג איך, כ׳קען אים נישט, און כ׳צווייפל צי כ׳וועל אים אַ מאָל קענען. ער באַהאַלט זיך אויס פאַר מענטשן, און אַפילו זיינע באַלעבאַטים זעען אים נישט. זאָגט גמזו, ס׳איז אַ גוטער סימן

פאַר אַ תּלמיד־חכם אַז קיינער קען אים נישט. איך האָב ליב די תּלמידי־חכמים וואָס ווייזן זיך נישט אומעטום און מאַכן נישט פון זיך קיין פּאַקאַז. כ׳וועל אייך עפּעס פאַרציילן. כ׳קום קיין לאָנדאָן און לאָז וויסן איינעם אַ געלערנטן אַז כ׳האָב כתב־ידן. נעמט ער און קומט צו גיין צו מיר און ברענגט מיט צוויי באַגלייטער, אַ זשורנאַליסט און אַ פאָטאָגראַפיסט. ער נעמט די ספרים וואָס איך ווייז אים, זעצט זיך אַוועק ווי אַ געלערנטער, זיצט און קוקט און דער פאָטאָגראַפיסט שטייט און פאָטאָגראַפירט אים. אין צוויי־דריי טעג אַרום ברענגט מען מיר אַ צייטונג. איך גיב אַ קוק זע איך אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מענטש אַרומגעריגלט מיט ספרים און איינגעפּאַסט אין לויב־געזאַנגען וועגן דעם געלערנטן וועלכער האָט געפונען זעלטענע ספרים וואָס קיין מענטש האָט וועגן זיי נישט געוווּסט ביז ער איז געקומען און האָט זיי געפונען. וואָס זאָגט איר נישט צו דעם ? זאָג איך, איך זאָג דאָס זעלבע וואָס איר. קוקט מיך גמזו אָן אַ ביסל און זאָגט, איר ווייסט דאָך נישט וואָס איך זאָג, טאָ וואָס הייסט איר זאָגט דאָס זעלבע וואָס איך זאָג. זאָג איך, איז זאָג איך נישט דאָס זעלבע וואָס איר זאָגט. זאָגט ער, איר מאַכט ס׳געלעכטער פון מיר ? זאָג איך, איך מאַך נישט ס׳געלעכטער פון אייך נאָר פון יענעם געלערנטן און פון זיינס גלייכן וואָס פּטרן זייער כּוח אויף זייטיקע זאַכן, כּדי מען זאָל זיי האַלטן פאַר געלערנטע, וואָס אָבער ווען זיי וואָלטן דעם זעלבן כּוח אַוועקגעגעבן זייער לערנען וואָלטן זיי אפשר מער באַרימט געוואָרן. זאָגט גמזו, זיי וואָלטן נישט מער באַרימט געוואָרן. זאָג איך, איז טוען זיי גוט. זאָגט גמזו, איצט וועל איך גיין.

נאָענט צו חצות האָט גמזו געזאָגט אַ גוטע נאַכט און האָט גענומען גיין. בין איך געגאַנגען אים באַגלייטן. די לבנה איז געווען פול און די גאַנצע שטאָט האָט געשיינט ווי אַ לבנה. אַז מען קוקט אָן אַזאַ נאַכט איז זיך נישט צו וווּנדערן אויף די לונאַטיקער וואָס לאָזן איבער די בעטן און גייען אַרויס שפּאַצירן מיט דער לבנה. אַז מיר זענען צוגעקומען צו דער שכונת הגורג׳ים נעבן דעם שער שכם האָב איך זיך געזעגנט מיט אים און געווינטשן אים ער זאָל געפינען ס׳ווייב. ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכל און זיך געווישט די אויגן און געזאָגט, הלוואַי. זאָג איך צו אים. אַז איר וועט מיר וועלן עפּעס לאָזן וויסן וועל איך זיין ביי מיר אין דער היים, אין דער פרי גיי איך אַהיים צו זיך.

ה

כ׳בין צוריקגעגאַנגען צו די גרייפּנבאַכס און זיך געלייגט שלאָפן. דער שלאָף איז באַלד געקומען און כ׳בין איינגעשלאָפן ביז כ׳האָב זיך אויפגע־כאַפּט און געהערט אַ באַן פאָרן. די באַן איז אָנגעקומען קיין גרמיש און האָט זיך אָפּגעשטעלט. די טיר פון וואַגאָן האָט זיך געעפנט און ס׳האָבן זיך געזען הויכע בערג און קוואַלן וואַסער, און מען האָט געהערט ווי עמע־צער זינגט ידל ידל וה פה מה. ס׳האָט מיך געצויגן און כ׳האָב גע־וואָלט נאָכגיין דעם קול. האָט זיך די טיר פאַרמאַכט. ס׳איז געקומען די לבנה און האָט מיך פאַרדעקט. איך האָב געלאַכט צו איר מיט איין אויג און זי האָט געלאַכט צו מיר מיטן גאַנצן פּנים.

נישט געווען דאָ קיין באַן. אויפן בעט ביי די גרייפּנבאַכס ליג איך. כ׳האָב זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און אַריבערגעצויגן די קאָלדרע ביז איבער די אויגן, צוליב די לבנה וואָס שיינט מיר אין פּנים אַריין, און איך טראַכט וועגן דער וועלט וואָס איז פאַרמאַכט און מיר קאָ־נען נישט פאָרן צו יעדן אָרט ווו מיר ווילן, חוץ די לבנה וואָס גייט איבער דער גאַנצער וועלט און זינגט ידל ידל וה פה מה.

נאָכן אָפּעסן מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן אין שטאָט בין איך צוריקגע־גאַנגען צו מיין אַרבעט. אַז כ׳האָב מיר געוואָלט מאַכן קאַווע האָב איך נישט געהאַט קיין טראָפּן וואַסער אין קראַן. בין איך אַרויפגעגאַנגען אויפן דאַך און נאָכגעקוקט די פעסער וואַסער. די פעסער האָבן געבריט אין דער זון און אויפן באָדעם זענען זיי קוים געווען נאַס. אין דער טרוקענער ירושלים איז דעמאָלט געווען אַ מאַנגל אויף וואַסער. כ׳האָב איבערגעלאָזט די אַרבעט און צוריקגעגאַנגען צו גרייפּנבאַכס הויז, ווייל אין גרייפּנבאַכס הויז איז דאָ אַ ברונע פון רעגנוואַסער, ווי אין די אַמאָליקע אַלטע הייזער אין ירושלים ווו מען האָט געניצט רעגנוואַסער צום טרינקען.

פיל זענען די גילגולים פון ירושלימער הייזער. נישטאָ דאָס הויז אַרום וועלכן ס׳זאָלן זיך נישט דרייען פאַרשיידענע מעשיות. ווער שמועסט די ערשטע הייזער וואָס מ׳האָט אָנגעהויבן צו בויען אויסער דער מויער.

מיט בערך אַ זיבעציק יאָר צוריק איז אַהערגעקומען איינער פון די גבירים פון גאַליפאַלי סעניאָר גמליאל גירון צו פאַרברענגען זיינע לעצטע

יאָרן אין דער הייליקער שטאָט. האָט ער נישט געפונען פאַר זיך קיין ריכ־טיקע דירה, ווייל דער גאַנצער יישוב האָט זיך דעמאָלט געפונען אין דער ענגעניש פון די אַלטע הייף אינעווייניק פון דער מויער און יעדער הויף איז געווען באַזעצט מיט אַ צאָל משפחות, און יעדע משפחה איז באַשטאַנען פון פיל מענטשן. איז ער געגאַנגען און האָט זיך געקויפט צוויי טויזנט איילן ערד אויסער דער שטאָט אַראָפּצו פון שער שכם און ער האָט זיך אויפגעבויט אַ גרויס הויז און געמאַכט אַ גאָרטן, און ווייל דאָס הויז איז געווען ווייט פון אַ יישוב און ער האָט נישט געקאָנט געפינען קיין שול צום דאַווענען האָט ער אָפּגעגעבן אַ ספּעציעלן צימער און ער האָט געדונגען מענטשן זיי זאָלן מיט אים דאַווענען. פאַרן טויט האָט ער איבערגעלאָזט דאָס הויז פאַר דער חברה גומלי חסדים. מיט דער צייט האָבן די גבאים געברויכט צו האָבן געלט צו באַצאָלן מיליטער־שטייער און זיי האָבן פאַר־זעצט דאָס הויז. איז דאָס הויז געווען פאַרמשכנט לאַנגע יאָרן און זיי האָבן עס נישט געקאָנט אויסלייזן, ביז די מלווים האָבן גענומען און עס פאַר־קויפט.

איז דאָס הויז פאַרקויפט געוואָרן צו איינעם אַ דייטש גאָטהאָלד גענזי־קליין, דער ראש פון דער טעמפּלער־גרופּע, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פון דער געמיינשאַפט „דער גערעכטן” וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין דער שטאָט גערליץ דורך גאָטפריד גריילין. האָט גענזיקליין מיט זיין פרוי און זיין פרויס מוטער געוווינט אין דעם הויז און ער האָט געפּלעגט צונויפ־רופן פאַרזאַמלונגען און געפּריידיקט פאַר זיי וועגן די דריי הויפּטגעבאָטן פאַר דער דערלייזונג פון גוף און פאַר דער אויסברייטערונג פון די גרע־נעצן פון דער נשמה. איין מאָל ביי נאַכט איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן זיין פרוי און איר מוטער. האָט די פרוי אָפּגעריסן די נאָז ביי דער מוטער כדי צו פאַרמיאוסן זי ביי איר מאַן. איז מען דאָס געוויער גע־וואָרן אין גאס און גענזיקליין האָט צוליב בושה געמוזט אַוועק פון לאַנד.

זענען געקומען דריי שוואָגערס גורג'ים וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין מאַכן קעז. האָבן זיי געקויפט דאָס הויז און געמאַכט קעז. איז אויס־געבראָכן די וועלט־מלחמה און ס'איז געקומען גאַמעל־פּאַשאַ און האָט זיי פאַרטריבן, ווייל מ'האָט זיי חושד געווען אין ציוניזם, צוליב דעם וואָס מ'האָט געפונען אַ מגן־דוד אויפן קעז. נאָך דער מלחמה איז געקומען די

ציוניסטישע דעלעגאַציע און האָט געדונגען דאָס הויז פֿאַר איינעם פֿון זיינע מענטשן דזשאָרדזש גענדינבראָד. זיי האָבן צורעכט געמאַכט דאָס הויז און אויסגערוימט דאָס מיסט און אויפֿגעפֿרישט דעם גאָרטן און אַרומגעבויט אַ פּאַרקאַן. דער גענדינבראָד האָט נישט באַוויזן זיך אַריינצוציען אין הויז און זיין פֿרוי געגעבלדיין האָט געזאָגט, זי וויל נישט וווינען אין ירושלים. זענען זיי צוריקגעפֿאָרן קיין גלאַזגאָו און פֿון דעם הויז האָט מען געמאַכט אַ ביוראָ. איז געקומען די ערד־ציטערניש און האָט באַשעדיקט דאָס הויז און צעבראָכן דעם דאַך. איז דאָס הויז געשטאַנען אַ סך יאָרן ליידיק. ביז ס'איז געקומען גערהאַרד גרייפֿנבאַך און ער האָט עס אָפּגעדונגען און ער האָט עס צורעכט געמאַכט און עס אויפֿגעפֿרישט און אַריינגעצויגן עלעקטרע און וואַסער און כּלערליי אַנדערע מאָדערנע איינריכטונגען. האָט גרייפֿנבאַך מיט זיין פֿרוי געוווינט עטלעכע יאָר אין הויז ביז עס האָט זיך זיי פֿאַרגלוסט מאַכן אַ רייזע קיין אויסלאַנד אָפּצורוען זיך אַ ביסל פֿון דעם הו־האַ ביי אונדז און איך האָב איינגעוויליקט אַכטונג צו געבן אויף זייער הויז אַז קיינער זאָל זיך נישט אַריינרייסן דערין. גערהאַרד און גערדאַ וואַנדערן אַרום אין דער וועלט און איך נעכטיק שוין דאָ די צווייטע נאַכט.

אָפּגערוקט פֿון שטאָט שטייט דאָס הויז אין גאָרטן אין אַ טאָל און לייכט מיט ליכט פֿון דער לבֿנה. אַזוי דער גאָרטן און אַלץ וואָס געפֿינט זיך אין גאָרטן. יעדער בוים און יעדער קוסט שטייט באַזונדער און געהער זיך נישט אָן איינער מיטן צווייטן. בלויז די לבֿנה מאַכט נישט קיין אונטערשייד, פּונקט ווי זי לייכט אויף דעם לייכט זי אויף דעם.

איך שטיי ביים פֿענצטער און קוק אַרויס אין גאָרטן. יעדער בוים און יעדער בוש דרימלט און שלאָפֿט, אָבער פֿון צווישן דיביימער דערטראָגט זיך אַ קול פֿון עמעצן וואָס גייט. אויב דאָס זענען נישט די טריט פֿון גינתן וועלכער איז אַהיימגעקומען פֿון וועג, איז עס אפֿשר דאָס גיין פֿון גבֿריאל גמזו, וואָס אַז כ'האָב אים נעכטן ביי נאַכט אָפּגעפֿירט האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיר לאָזן וויסן וועגן זיין ווייב, און אָט איצט קומט ער. אָדער אפֿשר איז עס נישט גמזו, נאָר עמעץ אַן אַנדערער.

דאָס קלאָרע לבֿנה־ליכט האָט מיך אָפּגענאַרט. דער וואָס גייט איז נישט

קיין אַנדערער ווי גמזו. כ׳בין געגאַנגען און אים אויפגעמאַכט די טיר און אים אַריינגעלאָזט. האָט גמזו זיך גענומען אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט אַרויסגענומען פּאַפּיר און זיך געדרייט אַ ציגאַרעטל. ער נעמט דאָס ציגאַרעטל אין מויל אַריין און צינדט עס אָן און זיצט און רייכערט און זעט גאָרנישט, אַז איך שטיי און וואַרט און וויל הערן צי ער האָט געפונען דאָס ווייב. שטיי איך און שוויַיג בייז. זאָגט גמזו, איר פרעגט מיך נישט וועגן מיין ווייב. זאָג איך, איר האָט צו פאַרציילן פאַרציילט. זאָגט גמזו, באמת האָב איך צו פאַרציילן, איר האָט נישט דאָ עפּעס אַריינצוטאָן די אַש? בין איך געגאַנגען און אים געבראַנגט אַ טעצל. זוכט ער מיט דער האַנט ווו אַוועקצולייגן דאָס אויסגעברענטע שטיקל ציגאַרעט. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיטן געזונטן אויג און געווישט זיך דאָס קראַנקע אויג, געריבן די האַנט אין דער באָרד און מיטן שפּיץ צונג אייַנגענעצט זיך די האַנט און געזאָגט, כ׳האָב געמיינט ס׳איז אַ ברי פון ציגאַרעט. דערווייל זע איך אַז ס׳איז אַ ביס פון אַ מאָסקיט. ס׳איז דאָ דאָ מאָסקיטן. זאָג איך, אפשר איז יאָ דאָ און אפשר איז נישט דאָ, יעדנפאַלס צוליב מיין פרייד איבער אַזאַ טייערן גאַסט ווי דו וואָס קומט צו מיר פיל איך אין גאַנצן נישט די מאָסקיטן. וואָס גמזו האָט געפילט ווייס איך נישט נאָר געזאָגט האָט ער, כ׳האָב זי געפונען, כ׳האָב זי געפונען, אין בעט האָב איך זי געפונען. זי איז געשלאָפן אַ פעסטן שלאָף. טראַכט איך מיר, ס׳איז כדאי צו וויסן ווי אַזוי גמזו האָט געפונען זיין ווייב. אָבער פרעגן וועל איך נישט. אַז ער וועט אַליין פאַרציילן וועל איך הערן און אויב ער וועט נישט פאַרציילן דאַרף מען נישט, כ׳וויל נישט ער זאָל מיינען איך פאַרש אים אויס. ס׳איז אַדורכגעגאַנגען אַ שטיקל צייט און ער האָט גאָרנישט געזאָגט, און ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט די גאַנצע מעשה פאַרגעסן. פּלוצלינג האָט ער געגעבן אַ פיר מיט דער האַנט איבערן שטערן, ווי איינער וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, און הייבט אָן פאַרציילן ווי אַזוי ער איז אַהיימגעקומען און ער האָט אויפגעמאַכט די טיר און אַרומגעקוקט זיך אין שטוב נישט דערוואַרטנדיק גאָרנישט. פּלוצלינג הערט ער ווי עמעצער עטעמט, האָט ער געמיינט אַז ווייל ער האָלט אין איין טראַכטן וועגן זיין ווייב דוכט זיך אים אַז זי אָטעמט. גייט ער צו צום בעט און ער זעט אַז זי ליגט דאָרט, איז אים די נשמה אַרויס פאַר פרייד, און ווען נישט דאָס וואָס איר

אַטעמען האָט אים צוריק אַריינגעזעצט אַ נשמה וואָלט ער אַנידערגעפאַלן אויפן אָרט און געשטאָרבן.

בין איך געזעסן און פון גרויס פאַרוואונדערונג האָב איך נישט אַרויס־גערעדט קיין וואָרט. נעכטן האָב איך דאָך אים בפירוש געזאָגט אַז איך גיי צו מיר אַהיים, ס׳הייסט אַז היינט וועל איך דאָ נישט נעכטיקן, איז ווי פאַלט ער אויס אַהערצוקומען. און נאָך מער האָב איך מיך געוואונדערט, וואָס אין אַ לבנה־נאַכט האָט ער ווידער איבערגעלאָזט דאָס ווייב אין דער היים, נאָך דעם ווי די לבנה האָט אים געוויזן וואָס זי קאָן. זאָגט גמזו, איר וואונדערט זיך וואָס איך האָב איבערגעלאָזט גמולהן. זאָג איך, באמת ווי ס׳וואונדערט מיך וואָס איר האָט זי איבערגעלאָזט. שמייכלט גמזו מיט זיין לעבעדיק אויג אָדער מיטן טויטן אויג און זאָגט, איצט אַז אַפילו גמולה וועט זיך אויפכאַפּן און זי וועט אַפילו אַראָפּגיין פון בעט וועט זי שוין מער דאָס נישט טאָן. פרעג איך אים צי ער האָט געפונען די סגולה? זאָגט ער, כ׳האָב נישט געפונען די סגולה. זאָג איך, טאָ ווי אַזוי האָט איר איבערגעלאָזט דאָס ווייב? וואָס, די לבנה האָט אייך געגעבן תקיעת־כּף אַז היינט ביי נאַכט וועט זי זי נישט טשעפּען? אָדער אפשר האָסטו צוגע־נומען די בית ביי די לבנה, איז פאַרבליבן לונה? אדרבה זאָגט מיר ר׳ גבריאל וואָס עפּעס פלוצלינג אַזאַ בטחון? זאָגט גמזו, כ׳האָב געפונען אַ רפואה. זאָג איך, איר זענט געווען ביי דאָקטוירים און זיי האָבן אייך פאַרשריבן אַ רפואה. זאָגט גמזו, ביי קיין דאָקטוירים בין איך נישט געווען און איך גיי נישט צו קיין דאָקטוירים, וואָס הגם זיי ווייסן די נעמען פון אַלע מחלות און די נעמען פון אַלע מעדיצינען האַלט איך נישט פון זיי. פון וועמען איך האַלט יאָ איז פון איינעם וואָס האָט געלייטערט זיינע אברים אין דער תורה, ער ווייס און געפינט אַ רפואה פאַר יעדן אבר, בפרט פאַר אַ זאַך וואָס געהערט זיך אָן מיט דער נשמה. זאָג איך צו גמזון, און אַזאַ איינעם האָט איר געפונען און ער האָט אייך געגעבן אַ רפואה פאַר גמולהן. זאָגט גמזו, די רפואה האָב איך שוין לאַנג. ווי אַזוי, ווען כ׳האָב געלערנט אין דער ישיבה פון ר׳ שמואל ראָזענבערג אין אינסדאָרף איז געקומען אַ פרוי און האָט אים פאַרציילט אַז ביי איר אין דער אכסניה וווינט אַ בחור וואָס איז קראַנק אויפן האַרץ און איז אַ לונאַטיקער, און יעדן חודש ווען די לבנה קומט אַרויס גייט ער אַרויס דורכן פענצטער און

קלעטערט אויף דעכער און שטעלט זיך איין ס׳לעבן, ווארן טאָמער זאָל ער זיך אויפכאַפּן אין מיטן גיין קאָן ער אַראָפּפאַלן און געהרגעט ווערן. און מ׳האָט שוין געפרעגט דאָקטוירים און ס׳איז נישטאָ קיין רפואה. זאָגט איר ר׳ שמואל, נעמט אַ דיק בגד, לייגט עס אַריין אין קאַלט וואַסער ביז ס׳וועט זיין גוט אַדורכגעווייקט און לייגט עס אַנידער פאַר דעם בחורס בעט, און אַז ער וועט אַראָפּגיין פון בעט און ער וועט אַרויפגיין מיט די פיס אויפן קאַלטן בגד וועט ער זיך אויפכאַפּן און צוריקגיין אין בעט אַריין. האָט זי אַזוי געטאָן און ס׳איז אים בעסער געוואָרן. היינט האָב איך אויך אַזוי געטאָן און איך בין זיכער אַז אַפילו זי וועט אויפקומען איז ווי זי וועט אַוועקשטעלן אַ פוס וועט זי צוריקגיין אין בעט אַריין.

בלייב איך זיצן אין איין וווּנדער. אויב דאָס איז אַ רפואה פאַר וואָס האָט גמזו דאָס נישט געטאָן די גאַנצע צייט. גמזו פילט דאָס און זאָגט, איר ווונדערט זיך אויף מיר וואָס איך האָב גאָרנישט געטאָן ביז איצט. זאָג איך, איך ווונדער מיך נישט, וואָרן איר זענט אַזוי אַריינגעטאָן אין סגולות וואָס זענען למעלה מן הטבע אַז ס׳איז אייך גאָר נישט איינגעפאַלן צו ניצן רפואות וואָס זענען בדרך הטבע. זאָגט גמזו, אויף דעם קאָן איך אייך געבן צוויי תשובות. ערשטנס סגולות זענען אויך רפואות. איין מאָל זייענדיק אונטער־וועגנס בין איך קראַנק געוואָרן און בין אויסגעהיילט געוואָרן דורך סגולות. און אַז כ׳בין געקומען קיין אייראָפּע און כ׳האָב פאַרציילט דאָקטוירים ספּע־ציאַליסטן האָבן זיי מיר געזאָגט, די סגולות מיט וועלכע איר האָט זיך גע־היילט זענען רפואות און מיט דעם האָט מען זיך געפלעגט היילן, ביז מען האָט געפונען בעסערע רפואות און מען האָט זיי אָפּגעשאַפט. ווידער פאַר וואָס כ׳האָב גאָרנישט געטאָן ביז איצט, איז פון הימל האָט מען געזען כ׳זאָל פאַרגעסן, צוליב דעם כבוד פון יענעם צדיק. ווייל כ׳בין אַוועק פון זיין ישיבה אין אַנדערע ישיבות אַריין. און ווי אַזוי כ׳האָב זיך היינט דערמאָנט, ס׳האָט עפּעס פּאַסירט און כ׳האָב זיך דערמאָנט. כ׳בין געזעסן און פאַררירכט אַ בגד. מיטן בגד אין דער האַנט האָב איך זיך פלוצלינג דערמאָנט. כ׳בין אויפגעשפּרונגען און אַריינגעלייגט דאָס בגד אין וואַסער, און געזען אַז דאָס בגד איז נאָס האָב איך עס אַנידערגעלייגט פאַר גמולהס בעט.

איצט, זאָג איך צו גמזון, וויל איך אייך פרעגן אַ פּשוטע זאַך, איר האָט מיך נישט געפונען אין דער היים און איר זענט אַהערגעקומען. זאָגט

מיר גמזו, כ'בין נישט געגאַנגען צו אײַך און כ'האָב נישט געהאַלטן בײַ קומען אַהער. זאָג איך, אָבער איר זענט געקומען. זאָגט גמזו, כ'בין געקו־מען, כ'ווייס אַליין נישט ווי אַזוי. זאָג איך צו אים, איר זעט ר' גבריאל, אײַער האַרץ האַלט מער וואָרט ווי איר און ס'האָט אײַך אַהערגעשיקט צו זאָגן מיר וואָס אײַער ווײַב מאַכט. זאָגט גמזו, די עיקר מעשׂה איז אַזוי גע־ווען. איך זיץ אין דער היים און זע גמולה שלאָפט. טראַכט איך, איצט אַז גמולה שלאָפט וועל איך גיין זען שלום עמרמין. האָב איך אַ קוק געטאָן אויף דעם בגד וואָס כהאָב אַנידערגעלייגט בײַ איר בעט און כ'האָב גענומען און עס ווידער אײַנגעוויקלט אין וואַסער, צוריקגעלייגט עס פאַרן בעט און בין אַרויסגעגאַנגען. כ'גיי מיר אַזוי און טראַכט, דער עמרמי וואָס איז גע־בוירן געוואָרן אין ירושלים און דערצויגן געוואָרן אין ירושלים, נאָך פער־ציק־פופציק יאָר אָפּזײַן אין אויסלאַנד איז ער צוריק אַהיימגעקומען און אַלץ וואָס ער האָט פאַראײַבעריקט אין די פערציק־פופציק יאָר איז אַ קליין מיידעלע און אַ אייניקל און אַ ביסל העברעישע ספרים. און טראַכטנדיק וועגן אים זענען מיר געקומען אויפן געדאַנק אַנדערע הי־געבוירענע וואָס האָבן זיך געלאָזט אין דער וועלט אַרײַן מיט פערציק־פופציק יאָר צוריק ווײַל ארץ־ישׂראל איז זיי מיאוס געוואָרן צוליב פּרנסה אין חוץ־לארץ. טייל האָבן מצליח געווען, טייל זענען געוואָרן רייך. איז געקומען דאָס אומגליק און זיי האָבן פאַרלוירן אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט און זיי זענען צוריקגע־קומען קיין ארץ־ישׂראל און איצט קלאָגן זיי זיך און האָבן טענות אַז דאָס לאַנד האָט זיי פּיינט. און אַזוי ווי איך זע זייערע פּרעטענזיעס און זע נישט זייערע יסורים, הער איך פּלוצלינג אַ געשריי. כ'גיי אַ ביסל זע איך אַ מיידל זאָגט צו אַ בחור, גינטער, גינטער, דו לעבסט, דער אַראַבער האָט דיך נישט פאַרווונדעט. וואָס איז געשען, אַ בחור מיט אַ מיידל האָבן אַרומגעשפּאַצירט אין יענע טאָלן הינטער דער שטאָט, האָט זיי פאַרטשעפּעט אַן אַראַבער. האָט דער בחור זיך צעשריגן איבער אים און אים אַוועקגעטריבן. האָט דער אַראַ־בער אַרויסגענומען אַ מעסער, האָט דאָס מיידל געמאַכט אַ געוואַלד ווײַל זי האָט געמיינט אַז ער האָט אים געשטאָכן. דערווײַל זע איך כ'בין אַראָפּ פון וועג און געפינען מיך אין אַ טאָל. שטיי איך און קלער, ווי קום איך דאָ אַהער? איך האָב דאָך געברויכט צו גיין צו עמרמין, און ווו בין איך גע־גאַנגען, דאָ אַהער בין איך געגאַנגען. איר פאַרשטייט דאָס, איך פאַרשטיי

נישט, פונקט ווי כ׳האָב נעכטן נישט פאַרשטאַנען ווי כ׳בין דאָ אַהערגעקו־מען. ענטפער איך אים, די חז״ל האָבן דאָך געזאָגט, דאָרט ווו אַ מענטש ברויך צו גיין דאָרט פירט מען אים. נאָר נישט שטענדיק ווייס אַ מענטש ווו ער ברויך צו גיין. זאָגט גמזו, אַזוי איז עס, דאָרט ווו אַ מענטש דאַרף גיין דאָרט פירט מען אים. צי ער וויל צי ער וויל נישט, די פיס פירן אים. אַ סך מענטשן פרעגן מיך, ווי אַזוי זענען צו אייך דערגאַנגען די פיוטים פון ר׳ עדיאל, אויך איר האָט מיך געפרעגט. און אויב איר האָט מיך נישט גע־פרעגט האָט איר אַוודאי געמיינט מיך צו פרעגן. זאָג איך, צי כ׳האָב גע־פרעגט צי כ׳האָב נישט געפרעגט, אָבער איר האָט מיר גאָרנישט פאַרציילט דערוועגן. זאָגט גמזו, אויב איר ווילט וועל איך אייך פאַרציילן. זאָג איך, אויב איר ווילט פאַרציילט. זאָגט גמזו, כ׳קום אַריין אין אַ דאָרף און די פיס לאָזן מיך נישט אַרויסגיין פון דאָרט. זאָג איך צו זיך אַליין, נישטאָ נאָך אַזאַ בולטע נאַרישקייט ווי צו פטרן צייט אין אַזאַ מין דאָרף, ווו דאָס ביסל ייִדן דאָ זענען קנאַפּע לערנערס און גרויסע אביונים נעבעך. זיי האָבן קוים חיונה פון זייער ערדאַרבעט און פון דעם וואָס זיי קויפן אויף פון די גויִים אַ ביסל אויבס און פירן עס אין שטאָט אַריין. ביי אַזעלכע מענטשן ווילסטו קויפן ספרים. דערווייל קומט אונטער שבת. בין איך איינגעשטאַנען ביי איינעם וואָס זיין מלאכה איז מאַכן געפלאָכטענע קוישן. מיר זענען געגאַנ־גען דאַווענען אין שולכל, אַ מין ביידל פון פּאַלמעס וואָס זענען שוין געווען שוואַרץ פון אַלטקייט. איז זיך צוזאַמענגעקומען די גאַנצע עדה, זיי האָבן אויסגעטאָן די שיך און אָנגעצונדן אַ ליכט אין אַן ערדענער כלי און אַוועק־געזעצט זיך און געזאָגט שיר־השירים און אויפגעשטעלט זיך און געזאָגט מזמור שיר ליום השבת און געזאָגט והוא רחום ווי אַלע טאָג, און די שבת־דיקע תפילה האָבן זיי געדאַוונט מיט ניגונים וואָס מיר זענען גאָרנישט געוווינט צו הערן, אָבער פאַר אַ ייִדיש האַרץ קלינגען זיי טייער. דעסגלייכן די אַנדערע מינהגים זייערע וואָס זיי האָבן געירשנט פון זייערע אָבות אבותיהם וואָס האָבן נאָך געשטאַמט פון די גולי ירושלים וואָס נבוכדנצר האָט פאַרטריבן קיין בבל און דאָרט אויפגעשטעלט בתי־כנסת, וואָרן ווען נבוכדנצר האָט פאַרטריבן די ייִדן פון ירושלים האָט ער געהייסן אַרויס־רייסן אַלע מילשטיינער פון ארץ־ישראל און באַפוילן אַרויפצולייגן זיי אויף די אַקסלען פון יונגע בחורים. די בחורים האָבן געשלעפּט די מיל־

שטיינער און געגאַנגען אין גלות אַריין, און אויף זיי האָט ירמיה געזאָגט, בחורים טחון נשאו און ער זאָגט ענה בדרך כוחי. האָט גאָט געזען זייער צרה און ער האָט אַריינגעגעבן אַ רוח חיים אין די שטיינער אַריין. האָבן די שטיינער זיך אויפגעהויבן ווי פליגלען און האָבן זיי אַוועקגעטראָגן אויף אַן אָרט ווו ס'איז נישטאָ קיין באַצווינגער. האָבן זיי אַראָפּגעלייגט די שטיינער פון זיך און געמאַכט פון זיי אַ פונדאַמענט פאַר בתי־תפילה און מיט דעם רעשט האָבן זיי געבויט זייערע אייגענע הייזער. און צווישן די בחורים זענען געווען גרויסע לערנערס און זיי זענען געווען בקי אין די סודות פון דער תורה און ס'האָט אויף זיי גערוט דער רוח־הקודש. כ'האָב שוין אַ סך מאָל געטראַכט, אפשר זענען זייערע מינהגים מער אָנגענומען פאַר גאָט ווי אונדזערע. איז אַלזאָ האָבן זיי אַראָפּגעלייגט די שטיינער און געמאַכט פון זיי אַ יסוד פאַר בתי־תפילה און זיי האָבן געגרינדעט אַ גרויסן ישוב, ממש אַ מלוכה. און ס'איז נאָך אַלץ געווען אַ קלער טאָמער וועלן זיי חס־ושלום פאַרשווינדן פון דער וועלט ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין ווייבער. האָט גאָט זיי אויפגעמאַכט זייערע אויגן און זיי האָבן דערזען יונגפרויען אַרויס־טויכן פון ים פון יענע וואָס דער פסוק זאָגט אויף זיי מבשן אשיב אשיב ממצולות ים, פון בשן וועל איך זיי צוריקברענגען, כ'וועל זיי צוריקברענגען פון די טיפענישן פון ים. האָט יעדער איינער זיך גענומען פון זיי פאַר אַ ווייב און זיי האָבן געהאַט זין און טעכטער און זיי האָבן אויסגעלעבט די יאָרן אין פרייד. און אַזוי האָט עס געדויערט עטלעכע דורות ביז זיי האָבן פון גרויס גוטס פאַרגעסן ירושלים. און אַז עזרא האָט צו זיי געשריבן גייט קיין ירושלים זענען זיי נישט געגאַנגען, ווייל זיי האָבן געזאָגט אַז גאָט האָט זיי פאַרטוישט דאָס אָרט פאַר ירושלים און ס'איז זיי דאָ גוט. זענען אָנגע־פאַלן אויף זיי חיילות פון די גויים און האָבן מלחמה געהאַלטן מיט זיי און געברענגט אויף זיי אַ פאַרוויסטונג און ס'איז איבערגעבליבן פון זיי אַ קליין הייפל מענטשן. האָבן זיי תשובה געטאָן און געדענקט אין ירושלים, וואָרן זיי האָבן איצט איינגעזען אַז דאָס וואָס די גויים זענען זיי באַפאַלן איז געווען אַ שטראָף. איצט וועל איך צוריקגיין צו דעם ענין וואָס כ'האָב אָנגעהויבן.

נאָך דעם ווי זיי האָבן אָפּגעדאַוונט זענען זיי צוגעגאַנגען און איינער דעם צווייטן געקושט אויפן אַקסל און אויף דער באָרד און געזאָגט זיך איינער דעם צווייטן שבת שלום און זיי זענען אַהיימגעגאַנגען ווידער מיט

אַ שבת ברכה. איך בין צוריקגעגאַנגען מיט מיין בעל־הבית אַהיים און איך האָב געגעסן מיט אים און מיט זיינע צוויי ווייבער און די קינדער און אַלע זענען אויסגעזעצט אויף אַ שטרוי־טעפיך און עסן און טרינקען, און די זמירות וואָס זיי זינגען זענען מיר אין גאַנצן פרעמד און איך האָב זיי נישט געזען אין קיין שום קובץ פון פיוטים. פאַרן זונאויפגאַנג האָב איך זיך אויפגעכאַפּט הערנדיק ווי עמעצער זינגט און איך זע דעם בעל־הבית ווי ער זיצט אויפן טעפעך און זינגט שירים און פיזמונים, האָב איך געוואַשן די הענט, זיך איינגעהערט און געהערט אַזעלכעס וואָס כ׳האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געהערט און האָב נישט געזען אין קיין שום קובץ פון פיוטים.

כ׳בין געווען אויסער זיך פון זייער שיינקייט און ס׳איז מיר נישט אַדורך דורכן געדאַנק צו פרעגן ווער ס׳האָט זיי געמאַכט און ווי אַזוי זיי זענען דערגאַנגען צו דעם דאָרפסמענטש. ווען אַפילו כ׳וואָלט מיך יאָ געפרעגט וואָלט מיר קיינער נישט געענטפערט ווייל אין יענע מקומות זענען זיי זייער אָפּגעהיטן נישט צו רעדן פאַרן דאַווענען. נאָך דעם אַז ער האָט גע־ענדיקט דאָס זינגען זענען מיר געגאַנגען צום דאַווענען, און געדאַוונט ביי זיי האָט מען בהשכמה.

די גאַנצע עדה איז געזעסן אין שולכל אויסגעזעצט אַרום די ווענט און האָבן געזונגען תפילות. און דער מינהג זייערער איז געווען אַז איינער פון קהל האָט געזאָגט אַ מיזמור הויך אויפן קול וואָרט ביי וואָרט, און נאָך אים אַן אַנדערער און נאָך אים ווידער אַן אַנדערער, און ס׳האָט אויסגעזען ווי יעדער איינער איז זיך בודק צי ער איז ראוי צו זיין אַ שליח ציבור פאַר גאָט, און אַז ער פאַרענדיקט ענדיקט ער שטיל, ווייל ער זעט אַז ער איז נישט ראוי צו אַזאַ שליחות. און ס׳קומט צו תפילת־יוצר שטייט איינער פאַרן עמוד און זאָגט ברכו און ברכת יוצר און גייט צוריק אויף זיין אָרט. דערנאָך זאָגן זיי די ברכות און קריאת־שמע און זיי שטעלן זיך שמונה־עשׂרה. ס׳קומט צו דער הויכער שמונה עשׂרה גייט דער שליח־ציבור ווידער צו צום עמוד און אַלע הערן שטייענדיקערהייט און מיט גרויס כוונה און זיי זאָגן נאָך אָמן הויך און מיט יִראה. און ביים אַרויסנעמען דאָס ספר זאָגן זיי אשרי העם שככה לו אשרי העם שה׳ אלהיו און זיי זאָגן ה׳ ימלוך. און זייערע ספר־תורות זענען געשריבן אויף הירשן־פּאַרמעט און מיט גרויסע אותיות און זיי זענען זיך נוהג נישט אויפצורופן מער ווי זיבן צום ספר. און

צו קריאת־התּורה קומען אַריין ווייבער און זעצן זיך אַוועק ביי דער טיר, און כ׳האָב געהערט אַז דאָס איז אַן אַלטער מינהג און קיין שום צדיק און קיין שום גאון האָט דאָס נישט אָפּגעפּרעגט, וואָרן בשעת מתּן־תּורה האָט דער יצר־הרע נישט געהאַט קיין שליטה. און נאָך היינט איז דער וואָס זיין האַרץ איז גאַנץ מיט דער תּורה האָט דער יצר־הרע איבער אים קיין שליטה נישט.

נאָכן אָפּדאַווענען מוסף בין איך צוריק אַהיימגעגאַנגען מיט מיין בעל־הבית. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם טעפּעך און אָנגעהויבן זינגען לויבגעזאַנגען פאַר גאָט וואָס ער האָט אויסגעוויילט דאָס ייִדישע פאָלק און זיי געגעבן דעם שבת. דערנאָך האָט ער געזונגען צו לויב עם ישׂראל וואָס האָט זוכה געווען צום יום שבת. דערנאָך האָט ער געזונגען שירים וועגן שבת, וואָס אין דער הייליקייט פון שבת ווערן געהייליקט אַלע וואָס היטן אָפּ דעם שבת. דערנאָך האָבן מיר זיך געוואַשן די הענט און געגעסן דאָס מאָלצייט. נאָכן עסן האָט ער ווייטער געזונגען זמירות. פרעג איך אים, פון וואַנען זענען די זמירות? זאָגט ער, פון מיין טאַטן. מיין טאַטע איז גע־ווען אַ גרויסער תּלמיד־חכם און ער האָט געוווּסט אַלץ וואָס ס׳איז געשריבן אין די ספרים. זאָג איך צו אים, און ווו זענען די ספרים? האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער וואַנט און אַרויסגענומען אַ פּעקל מיט כּתבים, וואָס זענען געווען פול מיט גרויסע און הייליקע פּיוטים, אַ טייל פון זיי פון ר׳ דוסאָ בן ר׳ פּניאל וועלכער האָט געמאַכט דעם פּיוט אל אדון און פון גרויס ענווּת האָט ער אויף דעם פּיוט נישט אָנגעגעבן זיין נאָמען, נאָר אין דער פערטער שורה ווען ס׳האָבן זיך אים באַוויזן די צוויי גרויסע מלאכים דעת ותבונה וואָס רינגלען אַרום די פּראַכט פון הקדוש ברוך הוא, און אַז ער האָט באַזונגען זייערע מעשׂים האָט ער מיטאַריינגעדיכטעט זיין נאָמען מיט ראשי־תּיבות. און אַזוי האָב איך דאָרט געפונען פּיוטים פון ר׳ עדיאל וועלכער האָט געמאַכט דעם פּיוט עם זו יצרת דברות קדשך ישמרו, און אויך פון אַנדערע אַלטע פּייטנים וואָס האָבן נישט אָנגעגעבן זייערע נע־מען. האָב איך אָנגעהויבן צו רעדן מיט אים ער זאָל מיר פאַרקויפן דעם ספר. זאָגט ער, אַפילו איר וועט מיר געבן אַן אָקס וועל איך עס אייך נישט פאַרקויפן. זאָג איך צו אים, גיט מיר רשות אָפּצושרייבן אַ צוויי־דריי פּיוטים. זאָגט ער, אַפילו איר וועט מיר געבן אַ שעפּס וועל איך דאָס נישט

טאָן. האָט ער נישט געוואָלט פאַרקויפן אַפילו פאַר אַן אָקס אומזיסט און נישט געלאָזט אַפשרייבן אַפילו פאַר אַ געשענקטן שעפּס. בין איך אַוועק פון אים מיט גאָרנישט און געגאַנגען אין שטאָט אַריין. אין דריי טעג אַרום קומט ער צו מיר און גיט מיר דאָס ספר. האָב איך אים געוואָלט באַצאָלן דערפאַר און ער וויל נישט נעמען. וויל איך אים העכערן דעם פּרייז און ער וויל נישט. זאָג איך, דאָס אַלץ לוינט זיך אייך נישט. זאָגט ער, חס וברכה, איך גיב עס אייך אָן געלט. זאָג איך, פאַר וואָס גיט איר עס מיר אָן געלט. זאָגט ער, וואָס אַרט אייך. איר ווילט עס און איך גיב עס אייך. זאָג איך, איך וויל נישט נעמען אָן געלט. כ׳וויל אייך באַצאָלן. האָט ער פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און איז אַוועקגעגאַנגען. איז מיר געווען זייער נישט ניחא צו נעמען פון אַן אָרעמען מענטש אַזאַ טייערע זאַך אָן געלט. בין איך געגאַנגען צו די חכמי העיר פרעגן אַן עצה. ווי זיי דערזעען מיך לויפן זיי מיר אַנטקעגן און גיבן מיר אָפּ גרויס כבוד. זאָג איך זיי, רבותי, וואָס קומט מיר עפּעס אַזאַ כבוד ? זאָגן זיי, ווי אַזוי זאָלן מיר אייך נישט אָפּגעבן כבוד אַז איר זענט ווילגעזען ביי גאָט. זאָג איך זיי, איר זאָגט וועגן מיר אַזעלכעס, וואָס כ׳בין נישט ווערט. ווי פאַלט איר אויס צו זאָגן אַז איך בין ווילגעזען ביי גאָט ? זאָגן זיי, ס׳איז געקומען איינער אַ מענטש פון דאָרף און ער האָט אונדז פאַרציילט, אַז מען האָט אים צו וויסן געטאָן אין חלום אַז ער זאָל אַוועקגעבן דאָס ספר מיט דעם הייליקן כתב־יד וואָס ער האָט בירושה פון זיין פאָטער און זיין פאָטער פון זיין פאָטער און אַזוי אַ סך דורות. זאָג איך זיי, צוליב דעם ספר קום איך צו אייך. שאַצט איר אָפּ וויפל דאָס ספר איז ווערט און איך וועל געבן דאָס געלט אין אייער האַנט אַריין. זאָגן זיי, חס ורחמים אַז מיר זאָלן נעמען פון אייך געלט. זאָג איך צו זיי, איך שווער אַז איך וועל פון דאַנען נישט אַוועקגיין ביז איר וועט מיר זאָגן וויפל כ׳זאָל אייך געבן. אַז זיי האָבן געזען אַז איך טרעט נישט אָפּ, האָבן זיי מסכים געווען צו נעמען ביי מיר כך וכך גאָלדענע רענדלעך. איך האָב זיי געגעבן וויפל זיי האָבן געזאָגט. איך ווייס נישט צי דער מענטש האָט גענומען דאָס געלט פון זיי צי נישט. אפשר האָט מען אים אין חלום געזאָגט ער זאָל דאָס געלט צעטיילן אויף צדקה און ער האָט עס צעטיילט אויף צדקה. דאָס איז די מעשׂה פון דעם קובץ מיט פיוטים וואָס איז מיר געקומען אין דער האַנט אַריין וואָס נישט לאַנג נאָך דעם האָב איך באַקענט גמולהן.

ו

ריין ווי די לבנה איז גמולה געווען. אירע אויגן פינקלען און איר פּנים שטראַלט און איר קול איז זיס ווי אַוונטקלאַנגען. און אַז זי האָט אָנגעהויבן צו זינגען האָט זיך געדאַכט ווי די טויערן פון געזאַנג עפענען זיך. זי האָט אויך געקאָנט באַקן לבנה־פּלעצלעך און בראָטן פלייש אויף פּייערקוילן. אַן ערך צוועלף יאָר איז גמולה אַלט געווען דעמאָלט ווען גמזו איז ס׳ערשטע מאָל אָנגעקומען אין אירע מקומות, אָבער איר חכמה האָט געלויכטן ווי פון אַ פרוי אין די יאָרן, וואָרן דער פאָטער האָט איר אַריינגעגעבן די חכמה פון דורות, ווייל איינציק איז גמולה געווען ביי איר פאָטער, חוץ פון איר האָט ער קיין קינדער נישט געהאַט, וואָרן זיין ווייב איז געשטאָרבן ביים געבוירן גמולהן און ער האָט מער נישט חתונה געהאַט, און ס׳איז אים געווען אַ שאָד אַזוי פיל חכמה זאָל פאַרלוירן גיין און ער האָט עס איבערגעגעבן זיין טאָכטער. גמזו איז געזעסן אַ יאָר צייט אין איר פאָטערס הויז ביז עס איז אים בעסער געוואָרן. דערנאָך איז ער געפאָרן קיין ווין צו היילן זיך דאָס אויג. ער איז דאָרט געווען אַ יאָר און אָוועקגעפאָרן מיט איין אויג. די גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען אין שפּיטאָל האָט ער זיך געטרייסט און געזאָגט, דאָס ליכט פון מיינע אויגן וועט צוריקקומען און כ׳וועל צוריקפאָרן צו גמולהן. ווען ער איז אַרויס פון שפּיטאָל האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס צו פאָרן, ווייל אַלץ וואָס ער האָט געהאַט האָט ער אָוועקגעגעבן די דאָקטוירים. טרעפט אים עקיבא עמרמי און זאָגט אים, עובדיה און עובדיוביטש זוכן אַזאַ מענטש ווי דו, וואָס זאָל זיין גרייט צו פאָרן פאַר זיי אין ווייטע לענדער אויפצוקויפן ספרים. איז ער געגאַנגען צו עובדיה און עובדיוביטש. האָבן זיי אויסגעאַרבעט פאַר אים דעם פּלאַן וווּ ער דאַרף אַלץ פאָרן און האָבן אים געגעבן געלט אויף הוצאות און אַ רעכט אויסצוגעבן אויף זייער חשבון וויפל ער דאַרף. האָט גאָט מצליח געווען זיין וועג און ער האָט צופרידנגעשטעלט זיינע אדונים. ער האָט פאַרדינט כך וכך און דערנאָך געפאָרן צו גמולהן.

דערווייל האָט דאָרט ביי גמולהן אין שטאָט פּאַסירט אַ זאַך. אַזעלכעס טרעפט נישט אַפילו איין מאָל אין הונדערט יאָר. איינער אַ תּלמיד־חכם אַ הייליקער מענטש פון ירושלים איז דאָרט אַהינגעקומען און אָפּגעווען זעקס חדשים. און שוין זעקס חדשים ווי ער איז פון דאָרט אַוועקגעפאָרן און

מענטשן הערן נישט אויף פון אים צו רעדן. קראַנקע מענטשן פאַרציילן אַז דער חכם גדעון האָט זיי אויסגעהיילט פון זייער קראַנקייט און אַ סך מענטשן פאַרציילן אַז דער חכם גדעון האָט זיי אויסגעלערנט זאַכן וואָס מאַכן גרינגער דאָס לעבן. ער האָט זיי אויך אויסגעלערנט ווי אָפּצושטעלן געוויסע מחלות, און אַפילו אַן השבעות און שפּרוכן, און אַפילו פון קינדער וואָס שטאַרבן פון אַן עין־הרע. און ער האָט נישט גענומען קיין שום געלט, און אויב מען האָט אים געגעבן אַ מתנה האָט ער צוריקגעגעבן אַ מתנה. לויט ווי גמזו מיינט איז דער חכם גדעון נישט געווען קיין ירושלימער תּלמיד־חכם, נאָר אַן אייראָפּעיִשער געלערנטער, אַן עטנאָגראַף אָדער עפּעס אַזעלכעס. אַ סימן האָט ער אַז ער האָט זיך פאַרשריבן אַלע געזאַנגען וואָס ער האָט געהערט פון גמולהן, און אַפילו אירע שמועסן מיט איר פאָטער, ס׳הייסט יענץ לשון וואָס זיי האָבן זיך אויסגעטראַכט האָט ער פאַרשריבן.

איז אַלזאָ גמזו צוריקגעפאָרן צו גמולהן. זעט אים גמולה און דערפרייט זיך מיט אים ווי אַ כלה פרייט זיך מיט אַ חתן. זי האָט אים אָפּגעבראָטן אַ ציגעלע און געבאַקן אים לבנה־פלעצלעך און געזונגען אים די אַלע געזאַנגען וואָס עס האָט געליבט דער ירושלימער תּלמיד־חכם און זי האָט גאָרנישט געוואָלט הערן די רייד פון גדי בן גאים איר שכן וועלכער האָט געזאָגט, אַז גאולה איז באַשטימט געוואָרן פאַר אים פון זינט זי האָט געזונגען צוזאַמען מיט אים אויף זיין מוטערס ברוסט, וואָרן ווען גמולהס מוטער איז געשטאָרבן בשעת דעם געבורט האָט זיין מוטער זי אַריינגענומען ווי אַן אייגן קינד.

אין יענער צייט האָט מיט גבריהן גמולהס פאָטער פּאַסירט אַן אומגליק. ער איז איין מאָל אַרויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ באַרג צו לערנען זיך פון די אָדלערס ווי אַזוי זיי באַנייען זייער יוגנט. איז אַן אָדלער אים באַפאַלן און אָנגעהויבן זיך מיט אים צו ראַנגלען, און ער האָט גאָרנישט געקוקט וואָס גבריה איז געקומען ווי אַ מענטש פון שלום אָן כלי־זין און אָן אַ שטעקן. האָט גבריה זיך געראַנגלט מיט אים. און ווען ער באַצווינגט אים נישט וואָלט גבריה אומגעקומען צווישן די נעגל פון דעם אָדלער און דער אָדלער וואָלט אים פאַרצוקט און אויפגעפרעסן. אַלצאיינס האָט דער אָדלער אים אָנגעגריפן אין דעם לינקן אָרעם און אים צעריסן זיין לייב. גבריה האָט זיך דערפון נישט געמאַכט ביז ער איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

איידער ער איז געשטאָרבן האָט ער געמאַכט פאַר אים מיט גמולהן אַ נאַכט פון טענץ, וואָרן אַזוי איז דער מינהג ביי זיי, זיבן נעכט פאַרן קנס־מאָל מאַכט מען אַ נאַכט פון טענץ, און אין אַזאַ נאַכט קומען בחורים און כאַפּן פון די טאַנצנדיקע מיידלעך יעדער זיין ווייב. גמזו האָט געוווּסט אַז גדי בן גאים גרייט זיך צו כאַפּן גמולהן, איז ער פאַרויסגעלאָפן און ער האָט זי געקריגן און געמאַכט די חתונה.

זיבן טעג און זיבן נעכט האָט די שׂימחה געדויערט. גבריה איז געלעגן אויף זיין געלעגער און מיט דער געזונטער האַנט האָט ער אָנגעפירט מיט די טענץ. זיבן מינים טענץ האָט ער געמאַכט יעדע נאַכט און דערקעגן אַכט טענץ יעדן טאָג, און דאָס זאָל באַדייטן אַז גמולה וועט געבוירן אַ זון וואָס מ׳וועט אים מל׳ען זיין צו די אַכט טעג. ווי ס׳האָבן זיך געענדיקט די זיבן טעג פון דער חתונה האָט זיך גבריהס לעבן געענדיקט.

האָט גמולה באַוויינט איר פאָטער זיבן טעג און זיבן נעכט, יעדן טאָג און יעדע נאַכט מיט פאַרשיידענע טרויער־געזאַנגען. און ווען זי איז אויפגעשטאַנען פון איר טרויער האָט זי אים געמאַכט אַ גרויסן הספד מיט וווּנדערלעכע און פאַרכטיקע שירים און ריקודים. נאָך די שלושים האָט גמזו אָנגעהויבן צו רעדן מיט איר וועגן דער רייזע. האָט גמולה געהערט און נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל פון איר. ווען זי האָט פאַרשטאַנען איז זי בייז געוואָרן אויף אים. אייניציקווייז האָט זי זיך געלאָזט איבעררעדן ביז זי האָט מסכּים געווען צו פאָרן. אָבער זי האָט אָפּגעלייגט די נסיעה פון וואָך צו וואָך און פון חודש צו חודש. די גאַנצע צייט דעמאָלט האָט די לבנה זי נישט אָנגעגריפן. ווייזט אויס אַז מחמת צער פון איר פאָטערס טויט האָט די לבנה קיין שליטה איבער איר נישט געהאַט. אויך האָבן די סגולות זי באַשיצט, כאָטש עס איז נישט פאַרגעקומען אין איר קיין שינוי און איז געווען ווי אַ פייג וואָס שטייט אויפן בוים און די זיסקייט איז נאָך נישט אַרויסגעקומען. נאָכן יאָר פון אבלות האָט זי אַליין געזאָגט אַז זי איז גרייט צו פאָרן. האָט גמזו געדונגען צוויי קעמלען און זיי זענען געריטן ביז צו הינטער אַ מידבר פון וואַנען די קאַראַוואַנען הייבן אָן זייער גאַנג. זענען זיי צוגעשטאַנען צו איין קאַראַוואַן און זענען געריטן פערציק טעג ביז זיי זענען אָנגעקומען צו אַ ישוב. האָט גמזו איר געקויפט שיך און קליידער און אַ קאַפּאַטיכל און זיי זענען געריטן ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ פּאָרט. האָט ער געדונגען אַ שיף

און זיי זענען געקומען קיין ארץ־ישראל. און אין זכות וואָס זיי זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל האָט גאָט זיי אָפּגעהיטן פון אַלעם שלעכטס. נישט אַזוי אין ארץ־ישראל גופא. עס ווערט געבערענגט אין אלשיך, די מחלוקה אין דער גמרא צי אַ מענטש ווערט געמישפּט יעדן טאָג אָדער בלויז אין ראש־השנה — דאָס איז אין חוץ־לארץ אָבער אין ארץ־ישראל ווערט מען געמישפּט יעדן טאָג. און יעדן טאָג זיצט דער אייבערשטער מיט אים צום דין. זיין ערשטער פּסק איז געווען אַז גמולה האָט אויפגעהערט זינגען. דערנאָך האָט זי אויפ־געהערט רעדן. דערנאָך איז אויף איר אָנגעפאַלן אַ מרה־שחורה. דערנאָך איז זי שווער קראַנק געוואָרן. און אַז זי איז קראַנק געוואָרן האָט זי אים אָנגע־הויבן מצער צו זיין און יעדן טאָג איז זיין קלאָפּ געוואָרן וואָס אַ מאָל גרעסער.

אַזוי ווי גמזו רעדט הער איך פלוצלינג ווי עס עפנט זיך אַ פענצטער און נאָך דעם הערט מען ווי עמעצער רעדט. מורא האָב איך נישט געהאַט, נאָר כ׳האָב מיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָרן חוץ מיר מיט גמזון איז דאָך קיינער נישטאָ אין הויז, און נישט איך און נישט ער האָט געעפנט אַ פענצטער. כ׳האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם חלום און וועגן דער באַן וואָס כ׳האָב געזען אין חלום און דאָס פענצטער וואָס האָט זיך געעפנט ביי נאַכט אין חלום. און כ׳האָב מיך ווידער געוווּנדערט אויף דעם כוח פון אַ חלום וואָס קומט צוריק אויף דער וואָר און זעט אויס ווי אַ ריכטיקע זאַך. דאָס קול האָט זיך ווידער איבערגעחזרט. כ׳האָב אָנגעשפּיצט דאָס אויער און געזאָגט צו זיך אַליין, גינת איז צוריקגעקומען און האָט אויפגעעפנט אַ פענצטער. אָבער וואָס איז דאָס רעדן וואָס איך הער? זעט גמזו אַז איך בין צעשטרייט און ער זאָגט, איר זענט מיד, איר ווילט גיין שלאָפן? זאָג איך, כ׳בין נישט מיד און וויל נישט גיין שלאָפן. זאָגט גמזו, ס׳איז עפּעס דער מער? זאָג איך, איך הער ווי מען גייט. זאָגט גמזו, אויף וויפל איך קאָן מיך פאַרלאָזן אויף מיין אויער הער איך דאָ גאָרנישט. זאָג איך, אויב אַזוי האָט זיך מיר געדוכט. רעדט ווייטער.

האָט גמזו ווידער גענומען פאַרציילן וואָס ער האָט שוין דאָ אַדורכ־געמאַכט מיט גמולהן אין ירושלים. פיל מאָל האָט שוין איר לעבן געהאָנגען אויף אַ האָר. און ווען נישט וואָס דער אייבערשטער העלפט אים, וואָלט ער קיין איין טאָג נישט געקאָנט אויסהאַלטן. אָבער גאָטס רחמנות איז גרויס. ער שיקט יסורים אויף דעם מענטש און גיט אים כוח אויסצוהאַלטן.

כ׳געדענק נישט גענוי ווי ס׳איז געווען, נאָר כ׳געדענק אַז גמזו האָט ווידער אָנגעהויבן צו פּאַרציילן די מעשׂה מיטן בגד, און אַז ער האָט דערמאָנט די מעשׂה מיטן בגד האָט ער דערמאָנט זיין רבי. און אַז ער האָט דערמאָנט זיין רבי האָט ער דערמאָנט זיין יוגנט וואָס ער האָט פאַרברענגט אין די ישיבות.

איר קענט גמזון אַז ער איז אַ מענטש וואָס אַלע קענען און אַלע געלערנטע פון מיזרח און פון מערב פרעגן זיך ביי אים אויף ספרים און כּתב־ידן וואָס ער ברענגט זיי, אָבער אין אָנהייב האָט ער געגעסן טעג ווי אַלע ישיבה־בחורים. איין מאָל האָט אים אַ בעל־הבית געשיקט קויפן אַ קיצור שולחן ערוך. ווען ער איז געווען ביי דעם מוכר־ספרים איז אים געפאַלן אין דער האַנט אַריין עפּעס אַ מאָדנע ספר וואָס האָט אויסגעזען אַנדערש פון אַלע ספרים, איין שורה אַרויס איין שורה אַריין, און יעדעס וואָרט איז געפּינטלט. טייל אותיות זענען ענלעך צום הללויה פון הלל און טייל זענען ענלעך צו על חטא. קוקט ער, קוקט ער און ווונדערט זיך, וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל אַזאַ ספר נישט געזען. זעט דער מוכר־ספרים און זאָגט, פאַר פערציק צייל איז עס דיין. פערציק צייל פאַר אַ ישיבה־בחור איז אַ גרויסע סומע געלט, וואָס ער זאָל אַפילו פאַרקויפן ס׳מלבוש פון זיך וועט מען אים נישט געבן דערפאַר קיין פערציק צייל. האָט ער געהאַט אַ קעסטל וואָס אַ סטאָליער האָט אים געמאַכט צוליב דעם וואָס ער האָט צוגעהאָלפן זיין זון אין לערנען. יענץ קעסטל איז געווען ביי אים אַן איבעריקע זאַך. ווייל אַלץ וואָס ער האָט פאַר־מאָגט חוץ דאָס וואָס ער טראָגט אויף זיך האָט ער געקאָנט איינוויקלען אין אַ העמד, נאָר סתּם דאָס קעסטל האָט אים געגעבן אַ פאַרגעניגן ווי איינער וואָס פאַרמאָגט אַ שיינע זאַך. האָט ער דעם מוכר־ספרים אַוועקגעגעבן דאָס קעסטל און דער מוכר ספרים האָט אים געגעבן דאָס ספר. און יענץ ספר איז געווען דער דיוואַן פון ר׳ יהודה הלוי, וואָס שד״ל האָט אַרויסגעגעבן. האָט ער עס געלייענט און געהאַלטן אין איין לייענען ביז ער האָט געקענט אַלע שירים פון אויסנווייניק. און זיין חשק איז אַלץ נישט געווען געשטילט. האָט ער אָנגעהויבן נישטערן אין מחזורים און אין סליחות, אין קינות און אין אַלטע סידורים און לייענט און שרייבט אָפּ. ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו קויפן פּאַפּיר אויף אָפּצושרייבן דאָס אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט. איז וואָס האָט ער געטאָן, ער האָט זיך אָנגעהויבן נאָטירן ערשטע סטאַנצעס און ענדע־בונגען. און ווייל ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין פּיוטים האָט ער זיך

דערווייטערט פון דער ישיבה. איז ער געגאַנגען און ער האָט זיך פאַרדונגען צו אַ מוכר־ספרים. האָט דער מוכר־ספרים געזען אַז ער קען זיך אויף אַ ספר. האָט ער אים אָנגעהויבן שיקן צו אלמנות וואָס זייערע מענער האָבן זיי איבערגעלאָזט ספרים און אויך צו אויפגעקלערטע גבירים וואָס האָבן באַזייטיקט ספרי־קודש פון זייערע שטובן. מיט דער צייט האָט ער אַליין אָנגעהויבן קויפן. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן רייזן אין ווייטע לענדער. ער איז דערפאָרן צו ערטער וווּ קיין אייראָפּעיִשער מענטש איז נאָך דאָרט נישט געווען. ביז צו סאַמע מידבריות איז ער דערגאַנגען און ער האָט פון דאָרט געבראַנגט ספרים און כּתב־ידן וואָס די בעסטע ביבליאָגראַפן האָבן פון זיי נישט געוווּסט. ער האָט אויך געפונען דיוואַנען פון אַנאָנימע מחברים, וואָס מיט זייער הייליקער עניוות האָבן זיי פאַרהוילן זייערע נעמען.

גמזו האָט זיך געדרייט אַ ציגאַרעטל און עס אָנידערגעלאָזט. ער האָט געווישט דאָס בלינדע אויג און געשמייכלט מיט דעם געזונטן אויג און האָט ווידער גענומען דאָס ציגאַרעטל וואָס ס׳איז נישט געווען אָנגעצונדן, צווישן די פינגער און ער האָט געזאָגט, ווען כ׳וועל אָוועקגיין פון דער וועלט וועט מען מיך פירן דאָרט אַהין וווּ מען פירט אַלע אַזעלכע מתים ווי איך. כ׳וועל אין מיין חרפּה דאָרט ליגן און זאָגן אַז גוט אַזוי, וואָרן מיט וואָס פאַרא רעכט וועל איך פאַרלאַנגען עפּעס בעסערס, די גרויסע מעשׂים־טובים וואָס כ׳האָב איבערגעלאָזט. ס׳וועלן דעמאָלט אָנקומען גאַנצע כּיתּות מיט מלאכי־חבלה וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פון די עבירות וואָס כ׳האָב געטאָן, און שטעלן זיך אַוועק פאַרן בית־דין של מעלה מקטרג זיין אויף מיר און מיך דערנענטערן צום גיהנום. ביז דער פּסק־דין וועט אַרויס וועל איך דערווייל חזרן פון אויסנווייניק די פּיוטים וואָס איך קען איידער כ׳וועל פאַרגעסן ווו איך האַלט און פון גרויס קוועלן הייב איך אויף מיין קול. דערהערן די הייליקע פּייטנים און זאָגן: וואָס עפּעס פלוצלינג ווי פון קבר־אַרויס, לאָמיר אַ קוק טאָן דאָרט. און זיי גייען אַראָפּ און דערזען אַזאַ באַשעפעניש ווי איך, קומען זיי און נעמען מיך מיט זייערע הייליקע הענט און זאָגן, דו ביסט דאָס דער מענטש וואָס דו האָסט אונדז אַרויסגענומען פון תּהום פון פאַרגעסנקייט. און זיי שמייכלען צו מיר מיט זייער ליבער גוטסקייט און זאָגן, גבריאל קום מיט אונדז. און זעצן מיך אַוועק נעבן זיך און איך זיץ מיט זיי. דאָס איז די טרייסט אין מיין פּיין.

גמזו זיצט און שמייכלט ווי איינער וואָס וויל זיך אָפּנאַרן אַז ס׳איז כלומרשט אַ שפּאַס. אָבער איך וואָס איך קען אים גוט גוט, ווייס אַז ער גלייבט אין דעם וואָס ער זאָגט אפשר מער ווי ער מיינט אַליין. איך קוק אָן זיין פּנים, אַ פּנים פון אַ ייִד פון מיטעלעלטער וואָס איז מגולגל געוואָרן אין דעם דור אַריין כדי צוצושטעלן כּתב־ידן און דרוקן פאַר פאָרשער און געלערנטע, אַז זיי זאָלן צושרייבן צו זיי באַמערקונגען און הגהות און ביבליאָגראַפיע און כדי עס זאָלן עס לייענען מענטשן ווי איך און זאָלן האָבן דאָס גרויסע גייס־טיקע פאַרגעניגן.

גמזו טראָגט זיינע יסורים און טרייסט זיך מיט דעם וואָס וועט אַ מאָל זיין. און דערווייל ליידט ער דעם צער פון וועגן זיין ווייב וואָס איז אומ־היילבאַר קראַנק. כ׳האָב אָנגעהויבן רעדן מיט אים וועגן די קראַנקנהייזער ווו דער קראַנקער געפינט אַ ביסל פון דעם וואָס ער דאַרף. כ׳זאָג אים, ס׳וואָלט גוט געווען אַריינצונעמען גמולהן אין אַ קראַנקנהויז. און וואָס שייך געלט, האָט איר דאָך די ערשטע צוועלף פונט איינצוזאָלן, און די רעשט וועט שוין אויך ווי ס׳איז זיין. פּאַכעט גמזו מיטן קאָפּל אויפן קאָפּ און זאָגט, דאָס איז דאָך די צוועלף פונט וואָס כ׳האָב געקריגן פאַר די כּתב־ידן וואָס כ׳האָב פאַר־קויפט יענעם צוזאַמען מיט די סגולות. פרעג איך גמזון צי ער איז אים חושד אַז ער האָט די סגולות פון אים אַרויסגענאַרט. זאָגט גמזו, איך האָב נישט ליב חושד צו זיין, נאָר אפשר צו ערשט האָט ער עס נישט באַמערקט און דערנאָך געטראַכט, אַז כ׳האָב זיי האָב איך זיי. אָדער אפשר האָט ער געמיינט אַז די סגולות גייען אַריין אין דער קניה. אָדער אפשר טראַכט ער טייל מאָל אַזוי און טייל מאָל אַזוי. מאָראַל איז עלאַסטיש און אַ מענטש וועט זיך נישט אָפּהאַלטן צו זיין אומאָרנטלעך אויב ער קאָן עס אויסטייטשן לויט ווי ער דאַרף, בפרט ביי ספרים. זאָג איך, איר מיינט אַז ער ווייס וואָס די סגולות זענען? זאָגט גמזו, פון וואַנען זאָל ער וויסן. ווען מיר זאָל אַזאַ עקזעמפּלאַר קומען אין דער האַנט אַריין און מען וואָלט מיר נישט געזאָגט וואָס עס איז, פון וואַנען וואָלט איך געוווּסט. חוץ דעם די אַלע געלערנטע זענען מאָדערנע מענטשן און אַפילו איר זאָלט זיי זאָגן וואָס די סגולות זענען וועלן זיי לאַכן פון אייך און אַז זיי וועלן עס קויפן וועלן זיי עס קויפן ווי אַ זאַך פון פאָלקלאָר. אוי דער פאָלקלאָר דער פאָלקלאָר. אַלץ וואָס איז נישט קיין ענין פון פאָרשונג ווערט עס פאַר זיי פאָלקלאָר. און פון אונדזער תורה

האָבן זיי דען נישט געמאַכט קיין ענין פון פאַרשן אָדער פון פאָלקלאָר. מענטשן לעבן אַ לעבן פון תורה און זענען זיך מוסר נפש פאַר דער טראַדיציע פון זייערע אָבות, קומען צו גיין די געלערנטע און מאַכן פון די תורה פאַרשונגען און פון דער טראַדיציע — פאָלקלאָר.

כ'הער זיך איין אין דעם וואָס גמזו זאָגט און טראַכטן טראַכט איך וועגן יענע געלערנטע וואָס קויפן אָפּ ביי מענטשן סגולות און ביי זיי איז עס נישט מער ווי סתם אַ זאַך, און דאָ זיצט פאַר מיר דער נעבעכדיקער צעבראָ־כענער מענטש וואָס גאָט האָט אים אַזוי געשלאָגן מיט יסורים. אויב מיר מעגן מישפּטן אַ מענטש לויט זיינע מעשׂים איז זיכער נישט וועגן די מעשׂים וואָס ער האָט געטאָן, אין דעם גילגול האָט מען אים געמישפּט. אָבער ווער קאָן זיך אַריינלאָזן אין אַזעלכע זאַכן. ס'איז גענוג פאַר אַ מענטש אַז גאָט לאָזט אים אָפּ אַ ביסל. כ'האָב אַ פּיר געגעבן מיט דער האַנט איבערן שטערן ווי איינער וואָס וויל פאַרטרייבן זיינע מחשבות און האָב זיך איינגעקוקט אין דעם מענטש וואָס זיצט דאָ נעבן מיר.

כ'האָב זיך איינגעקוקט און געזען אַז דער קאָפּ איז אים אָנגעבויגן אין אַ זייט און איין אויער איז אָנגעשפּיצט צו דער וואַנט און דאָס האָט ביי מיר עפּעס מאָדנע אויסגעזען. אַז ס'איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקל צייט און ער האָט דאָס אויער פון דער וואַנט נישט אַוועקגענומען זאָגט איך צו אים, ס'דוכט זיך מיר איר הערט זיך צו וואָס די וואַנט רעדט. קוקט ער מיך אָן און זאָגט גאָרנישט. און נעמט און שפּיצט ווידער אָן דאָס אויער. און אַזוי זיצט ער מיטן אויער אָנגעשפּיצט אין דער וואַנט און די אויגן גליִען אים, סיי דאָס לעבעדיקע סיי דאָס טויטע אויג, נאָר דאָס לעבעדיקע איז פול מיט שטוינונג און דאָס טויטע שפּרינגט אַרויף און אַראָפּ. האָב איך מיך משער געווען אַז ער הערט עפּעס וואָס דערצערנט אים און איך זאָג צו אים, איר הערט עפּעס? כאַפּט ער זיך אויף ווי פון שלאָף און זאָגט, כ'הער גאָרנישט. און איר הערט עפּעס? זאָג איך, איך הער גאָרנישט. גיט ער זיך אַ וויש אין אויער און זאָגט, אויב אַזוי איז עס סתם עפּעס אַ דוכטעניש. ער הייבט אָן זוכן אין די טאַשן און נעמט אַרויס דעם טאַבאַק און לייגט אים אַנידער, און נעמט אַרויס דאָס טיכל און לייגט עס אַנידער, דערנאָך גייט ער אַדורך מיט די פינגער צווישן דער נאָז און די באָרד, דערנאָך פירט ער מיט דער האַנט איבער דער באָרד, דערנאָך זאָגט ער, איר האָט נישט געזאָגט אַז איר הערט

עמעצן גײן. זאָג איך, װען האָב איך דאָס געזאָגט. זאָגט ער, װען איר האָט דאָס געזאָגט, נישט לאַנג צוריק האָט איר דאָס געזאָגט. זאָג איך, און איר האָט געזאָגט אַז מען הערט גאָרנישט. זאָגט ער, אַזױ האָב איך געזאָגט און איך בין װײטער גרײט אַזױ צו זאָגן, נאָר װען איר װאָלט איצט געזאָגט אַז איר הערט עפּעס װאָלט איך מער נישט געפּרוּװט אָפּלײקענען. זאָג איך, אויב אַזױ האָט איר עפּעס געהערט. זאָגט ער, כ'האָב נישט געהערט. זאָג איך, טאָ לאָמיר צוריקגײן צום ענין. װאָס האָבן מיר גערעדט? זאָגט גמזו, גלײבט מיר, כ'געדענק נישט. זאָג איך, דאָס װאָס איר זאָגט האָט בײ אײך אַזאַ װערט אַז איר פאַרגעסט עס באַלד. זאָגט ער, אַדרבא. זאָג איך, װאָס אַדרבא? זאָגט ער, ייִדישע שמועסן זענען װי ייִדישע תּפילות, װאָס אַז מען רײסט איבער קאָן מען נישט צוריקטרעפן צום טאָן. הערט װאָס ס'איז מיר אײנגעפאַלן. כ'װעל נעמען גמולהן קײן כּפר עטרוז. זאָג איך, װאָס עפּעס כּפר עטרוז? זאָגט ער, עטרוז דאָס איז עטרות גד, און עטרות גד איז אין חלק פון גד און גמולה איז פון שבט גד, װעט זי זיך דערמאָנען אין איר לאַנד און װעט געזונט װערן. כ'װעל קײן מאָל נישט פאַרגעסן איר פרײד װען גדי בן גאים איז געגאַנגען זי כאַפּן און װי איך בין געלאָפן און געכאַפּט זי. די גאַנצע װעלט װאָלט איך אַװעקגעגעבן אַז כ'זאָל נאָך קאָנען זען יענץ געלעכטער װאָס גמולה האָט דעמאָלט געלאַכט. איצט װיל איך אײך פרעגן, יענער דאָקטאָר, נישט דאָקטאָר גרײפנבאַך נאָר דאָקטאָר גינת, אַלץ װאָס איר פאַרצײלט מיר װעגן אים געפעלט מיר. אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, איזה חכם המכיר את מקומו, אַ חכם איז דער װאָס װײס זײן אָרט, װען נישט װאָס מען טאָר נישט מוסיף זײן אויף זײערע רײד װאָלט איך צוגעגעבן, ואין אחרים מכּירים את מקומו, און אַנדערע װײסן נישט זײן אָרט. פון דעסטװעגן װונדערט מיך שטאַרק װאָס איר װױנט מיט אים אין אײן הױז און איר קענט אים נישט. איז ער אַן עלטערער מענטש, איז ער אַ בחור? װאָס האַלט איר װעגן זײנע ספרים? איר האָט מיך געמאַכט נײגעריק װעגן אַ זאַך װעלכער כ'האָב מיך קײן מאָל נישט פאַרטראַכט. װאָס איז דאָס? זאָג איך, גיט נאָר אַ קוק אַזױ פיל געלערנטע האָבן מיר װאָס זיצן אויף פּאָסטנס און די צײטונגען רעדן װעגן זײ און זײער נאָמען איז באַרימט און מיר טראַכטן װײניק װעגן זײ, און דער תּלמיד־חכם, קײן פּאָסטן האָט ער נישט, קײן לױב־אַרטיקלען אים שרײבט קײנער נישט און מיר באַגערן אַזױ שטאַרק צו װיסן װעגן אים. און

אַפּילו איר, גמזו, האָט באַשלאָסן צו לייענען וועגן אים אין צווייטן אָדער אין דריטן גילגול און שוין אין דעם גילגול זענט איר אינטערעסירט מיט אים.

פלוצלינג האָט זיך גמזוס פּנים פאַרענדערט און עס האָט אָנגענומען אַלע קאָלירן. דערנאָך זענען אַלע קאָלירן פאַרשוווּנדן און געבליבן איז בלויז אַ בלאַסקייט וואָס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל פינצטערער, און דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן ווי חומר אָן אַ צורה, ער האָט אין גאַנצן אָנגעווירן די מראה, ווי איינער וואָס זעט דעם טויט פאַר די אויגן. איך קוק אים אָן און פון גרויס שרעק שטעלן זיך מיר די האָר אויפן קאָפּ, וואָרן זינט איך לעב האָב איך נאָך נישט געזען אַז אַ מענטשלעך פּנים זאָל זיך אַזוי פאַרענדערן. גמזו כאַפּט אָן מיין האַנט און זאָגט, וואָס איז דאָס? איך זיץ און שווייג. איך נעם אַרויס מיין האַנט פון זיינע און ער פילט נישט. פרעג איך אים, וואָס איז אייך? גיט ער זיך אַ כאַפּ און שמייכלט אומבאַהאָלפן, מאַכט מיט דער האַנט און זאָגט, די חושים מיינע שטעלן מיך אויס פאַר אַ נאַר. זאָג איך, וואָס ענטפערט איר מיר דערויף? זאָגט ער, כ׳ווייס נישט וואָס איר מיינט. זאָג איך, וועגן דעם קראַנקנהויז. גיט ער ווידער אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט, דער קאָפּ שטייט מיר נישט איצט צו דעם. זאָג איך, און ווען וועט איר זיך נעמען דערצו? זאָגט ער, אָבער נישט איצט. הייב איך אים אָן צו דער־קלערן ווי גוט דאָס וועט זיין אַז ער וועט גמולהן אַריינגעבן אין אַ הייל־אַנשטאַלט, און איך זאָג אים, עס וועט איר זיכער דאָרט גוט זיין און אויך איר גמזו וועט קאָנען אָפּעטעמען און אפשר וועט איר זיך לאָזן אין וועג אַריין און איר וועט מאַכן אַנטדעקונגען. היינטיקע צייטן איז ווי די ערד וואָלט געעפנט איר מויל און אַרויסגעגעבן פון זיך אַלץ וואָס די פריִערדיקע דורות האָבן באַהאַלטן. אָט האָט גינת אויפגעדעקט זאַכן וואָס זענען געווען פאַרדעקט טויזנטער יאָרן, דאָס לשון עידו און די עינמישע געזאַנגען. אָבער וואָס עפּעס גינת. איר אַליין האָט דען נישט אויפגעדעקט אַלטע אוצרות וואָס מיר האָבן קיין מאָל וועגן זיי נישט געוווּסט.

גמזו קוקט אויף מיר און די אויערן זיינע זענען ערגעץ אַנדערש, אָט הערט ער זיך איין ביי דער טיר און אָט ביים פענצטער, און אָט ווידער ביי דער וואַנט. צעבייזער איך מיך אויף אים און זאָג, איר זענט אַ גרויסער בעל מוח ר׳ גבריאל, לא די וואָס איר הערט זיך צו מיט איין מאָל צו דער טיר און צום פענצטער און צו דער וואַנט הערט איר אויך יעדעס וואָרט וואָס

איך רעד צו אייך. קוקט מיך גמזו אָן און פרעגט, וואָס האָט איר געזאָגט? זאָג איך, כ׳האָב גאָרנישט געזאָגט. זאָגט ער, ס׳האָט זיך מיר געדוכט אַז איך הער רעדן. זאָג איך בייז, אויב אַזוי זאָגט אויף וואָס פאַר אַ לשון זיי רעדן אויף עידו צי אויף עינם. זעט גמזו אַז איך בין בייז. ענטפערט גמזו מיט אַ געבראָכענעם טאָן, צי איר גלייבט מיר צי נישט, אין יענעם לשון רעדן זיי. — אין וועלכן לשון? — אין דעם לשון וואָס גמולה האָט גערעדט מיט איר פאָטער, דאָס לשון וואָס זיי האָבן זיך אויסגעטראַכט צוליב שפּיל. מיינע נערוון זענען אויף אַזוי ווייט אָפּגעשוואַכט אַז ס׳דאַכט זיך מיר אַז דאָס וואָס איך הער איז אין גאַנצן אוממעגלעך, און ס׳האָלט נישט ווייט דערפון כ׳זאָל זאָגן אַז עפּעס ווי כ׳וואָלט געהערט גמולהס קול.

זיץ איך און שווייג און רעד נישט קיין וואָרט, וואָרן וואָס קאָן איך זאָגן אַ מענטש וואָס די צרות האָבן אים דערדריקט און ער וויל זיך נעבעך טרייסטן מיט אַזעלכעס וואָס איז געווען אַמאָל. דאָס פּנים זיינס איז געווען ווייס ווי קאַלך, בלויז די אויערן האָבן געלעבט. ער איז געזעסן און איינ־געהערט זיך מיט די אויערן וואָס זענען געווען זיין איינציק איבערבליי־בעניש. צום סוף גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט, הוילע פאַנ־טאַזיעס. דערנאָך שמייכלט ער אין פאַרלעגנהייט און זאָגט, אַז די פאַנ־טאַזיע צעשפּילט זיך ביי אַ מענטש דוכט זיך אים אַז יעדער שאָטן איז עפּעס. ווי שפּעט איז? סאיז שוין צייט כ׳זאָל אַהיימגיין. כ׳האָב מורא טאָמער האָט זיך דערווייל דאָס בגד פאַר גמולהס בעט אויסגעטריקנט. אין ארץ־ישׂראל איז די לבנה וואַרעמער ווי די זון אין אַנדערע לענדער. ער איז שוין געשטאַנען און ער האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט. און זיצנדיק האָט ער געקוקט אין חלל אַריין און געזאָגט טרויעריק. ואלי דבר יגונב ותקח אזני שמץ מנהו, און צו מיר איז עפּעס דערגאַנגען און אויפגעכאַפּט עפּעס האָט מיין אויער. זאָג איך, איר זענט טרויעריק. שמייכלט ער, איך בין נישט טרויעריק, טרויעריק איז געווען איוב וואָס האָט געזאָגט דעם פּסוק. כ׳האָב אים אָנגעקוקט און געוואָלט עפּעס זאָגן. כ׳זוך אין די טאַשן ווי איינער וואָס קלערט אַריין און נישטערט דערנאָך אין זיינע זאַכן. כ׳נעם אַרויס אַ פּאָסטקאַרט וואָס כ׳האָב געקריגן פון די גרייפנבאַכס. כ׳קוק עס אָן און זע ווי עפּעס אַ צורה פון אַ לבנה וואָס ליגט אויף אַ דאַך איז אויס־געמאָלט אויף דער קאַרט. גמזו נעמט אַרויס פּאַפּירלעך און טאַבאַק און דרייט

זיך אַ ציגאַרעטל. ער פּאַרקלעפּט עס מיט שפּייעכץ, נעמט עס אין מויל אַריין און צינדט עס אָן. איר רייכערט נישט? פרעגט ער מיך און זאָגט, כ׳וועל אייך דרייען אַ ציגאַרעטל. זאָג איך, באַמיט אייך נישט גמזו. כ׳האָב אַרויסגענומען אַ פּעקל ציגאַרעטן און פאַררייכערט אַ ציגאַרעטל. מיר זענען געזעסן צוזאַמען און גערייכערט. די ציגאַרעטן האָבן זיך גערייכערט און אונדזער שמועס האָט זיך געענדיקט. כ׳האָב זיך איינגעקוקט אין רויך און גערעדט צו זיך אַליין אין געדאַנק, אויב גמזו וועט זיך אויפשטעלן און וועלן גיין וועל איך אים נישט זאָגן ניין, און אַז ער וועט גיין וועל איך אים נישט צוריקרופן. און אַז ער וועט האָבן געגאַנגען וועל איך מיר מאַכן דאָס געלעגער און גיין שלאָפן, און אם ירצה השם מאָרגן וועל איך שרייבן אַ בריוו צו גערהאַרדן מיט גערדאַן און כ׳וועל זיי שרייבן, אייער הויז איז אין אָרדענונג. און וועגן מיין דירה האָב איך נישט וואָס מורא צו האָבן. וואָרן נאָך דעם ווי גנבים האָבן זיך אַריינגעריסן צו מיר האָב איך געמאַכט נייע און שטאַרקע שלעסער. דערנאָך בין איך אַוועק מיט מיין געדאַנק צו מיין פרוי און קינדער וועלכע געפינען זיך אין דאָרף, און אַז זיי זענען אין דאָרף שלאָפן זיי אַוודאי איצט, ווייל אין דאָרף גייט מען פרי שלאָפן. אויך איך וואָלט שוין געשלאָפן ווען נישט גמזו. און וואָס שייך גמזון, איז עס נישט מאָדנע וואָס ער איז אַהערגעקומען. און וואָס וואָלט ער געטאָן אַז ער וואָלט מיך נישט געטראָפן. כ׳האָב אויסגעשטרעקט די האַנט און אַוועקגעדרייט דעם לאָמפּ. קומט די לבנה און שיינט אַריין אין צימער. די אויגן פאַלן מיר צו און דער קאָפּ נעמט זיך שאָקלען. כ׳שטרענג מיך אָן און וויל זען צי גמזו זעט אַז איך דרעמל. זע איך אַז ער פאַרביילט די פויסט און האַלט זי ביים מויל. שווייג איך און טראַכט, וואָס עפּעס האַלט ער זיך ביים מויל? אויב ער מיינט מיר צו ווייזן כ׳זאָל שווייגן, שווייג איך דאָך. פון די אַלע מחשבות ווערט דער קאָפּ מיר שווער און די אויגן קלעפּן זיך. מיין קאָפּ זינקט אַראָפּ אויף דער ברוסט און די אויגן פאַלן מיר צו.

ליגן מיינע אויגן און באַגערן אַ ביסל שלאָף. און די אויערן לאָזן זיי נישט שלאָפן, צוליב דעם אָפּקלאַנג פון באָרוועסע פיס וואָס דערטראָגט זיך פון דעם שטיינערנעם דיל אין צווייטן צימער. איך שפּיץ אויף אַן אויער און הער ווי עמעץ זינגט ידל ידל וה פה מה, ידל ידל וה פה מה. כ׳טראַכט, דער מלאך פון חלומות איז שוין ווידער דאָ. קומט די לבנה

און שיינט מיר אין די אויגן אַריין. זאָג איך צו איר, כ׳קען דיך דאָך, ביסטו נישט אויסגעמאָלט אויף דער פּאָסטקאַרט? זינגט דאָס קול ווידער, ידל ידל וה פּה מה. באַשטראַלט די לבנה דאָס קול און אין קול איז דאָס בילד פון אַ פרוי. טראַכט איך, איז דאָך אמת וואָס גרייפּנבאַך זאָגט אַז גינת האָט זיך באַשאַפן אַ מיידל. אָבער דער ווייטיק אין מיינע פינגער פון וואַנען דערנעמט זיך פלוצלינג? כ׳עפן די אויגן און זע ווי גמזו שטייט איבער מיר און דריקט מיר די האַנט. נעם איך אַרויס מיין האַנט פון זיינע און קוק אים אָן מיט ווונדער. גמזו זעצט זיך צוריק אַוועק. ער פאַרמאַכט זיין לעבעדיק אויג ביז עס פאַרזינקט אין שלאָף, אָבער זיין בלינד אויג הייבט אָן גלייען. פרעג איך זיך, פאַר וואָס האָט ער געדריקט מיין האַנט, ווייל ער האָט געוואָלט כ׳זאָל הערן דאָס זינגען, הייסט עס אַז מען האָט באמת דאָ געזונגען, ס׳איז נישט קיין חלום. און וואָס? אַ זינגען פון אַ פרוי וואָס זינגט און קלאַפּט מיטן פוס. כ׳האָב געלאַכט פון זיך אַליין פאַרן וועלן מיינען אַז דאָס איז אַ מיידל וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער פאַנטאַזיע. און כּדי אַרויסצוגעמען זיך פון יעדן ספק האָב איך באַשלאָסן צו פרעגן גמזון וואָס ער טראַכט וועגן דעם. גמזו האָט פאַרמאַכט דאָס בלינדע אויג מיטן זעענדיקן אויג און דאָס פּנים זיינס איז געווען צעשפּילט, ווי אַ בחור וואָס זיין ליבלינג רעדט מיט אים. ס׳איז מיר גע־ווען שווער אים איבערצורייסן. כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן.

דאָס קול האָט זיך ווידער געהערט אָבער נישט קיין זינגען, נאָר אַ רעדן. אויף וואָס פּאַראַ שפּראַך? אויף אַ שפּראַך וואָס איז נישט פון אונדזערע שפּראַכן. כ׳וויל פרעגן גמזון. איך עפן די אויגן און איך זע אַז די שטול איז ליידיק. כ׳קוק אַהין און כ׳קוק אַהער און איך זע נישט גמזון. נעם איך און גיי פון איין צימער אין צווייטן און איך זע אים נישט. זעץ איך זיך צוריק אַוועק. ס׳גייט אַדורך אַ זעקסטל פון אַ שעה און ער קומט נישט צוריק. הייב איך אָן קלערן אפשר האָט מיט אים עפּעס פּאַסירט. טראַכט איך, מען דאַרף זען וואָס מיט אים איז. איך הייב מיך אויף פון דער שטול און גיי אַרויס אין קאָרידאָר און גמזון זע איך נישט. כ׳טראַכט, כ׳וועל וואַרטן אינעווייניק. איידער כ׳גיי צוריק גיי איך אַריין אין צימער וואָס איז געבויט געוואָרן פאַר אַ סוכּה און וואָס איצט דינט עס ווי אַן אַריינ־

גאַנג צו גינתס צימער. קוק איך און זע ווי גמזו שטייט דאָרט אונטער דער טיר און איך וווּנדער מיך וואָס ער טוט דאָ. עס שטרעקט זיך אויס אַ האַנט און רירט אָן די טיר. און איידער איך באַשליס אַז דאָס וואָס איך זע איז אמת עפנט זיך די טיר אויף דער העלפט און עס רייסט זיך אַרויס ליכט פון צימער. גיי איך לויטן ליכט און קוק אַריין אין צימער.

דאָס ליכט פון דער לבנה באַלייכט דעם צימער און אין צימער שטייט אַ יונגע פרוי אָנגעטאָן אין ווייסן, די פיס באָרוועס, די האָר צעוואָרפן און מיט פאַרמאַכטע אויגן. און אַ יונגער מענטש זיצט ביים טיש נעבן פענצטער און פאַרשרייבט מיט טינט אויף פאַפיר אַלץ וואָס די פרוי רעדט. קיין איין וואָרט וואָס זי רעדט פאַרשטיי איך נישט, און איך צווייפל צי ס'איז פאַראַן איין מענטש אויף דער וועלט וואָס פאַרשטייט אַזאַ פאַרבאָרגענע שפּראַך. און די פרוי רעדט און די פעדער שרייבט. און איין זאַך איז זיכער אַז דער מענטש וואָס זיצט און שרייבט איז גינת. ווען איז ער צוריקגעקומען און ווען איז ער אַריינגעקומען אין צימער? ווען איך מיט גמזון זענען געזעסן אין גרייפנבאַכס צימער איז גינת אַריינגעקומען אין זיין צימער, און מ'דאַרף אָננעמען אַז די פרוי איז אַריין דורכן פענצטער, כ'האָב דאָך טאַקע געהערט ווי אַ פענצטער עפנט זיך און אַ גיין מיט באָרוועסע פיס. פון די פיל זאַכן וואָס כ'האָב געזען איינס נאָכן צווייטן האָב איך פאַרגעסן אין גמזון און האָב גאָרנישט באַמערקט אַז ער שטייט נעבן מיר. אָבער גמזו, אוי גמזו, האָט אָפּגעטאָן אַ מאָדנע זאַך. גמזו האָט פאַרגעסן דרך־ארץ און העפלעכקייט און איז אַריינגעשפּרונגען אין צימער און מיט די הענט אַרומגענומען די לענדן פון דער פרוי. אָט אָ דער אָפּגעהיטענער מענטש וואָס האָט אָוועקגעגעבן ס'לעבן פאַר זיין פרוי גייט אַריין אין אַ פרעמדנס צימער און נעמט אַרום אַ פרעמדע פרוי.

און דאָ האָבן זיך זאַכן גענומען פאַרדרייען, און איך וווּנדער זיך וואָס איך געדענק ווי אַזוי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען. אַ קליין שטיקל צייט האָט דאָס געדויערט און ווי לאַנג דאָס איז געווען. איך שטיי מיט גמזון פאַר גינתס צימער און די טיר פון צימער איז האַלב אָפן. איך קוק אַריין אין צימער וואָס לייכט פון דער לבנה, וואָס האָט זיך מצמצם געווען און אַריין אין צימער. און אַז זי איז אַריין אין צימער האָט זי זיך גענומען אויס־

שפּרייטן ביז דאָס גאַנצע צימער האָט געלויכטן און אַלץ וואָס געפינט זיך דערין. איך זע דאָרט אַ פרוי שטיין און אַ יונגער מענטש זיצט און שרייבט. גמזו שפּרינגט אַריין און מיט זײַנע אָרעמס נעמט ער אַרום די לענדן פון דער פרוי. דרייט די פרוי אויס איר קאָפּ און שרייט פון זײַנע אָרעמס אַרויס, חכם גדעון. און דאָס קול אירס איז דאָס קול פון אַ יונג מיידל וואָס איר ליבע איז פּלוצלינג רייף געוואָרן. ענטפערט דער יונגער מענטש און זאָגט, גמולה גיי מיט דײַן מאַן. זאָגט גמולה, נאָך די גאַנצע יאָרן וואָס כ׳האָב צו דיר געהאָפט זאָגסטו מיר, גמולה גיי. זאָגט ער, דאָס איז דײַן מאַן. זאָגט גמולה, און דו חכם גדעון, וואָס ביסטו מיר? זאָגט דער יונגער מענטש, איך בין גאָרנישט. לאַכט גמולה און זאָגט, דו ביסט גאָרנישט, דו ביסט אַ גוטער מענטש, דו ביסט אַ שיינער מענטש, נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט אַזאַ שיינער און גוטער ווי דו ביסט. אויב דו לאָזסט מיך דאָ זײַן וועל איך דיר זינגען דאָס ליד פון דעם שוואַנען־פויגל וואָס ער זינגט איין מאָל אין זײַן לעבן. זאָגט ער, זינג. זאָגט גמולה, איך וועל זינגען דאָס שוואַנען־ליד און מיר וועלן שטאַרבן. גבריאל, אַז איך מיט חכם גדעון וועלן שטאַרבן זאָלסטו אונדז אויסגראָבן צוויי קברים איינעם נעבן דעם אַנדערן. זאָגסט מיר צו דו וועסט אַזוי טאָן. האָט גמזו אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף איר מויל און זי אַנגענומען מיט זײַן גאַנצן כּוח. האָט זי געוואָלט זיך אַרויס־רייסן פון זײַנע אָרעמס. האָט ער זי פעסט געהאַלטן און געשריגן צו גינתן. איר ווייסט וואָס איר זענט, אַ פּושע־ישראל זענט איר, אַפילו פאַר דער זינד פון אַן אשת־איש האָט איר נישט קיין מורא. זאָגט גמולה, חכם גדעון, הער נישט וואָס ער רעדט, איך בין נישט קיין אשת־איש. פרעג אים צי זײַנע אויגן האָבן מײַן לייב געזען. זיפצט גמזו אַ שווערן און ביטערן זיפץ און זאָגט, מײַן ווײַב ביסטו, מײַן ווײַב, איך האָב דיך מקדש געווען כּדת משה וישׂראל. זאָגט גינת, גיי גמולה, גיי מיט דײַן מאַן. זאָגט גמולה, דו האָסט מיך פײַנט. זאָגט ער, גמולה איך האָב דיך נישט פײַנט, איך זאָג דיר נאָר וואָס דו זאָלסט טאָן. אין דעם מאָמענט איז זי געוואָרן מאַכטלאָז, און ווען נישט וואָס גמזו האַלט זי וואָלט זי אומגעפאַלן. און אַז גמזו האָט געהאַלטן זײַן ווײַב גמולה האָט ער זי שוין מער נישט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט זי גענומען אויף זײַנע הענט און מיט איר אַוועקגעגאַנגען. און איך מיט גינתן שטייען און קוקן.

ז

די לבנה גייט איר וועג און פאַרענדיקט איר גאַנג אין דרייסיק טעג. שוין דרייסיק טעג אַוועק זינט גמזו האָט צוריקגעבראַנגט זיין ווייב פון גינתן. די גאַנצע צייט האָב איך גמזון נישט געזען און נישט געזען גינתן. גמזון האָב איך נישט געזען, ווייל ער איז נישט געקומען צו מיר און איך גיי נישט צו אים. גינתן האָב איך נישט געזען ווייל באַלד נאָך דער מעשׂה איז ער אַוועק. איין מאָל האָב איך אים געטראָפן אין אַן אַראַביש קאַפּעהויז ווו ער איז געזעסן מיט עמרמען דעם זון פון דעם שומרונישן כהן־גדול. היות ווי די זאַך האָט נישט קיין המשך שטעל איך מיך דערויף נישט אָפּ. ווידער האָב איך אים געטראָפן אַ מאָל אין גבעת שאול ביי דעם חכם גוולן און דעם חכם גאַגין וועלכע אַרבעטן אויס פאַרמעטן. היות ווי די זאַך האָט נישט קיין המשך שטעל איך מיך דערויף נישט אָפּ.

מיין פרוי און קינדער זענען צוריקגעקומען און דאָס וואַסער האָט צוריק אָנגעהויבן צו פליסן אין די פעסער און די רערן און די קראַנען. איך זיץ אין שטוב און גיי ווייניק אַרויס און איך ווייס נישט וואָס עס איז מיט גמולהן און גמזון נאָך דעם ווי ער האָט זי צוריקגענומען. היות ווי די מידה פון רחמים איז גרעסער ווי די מידה פון פורעניות שטעל איך מיר פאָר אַז זי האָט שלום געמאַכט מיט אים, און ווייל זי האָט שלום געמאַכט מיט אים האָט זי צוריק אָנגעהויבן רעדן, און אפשר פאַרגינט זי זיך אַפילו אַ מאָל אַ זינג צו געבן און איר קול קלינגט ווידער ווי דער שוואַנען־פויגל. און נישט פאַראַן נאָך עפּעס וואָס זאָל זיין אַזוי טייער ביי גמזון ווי גמולהס קול ווען זי הייבט אָן זינגען. אויב אַזוי פאַר וואָס לייגט גמזו אַרויף זיין האַנט אויף איר מויל און לאָזט זי נישט זינגען, ווייל די געזאַנגען זענען פאַרבונדן איין געזאַנג מיטן צווייטן, דאָס געזאַנג פון די טייכן איז פאַרבונדן מיטן געזאַנג פון די הויכע בערג, און די הויכע בערג מיט די פייגל פון הימל, און צווישן די פייגל איז פאַראַן איין פויגל וואָס הייסט די שוואַן און ווען עס קומט דעם פויגלס צייט אַוועקצוגיין פון דער וועלט פאַרנעמט ער דעם קאָפּ צו די וואָלקנס און הייבט אָן זינגען, און אַז ער ענדיקט דאָס זינגען גייט ער אַוועק פון דער וועלט. און גמולהס אַלע געזאַנגען זענען פאַרבונדן אין איר לשון. און ווען זי וואָלט געזונגען דאָס געזאַנג פון דער שוואַן וואָלט זי אויס־

געהויכט די נשמה און געשטאָרבן. דעריבער צוימט גמזו איר מויל און היט אָפּ איר נשמה.

איז אַלזאָ זיץ איך בײַ זיך אין דער היים און טו מײַן אַרבעט ווײַניק צי אַ סך. אַז די זון פֿאַרגייט לייג איך מיר מײַן אַרבעט אַוועק. הנה אשר ראיתי אני טוב אשר יפה וגו׳ שיעמול תחת השמש. וואָרן כל זמן די זון איז דאָ אויף דער וועלט איז אַלץ גוט און אַלץ שיין. אויב עס בלײַבט מיר אַ ביסל כּוח נאָך דער אַרבעט גיי איך אַרויס שפּאַצירן, בלײַבט מיר נישט איבער קיין כּוח נאָך דער אַרבעט זיץ איך פֿאַר דער טיר אָדער שטיי בײַם פֿענצטער און קוק ווי דער טאָג גייט אַוועק און ס׳קומט די נאַכט און שטערן קומען אָן און זעצן זיך אויס אין הימל און די לבנה גייט אויף.

די לבנה מיט די שטערן זענען נאָך נישט אַרויס. און דער הימל לײַכט פֿון זיך אַליין און פֿון אַלע זײַנע טיפֿענישן, און אַ גרוי־בלוי ליכט ווי אַ רײַפֿע פֿלוים הענגט צווישן הימל און ערד און גרילן אַ סך אָן אַ שיעור פֿאַר־גרילן די גאַנצע וועלט און נישט ווײַט פֿון מײַן הויז רוישן די ביימער ווי אַ וואַלד אין שטורעם און ווי אַ צעשטורעמטער ים. איך וווּנדער מיך צי פּאַ־סירט נישט עפּעס אין דער וועלט.

איך שטיי און קוק און פֿאַרוואַרף דעם בליק ווײַט. עס געשען אַזוי פֿיל זאַכן אַז איך זע נישט וואָס ס׳געשעט איצט. איינע פֿון די זאַכן וואָס זענען געשען איז די מעשׂה פֿון גמזו מיט גמולהן. אַ מענטש קומט אַהיים און גע־פֿינט נישט ס׳ווײַב, דרייט זיך אַהין, דרייט זיך אַהער און לסוף געפֿינט ער זי אין אַן אָרט וווּהין ער איז צופֿעליק געקומען. אָבער אויף דעם וווּנדער איך מיך, מיט מײַנע אייגענע אויגן האָב איך געזען ווי גמזו האָט געכאַפּט זײַן ווײַב און פֿון דעסטוועגן דוכט זיך מיר אַז ס׳איז בלויז אַ מעשׂה, ווי די מעשׂה וואָס ער האָט אַליין מיר פֿאַרציילט, אַז איין מאָל האָבן זיי געמאַכט טענץ און גדי בן גאים איז געגאַנגען כאַפּן גמולהן און גמזו האָט זי אים אויסגעכאַפּט. נישטאָ די זאַך וואָס פּאַסירט וואָס זאָל נישט זײַן אָנגעצייכנט פֿריִער. ווי דער פֿויגל איידער ער פֿליט שפּרייט ער אויס די פֿליגל און ס׳ווערט אַ שאָטן, קוקט ער אויף דעם שאָטן און הייבט אָן פֿליִען.

די לבנה איז נאָך נישט אַרויס, אָבער זי גרייט זיך אַרויסצוקומען און מען מאַכט איר אַ מקום אין הימל. וואָלקנס וואָס זענען געווען אַ טייל פֿון

הימל צענעמן זיך און צעגייען זיך און די לבנה שווימט אַרויס. ווייל איז דעם וואָס איר ליכט דינט אים און עס שאַט אים נישט.

איך נעם ווידער טראַכטן וועגן די וואָס רייסן זיך צו דער לבנה. און פון דער לבנה צו זאַכן וואָס זענען געקנופּט און געבונדן מיט דער ערד. און פון דער ערד צו מענטשן. צו יענע וואָס די ערד ווייזט זיי אַ גוט פּנים און צו יענע וואָס דרייען זיך אַרום ווי שאָטנס אין דער נאַכט. איך מיין נישט דווקא יענץ פאַרפאַלק וואָס קאָן נישט געפינען קיין דירה און איך מיין אויך נישט יענע וואָס האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַז זיי קומען צוריק האָט דאָס לאַנד זיי נישט ליב, און איך מיין אויך נישט דווקא גרייפנבאַכן מיט דער פרוי וואָס זענען געפאָרן קיין אויסלאַנד זיך אַ ביסל אָפּרוען. איך מיין דאָ אַלע מענטשן וואָס געהערן צו דער מאַמע ערד.

גרייפנבאַך מיט דער פרוי קומען אַהיים. דאָס פאַרציילט מיר גראַציע דאָס דינסטמיידל וועלכע האָט געקריגן אַ געמאָלט קאַרטל פון דער פרוי גרייפנבאַך. און דאָס וויים איך אויך פון דעם קאַרטל וואָס זיי האָבן מיר געשיקט. און אַזוי ווי זיי האַלטן ביי קומען בין איך געגאַנגען אַ קוק געבן אויפן הויז.

דאָס הויז איז פאַרמאַכט. קיינער האָט זיך דערין נישט אַריינגעריסן. איך ווייס נישט צי גינת איז אין זיין צימער אָדער נישט. יעדנפאַלס דאָס פענצטער וואָס האָט זיך געעפנט פאַר גמולהן איז פאַרמאַכט. אַז די גרייפנ־באַכס וועלן אַהיימקומען וועלן זיי אַלץ טרעפן אין אָרדענונג.

אין דער פרי ווען כ'האָב אַריינגעקוקט אין דער צייטונג און געוואָלט זען צי ס'איז דאָ אַ מעלדונג וועגן זייער צוריקקומען האָב איך געזען דאָרט אַז ד״ר גילת איז געשטאָרבן. אַזוי ווי איך קען נישט קיין מענטש מיט אַזאַ נאָמען האָב איך מיך נישט אָפּגעשטעלט דערביי אָבער איך ווער אומ־רויִק און אַז אַ מענטש ווערט אומרויִק איז נישט קיין גוטער סימן. האָב איך אָנגעהויבן קלערן, אפשר איז דאָ אַ טעות און ס'איז אַ למד אַנשטאָט אַ נון. אַז אַ מענטש הייבט אָן אַריינקלערן אין אַ זאַך לאָזט עס אים מער נישט אָפּ. נעם איך נאָך אַ מאָל די צייטונג און זע אַ למד, אַ לעבעדיק למד אין דעם וואָרט, אָבער די אויגן וואָס זעען אַ למד זעען אַ נון ווי די למד וואָלט זיך איינגעדרייט און געוואָרן אַ נון. לאָזט מיך די זאַך נישט אָפּ און איך נעם און גיי אַרויס אין גאַס.

איך זע די מודעות אויף די ווענט אָבער ס׳איז נישטאָ קיין מודעה וועגן זיין טויט. גינת האָט נישט געהאַט קיין פּאָסטן און ער איז נישט געווען באַוווסט אין שטאָט, דעריבער איז נישט געווען ווער עס זאָל אַרויסהענגען אַ מודעה. אָבער פון ערגעץ אַנדערש בין איך געוווירער געוואָרן אַז ער איז געשטאָרבן און ווי אַזוי ער איז געשטאָרבן.

כ׳וועל אָנהייבן פון אָנהייב. כ׳דריי מיך אַרום אין גאַס און איך טראַכט, אויב גינת, טאָ וואָס שטייט גילת, און אויב גילת טאָ וואָס בין איך אומרויִק. טרעפט מיך דער אַלטער עמרמי ווי ער גייט אָנגעשפּאַרט אויף זיין אייניקל און ער זאָגט מיר, איר גייט צו דער לוויה? שאָקל איך מיטן קאָפּ און איך זאָג, איך גיי צו דער לוויה. זאָגט ער ווידער, איז עס נישט אויסטערליש. אַ פרוי וואָס איז געווען צוגעשמידט צום בעט געפינט איר טויט אויף אַ דאַך. קוק איך אויף אים אַ לאַנגע ווײַלע און איך ווייס נישט וואָס ער רעדט. זאָגט ער ווידער, פאַרהוילן זענען גאַטס וועגן, ווער קאָן דאָס פאַרשטיין. איינער שטעלט זיך איין דאָס לעבן כדי אָפּצוראַטעווען אַ מענטש פאַלט ער אַראָפּ און ווערט געהרגעט. און איצט גייען מיר נישט צו איין לוויה נאָר צו צוויי. צו דער לוויה פון גמזוס ווייב און צו דער לוויה פון ד״ר גינת.

זאָגט עדנה, עמרמיס אייניקל, די צייטונגען האָבן דאָס נישט געמאָלדן, נאָר מענטשן וואָס זענען דאָרט געווען פאַרציילן, אַז נעכטן ביי נאַכט גייט איינער אַרויס פון זיין צימער און זעט ווי אַ פרוי קריכט אויפן דאַך, גייט ער אַרויף און וויל זי ראַטעווען, און דער שפּיץ פאַלן זיי ביידע אַראָפּ און ווערן געהרגעט. און אַזוי גייען מיר איך און עמרמי און עדנה ביז מיר קומען צו צום שפּיטאָל ווו עס ליגן די קערפּערס פון גמולה און גינת.

די טיר פון שפּיטאָל איז פאַרמאַכט און נעבן דער טיר זיצט דער שומר וועלכער קוקט זיך איין אין די מענטשן וואָס גייען פאַרביי און ער זעט אין זיין דמיון ווי אַלע בעטן אים ער זאָל זיי אַריינלאָזן און ער לאָזט קיינעם נישט אַריין. אָבער דווקא האָט קיינער נישט געוואָלט אַריינגיין אין שפּיטאָל, נאָר אַלע גייען אַריין אין אָפענעם הויז ווו ס׳געפינט זיך דאָס מתים־שטיבל.

אין דער זייט אויפן הויף שטייט דאָרט די וועשעריי ווו מען וואַשט די זאַכן פון די קראַנקע. און כאָטש ס׳איז ענג געפינען זיך נאָך די מתים אַן

אָרט צוליב דער מיצווה פון הכנסת־אורחים. און דערנעבן אויף אַ צעבראָ־כענער באַנק זיצן דריי שומרי מתים און איינער שטייט נעבן זיי און דרייט זיך אַ ציגאַרעט. דערזעענדיק מיך מיט עמרמין קומט ער צו און פאַרציילט אונדז אַז ער איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביי דעם מת און געזאָגט תהלים. און איצט פרעגט ער, ווער וועט אים באַצאָלן פאַרן תהלים־זאָגן. ווייל ער האַלט מיך פאַר אַן אָרנטלעכן מענטש וויל ער מיך מזכה זיין מיט דער מיצווה אים צו באַצאָלן.

קומט אַן אַ משפחה פון אבלים און זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַנק קעגנאיבער. שטעלט זיך אויף איינע פון זיי און הייבט אָן גיין הין און צו־ריק און זינגט קלאָגלידער און שאָקלט צו מיט איר דאַרן גוף צום ריטעם פון איר געזאַנג. זי איז טרויעריק, זייער טרויעריק. און אַזוי איז אויך איר קול. קיין איין וואָרט האָב איך נישט פאַרשטאַנען, אָבער איר קול און איר גאַנג און איר פּנים האָבן צעבראָכן דאָס האַרץ. זי נעמט אַרויס פון בוזעם אַ בילד פון אַ בחור און קוקט עס אָן און נעמט ווידער זינגען לויבגעזאַנ־גען וועגן זיין שיינקייט וועגן זיין חן און וועגן די אַלע יאָרן וואָס ער האָט געקאָנט לעבן ווען עס קומט נישט דער מלאך המוות. אַלע אבלים ברעכן אויס אין אַ געוויין און ווער עס הערט זיי וויינען וויינט מיט זיי מיט. אַזוי האָט מסתמא גמולה אַמאָל באַוויינט איר פאָטער, און אַזוי האָט זי אים באַ־קלאָגט.

און ווי איך שטיי אַזוי זע איך ווי גמזו גייט אַרויס פון מתים־שטיבל. די פאַרלוירנקייט, אָט די אייביקע באַגלייטערין וואָס באַגלייט אים אַ גאַנץ לעבן טוט זיך פון אים אַ ביסל אָפּ און אויף איר אָרט קומען צוויי נייע באַ־גלייטער, שטוינונג און אומעט. כ׳גיי צו און שטעל זיך אַוועק נעבן אים. ער ווישט מיטן פינגער דאָס בלינדע אויג און נעמט אַרויס אַ טיכל און ווישט דעם פינגער און זאָגט שטיל, ער איז עס, ער איז עס דער ירושלימער תלמיד־חכם, יענער געלערנטער וואָס כ׳האָב אים פאַרקויפט די סגולות.

קומט צו גיין איינער פון די חברה־לייט און גיט אַ קוק אויף מיר, אויף גמזון, ווי אַ סוחר אויף צוויי קונים און ווייס נישט מיט וועמען זיך צו פאַר־נעמען פריִער. ביז ער באַשליסט ווער ס׳איז וויכטיקער בעט ער אַ ציגאַרעט. טאַפּט גמזו אין דער טאַש און נעמט אַרויס טאַבאַק מיט פּאַפּירלעך. דערווייל האָט מען אַרויסגענומען די מיטה מיט גינתן. שטרעקט גמזו אויס זיין פינגער

צום בלינדן אויג און זאָגט געלאַסן: אַט דעם גינת האָב איך פֿאַרקויפֿט די סגולות.

די מיטה רירט זיך פֿון אָרט און עס גייען נאָך נאָך איר אַ האַלבער מנין ייִדן. איך און נאָך אַ דריי־פֿיר מענטשן וואָס האָבן פּוגע געווען דעם מת און גייען אָפּצאָלן אים זיין חסד. קומט אָן אַן אָרעמאַן מיט אַ בלעכענער פּושקע און קלאַפּט און רופֿט צדקה תּציל ממות. אויסדרייענדיק בשעת מעשׂה דעם קאָפּ, טאָמער האָט מען שוין דערווייל אַרויסגענומען די אַנדערע מתים און ער וועט היזק האָבן נדבות.

צוריקצוועגס פֿון הר־הזיתים איז אַנטקעגנגעקאָנגען גמולהס לוויה. צוריקצוועגס פֿון גמולהס לוויה האָט מיך אָפּגעשטעלט אַן אויטאָמאָביל אין וועלכן עס זענען געזעסן די גרייפֿנבאַכס וועלכע זענען צוריקגעקומען פֿון אויסלאַנד. זעט מיך גרייפֿנבאַך און רופֿט צו מיר פֿון אויטאָמאָביל, ווי אַנגענעם צו טרעפֿן זיך, ווי אַנגענעם. וואָס הערט מען מיט אונדזער הויז? עס שטייט נאָך אויף אַן אָרט? ענטפֿער איך, ס׳שטייט אויף אַן אָרט. פֿרעגט די פֿרוי גרייפֿנבאַך, און ס׳האָט זיך קיינער נישט אַריינגעריסן? זאָג איך, ס׳האָט זיך קיינער נישט אַריינגעריסן. פֿרעגט זי ווידער, איר האָט באַקענט גינתן? זאָג איך, כ׳האָב באַקענט גינתן. זאָגן זיי ביידע, קומט און פֿאָרט מיט אונדז. זאָג איך, גוט, כ׳וועל פֿאָרן מיט אייך. קומט אָן אַ פּאָליציאַנט און שרייט אַז מיר האַלטן אָפּ די באַוועגונג. לאָזט דער שאָפֿער דעם אויטאָמאָביל אין באַוועגונג און זיי פֿאָרן אַוועק אָן מיר.

אין עטלעכע טעג אַרום גיי איך צו די גרייפֿנבאַכס אָפּגעבן זיי דעם שליסל. גראָד אין דעם זעלבן טאָג איז מען געקומען מאַכן די אויספֿאָרשונג אין ד״ר גינתס צימער, און אַלץ וואָס זיי האָבן געפֿונען איז געווען זיינע זאַכן און צוויי בלעכן אַש פֿון פֿאַרברענטע פּאַפּירן. זייער מעגלעך אַז דאָס איז געווען פֿון זיינע כּתבים. ווען האָט גינת פֿאַרברענט זיינע כּתבים? אין יענער נאַכט ווען גמזו האָט צוריקגענומען גמולהן אָדער אין דער נאַכט ווען ער איז געגאַנגען ראַטעווען גמולהן און ער איז מיט איר דערהרגעט געוואָרן?

וואָס האָט גינתן געבערענגט ער זאָל דאָס טאָן און אין איין מאָמענט פֿאַרניכטן דאָס אויף וואָס ער האָט געהאָרעוועט יאָרן לאַנג. ווי ס׳פּירט זיך אין אַזאַ פֿאַל פּטרט מען אָפּ אַזאַ פֿראַגע מיט אַ לייכטן ענטפֿער און

מען זאָגט, ער איז געווען דערדריקט, שווערע ספקות האָבן אים געבערענגט דערצו. אָבער וואָס האָט אים געבערענגט צו דער דערדריקטקייט און וואָס זענען געווען זיינע ספקות, אויף דעם ענטפערט מען געוויינטלעך נישט און די פראַגע בלייבט פראַגע. וואָרן ביי אַזעלכע זאַכן איז נישט שייך שׂכל און חכמה און פאַרשטיין, בפרט נאָך ביי אַזאַ מענטש ווי גינת און ביי די געביטן מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרנומען, און ביי אַזאַ זאַך פועלן נישט קיין פירושים און קאָמענטאַרן, וואָס זענען נישט מער ווי סברות און סתם רייד וועגן זאַכן אויף וועלכע ס׳איז נישטאָ קיין ענטפער און מעשׂים אויף וועלכע ס׳איז נישטאָ קיין טרייסט. און ווען מיר זאָלן אַפילו זאָגן אַז דאָס איז אַ גזר פון גורל, איז דערגרייען מיר שוין אַזוי אַרום צו דעם סוף פון אַלע סיבות, און צי ווערט די זאַך קלאָרער, און אַז מען דער־גייט די סיבה נעמט עס אַוועק דעם ווייטיק. און נאָך האָט מען געפונען אין גינתס צימער אַן אַנולירונגס־בריוו אין וועלכן גינת אַנולירט דאָס רעכט פון זיינע פאַרלעגער אַרויסצוגעבן זיינע ווערק, מער נישט איבערצודרוקן זיין ווערטערבוך (ס׳הייסט 993 ווערטער פון דער עידו־שפּראַך) און נישט די גראַמאַטיק (ס׳הייסט די גראַמאַטיק פון דעם לשון עידו), און נישט דאָס בוך מיט די עינמישע געזאַנגען.

ווי געוויינטלעך האָבן זיי די צוואָה נישט אויסגעפירט. פאַרקערט זיינע ווערק ווערן כסדר געדרוקט, וואָרן די וועלט האָט שוין אָנגעהויבן צו קע־נען זיינע ווערק און ספּעציעל די פּרעכטיקע עינמישע געזאַנגען. ווי לאַנג אַ חכם לעבט וויל מען זעט מען זיין חכמה וויל מען נישט זעט מען נישט זיין חכמה, אַז ער שטאַרבט לייכט זיין נשמה פון די ווערק וואָס ער לאָזט איבער און ווער ס׳איז נישט בלינד און קאָן זען דערזעט דאָס ליכט.

אינהאַלט

דב סדן — וועגן חיים גורט און זיין אַרום 7
אַ מעשה מיט אַ ציג 15
דער עסיקמאַכער 19
אַ משל מיט אַ נימשל 26
אַ ספר וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען 102
צוויי תלמידי חכמים וואָס זענען געווען ביי אונדז אין שטאָט 111
אַרבעט 172
די כאַפּערס 185
עידו און עינם 185

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען, אַנטאָלאָגיע פון ייִדיש־שאַפן אין ישׂראל

ישעיהו שפּיגל / פלאַמען פון דער ערד, ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן, לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי, ייִדיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייַזער, עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן, לידער

ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים, דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן, לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז, דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאַן, פּאָעמע, צייכענונגען יואב שועלי

רפאל מאַהלער / ספר סאַניק, היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט, דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שייַער, לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע, דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ... און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער, אָפּקלייַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
ייִדיש — משה יונגמאַן

משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרייַבן, עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער, לידער

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן, לידער

מלכה חפץ־טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט, לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט ; אין נייַעם לאַנד, ראָמאַנען

ישעיהו שפּיגל / די קרוין, דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס, לידער

דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור, לידער און פּאָעמעס

יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג, לידער

נח גריס / פון פינצטערניש צו ליכט, עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל

אליעזר קופערמאַן / פון וועלט צו וועלט, דערציילונגען

משה זלצמן / וזכיתי לריהאביליטציה, מייִדיש — גרשון לימור

מלכה חפץ־טוזמאַן / אונטער דייַן צייכן, לידער

רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות, וואַרשע 1933—1943

יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס, דרייַ בענד
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק

מאיר חריץ / לידער צו אייגענע, לידער און פּאָעמעס

אריה שמרי / רינגען אין שטאָם, לידער און פּאָעמעס, צייכענונגען — ב ע ן

יעקב י. מייַטלים / אין גאַנג פון דורות, עסייען

יהודה לייב טעלער / דורך ייִדישן געמיט, לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי

י. ח. בילעצקי / בײַם קוואַל פון קאָצק, פּאָעמע

שלמה שטאָקפיש — אין ראָד פון צאָרן

איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

ישעיהו שפּיגל / שטערן לײַכטן אין תהום, געזאַמלטע דערציילונגען — 1940־1944

צוויי בענד. שער־בלאַט, פּאָרטרעט פון מחבר און צייכענונגען — פון בען

חיים זעלצער / פון היימישן ברונעם, לידער און באַלאַדן. צייכענונגען פון מחבר

י. ח. בילעצקי / איציק מאַנגער, פּרקי מסה

אַברהם נאָווערשטערן / סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע

רשימה פון אַ. סוצקעווערס שאַפונגען אין ליד און אין פּראָזע

און פון אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַן שאַפן

לייב אָליצקי / פון דער היים און פון דער פרעמד, דערציילונגען

הירש אָשעראָוויטש / געזאַנג אין לאַבירינט, לידער און פּאָעמעס

רחל קאָרן / פאַרביטענע וואָר, לידער

פּאָרטרעט און צייכענונגען — סילוויאַ אָרי

משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא, לידער און פּאָעמעס

בער מאַרק / מגילת אוישוויץ, מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ

יעקב צבי שאַרגעל / פון אָנהייב אָן, עסייען

רחל אויערבאַך / בײַם לעצטן וועג, אין געטאָ וואַרשע און אויף דער אַרישער זײַט.

וועגן רחל אויערבאַך — פּראָפ. דב סדן און ד״ר יוסף קערמיש

דוד האָפּשטיין / לידער און פּאָעמעס. צוויי בענד. צונויפגעשטעלט פון פייגע

האָפּשטיין. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. פּאָרטרעטן געצייכנט פון ס. שור.

הלל האָפּשטיין און ה. אינגער

מלכה חפץ־טוזמאַן / הײַנט איז אייביק, לידער

אריה שמרי / אויף גריטעם פאַרמעט, לידער און פּאָעמעס

ישעיהו שפּיגל / צוויי דערציילונגען — שני סיפורים. תרגם : מרדכי אמיתי

ישעיהו שפּיגל / צווישן תָּוו און אַלף, געקליבענע לידער

יוסי גמזו / לענדער פון דאָרשט, לידער

עסיי און איבערזעצונג : פּראָפ. לאָרענס (לייב) גרעצקי.

צייכענונגען — דער מחבר.

יהודה קערש / דער וועג פון אַ פאַלק

שמואל יוסף עגנון / צווישן אַלט און נײַ, אויסגעוויילטע דערציילונגען.

יידיש : חיים גורט.